STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06969

INDYANISHE DERTSEYLUNGEN

Sh. Dayksel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. זייקסעל

אינדיאַנישע דערציילונגען

12 פאַראַטרופּערס געווען
„צוערשט זײַנען זיי"

דאָס איז דער נאָמען פון זייער אַ שטאַרקער נאָוועלע, וועלכע ש. דייקסעל האָט איצט פאַרענדיקט. אָנגעהויבן שרייבן האָט ער זי גלייך נאָכ'ן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דער הויפּט־צוועק פון דעם בוך איז, ניט נאָר אַרויסצוברענגען דעם שוידער פון דער גרעסטער שחיטה אין דער מענטשלעכער געשיכטע, נאָר אויך אָפּצואָוישן דעם טונקעלן פלעק, וועלכן אַ טייל פון די יקדיש־ענגלישע שרייבער האָבן, אין זייערע „בעסט־סעלערס" מלחמה־ראָמאַנען, אַרויפגעוואָרפן אויפן יקדישן סאָלדאַט.

ש. דייקסעל פירט אויך, אין אָט־דעם ראָמאַן, אַריין אין די היימען פון אַ גרויסער צאָל, סיי אָרעמע, אַזוי אויך רייכע אַמעריקאַנער, יידן און קריסטן, כמעט ווי אין אַלע שטאַטן פון אונדזער לאַנד.

ער באַקענט אויך מיט די עלטערן און מיט דער סביבה פון זיינע יונגע העלדן און ווען מען גיט זיי אַ רוף אין דער אַרמיי און מען שיקט זיי אַוועק אין „פאָרט־בעניגג", דזשאָרדזשיע, דורכצומאַכן די שווערע, אָפּט געפערלעכע, לערע אַלס פּאַראַטרופּערס פון דער 101טער „אַדלער" דיוויזיע — פאָרט אויך ש. דייקסעל מיט מיט זיי. צוזאַמען מיט זיי שווימט ער אויך אַריבער דעם אַטלאַנטיק, צוערשט קיין אירלאַנד, דערנאָך — ענגלאַנד.

און ווען 6 אַזייגער פאַרטאָג, דעם 6טן יוני, 1944, רייסט זיך די 4טע אינפאַנטעריע דיוויזיע, דורכן ענגלישן קאַנאַל, אַריין אין דער פראַנצויזישער פּראָווינץ נאָרמאַנדי — געפינט איר אויך ש. דייקסלען דאָרטן, צוזאַמען מיט זיינע פּאַראַטרופּערס, וועלכע זיינען נאָך מיט זעקס שעה פריער אַריבערגעפליגן דעם קאַנאַל און אַרונטערגעשפרונגען אויף די קעפּ פון שונא אין סאַמע צענטער פון זיינע באַפעסטיקטע פּאָזיציעס.

נאָך דער מלחמה ברענגט ש. דייקסעל אַהיים די לעבן־געבליבענע און געזעגנט זיך מיט די קברים פון די געפאַלענע.

צוועלף יאָר האָט ער געאַרבעט אויף אָט־דעם ראָמאַן און ער האָפט, אַז די שווערע אַרבעט איז ניט געווען אומזיסט; אַז זיינע פּריוואַט־לייענער וועלן מיט דאַנקבאַרקייט אויפנעמען דעם „פּאַראַטרופּער" בוך, ווי אַלע זיינע אַרבעטן ביז איצט.

ער האָפט אויך, אַז אָט־דער בוך זיינער וועט, מיט וויפל ס'איז ניט איז, שטאַרקן דעם קאַמף קעגן די צוקונפטיקע מענטשן־מערדערייען.

בפרט נאָך אין אונדזער אַטאָמישער עפּאָכע, וועלכע איז בכוח סיי גליקלעך צו מאַכן די מענטשהייט, אַזוי אויך זי, פאַלקאָמען, צו פאַרניכטן.

פעברואַר, 1959.



פאַרלאַג
ש. דייקסעל בוך-קאָמיטעט

INDIAN STORIES

By

SHEEN DAIXEL

Copyright by Sheen Daixel
New York, 1959

הילע געצייכנט פון קינסטלער משה קיש

PRINTED IN U.S.A.

209

געדרוקט אין „פראָמפּט פּרעס", 113 4טע עוועניו, ניו־יאָרק 3, נ. י.



אויפֿן צוויי יאָריקן „שפּאַן“ איבערן לאַנד



פון „מיין אינדיאַנער מוטער"



אַ פריינט אין סאָענקאַפי

דער שלאַנגען־טאַנץ

פריינט אין יאָסעמיטי



אַ פריינט אין אָראַיבי



אויבערשטע און אונטערשטע: האָפּי שמעטערלינג-פרילינג טענץ, מיטלסטע: ש. ד. דערציילט אַ מעשה

אינהאַלט

זייט

אַ טאָכטער פון די צען פאַרלוירענע שבטים 7

אויפן צפון־זוים פון גרענד־קעניאָן 68

צוגאַסט ביי די סיו אינדיאַנער 93

די ערשטע שוואַלבן 135

דער אינדיאַנער זון 162

דער שלאַנגען־טאַנץ 188

מיין אינדיאַנישע מוטער 206

מיין ערשטער אַריינפאָר אין לאַנד פון די האָפּיס — — — 221

אויפן וועג צו די ווייסע זאַמדן 231

מעשהלעך:

אין לאַנד פון צען טויזנט אָזערעס 245

די פאַרלוירענע פייל 260

דער קליינער קוואהו 270

ראָסן 277

יש. דייקסעלס הארציקע באַגריסונג און דאַנק צו די דריי בוך־קאָמיטעטן, ווי אויך די רשימה פון די נעמען פון די ספּאָנסערס 283

ווערק פון ש. דייקסעל

„וועגן אין נעבל", דערציילונגען, ערשטער באַנד, 1923.

„אַזיאַטישע דערציילונגען", צווייטער באַנד, 1924.

„זיין מאַיעסטעט", דערציילונגען, דריטער באַנד, 1925.

„דער צאָרן פון דער ערד", אַ דראַמע אין 4 אַקטן, 1929 (די דראַמע איז אַ לאַנגע צייט געשפּילט געוואָרן אין קיעווער מלוכה טעאַטער).

„10 איינאַקטערס", פערטער באַנד, 1935.

„מיינע לעבנס", דערציילונגען, פינפטער באַנד, 1940.

„באַרג אַרויף", דערציילונגען, זעקסטער באַנד, 1957.

„אינדיאַנישע דערציילונגען", זיבעטער באַנד, 1959.

ש. דיקסעל פאַרענדיקט איצט אַ ראָמאַן פון „פּאַראַטרופּער" לעבן אין צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה: „צוערשט זיינען זיי 12 פּאַרטרופּערס געווען".

אַ טאָכטער פון די צען פאַרלוירענע שבטים

מיין פרוי צירל — אַ מתנה

אַריינפיר

ס׳איז געווען אין אַ שבת פאַרנאַכט, סוף חודש יוני. איבער דער אַריזאָנער וויסטעניש — האָט זיך, לאַנגזאַם, גענומען זעצן די זון.

אַ גאַנצן טאָג האָט איבערן מידן, ווייס־בלויען הימל זיך, ווי פאַרזיכטיק, גערוקט אַ מוראדיק־צעגליטער, געלער קײלעך, וועלכער האָט מיט זיינע בריענדיקע פינגער־שטראַלן געהאַלטן אין איין ברענען די גרוי־ברוינע זאַמדן, די געל־רויטע גרופּעס שטיינער און בערג, אויף וועמענס אויבערפלאַכן און רוקנס — ווינטן און רעגנס, שנייען און פרעסט — האָבן, אין לויף פון טויזנטער דורות, אויסגעקאַרבט פאַרשיידנאַרטיקע פיגורן פון מענטשן, פייגל און חיות.

די פאַרשיידנאַרטיקע מינים ביימלעך און קוסטן זיינען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזענע צוויגן און יעדעס בלעטל האָט, ווי באַזונדער, געבעטן רחמים ביי דער ברענענדיקער זון. בלויז די צענדליקער מינים קאַקטוס־פלאַנצן האָבן, ווייזט אויס, זיך ווייניק וואָס געקימערט וועגן דער היץ און רואיק, ווי געדרימלט, גוט באַשיצטע — ווער מיט די, כמעט ווי, גומענע מאַנטלען אָדער מיט די דיקע, שיינענדיקע בלעטער, געדיכט־באַזעצטע מיט שאַרפע נאָדלען.

זייער הנאה פון דער זון האָבן בלויז געהאַט די קלאַפּער־שלאַנגען, די „גילאַ־מאָנסטערס״ און די צענדליקער מינים יאַשטשערקעס, וועלכע האָבן די הייסטע שעה׳ען פון טאָג פאַרבראַכט ליגנדיק באַוועגלאָז אויף די אָנגעגליטע שטיינער און זאַמדן. די באַנאַכטיקע אַרומלויפער: די קאַיאָטן, מדבר־הינטלעך, האָזן, ראַצן און ענלעכע באַשעפענישן האָבן שוין איצט,ביים זונען־אונטערגאַנג, גענומען, אומגעדולדיק, אַרויסרוקן די קעפּ פון זייערע נאָרעס און פאָרזיכטיק זיך אַרומקוקן.

די צענדליקער מינים פאַרשיידענע פייגל: צווישן זיי אַזעלכע רייכפאַרביקע, ווי די קאַרדינאַלן, מיט זייערע טשופּיקעס; די בלויע פייגל און די, בליץ־פלינקע, מיניאַטיורנע זשום־פייגעלעך, אויסגעפּוצטע אין זייערע: גרין, רויט, פיאָלעט און גאָלד באַצירטע קליידער — וועלכע האָבן זיך, אין די מיטאָג־שעה׳ען, אויך באַהאַלטן פון דער זון, זיינען איצט אַרויס פון די באַהעלטענישן און אָנגעפילט די לופט מיט זייער געזאַנג און באַוועגונגען.

וואָס נידעריקער די זון האָט זיך געזעצט, אַלץ שטראַליקער און רויטער

איז זי געוואָרן און פון אונטן האָבן איר גענומען, ווי אַנטקעגן שטראָמען, גאָלדענע טייכן, באַפּוצטע מיט טונקל־בלויע ברעגן.

איבער די אַריזאָנער אָנגעגליטע, אַספּאַלטענע וועגן האָבן, אין זייערע פּאַרשטויבטע אָטאָמאָבילן, זיך געיאָגט פאַרשפּעטיקטע טוריסטן און זיך באַמיט, וואָס־שנעלער, צו דערקלייבן צו אַ „טרעידינג־פּאָוסט", וואו זיי זאָלן קענען זיך אַרומוואַשן, אָפּעסן, איבערשלאָפן די נאַכט און, מעגלעך, אויך פאַרבלייבן איבערן זונטיקדיקן טאָג.

צווישן אַט־די אָפּרו־פּלעצער — האָט דעם בעסטן שם, אין גאַנץ אַריזאָנאַ, געהאַט נעט דאָגלאַס'עס „טרעידינג"־פּאָוסט". אַחוץ די עטלעכע פיינע, שיין איינגעאָרדנטע, שטיבלעך און פרישע פּראָדוקטן, האָט זיך די קראָם אויך געפונען אויפן ברעג פונעם קליינעם קאָלאָראַדאָ־טייך און מען האָט דאָרטן, צו יעדער צייט, געקענט געפינען אַ היבשע צאָל אינדיאַנער, פון די אַרומיקע „האָפּי" און „נעוועהאָ" שבטים, מיט וועמען די טוריסטן זיינען געווען זייער נייגעריק זיך צו טרעפן.

ערשטער קאַפּיטל

נעט, אָדער ווי אַלע, אין געגנט, האָבן אים גערופן: פּאַ דאָגלאַס — איז לאַנגזאַם אַרויסגעקומען פון זיין קראָם, אויסגעגלייכט זיין, כמעט ווי זיבן־פוסיקן, מעכטיקן קערפּער, אויפמערקזאַם באַטראַכט דעם וועג פון ביידע זייטן און, שמייכלענדיק, אָפּגעשטעלט די בליקן אויף צוויי עלטערע נעווע־האָס, וועלכע זיינען געזעסן אויף אַ דערבייאיקער באַנק און, זעט אויס, גע־שמאַק געשלאָפן.

ער איז שטיל צוגעגאַנגען צו זיי, אַ ריר געטאָן איינעם פאַרן אַקסל און אַ זאָג געטאָן:

— וועל... סאַ־סיקיז (מיינע פריינט), ניי־די־קי־זי און דו — קלע־האָ־באָ־ני — די זון גייט שוין אונטער... צייט פאַר מיר צו פאַרמאַכן די קראָם און פאַר אייך — צו פאָרן אַהיים...

ביידע אינדיאַנער האָבן, איינצייטיק, אויפגעעפנט די אויגן, צוערשט ווי אַ פאַרוואונדערטן קוק געטאָן אויף נעטן, דערנאָך זיך צעשמייכלט, זיך אי־בערגעקוקט און אַ צושטימיקן בויג געטאָן מיט די קעפּ.

דער ערשטער האָט אַ זאָג געטאָן: „אָ־אָ" (יאָ־יאָ), און דער צווייטער האָט צוגעגעבן: „לאָ־לאָ" (ריכטיק). דערנאָך האָבן זיך ביידע אויפגעהויבן, אויס־געגלייכט די גלידער און לאַנגזאַם זיך געלאָזט גיין צו זייערע פערד, וועלכע זיינען געשטאַנען אין שאָטן פון אַ בוים. זיי זיינען פלינק אַרויף אויף די פערד, וועלכע האָבן זיך גלייך אַליין געלאָזט לויפן מיט אַ לעבעדיקן טראָט.

דאַגלאַס האָט, שמייכלענדיק, זיי נאָכגעקוקט און אַ טראַכט געטאָן: „ווי גרויסע קינדער, אַזוי זיינען זיי, אָט־די אַלע אינדיאַנער“, און ער האָט זיי נאָכגעשריען:

— דערמאָנט אַלעמען ביי אייך, אַז מאָרגן איז זונטיק און די קראָם איז פאַרמאַכט.

ביידע אינדיאַנער האָבן אַ צושטימיקן שאָקל געטאָן מיט די קעפּ און פאַרגעזעצט זייער וועג.

דערנאָך האָט נעט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אַריינגעשריגן אין דער טיר פון דער קראָם:

— מאַ, איך פאַרמאַך שוין!

— האָסט עס שוין לאַנג באַדאַרפט טאָן! — האָט אים, פון אינווייניק, אָפּגעענטפערט די פרוי, — קיינער וועט שוין היינט ניט קומען מער... גיב אַ פרעג די טוריסטן, אפשר דאַרפן זיי נאָך עפּעס?

נעט האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן גרויסן, אָפּגעצאַמטן הויף, וואו נעבן דריי פון זיינע פינף באַנגאַלאָס זיינען, אַרום געדעקטע טישן, געזעסן דריי גרופּעס טוריסטן און געגעסן וועטשערע. ער האָט זיי, אַ ווײַלע, אויפמערקזאַם באַטראַכט און אָפּגעענטפערט דער פרוי:

— ניין: זיי האָבן שוין פריער אַלץ איינגעקויפט.

— טאָ פאַרמאַך און קום עסן! — איז געקומען דער פרויס ענטפער.

ער איז אַריין אין קראָם, פאַרשלאָסן די טיר, זי אונטערגעשפּאַרט מיט אַן אייזערנעם שטאַנג און זיך גענומען צום באַוואָרענען די צוויי פענצטער, וועלכע זיינען אַרויסגעקומען אויפן וועג צום „גרענד־קעניאָן“. ער האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרמאַכן דאָס צווייטע פענצטער, ווען ער האָט אויפן וועג באַמערקט אַ פיגור פון אַ מאַן. ער האָט זיך גענומען איינקוקן.

דער מאַן איז געגאַנגען לאַנגזאַם, טראָט נאָך טראָט, האַלטנדיק דעם קאָפּ געבויגן צו דער ערד. אויף די פּלייצעס האָט ער געטראָגן אַ היפּשן פּאַק און זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן.

נעט האָט אויף איין רגע אָפּגעקערט דעם קאָפּ, כדי צו בייטן די פּאָ־זיציע, אָבער ווען ער האָט זיך ווידער גענומען איינקוקן אין וועג, האָט ער שוין דעם מאַנס פיגור ניט געקענט מער געפינען.

— וואָוהין, צום טייוול, איז ער עס אַהינגעקומען? — האָט ער זיך גע׳חידוש׳ט און באַשלאָסן: — מן־הסתם, זיך צוגעזעצט, ביים וועג, אַביסל אָפּ־רוען.

— העי, „שאָש“ (אַ „בער“ אין דער שפּראַך פון די נאַוואַהאָ־אינדיאַנער), ריר זיך אַביסל שנעלער! — האָט די פרוי אים אונטערגעמונטערט, — דאָס עסן שטייט שוין אויפן טיש.

נעט איז, לאַכנדיק, אַריין אין קיך, אַרומגענומען די פרוי און זי אַ קוש געטאָן. און שטייענדיק אײנער נעבן צווייטן האָט זיך זייער שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן דער גאָר גרויסער אונטערשיד אין זייער געבוי: ער — בלאָנד, כמעט זיבן פוס די הויך, אַטלעטיש געבויט, מיט אַ שאַרפער נאָז און גוט־מוטיקע, גרויע אויגן. זי — קוים פיר פוס די הויך, אַ קיילעכדיקע, ווי אַ פּעסעלע, מיט אַ טונקעלנעם פּנים, אַ קליינטשיק, שיין פאָרמירט נעזל, אַ זאַפטיק־קליינעם מויל, מיט צוויי חן־גריבלעך אין די פּוקעס בעקלעך. אויגן האָט זי געהאַט גרויסע, איינדרוקספולע און זייער שוואַרצע.

דאָס איינציקע, פיזיש־געמיינשאַפטלעכע צווישן מאַן און פרוי — זיינען געווען זייערע ביידנס גרויע קעפּ.

ווי אַ קינד האָט זי אויסגעזען, שטיינדיק נעבן אים: ווי אַ צעבאַלעוועט קינד, געבן אַ גרויסן, שטרענגן טאַטן.

אָבער זייער גרויסער פיזישער אונטערשייד האָט געקענט אָפּנאַרן בלויז אַ זייטיקן, אַ פריש־געקומענעם מענטשן. אַלע אין געגנט, בפרט די אינדיאַנער, האָבן, אויסגעצייכנט, געוואוסט, אַז אָט־די קליינע מאַ־הילדאַ, ווי אַלע פלעגן זי רופן, באַלעבאַטעוועט ניט נאָר אין קיך, נאָר אויך אין קראָם און אַז אָן אירער אַן עצה טוט דער גרויסער פּאַ דאָגלאַס קיין זאַך ניט.

און אַלע, בפרט נאָך די אינדיאַנער, געדענקען זייער גוט די עטלעכע שלעכטע יאָרן פון טרוקעניש און קראַנקהייטן, ווען די „האָפּי" קאָרן־פעלדער און גערטנער זיינען געשטאַנען האַלב־פאַרברענטע פון דער זון און די סטאַדעס שאָף ביי די נעוועהאָס זיינען מאַסנווייז געפאַלן פון קראַנקהייטן און דורשט. אין יענע שרעקלעכע זומערן האָבן, אפילו, די „האָפּי"־שלאַנגען־טענץ ניט געקענט ברענגען קיין רעגנס און אויך די נעוועהאָ געטער האָבן, ווי ס'האָט אויסגעזען, זיך אויך אָפּגעקערט פון זייער שבט און אין די „האָגאַנס" (נעוועהאָ־הייזקעס) איז ניט געווען קיין ברויט און אַוודאי ניט קיין שטיקל ציררונג, קיין איינציקער טעפּיך צו ברענגען צו פּאַ דאָגלאַסן אין קראָם צו פאַרזעצן.

אָבער יענע צייטן זיינען פונקט אַזוי שווער געווען אויך פאַר די דאָגלאַסעס. אויך זייערע פּאָליצעס, אַמערסטנס, מיט די שפּייז־אַרטיקלען, זיינען געשטאַנען האַלב־ליידיקע און ווען דער פּאַ האָט, פון אָנפאַנג, פּאָרט פּרובירט עפּעס אָפּצוראַטעווען פאַר זיך, פלעגן דאַן, די אינדיאַנישע פרויען, שטילערהייט, זיך אַריינכאַפּן, דורך דעם הויף, צו דער מאַ אין קיך...

און דאָס לעצטע פלעגט שוין יענעם טאָג אַוועקגעגעבן ווערן, פלעגט צעטיילט ווערן צווישן אַלעמען גלייך אויף גלייך.

און איין מאָל, גאָר אין אַ ביטערן יאָר, האָט דער פּאַ געמוזט נאָך לייען ביי די צוויי זין פון סאַן־פראַנציסקאָ, אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר און, צוואַ־

מען מיט דער ניט גענוגנדיקער רעגירונגס־הילף, שטילן אַביסל די אָרעמיקע נויט.

און צוליבן כּבֿוד פֿון די אינדיאַנער וועגן, מוז געזאָגט ווערן, אַז זיי האָבן אים, אין די ווייטערדיקע, בעסערע יאָרן, אָפּגעצאָלט ניט נאָר מיט זייער ליבשאַפֿט, נאָר אויך מיט געלט און אַרבעט ביז אַ פּעני.

צוויי זין פֿאַרמאָגן די דאָגלאַסעס: צוויי יונגען, זייער ענלעכע צום פֿאָטער. ביידע זיינען אויסגעוואָקסן אין אַריזאָנער מדבר און זיינען געצוואונגען געווען זיך צו שיידן מיט זייער באַליבטן געבורטס־פּלאַץ בלויז אַדאַנק זייערע פֿרויען, וועלכע האָבן ניט געוואָלט לעבן אין קיין מדבר. און ביידע זין הערן ניט אויף צו רופֿן די עלטערן צו זיך, קיין סאַן־פֿראַנציסקאָ, האַלטן זיי אין איין איינרעדן, אַז פֿערציק יאָר „טרעדינג־פּאָוסט" איז איבער גענוג, אַז ס'איז שוין צייט צו פֿאַרגעסן וועגן די אינדיאַנער און אַ טראַכט טאָן אַביסל, אויב ניט, וועגן זיך אַליין, וועגן אַן אָפּרו, איז וועגן זיי, די קינדער, בפֿרט נאָך וועגן די אייניקלעך, וועלכע האַלטן זיך אין איין נאָכפֿרעגן אויף זייער זיידן און באָבען.

און יעדעס מאָל, נאָך אַזאַ מין טיפּ בריוו פֿון די קינדער, פֿלעגט צווישן מאַן און פֿרוי פֿאָרקומען דער פֿאָלגנדיקער געשפּרעך:

— נו, אַלטער, ווען, דענקסטו, פֿאָרן מיר? — פֿלעגט די מאַ אַ פֿרעג טאָן, האַלב ערנסט און האַלב אין שפּאַס.

— דאָס, טייערינקע, איז אינגאַנצן אָפּהענגיק פֿון דיר, — פֿלעגט דער פּאַ איר ענטפֿערן, מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיקייט און זיך פֿאַרציען מיטן רויך פֿון זיין סיגאַר.

— אַזוי?... אינגאַנצן אָפּהענגיק פֿון מיר?... — פֿלעגט זי זיך, ווי רייצן מיט אים, — האָסטו שוין, אינגאַנצן, פֿאַרגעסן ווי דו האָסט, נאָכן לעצטן באַזוך ביי די קינדער, זיך געהאַלטן אין איין באַקלאָגן, אַז אין סאַן־פֿראַנציסקאָ זיינען פֿאַראַן צופֿיל מענטשן... אַז מען האַלט זיך, אין די גאַסן, אין איין שטופּן איינער אויפֿן צווייטן?... צופֿיל אויטאָמאָבילן, צופֿיל טומל... צופֿיל ליכט ביינאַכט... אַלץ צופֿיל... אַז קיין שטערן זעט מען דאָרטן אינגאַנצן ניט, שוין אָפּגערעדט פֿון אַזעלכע וואונדערלעכע זונען־אויפֿגיין און פֿאַרגיין, ווי דאָ, ביי אונדז, אין אַריזאָנאַ.

אַ פֿריילעך פֿייערל צינדט זיך אָן אין פּאַס אויגן און ער איילט זיך מיטן ענטפֿער:

— נו און דו, טייערינקע מיינע, האָסט לעצטן יאָר, קומענדיק פֿון די קינדער, ניט אויפֿגעהערט גאָט צו דאַנקען, וואָס ביסט שוין, ענדלעך, אין דער היים... ניט געקענט, צו־זאַט, זיך איינקוקן אויף אַלץ אַרום... האָסט שוין פֿאַרגעסן, ווי דו האָסט זיך געקושט מיט דיינע פֿריינט, די אינדיאַנערקעס?

די מאַ פלעגט, נאָך אַזעלכע און ענלעכע ענטפערס זיינע, שוויגן אַ ווײַלע, שמייכלען צו זיך אַליין און באַמערקן גאָר שטיל:

— זיכער איז אַלץ דאָ בעסער, שענער און רואיקער... און די אינדיאַנער זיינען אַ באַזונדער מין טייערע, אויפריכטיקע מענטשן... אָבער דאָרטן — זיינען די קינדער און... די אייניקלעך זיינען אַזוי טייער...

צוקומענדיק צו אָט־דעם פּונקט, פלעגט דער פּאַ אַרויסנעמען דעם סיגאַר פון מויל, זיך, עטוואָס, צובייגן צו דער פרוי און שטיל, זייער ערנסט, נעמען רעדן:

— גלויב מיר, הילדאַ טייערע, אַז כ׳וואָלט זיך, אפשר, אַנטשלאָסן צו פאַרלאָזן אונדזער „טרעידינג־פּאָוסט״ ווען איך וואָלט נאָר געקענט געפינען מענטשן ענלעכע צו אונדז... מענטשן, וועלכע זאָלן ניט קוקן אויף די אינדיאַנער ווי אויף ווילדע, וועלכע זיי זיינען געקומען שערן, ווי שאָף, אַבי וואָס מער דאָלאַרן צו מאַכן... אמת, פערציק יאָר לעבן, פערציק יאָר שווערע אַרבעט האָבן מיר ביידע אַריינגעלייגט אין אונדזער קראָם, עס זיינען, אָבער, אין אונדזערע לעבנס אויך ענג אַריינגעמישט די לעבנס פון אונדזערע אינדיאַנער, פון אָט־די נאַטור־קינדער, וועלכע יעדער איינער האָט געראַנגלעוועט און געמאַרדעט צענדליקער יאָרן... קענסטו, הילדאַ, זיך פאָרשטעלן זייערע געפילן, ווען זיי וואָלטן, אין איין שיינעם פרימאָרגן, געקומען, צו זייער „טרעידינג־פּאָוסט״, צו זייערע אייגענע פּאַ און מאַ ווילסאָן, און ווען זיי גלויבן ניט וויניקער ווי אין זייערע גוטע געטער, און זיי וואָלטן דאָ, אויף אונדזער אָרט, געפונען ווילד־פרעמדע מענטשן, מעגלעך, שלעכטע, געלטגייציקע... וועלכע וואָלטן זיי געזאָגט, אַז מיר האָבן זיי פאַרלאָזן, זיי איבערגעגעבן אין פרעמדע הענט?... קענסטו, מאַ טייערע, זיך פאָרשטעלן, וואָס זיי, די הונדערטער אינדיאַנער, וואָלטן געטראַכט?... וואָלטן געפילט?... קענסטו, מאַ?!

ער האָט, אָנגעשטרענגט, געקוקט אויף איר מיט זיינע גרויסע, איצט אַזעלכע אומעטיק, גרויע אויגן און ווי געפאָדערט אַן ענטפער.

— ניין, טייערער! — פלעגט די מאַ ענטפערן, אָפט אויסווישנדיק אַ טרער, — ניין, איך קען עס זיך ניט פאָרשטעלן...

— נו, אויב אַזוי, — פלעגט ער שוין אויך אַ שמייכל טאָן, — וועלן מיר מוזן צוואַרטן... אפשר וועט זיך פאַרט עפּעס מאַכן...

און כדי צו שטילן זייער בענקשאַפט נאָך די קינדער און די אייניקלעך, פלעגט יעדער פון זיי, יעדן זומער, פאַרברענגען צוויי וואָכן אין סאַן־פראַנציסקאָ, זיך אָנזעטיקן מיט דער קינדערשער און דער אייניקלישער ליבע און דערנאָך זיך אײַלן צוריק אַהיים, אין דער אַריזאָנער וויסטעניש, צו זייער „טרעידינג־פּאָוסט״, צו די ביינאַכטיקע, שוואַרץ־סאַמעטענע הימלען, אָנ־

געזאַפּטע מיט גרויסע, גאָלדענע שטערן, צום וואונדערלעכן אויפגיין און פאַרגיין פון דער זון, צו זייערע פריינט — די אינדיאַנער.

צווייטער קאַפּיטל

געגעסן האָבן די דאַגלאַסעס אויף זייער הויכער טעראַסע, וועלכער איז געווען צוגעבויט צום הינטערשטן טייל פון זייער הויז. דערלאַנגענדיק צום טיש דאָס עסן, האָט די מאַ, יענעם שבת, דערמאָנט דעם מאַן:

— ווערסט מוזן מאָרגן צופאָרן קיין „מאַשענקאַפּי", אָדער טיובאַ־סיטי און אַ זוך טאָן אַ נייעם אַרויסהעלפער. נאַ־טאָס־טי־ווּאַ וועט מאַנטיק שוין ניט קומען מער אַרבעטן. ער וויל אַליין עפּענען אַ קרעמל ביי זיך אין דאָרף.

— כ'וויס וועגן דעם, — האָט נעט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — דעם אמת געזאָגט, אַרט עס מיך ניט זייער שטאַרק: ער איז זייער אַ פוילער... כ'וועל מאָרגן צופאָרן אַ זוך טאָן.

שוין טרינקענדיק די קאַווע, האָט זיך דאַגלאַס דערמאָנט:

— כ'האָב דאָ פריער, דורכן פענצטער, באַמערקט, אויפן וועג פון קעניאַן, אַ מאַן מיט אַ פּאַק אויף די פּלייצעס און אַ שטעקן אין האַנט. זעט אויס אַן „הייקער" (אַ פוס־גייער)... אָבער ער איז עפּעס, מיטאַמאָל, פאַרשוואונדן געוואָרן... זיך, מן־הסתם, צוגעזעצט אָפּרוען.

— פאַרוואָס האָסטו גלייך מיר ניט געזאָגט וועגן דעם? — האָט זיך הילדאַ גע'חדוש'ט, — אין אַזאַ הייסן טאָג האָט ער נאָך געקענט פאַלן פון היץ... — זי האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען באַטראַכטן דעם וועג און טאַקע גלייך אַ זאָג געטאָן: — גיב נאָר אַ קוק, נעט... אָט קומט ער טאַקע, דער מאַן דיינער... אָט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און ווישט דעם שווייס... קום וואָס ער שלעפּט די פיס... גיי אים אַנטקעגן, ער איז שוין באַלד נעבן דער קראַם.

דאַגלאַס האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך איינגעקוקט אַ ווײַלע אין דעם אָנקומענדיקן מאַן און צוגעגעבן:

— יאָ, דאָס איז דער זעלבער... זעט אויס צו זיין אַ יונגער בחור.

— טאָ גיי אים אַנטקעגן... אָט איז ער שוין ווידער שטיין געבליבן...

דאַגלאַס איז, ניט איילנדיק זיך, אַראָפּ פון דער טעראַסע און, אַרומגייענדיק דאָס הויז, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו די טוריסטן:

— אַ גאַסט קומט אָן! זעט אויס „אַ הייקער"...

ער איז אַרויס פון הויף און שטיין געבליבן פאַר דער טיר פון דער קראַם.

דערזעענדיק אים, האָט דער „הייקער" פאַרשנעלערט זיינע טריט און,

נאָך פון וויטנס, אים באַגריסט מיט אַ מידן, אָבער דערפרייטן: „האַלאָ!"

— האַלאָ! — האָט דער פּאַ געענטפערט און, מיט דער האַנט, אָנגעוויזן אויף דער באַנק, נעבן דער טיר פון קראָם: — זעץ זיך צו. רו זיך אָפּ אַביסל.

— אַ דאַנק! — האָט דער יונגערמאַן אים געענטפערט, אַראָפּגעוואָרפן דעם פּאַק פון די פּלייצעס, צוגעשפּאַרט דעם שטעקן צו דער וואַנט און זיך אַוועקגעזעצט.

און בעת דער בחור האָט, מיט צוויי נאַז־טיכלעך, זיך געהאַלטן אין ווישן דעם שווייס פון האַלדז און פּנים, האָט דאָגלאַס אַ טראַכט געטאָן: „אַ פיינער, שלאַנקער בחור... זייער אַ ענלעכער צו מיין עלטערן זון, צו דזשעקן... אפילו, די נאָז זיינע איז פּונקט אַזאַ גלייכע, און דאָס מויל עטוואָס אַ ברייט־לעכעס... אויך די האָר פּונקט אַזעלכע שוואַרצע... דער אונטערשייד זיינען בלויז די אויגן. דזשעק האָט דער מאַס אויגן: שוואַרצע ווי קויל, און זיינע זיינען בלויע... יאָ, אַ שיינער יונג..."

— קומסט פון קעניאָן? — האָט דער פּאַ אַ פרעג געטאָן.

— ריכטיק! — האָט דער בחור באַשטעטיקט, — כ'בין אַרויס אויפן וועג, ווען ס'איז נאָך פינצטער געווען. געדענקט זיך, נאָך היינט, צו דערקלייבן קיין פּלעגסטעף, אָבער קיינער פון די פאַרבייפאָרער האָט מיך ניט געוואָלט אַריינגעמען אין זייערע מאַשינען... דער טיזול ווייסט, וואָס עס איז היינט מיט זיי אַלעמען געשען!... און די היץ איז געווען אַ שרעקלעכע...

— יאָ, — האָט דאָגלאַס צוגעשטימט, — געווען היינט זייער אַ הייסער טאָג... און פון וואַנען ביסטו געקומען צום קעניאָן? — האָט ער געוואָלט וויסן.

— פון ניו־יאָרק.

— פון ניו־יאָרק?! — האָט זיך דער פּאַ גע'חדוש'ט, — דו שפּאַנסט אַזש פון ניו־יאָרק?

— יאָ! — האָט דער בחור, וואויל־יונגעריש, צוגעגעבן, — זיך בלויז, אויף צוויי וואָכן פאַרהאַלטן, ביי אַ שוועסטער, אין שיקאַגאָ.

— פון ניו־יאָרק?! — האָט זיך דער פּאַ געוואונדערט, — כ'האָב גע־הערט, אַז אייער ניו־יאָרק איז גאָר אַ פיין שטעטעלע!

— וואָס טוט זיך דאָ אַזעלכעס?! — האָט זיך, מיטאַמאָל, דערטראָגן מאַ הילדאַס קול, — און זי אַליין איז דערשינען פון הויף, — וואָס איז מיט דיר, נעט?!... דער בחור איז, ווי איך זע, האַלב טויט פון מידקייט און דו מאַ־טערסט אים מיט פאַרשיידענע פראַגעס... זע, ווי נאָס דאָס העמד איז אויף אים!

דער יונגערמאַן, וועלכער האָט ביי די ערשטע, בייזע נאָטקעס פון היל־

דאָס קול, געהאַט זיך אַן אומרואיקן הויב געטאָן פון דער באַנק, האָט זיך איצט צעשמייכלט און אַליין אַ טאָפּ געטאָן זיין דורכגעווייקט העמדל:

— אַ דאַנק, מאַ... כ׳בין טאַקע אינגאַנצן נאַס... אַ שווערן טאָג היינט געהאַט... כ׳בין מיד און דערצו אויך שטאַרק הונגעריק.

— זאָג מיר נאָר, פון וואַנען ווייסטו עס, אַז מען רופט מיך מאַ? — האָט זי אַ פרעג געטאָן, באַהאַלטנדיק איר שמייכל.

— ווייל דאָס וואָרט „מאַ“, מוטער, איז שטענדיק ענג פאַרבונדן מיט ליבשאַפט און מיט זאָרג פאַר אַ צווייטן, — האָט ער איר ערנסט געענטפערט.

— נו, בחור, וויניקער גערעדט, — האָט זי אַ באַפעל געטאָן, — פאַר־נעם דיין פּאַק מיטן שטעקן און גיי מיר נאָך! און זאָג מיר, בלויז, ווי אַזוי איז דיין נאָמען?

— דייוויד רופט מען מיך! — האָט ער געענטפערט, נאָכגייענדיק איר, — דייוויד שטערן.

— גוט, דייוויד, — האָט זי אַ צופרידענעם שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — אָט איז קאַלטע וואַסער, זייף און אַ האַנטוך. וואַש זיך גוט אַרום און קום אַרויף אויף דער טעראַסע. וועסט זיך שוין מוזן באַגיין היינט בלויז מיט אַ פּאָר טעלער זופּ: ווען דו וואָלסט שכל געהאַט און געווען געקומען מיט אַ האַלבע שעה פריער, וואָלסטו נאָך געווען פאַרכאַפּט אַ פּאָר שטיקלעך פלייש...

מיט פופצן מינוט שפּעטער איז שוין דייוויד, אַן אָפּגעוואַשענער, אַן אויסגעפּוצטער אין אַ טרוקענעם העמדל, מיט אַ שטראַליקן פּנים געזעסן ביים טיש, אויפן באַלקאָן און געשלונגען דעם געשמאַקן סופּ מיט ברויט.

אַ צאָל פון די טוריסטן האָבן אין אים גלייך דערקענט דעם שלאַנקן, שוואַרץ־חנ׳עוודיקן בחור, וועלכן זיי האָבן מיט אַ פּאָר שעה צוריק ניט גע־וואָלט אַריינעמען צו זיך אין די אויטאָמאָבילן, ווייל דער אייגנטימער פון דער לעצטער גאַזאָלין־סטאַנציע האָט זיי געוואָרנט עס ניט צו טאָן, צוליב אַן „האָלד־אַפּ“, וועלכער האָט, מיט אַ טאָג פריער, פּאַסירט אין יענער געגנט.

ווען דייוויד איז פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן, האָט שוין הילדאַ אַליין אים גענומען אויספרעגן:

— און איצט זאָג מיר, זון, אויב דו פילסט נאָר ווי צו רעדן, פון וואַנען קומסטו און צו וואָס פאַר־אַ ניט גוטן שפּאַנסטו עס אַרום, מיט אַזאַ שווערן פּאַק, איבער די וועגן?

דייווידס גרויסע, בלויע אויגן האָבן אַ ווײַלע פאַרטראַכט זיך איינגעקוקט אין די פּנימער פון די דאָגלאָסעס, דערנאָך האָט ער מיט אַ שוואַכן שמייכל, שטיל געענטפערט:

— איר ווייסט?... עפּעס האָב איך איצט אַזאַ מאָדנע געפיל... נאָך אַלעמען, קען איך אייך נאָך אפילו קיין צוויי שעה ניט... דאָך, דאַכט זיך

מיר, אַז מיר זיינען אַלטע, גוטע פריינט... עפּעס ווי אייגענע, — האָט זיך דייוויד אַליין ווי געחידושט.

— עס טוט מיר שטאַרק הנאה, וואָס מיר האָבן דערוועקט אין דיר אַזעלכע פריינטלעכע געפילן, — האָט די מאַ, שמייכלענדיק, געענטפערט.

— דו זעסט מיר אַליין אויך אויס צו זיין אַ פיינער בחור, — האָט דער פּאַ צוגעגעבן.

— און נאָך אַ זאַך וויל איך איר זאָלט גלייך וויסן, — האָט דייוויד באַמערקט, ניט אַראָפּנעמענדיק זיינע פאָרשנדיקע בליקן פון די באַלעבאַטים, — און דאָס איז, אַז איך בין אַ ייד.

דער גוטמוטיקער שמייכל אויף דער מאַס פּנים האָט זיך ניט געענדערט און דער פּאַ האָט זיך צעלאַכט, אויפן קול, און אַ פרעג געטאָן:

— און אַז דו ביסט אַ ייד — איז וואָס ? מיר האָבן, אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, אַ היפּשע צאָל אינטימע יידישע פריינט... איך האָף, אַז דו האָסט גאָרניט קעגן דעם פאַקט, וואָס איך בין אַן אירישער און זי, מיין הילדאַ, האָט געהאַט אַ איטאַליענישן זיידן ?

— אויב אַזוי, — האָט דייוויד, מיט אַ צופרידענעם שמייכל, געענטפערט, — בין איך פאַרטיק אייך צו געבן אַן אָפנהאַרציקן באַריכט, ווער איך בין און פון וואַנען איך קום. מיין נאָמען איז דייוויד שטערן. געבוירן און אָפּגעלעבט מיינע דריי־און־צוואַנציק יאָר אין דער ריזיקער שטאָט ניו־יאָרק. קיינמאָל ניט אַרויסגעפאָרן פון דאָרטן, אָבער אָפט געטרוימט וועגן אַ שפּאַציר איבער אונדזער, וואונדער־שיינעם לאַנד — אַמעריקע. זיך אַלץ ניט געקענט אַרויסרייסן, ביז... — ער האָט, הילפלאָז, צענומען בײדע הענט און אַ טרויעריקער שאָטן האָט פאַרצויגן זיין פּנים, — ביז... צוערשט איז דער פאָטער געשטאָרבן... נאָך אפילו קיין פולע זעכציק יאָר ניט אַלט געווען, דערנאָך... — ער האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן, — איז אַ פערזענלעכער אומגליק געשען... — ער האָט געפּרואווט אַ שמייכל צו טאָן, — איר ווייסט דאָך, אין לעבן געשען פאַרשיידענע זאַכן...

— אַ שאָד, דייוויד, — האָט די מוטער, אַ מיטפילנדיקן זיפץ געטאָן, — שטאַרבן צו זעכציק יאָר איז, היינטיקע צייטן, צו־פרי !

— ריכטיק, — האָט דער פּאַ צוגעגעבן, — צו־יונג !... דו האָסט אונדזערע טיפסטע מיטגעפילן, — און, נאָכטראַכטנדיק אַ ווײַלע, האָט ער פאַרגעזעצט : — איך ווייס ניט אין וואָס דיין צווייטער אומגליק איז באַשטאַנען, אָבער זיינע פאָלגן, כ׳מיין, דאָס אַרויסלאָזן זיך איבערן לאַנד, איז, זיכער, געווען זייער אַ קלוגע זאַך, — און ער האָט צוגעגעבן, שוין מיט אַ שעלמישן שמייכל, — אין איין זאַך בין איך אָבער זיכער, אַז קיין ליבע־טראַגעדיע, האָסטו, דייוויד, ניט דורכגעמאַכט, ווייל איך קען זיך ניט פאָרשטעלן קום שום

מיידל, וועלכע וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון אַזאַ שיינעם בחור ווי דו ביסט...

דייוויד האָט אַן אומבאַשטימטן בויג געטאָן מיטן קאָפּ און אַ פּיינלעכער שמייכל האָט באַרירט זיינע ליפּן.

— לאָז אים צורו! — האָט די מאַ שטיל באַמערקט צום מאַן.

דייוויד האָט געשוויגן.

— אויב נאָר אַזאַ אוממעגלעכע, לויט מיין מיינונג, זאַך האָט יאָ אַמאָל געקענט פּאַסירן, — האָט דער פּאַ ניט אָפּגעלאָזן, — טאָ פאָלג מיך, דייוויד, און לאַך זיך אויס פון דעם, ווי איך האָב עס אַמאָל געטאָן. קיינער ווייסט ניט וואו זיין אייגענער גליק ליגט באַהאַלטן און וואַרט אויף אים. מען דאַרף בלויז האָבן שכל און ניט אויפגעבן די האָפענונג און דאָס זוכעניש... מיך אַליין — האָבן אויך, אַמאָל, צוויי מיידלעך אָפּגענאַרט. צוויי זומערן מיר אַוועקגעפּאַטערט. האָב איך, אַזאַ לאַנגער, זיבן־פוסיקער נאַר, געמיינט, אַז די די זון וועט שוין מער ניט אויפגיין אויף דער וועלט. און גלייב מיר, דייוויד, ווען איך ווייס נאָר וואו מיינע צוויי אַלטע ליבעס געפינען זיך, וואָלט איך פאַר יעדן טאָג גליק, פאַר די גאַנצע זעקס־און־פערציק יאָר, — ער האָט אָנגעוויזן, מיטן קאָפּ, אויף דער פרוי, — וואָס זי, מיין טייערע הילדאַ, האָט מיר געגעבן, וואָלט איך זיי ביידן, יעדן חודש צוגעשיקט דאַנקבאַר־בריוולעך און אויך אָפּטע מתנות, פאַר זייער צעברעכן מיין אָרעם האַרץ... — ער האָט זיך צעלאַכט: — פאַרשטאַנען?!

דייוויד האָט אַ צושטימיקן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געשוויגן.

— גענוג, נעט! — האָט די מאַ אים, נאָכאַמאָל, אָפּגעשטעלט.

דערנאָך האָט מען געטרונקען טיי, צוגעביסן מיט, היימיש־געבאַקענע, קיכעלעך און, צווישן אַנדערן, האָט די מאַ אים, צופעליק, אַ פרעג געטאָן:

— זאָג, דייוויד, וואָס איז געווען דיין באַשעפטיקונג אין ניו־יאָרק?

און דייוויד האָט, שמייכלענדיק, געענטפערט:

— זיך לערנען בין איך אַלע מיינע יאָרן געווען אַ פוילער. דאָך, ענ־דיקנדיק די מיטל־שול, האָב איך דריי יאָר צייט באַזוכט אונדזער שטאָט־קאָ־לעדזש: אויפגענומען אַלגעמיינע געגנשטאַנדן. דער פאָטער האָט מיר, מיטן ברודער, בייטענען, איבערגעלאָזט אַ גאַנץ פיינע קראָם... אַ מין דעפּאַרט־מענט קראָם. בין איך מיטן ברודער געווען דאָרטן די הויפּט־פאַרקויפער.

דער מאַס מיטן פּאַס פּנימער זיינען, איינצייטיק, געוואָרן ערנסט, זייערע בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן און איינער און דער זעלבער געדאַנק האָט זיך דורכגעטראָגן אין זייערע מוחות: „אפשר וואָלט מעגלעך געווען אים דאָ, ביי אונדז, צו פאַרהאַלטן?“ אָבער ביידע האָבן אויך געפּרואווט, ווי אָפּ־צוטרייבן פון זיך דעם געדאַנק: „עס וועט זיין אומזיסט, אוממעגלעך! ער וועט ניט וועלן בלייבן! וועט ניט פאַרבייטן דעם מדבר אויף זיין ניו־יאָרק...“

דייוויד האט זיך נאכגעפרעגט אויף די אינדיאנער און דער פא האט אים דערציילט פארשיידענע פאסירונגען פונעם אינדיאנער לעבן. מיטאמאל, אינדערמיט פון אט אזא דערציילונג, האט ער זיך א הויב־געטאן פון ארט און, מיט דער האנט, אנגעוויזן אויפן הימל:

— גיב נאר א קוק, דייוויד, אויף אט־דעם זונען־אונטערגאנג. וועסטו פארשטיין אביסל די קראפט פון אריזאנא, וועלכע האלט אונדז שוין דא, ביידן, אריבער פערציק יאר.

דייוויד האט אויפגעהויבן דעם קאפ און, א פארגאפטער, זיך גענומען איינקוקן:

דער טייל הימל, דירעקט איבער זייערע קעפ, האט אויסגעזען ווי אין ריזיק, צעאקערט, רויט־פלאמיק פעלד און די אויפגעהויבענע פלאכטעס ערד זיינען געווען פון א ברוין־פיאלעטענער פארב, געמישט מיט גאלדענע פלעקן. דער צווייטער טייל הימל, ביזן סאמע האריזאנט, איז געווען, אין דער ברייט, פארצויגן ווי מיט צוויי פארביקע טייכן: דער ערשטער פון בלוי־גרין, דער צווייטער פון גאלד, אין וועלכן די בלוטיק־רויטע זון האט זיך לאנגזאם געהאלטן אין זעצן.

— איז עס ניט וואונדערלעך?! — האט די מא א שטילן פרעג געטאן און צוגעגעבן: — בלויז דא, ביי אונדז — קען מען אזעלכעס זען.

— אמת, — האט דייוויד שטיל געענטפערט, — איך האב נאך אזעלכעס אין ערגעץ ניט געזען.

די נאכט איז צוגעפאלן און דער טיף־בלויער, כמעט־שווארצער הימל איז ווי איינגעטונקען געווארן אין א נעץ פון טויזנטער, העליש־פינקלענדיקע שטערן. די האגלעסעס זיינען, צוזאמען מיט דייווידן, נאך לאנג געזעסן, אויפן באלקאן און דער פא האט אים געהאלטן אין אנווייזן און אויסרעכענען די נעמען פון א היפשער צאל שטערן און שטערן־גרופעס.

פארן שלאפן גיין האט דער פא אריינגעפירט דייווידן אין דער פינפטער באנגאלא, וואו ער האט באדארפט איבערשלאפן די נאכט און אפגעמאכט מיט אים, אז מארגן, גלייך נאך פרישטיק, וועלן זיי ביידע, אין דעם פאס אויטאמאביל, ארויספארן אין מדבר און ער וועט אים באקענען מיט א צאל נאטור־וואונדער וועגן וועלכע דער געוויינלעכער, זייטיקער, מענטש האט קיין שום אנונג ניט.

דייוויד האט זיך שנעל אויסגעטאן, איז אריין אין בעט און, איינשלאפנדיק, געטראכט וועגן אלע גרויסע נאטור־וואונדער, וועלכע ער האט אויף זיין וועג באגעגנט און געפילט, אז דער טייערסטער זיינען דער פא און מא דאגלאס, וועלכע ער האט, אזוי צופעליק, אנטדעקט אין א שוידערלעך הייסן טאג, אין דער אריזאנער וויסטעניש.

דריטער קאַפּיטל

יענע נאַכט איז דייוויד איבערגעשלאָפן ווי אַ געהאַרגעטער: ער האָט זיך בלויז איין מאָל אויפגעכאַפּט, אויף אַ קורצער ווײַלע, אַדאַנק דעם בילבּדיקן געוואוי פון אַ קאַיאָט און דעם דראַפּעניש פון עפּעס אַ באַשעפעניש אויפן דאַך פון זיין שטיבל.

און ווען דאַגלאַס איז פונקט אַכט אַזייגער אַרויס אויף דער טעראַסע, האָט ער שוין געטראָפן דייווידן שטיין, אָן אָנגעטאָנענעם, און באַוואונדערן דעם זונען־אויפגאַנג.

און דער הימל איז, יענעם פרימאָרגן, זייער ענלעך געווען צו אַ ברייט־צעכוואַליעטן, גרין־בלויען ים, איבער וועלכן די זון האָט, מיט הונדערטער גאָלדענע בייטשן, געטריבן פאַר זיך ריזיקע טשערעדעס, פונקט ווי שאָף, ווייסע, געקרייזלטע וואָלקענדלעך, באַפּוצטע מיט ראָזעווע צוימען.

דאַגלאַס האָט זיך, צופרידן, צעלאַכט:

— ווי איך זע, דייוויד, געפעלט דיר שטאַרק אונדזער הימל!... וואַרט־צו ביז נאָכן פרישטיק, ווען מיר'ן אַרויספאָרן אין אונדזער מדבר, וועלכער שרעקט אַזוי שטאַרק אונדזער קולטורעלע מענטשהייט... כ'וועל דיר דאָרטן ווייזן אַ היפּשע צאָל וואונדער, אַחוץ דעם וואונדערלעכן הימל.

די מאַ איז אויך אַרויסגעקומען אויפן באַלקאָן, אַ פריילעכע, אַ שייַנענדיקע, אָן אויסגעפּוצטע אין אַ העל־רויטן נאַכט־מאַנטל. זי האָט גלייך אַ פרעג געטאָן:

— זאָג דעם אמת, דייוויד, וויפל מאָל האָבן אונדזערע קאַיאָטן דיך אויפגעוועקט און איבערגעשראָקן?

און דייוויד האָט, לאַכנדיק, געענטפערט:

— איך שווער, אַז בלויז איין מאָל און כ'האָב גלייך באַשלאָסן, אַז דאָס מוזן זיין הינט אויף אַ ניט ווייטער פאַרם.

דערלאַנגענדיק צום טיש דעם פרישטיק, האָט די מאַ באַמערקט צום מאַן:

— געדענק, נעט, איצט איז ניין אַזייגער און פונקט צוויי עסן מיר מיטאָג. ווּעסטו עס געדענקען?

— זיכער! — האָט ער, לאַכנדיק, געענטפערט, — היט דעם זייגער!

אַרויספאָרנדיק אויפן וועג, האָט דער פאַ גענומען דערציילן:

— אַ שאָד, וואָס מיר געפינען זיך צו־ווייט פון דער שטאָט טוסאָן: אַנדערש וואָלט איך דיר, דאָס ערשטע, אַריינגעפירט אין נאַציאָנאַלן סאַגוואַראָ־קאַקטוס פאַרק. ער פאַרנעמט אַרום זעכציק טויזנט מייל און די סאַגוואַראָס דערגרייכן דאָרטן ביז דרייסיק פוס די הויך.

— ווי איך זע, פעלן אויך דאָ, אַרום אונדז, ניט קיין הויכע סאַגוואַראָס,

— האָט דייוויד באַמערקט.

— ריכטיק, — האָט דער פּאַ צוגעשטימט, — אָבער דאָרטן איז פאַראַן אַ גאַנצער וואַלד פון זיי.

נאָך אַ פופצן־מינוטיקן פאָרן, האָט דאַגלאַס אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ־מאָביל פאַר אַ געדיכט־פאַרוואַקסענעם פלאַץ, ביי דער זייט פון אַ הויכן בערגל.

פאַרבייגייענדיק אַ געדיכטע רייע קוסטן, זיינען זיי שטיין געבליבן פאַר צוויי גאָר הויכע סאַגוואַראָס. ביידע — טיף גרינע, מיט דיקע זוימען איבער דער גאַנצער לענג פון זייערע שטאַמען. איין בוים האָט פאַרמאָגט צוויי צווייגן, דער צווייטער דריי — אַלע אין אויסזען פון גראָבע, קרומע הענט, ווי צוגעקלעפּטע צו די שטאַמען, מיט זייערע קיילעכדיקע קעפּ, געווענדעט צום הימל. ביי דער זייט האָט דייוויד אויך באַמערקט עפּעס גאָר אַ מאָדנע קאַקטוס־פלאַנץ אין אויסזען פון אַ פעסל. עס איז געווען אַרום אַ דריי פוס די הויך, אַ געדיכט־פאַרוואַקסנס מיט היפשע, שאַרפע שטעכערס.

דער פּאַ האָט אָנגעוויזן אויף די סאַגוואַראָס און, מיט אַ צופרידענעם קול, גענומען רעדן:

— דייוויד, גיב נאָר, אָקאָרשט, אַ טאָפּ איינעם פון אָט די שטאַמען... זיי זיינען ווי געמאַכט פון לעדער אָדער שטייפער גומי... גלויב מיר, עס האָט זיכער גענומען הונדערטער אָדער, אפשר, גאָר טויזנטער יאָרן ביז אָט־די פלאַנצן האָבן אויסגעפונען דעם סוד, כ׳מיין, דעם וועג ווי אַזוי צוצופּאַסן זיך און ניט אומקומען אין דער אַרומיקער וויסטעניש. פּונקט ווי קעמלען פילן אָן זייערע צוויי מאָגן־בייטלען מיט וואַסער, איידער זיי טרעטן אַריין אין אַ מדבר, אַזוי באַוואָרענען זיך אויך אַלע קאַקטוס־פלאַנצן מיט וואַסער, אין דער צייט פון אונדזערע צוויי קורצע, רעגנס־סעזאָנען. בפרט טוען עס אויסגעצייכנט — אָט די סאַגוואַראָ־ביימער: ניט נאָר טרינקען זיי זיך אָליין גוט אָן, נאָר זיי זאַמלען אָן אַ היפש ביסל וואַסער אין זייערע שטאַמען און כדי אַריינצונעמען וואָס מער וואַסער — צעשפּרייטן זיי זייערע וואָרצלען ניט טיף אונטער דער אויבערפלאַך, אויף אַ שטרעקע פון אַרום פערציק ביז פופציק פוס.

— ס׳איז מערקווירדיק! — האָט זיך דייוויד געוואונדערט, באַטאַפּנדיק די סאַגוואַראָ־שטאַמען.

דערנאָך איז דער פּאַ צוגעגאַנגען צו דעם פעסלדיקן קאַקטוס־פלאַנץ:

— און אָט דער מין הייסט „ביסנאַגאַ“ אָדער פעסל־קאַקטוס, — ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ מעסערל, און מיט דריי פלינקע שניט געמאַכט אַן עפענונג אין פלאַנץ, אַריינגעשטופּט אַהין די האַנט און זי גלייך אַרויס־גענומען אַ נאַסע, אַן איינגעטונקענע אין אַ קילער, געדיכטער פליסיקייט.

ער האָט אַ לעק געטאָן די פּליסיקייט און גלייך אויסגעשפּיגן:

— פייגל און חיות ווייסן וועגן דעם און רייסן אויף די קאַקטוסן אין צייט פון טריקעניש.

— ווי אַלט, דענקסטו, זיינען זיי, אָט די סאַגוואַראָס? — האָט דייוויד געוואָלט וויסן. און זאָג מיר, צי בליען זיי אויך אַלע יאָר, ווי אַלע אַנדערע ביימער?

— ווער ווייסט זיי, ווי אַלט זיי זיינען, — האָט דער פּאַ אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען, — זיכער הונדערטער יאָרן... און מעגלעך, אַז טויזנטער... און וועגן זייער בליען, קען איך דיך פאַרזיכערן, אַז זייערע בלומען זיינען צווישן די שענסטע אין דער וועלט... די ווייסע בליטן מיט די גאָלדענע הערצער פון דער סאַגוואַראָ — זיינען די שטאַט־בלומען פון אַריזאָנאַ. און גיב נאָר אַ קוק אויף אָט־די הויכע, דינע, גרויע ריטלעך, וועלכע וואַקסן, קופּעסווייז, אַרויס פון דער ערד, — האָט דער פּאַ אָנגעוויזן דייווידן, — דו וואָלסט זיי באַדאַרפט זען אין פרילינג, ווען דער גאַנצער מדבר ווערט אויף אַ פּאָר וואָכן פאַרוואַנדלט אין איין פאַרביקן בלומען־פעלד... דאַן צעבליען זיך אויך אָט־די „אָקאָטילאָס" פלאַנצן מיט העל־רויטע בלומען און ווען דער ווינט נעמט זיי שאָקלען, ווערן זיי ווי איינגעהילט אין העלע פלאַמען...

מען איז ווייטער געפאָרן און, ביי יעדן אָפּשטעל, האָט דער פּאַ אָנגעוויזן אויף אַלץ נייע נאַטור־וואונדער. פון צווישן די פייגל, האָבן דייווידן שטאַרק באַגייסטערט די „זשום־פייגעלעך" מיט זייערע רייך־פאַרביקע פעדערן, מיט די לאַנגעכיקע שנאָבעלעך און מיט זייערע בליץ־שנעלע באַוועגונגען.

— די וועלט איז, אייגנטלעך, פול מיט וואונדער, — האָט דייוויד פאַרטראַכט באַמערקט, — אָבער מיר גייען אַרום, ווי בלינדע, און זעען זיי ניט...

— ער האָט טיף אָפּגעזיפצט און שטיל אַ זאָג געטאָן: — ס'וואָלט גאָר ניט שלעכט געווען צו פאַרבלייבן דאָ אויף אַ שטיקל צייט.

דאָגלאַס האָט שנעל אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ, אים טיף אַריינגעקוקט אין פנים און זעענדיק, אַז ער שפּאַסט ניט, אים שנעל געענטפערט:

— דו קענסט עס, זייער לייכט, אויספירן.

— ווי אַזוי? — האָט שוין דייוויד, אַ פאַרוואונדערטער, אַ קוק געטאָן אויף דאָגלאַסן.

— גאַנץ פשוט, — האָט דער פּאַ אַ לאַך געטאָן, — מיר דאַרפן האָבן אַ מאַן אין קראָם. דו ביסט, אונדז, כ'מיין, דער מאַ און מיר, זייער געפעלן... דער מאַ דאַכט זיך אַלץ אויס, אַז דו ביסט ווי אַ דריטער זון אונדזערער... צוגאַסט געקומען... טאַ בלייב!...

דייוויד האָט אָנגעשטרענגט געטראַכט, פילנדיק אויף זיך דאָגלאַסעס וואַרטנדיקע בליקן. דערנאָך האָט ער אַ צושטימיקן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— איך דענק, אַז אייער פּלאַן איז ניט קיין שלעכטער, אָבער די פראַגע איז בלויז, אויף ווי לאַנג דאָ צו פאַרבלייבן?... איך פּלאַניר זיכער ניט זיך צו באַזעצן אין אַריזאָנאַ: אין ניו־יאָרק פאַרמאָג איך, מיטן ברודער, אַ קראָם. ער האָט אַ פרוי מיט צוויי קינדער... מיר האָבן פריינט, משפּחה...

— ער האָט נאָכגעטראַכט אַ ווײַלע און זיך אָפּגערופן: — וואָלט איר מיך אַנגעשטעלט אויף זעקס חדשים?! — און ער האָט צוגעגעבן מיט אַ שמייכל:

— און איך גיב אייך די פולע רעכט מיך אָפּצוזאָגן צו יעדער צייט...

— איך שטים איין, — האָט דאָגלאַס גלייך געענטפערט, — און איך דענק, אַז די מאַ וועט אויך צושטימען... — ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער: — גוואַלד, ס'איז שוין האַלב נאָך צוויי! די מאַ וועט אונדז לינטשן!

מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער זיינען זיי שוין ביידע געשטאַנען פאַר דער מאַ, וועלכע האָט געקוקט אויף זיי מיט אַ געמאַכטער שטרענגקייט:

— נו, דערציילט שוין, שלעכטע יינגלעך, וואָס איז געשען?! — האָט זי געפּאָדערט.

— ניט איך, מאַ, בין שולדיק אין שפּעט קומען, נאָר ער! — האָט דער פּאַ אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף דייווידן און יעדער מוסקול פון זיין פּנים האָט וויברירט מיט איינגעהאַלטענעם געלעכטער, — צוערשט האָט ער זיך אָנגעטשעפּעט אָן מיר מיט אַ פאָדערונג אים אַלץ צו דערציילן וועגן די סאַגוּאַראָ־קאַקטוסן, דערנאָך האָט ער זיך געװנומען יאָגן נאָך די „זשום־פייגעלעך" און צום סוף, פּלוצלונג גאָר, אויסגעדריקט אַ וואונטש צו בלייבן אַרבעטן ביי אונדז אין קראָם אויף זעקס חדשים...

דער מאַס פּנים איז, מיטאַמאָל, געוואָרן ערנסט. אַ ווײַלע האָט זי זיך, אויפמערקזאַם, איינגעקוקט אין מאַנס פּנים, דערנאָך איבערגעפירט איר פרעגנדיקן בליק צו דייווידן:

— דו מיינסט עס ערנסט, דייוויד?!

— זיכער, מאַ! — האָט דייוויד געענטפערט: — איר זענט דאָ ביידע אַזוי גוט צו מיר, אַז ס'וואָלט זיך ניט אַוועק אַזוי שנעל פון אייך, אָבער... איך בין דאָך צוגעבונדן צו ניו־יאָרק אין אַלע היבזיכטן, — ער האָט אָנגעוויזן אויף דאָגלאַסן, — האָבן מיר זיך ביידע אויסגעגלייכט אויף זעקס חדשים... איצט איז עס אין אייערע הענט...

דער מאַס פּנים האָט אויפגעלויכטן מיט פרייד און זי האָט אויסגעצויגעשטרעקט צו אים אירע ביידע הענט:

— איך נעם אָן דיין פאַרשלאַג, זון... זאָל זיין אויף זעקס חדשים...

דייוויד האָט אַ נעם געטאָן אירע ביידע הענט און יעדערע פון זיי אַ קוש געטאָן:

— אַ דאַנק, מאַ... איך האָב פריער גערעדט מיטן פּאַ, אַז מענטשן גייען

אַרום און זעען גאַרניט מיט וואָס פאַר־אַ וואונדער די נאַטור האָט זיי אַרומ־גערינגלט און איצט ווילט זיך מיר צוגעבן, אַז דאָס זעלבע איז אויך אין באַ־צוג צו זייער אייגענעם גליק: מען געוואוינט זיך צו צו דעם און מען הערט עס אויף צו שאַצן...

— ריכטיק! — האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ פרעג געטאָן דעם מאַן: — האָסטו שוין אויך גערעדט מיט דייווידן וועגן זיין געהאַלט?

— ניין! — האָט דאָגלאַס אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — כ׳האָב בלויז באַמערקט, אַז ער וועט עסן מיט אונדז, שלאָפן אין אַ באָנגאלאָו און... איך דענק, אַז צוואַנציק דאָלער אַ וואָך איז ניט קיין שלעכטער געהאַלט.

— פינף־און־צוואַנציק וועט זיין בעסער, — האָט די מאַ באַשלאָסן, — ביסטו צופרידן, דייוויד?

— מער ווי צופרידן! — האָט דייוויד אַ לאַך געטאָן, — אָבער וואָס מיך מאַטערט איז די פראַגע, ווי אַזוי וועל איך זיך צוזאַמענרעדן מיט אַלע אייערע מינים אינדיאַנער?

— ניט געזאָרגט, — האָט אים דער פּאַ געפּרואווט באַרואיקן, — די ערשטע צייט וועסטו באַהאַנדלען בלויז די טוריסטן. פאַרגעס אויך ניט, אַז דער יונגער דור אינדיאַנער, וועלכער האָט באַזוכט אונדזערע שולן, פאַר־שטייט מער אָדער ווייניקער ענגליש און וועגן די עלטערע און אַלטע, וועט די מאַ דיך, אין אַ פּאָר וואָכן צייט, אויסלערנען זייער צייכן־שפּראַך...

— נו, גענוג וועגן געשעפטן! — האָט די מאַ אַ זאָג געטאָן, גייט וואַשט זיך אָפּ די הענט און — צום טיש. דאָס עסן מוז שוין זיין האַלב קאַלט. — און צו דייווידן האָט זי, עטוואָס שטילער, אַ זאָג געטאָן: — ס׳וועט דיר ניט באַנג טאָן, זון!...

— כ׳בין זיכער אין דעם! — האָט ער פרייליך געענטפערט, און טרערן האָבן אָנגעפילט זיינע אויגן.

פערטער קאַפּיטל

יענע נאַכט איז דייוויד זייער שלעכט געשלאָפן. שטיקלעך חלומות פון דער היים האָבן זיך אים געפּלאָנערט אין מוח: סצענעס פונעם פאָטערס טויט האָבן זיך ביי אים געמישט מיט דער שווערער איבערלעבונג פון יענעם רעגנדיקן פרימאָרגן, ווען ער איז, צוזאַמען מיטן ברודער נייטן, געזעסן, האַלב־באַהאַלטענע, אין זייער אָטאָמאָביל, אַנטקעגן ליליס הויז און צוגעזען די סצענע, ווי זי איז, אַן אויסגעפּוצטע, אַרויס פון הויז און זיך אַרומגעכאַפּט מיט פיטערן, וועלכער האָט שוין געוואַרט אויף איר נעבן זיין טייערן אָטאָ־מאָביל... דערנאָך איז פאַר אים אויפגעשוואומען די סצענע, ווי דער ברו־

דער האָט צוגעהאַלטן פּיטערן, בעת ער אַליין האָט, שטייענדיק פּאַר לילין, איר געוואָרפּן אין פּנים אַריין די ערגסטע באַליידיקונגען, וועלכע האָבן נאָר אויפגעפלאַמט אין זיין ברענענדיקן מוח... ער האָט איצט, אין שלאָף, ווי נאָך אַמאָל דערפילט איר פּאַטש אויף זיין באַק און די קראַפט פון זיין שטויס, וועלכער האָט זי אַ שלידער געטאָן און זי אויסגעצויגן אין אַ קאָליוזשע רעגן־וואַסער... איר דערשראָקענער געשריי האָט ווידעראַמאָל אָפּגעקלונגען אין זיין זכרון. —

ער האָט פּאַרשפּעטיקט צום פרישטיק און, אויף שנעל אויסטרינקנדיק זיין קאַווע, איז ער, מיט אַ לייכט קלאַפּנדיקן האַרצן, אַריין אין קראָם.

פּאַ דאָגלאַס איז געשטאַנען איינגעבויגן איבער אַ היפּשן קאַסטן, פון וועלכן ער האָט געהאַלטן אין אַרויסנעמען העלע פרויען־קליידער און זיי אויסלייגן אויף אַ ברייטן טיש, וועלכער איז געשטאַנען נעבן דער רעכטער וואַנט פון קראָם. די קליידלעך האָבן זיך געהאַלטן אין איין אָנבלאָזן און קנייטשן און דער פּאַ האָט געמוזט אַרבעטן מיט בײדע הענט, כדי זיי אויס־צולייגן אויפן טיש, מער אָדער ווייניקער, גלייך. אויפן זעלבן טיש האָבן זיך אויך געפונען פּעקלעך מיט מענער־הויזן און קופקעס פּאַרביקע, „קאָ־באָי״ קאַפּעליושן.

די מיטלסטע וואַנט פון קראָם איז געווען באַצירט מיט אַ גרויסן טעפּיך, אויף וועלכן עס האָבן געהאַנגען גאָר אַ היפּשע צאָל זילבערנע, בעוועהאַ האַלדז־בענדער, בראַסלעטן און מענערישע גאַרטלען, צוזאַמענגעשטעלטע פון זיל־בערנע, קונציק־אויסגעקאַרבטע, קיילעכדיקע בלעכלעך, באַפּוצטע מיט גרינע, טוירקיז שטיינדלעך אָדער רויטע קאָראַלן.

די רייען פּאָליצעס, פון ביידע זייטן קראָם, זיינען געווען געדיכט באַ־שטעלט מיט קענדלעך פּרעזערווירטע פרוכטן און שפּייזן, מיט פּאַטענטירטע מעדיצינען און מיט פּאַרביקע, אינדיאַנישע טעפּעלעך און טעלערלעך, גע־מאַכטע פון ליים אָדער געפלאָכטענע פון שטרוי.

אין די ווינקלען פון דער קראָם האָבן פון דער סטעליע אַראָפּגעהאַנגען: שטיוול, פּעק מיט בעזימער, אַ פּאָר זאָטלען, עטלעכע פערד־צוימען און צווייגן מיט באַנאַנעס. פּאַרן מיטלסטן, פּאַרקויף־טיש זיינען געשטאַנען צוויי לאַנגע בענק.

דאָגלאַס האָט אים פריילעך באַגריסט:

— גוטער מאָרגן, דייוויד! זיך גוט אויסגעשלאָפן?

— ניין, ניט איבעריק גוט.

— וואָס: מאָסקיטעס, קאַיאָטן אָדער פעלד־מייז האָבן דיך ניט געלאָזט שלאָפן?

— קיינע פון זיי... שלעכטע, היימישע חלומות...

דער פּאַ האָט אַ זיכערן שמייכל געטאָן:

— בישקושה, ווּעסט זיך דאָ, ביי אונדז, באַרואיקן... פאַרגעס אויך ניט, ווען דו וועסט היינט־מאָרגן שרייבן אַ בריוול אַהיים, שטעל צו אַ גרוס פון אונדז, אָדער נאָך בעסער: דערלויב מיר אָדער דער מאַ צוצושרייבן אַ פּאָר ווערטער.

דייוויד האָט דערפילט, פונקט ווי אַ ריינער, קאַלטער וואַסער־שטראָם וואָלט אים אַ הויב געטאָן אין דער לופטן און ווי אָראָפּגעשווענקט פון אים יעדן סימן פון מידקייט און פון טרויער. און ער האָט שוין, כמעט פריילעך, געענטפערט:

— אַ דאַנק, מר. דאָגלאַס! איך פאַרזיכער אייך, אַז ס׳וועט פאַר מיין ברודער און שוועגערין זיין אַ גרויסע פרייד צו לייענען אייערע גרוסן... און איצט לאָמיר זיך נעמען צו דער אַרבעט.

— נאָר ניט געאיילט זיך! — האָט אים דער פּאַ אָפּגעשטעלט, — מאָנטיק איז ביי אונדז ניט קיין שטאַרק פאַרנומענער טאָג. די צאָל טוריסטן איז אַ קליינע און די אינדיאַנער קומען אָן ערשט נאָכמיטאָג. די הויפּט־פּראָב־לעם איז היינט דיך צו באַקענען מיט די ערטער וואו די וואַרע געפינט זיך און מיט די פרייזן.

דייוויד האָט אַ זיכערן לאַך געטאָן:

— דאָס זיינען די צוויי קלענסטע זאַכן. די הויפּט־פּראָבלעם ביי מיר, ווי כ׳האָב אייך שוין געזאָגט, זיינען די שפּראַכן... ווי זיך צוזאַמענצורעדן מיט די אינדיאַנער.

— דאָס, ברודער, מוז נעמען אַביסל צייט, — האָט דאָגלאַס אַ לאַך געטאָן, — איך געפין זיך שוין דאָ פערציק יאָר און קען זיך נאָך ניט באַרימען, אַז איך באַזיץ אַלע אָרומיקע לשונות... האָב געדולד. קאָנצענטריר זיך דערווייל אויף די סחורות, די פרייזן און די ערטער...

זיי האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט און דער טאָג איז, פאַר דייווידן, אַריבער ווי אין אַ חלום. דער פּאַ איז געווען גערעכט: בלויז צוויי אָטאָמאָבילן מיט טוריסטן האָבן זיך יענעם פרימאָרגן אָפּגעשטעלט פאַרן „טרעידינג פּאָוסט״, דערפאַר אָבער זיינען נאָכמיטאָג, אָנגעקומען אַ היפּשע צאָל נעוועהאָס. ווי אַ שטורעם־ווינט האָבן זיי זיך אָנגעטראָגן אויף זייערע פלינקע פערד, אָדער אין זייערע סקריפּנדיקע וועגענער.

דער פּאַ האָט פאַר זיי, אין זייער שפּראַך, פאַרגעשטעלט זיין נייעם אַרויס־העלפער און, ווייזט אויס, געזאָגט ווענגן אים אַ היפּשע צאָל גוטע זאַכן, וועלכע האָבן ביי זיי, בפרט ביי די יונגע און די מיטל־יאָריקע, אַרויסגערופן אַן אויפרייס פון כמעט קינדערשער פרייד.

די קראַם האָט זיך אָנגעפילט מיט פאַרשיידנאַרטיקע אויפרופן אויף שפּאַניש און אויף די נעוועהאָ־שפּראַכן: „האָר־האָר!" (קלאַנגען פון צו־פרידנקייט), „אינד־האָ־סי־קיז!" (איך בין דיין פריינט!), „בועוּאָ אַמיגאָ!" (זיי געגריסט, מיין פריינט) און נאָך און נאָך.

איינינקע, אַממערסטנס, יונגע, האָבן אים געדריקט די האַנט און באַגריסט אויף ענגליש. אפילו די אַלטע האָבן אויך צוגעשאָקלט מיט די גרייז־גרויע קעפּ, ניט אַראָפּנעמענדיק פון אים זייערע פאַרשנדיקע בליקן.

דייוויד האָט זיי באַדאַנקט פאַר זייערע באַגריסונגען, זיי פאַרזיכערט אין זיינע פריינטלעכע געפילן און צוגעזאָגט צו גיין אין די פּוס־טריט פון אַזעלכע צוויי וואונדערלעכע מענטשן, ווי פּאַ און מאַ דאָגלאַס.

די מאַ איז דאַן אויך אַריינגעקומען אין קראָם און איז אויפגענומען געוואָרן פון אַלעמען, אַריינגערעכנט אויך פון אַלטע, נעוועהאָס, מיט אַ רוישיקער פרייד.

פאַרשטענדלעך, אַז פאַרנאַכט, עסנדיק וועטשערע איז די הויפּט־טעמע געווען די אינדיאַנער און ווי אַזוי זיי האָבן אויפגענומען דייווידן. נאָכן עסן, טרינקענדיק די קאַווע, האָט דייוויד, ניט זיכער, אַ זאָג געטאָן:

— איר ווייסט, פּאַ דאָגלאַס... איר וואָלט מיר, אפשר, דערלויבט צו מאַכן אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן דער קראָם?

— זיכער, דייוויד!... זאָג וואָס דו ווילסט, — האָט דער פּאַ אים, ניי־געריק, אָנגעקוקט.

— בלויז צוויי קליינע באַמערקונגען, — האָט דייוויד, נאָך אַלץ ניט זיכער, צוגעגעבן.

די מאַ האָט אויך, נייגעריק, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דייווידן, און געוואַרט אויף זיינע פּאָר ווערטער.

— ערשטנס, ווען איר דערלויבט מיר נאָר, וואָלט איך געקראָגן אין פּלעגסטעף אָדער אין אַנדער שטאָט אַן אייזערנעם געשטעלט פאַר די פרויען־קליידער, וואָלטן זיי פאַרשפּאָרט צעקנייטשט צו ווערן ליגנדיק אויסגעשפּרייט אויפן טיש... און די קויפערס וואָלטן זיי טאָקע געקענט אַליין געפינען און לייכט באַטראַכטן.

מאַן און פרוי האָבן זיך איבערגעקוקט און, איינשטימיק, אַ בויג געטאָן מיט זייערע קעפּ.

— און וואָס איז דיין צווייטער פאַרשלאַג? — האָט דאָגלאַס געוואָלט וויסן.

— מיין צווייטער פאַרשלאַג וואָלט געווען, אַז מען זאָל אין שטאָט קויפן, אָדער אַליין מאַכן, צוויי לאַנגע טיש־שאַפעס מיט גלעזערנע דעקן און זיי אַוועקשטעלן אויפן פאַרקויף־טיש. אַזעלכע שאַפעס זיינען אויסגעצייכנט פאַר צירונג, בפרט, ווען מען לייגט עס נאָך אויס אויף אַ שוואַרצן, סאַמעטענעם

גרונט... יעדעס שטיקל צירונג באַקומט דאַן אַ פיל רייכערן אויסזען.

פּאַ און מאַ האָבן ווידער איינציייטיק אַ צושטימיקן בויג געטאָן מיט זייערע קעפּ.

— און ס'איז פאַראַן נאָך אַ נוץ, וואָס אַזעלכע שאַפעס וואָלטן געבראַכט, — האָט דייוויד פאַרגעזעצט.

— צום בייספּיל? — האָט דער פּאַ זיך געוואונדערט.

— אַזעלכע גלעזערנע שאַפעס, — האָט דייוויד פאַרענדיקט זיין געדאַנק, — וואָלטן אויך זיכער ניט דערלאָזט, אַפילו קיין אַלטע, גאָר היימישע, איבּ־דיאַנער, זיך אויסצוזעצן אויפן טיש און זיך ניט רירן פון אָרט, ווען אַ צווייטער קונה קומט אַריין און וויל עפּעס קויפן... ווי עס איז היינט אין דער פרי געשען מיט דער ערשטער גרופּע טוריסטן...

דער פּאַ און די מאַ האָבן, איינציייטיק, זיך שטאַרק צעלאַכט. — — —

— —

יענעם אָוונט, פאַרן גיין שלאָפן, האָט דייוויד אָנגעשריבן אַ בריוו צו דעם ברודער נייטינען מיט דער פרוי קיין ניו־יאָרק, מיט אַ גענויער באַשרייבונג וואו ער געפינט זיך און וואָס עס איז מיט אים געשען. פאַרשטענדלעך, אַז ער האָט שטאַרק געלויבט די דאָגלאַסעס און אויך דערמאָנט וועגן זיין אָפּ־מאַך צו אַרבעטן זעקס חדשים אין זייער „טרעידינג־פּאָוסט".

אַן ענלעכן בריוו, מיט אַ צוגאָב פון אַ סך דאַנקען פאַר דער אויסגע־צייכנטער עצה זיך אַ לאָז צו טאָן איבערן לאַנד, האָט ער אויך אָוועקגעשיקט צום שוואָגער, דעם דאָקטער, מיט דער שוועסטער קיין שיקאַגאָ.

פּאַ און מאַ דאָגלאַס האָבן, פערזענלעך, צוגעשריבן צו יעדן בריוו זייערע האַרציקע גרוסן.

פינפטער קאַפּיטל

עס זיינען פאַריבער פיר וואָכן: דרייסיק טעג אַזעלכע פולע מיט אינ־טערעסאַנטע באַגעגענישן, מיט טשיקאַווע איבערלעבונגען — סיי מיט טור־ריסטן און נאָך מער — מיט אינדיאַנער.

דייוויד האָט איינגעפירט אַ העפט, וועלכע ער האָט צעטיילט אויף צוויי טיילן: איין טייל פאַר דער געוועהנ׳אָ שפּראַך, די צווייטע פאַר האָפּי און ער פלעגט ניט מיד ווערן צו פאַרצייכענען יעדעס אַרויסגערעדטע וואָרט: סיי פון די אינדיאַנער צו דאָגלאַסן, אַזוי אויך פון אים צו זיי.

אָט אויף דעם העפט פלעגן די מיטל־יאַריקע און אַלטע אינדיאַנער קוקן מיט אַ באַזונדער מין דרך־ארץ און זיך שטאַרק וואונדערן, ווען דייוויד פלעגט, אַריינקוקנדיק אין העפט, מער אָדער ווייניקער ריכטיק, איבער׳חזר׳ן איינ־

צעלנע ווערטער אָדער גאַנצע זאַצן, וועלכע זיי האָבן נאָר וואָס געהאַט אַרויסגערעדט. און קומענדיק, אַ צווייטן מאָל, עפּעס קויפן אין קראָם, פלעגן זיי שוין אַבּיכטלעך און שאַרף אַרויסרעדן יעדע זילבע, דערנאָך אָנווייזן אויפן העפט, ער זאָל עס פאַרשרייבן און, צום שלוס, כמעט ווי פאָדערן, ער זאָל איבער׳חזר׳ן זייער יעדעס וואָרט.

אַזוי אַרום האָט דייוויד, אין אַ קורצער צייט, געשאַפן זייגעם אַן אייגענעם ווערטער־בוך, וועלכער איז, מער אָדער ווייניקער, גילטיק געווען פאַר אַלע שבטים פון דער אַרומיקער געגנט, אַ מין קאָמבינאַציע פון ענגליש (מער ווי אַלין), נעוועהאָ, האָפּי און אַפּאַטשו שפּראַכן. און צו אָט־די ווערטער פלעגט ער צוגעבן פאַרשידענע צייכנס מיט יעדן איינעם פון זיינע איברים, ווי די מאַ האָט אים געלערנט.

פאַר די אינדיאַנער איז עס געוואָרן ווי אַ מין שפּיל, וועלכע האָט ביי זיי זייער שטאַרק אויסגענומען. דער פּאַ מיט דער מאַ האָבן, איינפאַך, אָנגעקוואָלן פון דייווידס איינפאַלן.

די קראָם אַליין האָט, ביסלעכווייז, אָנגענומען אַ נייעם, אויך אַ שענערן אויסזען: די ווענט און, אפילו, די סטעליע האָט דייוויד פאַרפּוצט מיט פאַרביקע, נעוועהאָ טעפּיכער; דער ברייטער טיש איז פאַרשוואונדן; די פּרויען־קליידער האָבן לעבעדיק אַראָפּגעקוקט פון צוויי אייזערנע געשטעלן; די „קאַו־באָי״ קאַפּעליושן האָבן זיך אַריבערגעצויגן אויף איינער פון די פּאָליצעס און די מענער־הויזן, צוזאַמען מיט די פאַרביקע העמדלעך, האָבן פאַרנומען אַ פּלאַץ נעבן זיי.

דעם הויפּט־גלאַנץ האָבן איצט דער קראָם צוגעגעבן די צוויי לאַנגע, גלעזערנע טיש־קאַסטנס, אויסגעבעטע מיט שוואַרצן סאַמעט, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעפינקלט אַלע מינים צירונג, פאַרכאַפּנדיק דאָס אויגן מיטן שפּיל פון זילבער, טוירקויז און קאָראַלן.

אָבער צום סוף פון דער זעקסטער וואָך האָט מיט דייווידן פּאַסירט זייער אַ מאָדנע און דערצו נאָך זייער אַן אומדערוואַרטעטע געשיכטע. עס איז געשען אין אַ פרייטיק פאַרנאַכט, ווען דאָגלאַס האָט זיך געפונען ביי דער פרוי, אין קיך, און דייוויד האָט זיך שוין געקליבן צו פאַרמאַכן די קראָם.

ער איז געשטאַנען אַ פאַרטיפטער אין זיין שפּראַכן־העפט, ווען עס האָט זיך צו אים דערטראָגן דער גאַלאָפּ פון אַ שנעל־לויפנדיקן פערד. און טאַקע גלייך האָט זיך פאַר דער אָפענער טיר פון קראָם, מיט אימפּעט, אָפּגעשטעלט אַ ברוין פערד, מיט אַ ווייסן פלעק אויפן שטערן, פון וועלכן ס׳איז פלינק אַראָפּגעשפּרונגען אַ שלאַנקע מיידל.

זי האָט געטראָגן אַ ברייט צעפאַלדעוועט קליידל פונעם נעוועהאָ שניט, די פאַרב פון אַ מין געמיש פון געלע מיט רויטע פּאַסן, איר פּיאָלעטן קאַפּטל

איז געווען באַפּוצט מיט אַ זילבערנעם האַלדז־באַנד, באַצירט מיט טוירקויז שטיינדלעך און אַ רויט, זײַדן טיכל האָט געהאַלטן אין אָרדענונג אירע געדיכטע, שוואַרצע האָר. איר פּנים — אַ לענגלעכס, די הויט — כמעט אַ ווײַסע, ווי אַ דורכגעזאַפּטע מיט אַמבער, די נאָז אַ גלײַכע, אַ שיין געשניצט מויל, פון וועלכן די הינטערשטע ליפּ האָט זיך ,עטוואָס, אַרויסגערוקט פאָראויס, צוגעבנדיק דעם פּנים עטוואָס שאַיפּעריש:עס.

דער אַלגעמיינער אײַנדרוק — אַן אויסטערלישער, ווי פון אַן אָנגעפּלויגענעם בוקעט מיט פיל־פאַרביקע בלומען.

זי איז פלינק אַראָפּ פון פערד, אַ שנעלן גלעט געטאָן אים איבערן האַלדז און איז אַרײַן אין קראָם. דאָס פערד האָט, ווי אַ געטרײַי הינטל, איר נאָכגעקוקט און באַוועגט מיטן עק.

דייוויד האָט אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן זײַן שפּראַך־העפט און, מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, געקוקט אויפן גאַסט.

זי האָט, פון איר זייט, אים אויך פאַרוואונדערט באַטראַכט, שנעל אַ זאָג געטאָן אַ פּאָר אומפאַרשטענדלעכע ווערטער און אַ קוק געטאָן אין ריכטונג צו דער קיך.

און דייוויד איז שנעל צוגעגאַנגען צו דער קיך־טיר און כמעט ווי אַרײַנגעשריגן אַהין:

— מיסטער דאָגלאַס, קומט שנעל אַרײַן!... ראַטעוועט מיך! אַ נעוועהאָ שיינהייט איז דאָ, נאָר וואָס, אַרײַן און הרג׳עט מיך אַוועק מיט אירע בליקן!

אין זײַן אויפרעגונג האָט ער ניט באַמערקט, אַז דאָס מיידל האָט זיך שנעל אָפּגעקערט און גענומען לאַכן.

דער פאַ איז אַרײַנגעקומען און, דערזעענדיק דאָס מיידל, האָט ער אויסגעשטרעקט צו איר זײַנע ביידע הענט און איז איר אַנטקעגן געגאַנגען מיט אַ פריינטלעכן אויסגעשריי, אין ענגליש:

— האַלאָ, געליבטע מײַנע!... וואָס מאַכסטו, באַ־יאַמ־קאַ, טײַערע?! ווען ביסטו געקומען פון טוסאָן?

זי איז צוגעלאָפן, אים אַרומגענומען און זיי האָבן זיך צעקושט:

— ערשט היינט אין דער פרי... און נאָך מײַנע עלטערן — איז דאָס מײַן ערשטער וויזיט! — האָט זי געענטפערט אין אַ פּערפעקטן ענגליש.

דייוויד האָט געקוקט אויף זיי אַ היפּשלעך צעטומלטער.

דער פאַ האָט אים פאָרגעשטעלט:

— דאָס איז דייוויד, אונדזערער אַן אָנגעשטעלטער. די מאַ איז פאַרליבט אין אים און קעכלט אים ווי אירן אַ דריטן זון, — ער האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף דער קראָם, — דאָס האָט ער אַלץ איבערגעמאַכט, און איך, אַלײן, דענק אויך, אַז ער איז אַ טײַערער יאַט, — און צו דייווידן האָט ער

אַ זאָג געטאָן: — האָסט, ברודער, געמאַכט אַ גרויסן טעות: באַ־יאַם־קאַ איז ניט קיין נעווועהאָ, נאָר אַ האָפּי. דערצו האָט זי נאָך מיט פיר יאָר צוריק געענדיקט דעם טוסאָן שטאַט־קאָלעדזש און איז אַ לערערין אין דער טיובאַ־סיטי קינדער־שול.

באַ־יאַם־קאַ איז, לאַכנדיק, צוגעגאַנגען, און געגעבן דייווידן די האַנט:

— עס פרייט מיך אייך צו קענען, מיסטער שטערן. די אויסגעצייכנטע רעקאָמענדאַציע פון מיינע טייערסטע פריינט, די דאָגלאַסעס, מאַכן אייך, אייך, טיילוויז, פאַר מיינעם אַ פריינט און, — זי האָט זיך באמת ניט צו לאַכן, — עס טוט מיר אמת לייד, וואָס מיינע בליקן האָבן אייך איבערגעשראָקן.

און דייוויד האָט, לאַכנדיק, איר געדריקט די האַנט:

— אַז... איר האָט זיך אַזוי, אומדערוואַרטעט, אָנגעטראָגן, מיט אייער ברוינעם פערדל, ווי אַ שטורעם־ווינט... און איך וויל אייך אויך וואָרענען, זיך ניט צו פאַרלאָזן, איבּגאַנצן, אויפן פּאַ און דער מאַ׳ס מיינונגען וועגן מיר, נאָר זיך זען אַריינצוכאַפּן אַהער, וואָס אָפטער, און פּרובירן אַליין עס אויס־צוגעפינען.

די מאַ, וועלכע איז שוין צו יענער צייט געשטאַנען נעבן דער טיר, האָט אויפגעכאַפּט דייווידס ווערטער און, נאָכדעם ווי זי האָט זיך צעקושט מיטן גאַסט, האָט זי אַ זאָג געטאָן צום מאַן, אָנווייזנדיק אויף דייווידן:

— דו ווייסט, בעט, אונדזער דייוויד איז שוין גאַרניט אַזאַ אומשולדי־קער בחור, ווי מיר האָבן זיך עס פאָרגעשטעלט. האָסטו זיך געכאַפּט, אַז מיט דיינע לעצטע פאַר ווערטער צו באַ־יאַם־קאַן, האָט ער זי, פשוט, איינ־געלאַדן צו קומען אַהער וואָס אָפטער און זיך בעסער באַקענען מיט אים?!

אַלע האָבן זיך צעלאַכט און באַ־יאַם־קאַ מיט דייווידן האָבן דערביי, ווי קענגן זייער איגענעם ווילן, טיף אַריינגעקוקט איינער אין צווייטנס אויגן.

דאָגלאַס האָט פאַרשלאָסן די טיר פון קראַם און אַלע זיינען אַרויס אויף דער טעראַסע עסן וועטשערע. אָבער נאָך איידער די מאַ האָט גענומען דער־לאַנגען צום טיש, איז באַ־יאַם־קאַ אַראָפּ אין הויף, אַ פייף געטאָן און דאָס ברוינע פערדל, מיטן ווייסן פלעק אויפן שטערן, איז שוין געשטאַנען פאַר איר, צופרידן געדרייט מיטן עק און איר געקוקט אין די אויגן. זי האָט אַרויסגענומען דאָס צוימל פונעם פערדס מויל, עס צוגעפירט צו דער וואַ־סער־רער און, מיט דייווידס הילף, אָנגעפילט אַ עמער מיט וואַסער און, בעת דאָס פערד האָט געטרונקען, האָט זי דייווידן אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, האָט איר ליב פערד?

— כ׳ווייס ניט, — האָט דייוויד צענומען מיט די הענט, — כ׳בין אין מיין ניו־יאָרקער לעבן קיינמאָל ניט געקומען אין באַרירונג מיט זיי... אָבער אויף וויפל כ׳האָב געהערט, און דערצו, זעענדיק די ליבשאַפט פון אייער

פערד צו איך, בין איך זיכער, אַז זיי זיינען זייער אינטעליגענטע באַשע־פעניש ...

— דאָס איז ריכטיק, מיסטער שטערן, — האָט זי אַ צופרידענעם שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — פערד זיינען פונקט אַזוי אינטעליגענט ווי הינט.

— איך שטים איין מיט איך, אָבער טוט מיר אַ טובה און רופט מיך ניט מיסטער שטערן, נאָר מיטן זעלבן פשוטן נאָמען ווי די דאָגלאַסעס רופן מיך — דייוויד.

— גוט, דייוויד! — האָט זי אַ לאַך געטאָן, — און מיין נאָמען איז באַ־יאַמ־קאַ. אויף אונדזער „האָפּי״־לשון מיינט עס: אַרויסגעקומען פונעם וואַסער ...

— מיינט עס, איך קאַלט ווי אַ פיש? — האָט ער אַ שפּאַס געטאָן.

— ניין, פונקט דער היפך: אַ געפּאַר, פּאַר וועלכער מען דאַרף זיך שטאַרק היטן! — האָט זי אים, שמייכלענדיק, אָפּגעענטפערט.

— אַ דאַנק פּאַר דער וואָרנונג! — האָט ער זיך פאַרנייגט פאַר איר.

דער אָוונט איז שנעל פאַריבער אין פריילעכע געשפּרעכן און אין אינ־טערעסאַנטע דעריבערונגען. דורך דער צייט האָבן, סיי באַ־יאַמ־קאַ, אַזוי אויך דייוויד — עטלעכע מאָל איבערגעכאַפּט זייערע אויפמערקזאַמע בליקן איינער אויפן צווייטן:

אַרום צען אַזייגער האָט דער פּאַ אַ זאָג געטאָן:

— באַ־יאַמ־קאַ, ס׳איז שוין צייט פאַר דיר צו פאָרן אַהיים, — ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דער אַרומיקער פינצטערניש: — מיר׳ן דיך צו־פירן אין אונדזער אָטאָמאָביל. מיר׳ן פאָרן לאַנגזאַם און דיין פערדל וועט אונדז נאָכלויפן פון הינטן.

— איך האָף, פּאַ דאָגלאַס, אַז איר דענקט ניט מיך איבערצולאָזן אַליין אין הויז? — האָט זיך דייוויד אָפּגערופן.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— זיכער ניט! — האָט זיך באַ־יאַמ־קאַ אָפּגערופן, — אויב נאָר דאָס קינד וועט צוזאָגן צו זיין שטיל און זיך ניט צו מישן אין די געשפּרעכן פון די עלטערע.

— איך שווער! — האָט דייוויד געענטפערט, צוזאַמענלייגנדיק בײדע הענט אין אַ שבועה.

— איז וואָס־זשע איז אייער באַשולס, טייערע פּאַ און מאַ? — האָט זיך באַ־יאַמ־קאַ געווענדט צו די דאָגלאַסעס.

— איך דענק, אַז איך הויב עס שוין אָן צו פאַרשטיין, — האָט ער אַ קאַ־איבערשרעקן, בלייבנדיק אַליין, — האָט די מאַ, לאַכנדיק, געענטפערט און, מיטאַמאָל האָט זי זיך אויסגעדרייט צום מאַן און האַלב־ערנסט אַ זאָג געטאָן:

— זאג, פא, פארשטייסטו כאטש וואס פאר־א שפיל אט־די צווי יונגע שנעקעס, וועלכע מיר האבן דא ערשט נאר־וואס באקאנט, שפילן עס שוין איצט מיט אונדז?

— איך דענק, אז איך הויב עס שוין אן צו פארשטיין, — האט ער קאמישן צענעם געטאן מיט ביידע הענט, — און דערפאר טאקע לאמיר וואס־שנעלער ארויספארן, איידער זיי הייסן נאך אונדז ביידן בלייבן אין דער היים...

אלע האבן זיך הויך און פריילעך צעלאכט.

מען איז געפארן לאנגזאם אין דער געדיכטער פינצטערניש. דער פא מיט דער מא זיינען געזעסן אויף די פאדערשטע צווי פלעצער און באַ־יאמקא מיט דייווידן אויף די הינטערשטע.

אינמיטן וועגן, האט דער פא אפגעשטעלט דעם אטאמאביל נעבן א גרויסן שטיק, פארריכערט א סיגאר און א זאג געטאן:

— וועל, דייוויד, גיב נאר א גוטן קוק אויף אונדזער הימל... האסטו, אין דיין ניו־יארק, געזען אמאל אזעלכע וואונדערלעכע שטערן?

— ניין, מיסטער דאגלאס, — האט דייוויד געענטפערט, נאך א ווײַלע זיך איינקוקן אין הימל, — קיינמאל ניט... — און שטילער צוגעגעבן: — פאראן דא, ביי אייך, זייער א סך וואונדער, וועלכע מען קען ביי אונדז ניט זען... — ער האט ווידער אויפגעהויבן דעם קאפ.

און דער הימל האט אויסגעזען ווי איין ריזיקע, סאמעטענע בעט, אין וועלכער עס האבן, פלאטערנדיק, זיך געהויבן און אראפגעלאזט מיליאנען גאלדענע פישלעך און ביים פאלן פון יעדן פון זיי, האבן קאסקאדן פונקען געשפריצט אין אלע זייטן.

עטלעכע מינוטן האבן אלע געשוויגן, דערנאך האט די מא א זאג געטאן:

— באַ־יאמקא, טו מיר א טובה און זינג פאר אונדז מיין באליבט „לאלי־ביי" לידל: „פואווא־פואווא". איך בין זיכער, אז עס וועט אויך דייווידן שטארק געפעלן.

און באַ־יאמקא האט, נאך א ווײַלע שווײַגן, גענומען זינגען מיט א זיסער אלטא:

„פואווא, פואווא, פואווא... הא־הא־יא־טא...
שאפ־פא־פא־ווי... נע־קוויא־קיאנגא...
פואווא, פואווא, פואווא..."
— שלאף, שלאף, שלאף... אויף די מדבר וועגן...
טראגן די זשוקעס זייערע קינדער אויף די פלייצעס...
פונקט אזוי וועל איך דיך טראגן, קינד מיינס...
שלאף־זשע רואיק, שלאף, שלאף...

און געדאַכט האָט זיך, אַז אויך די שטערן האָבן דערהערט דאָס שיינע, באַנאַכטיקע געזאַנג. דערהערט און זיך נאָך העלער צעשפּריצט מיט זייערע גאָלדענע פונקען און זיך גענומען, לאַנגזאַם, אַראָפּלאָזן אַלץ נידעריקער און נידעריקער, אַלץ נאָענטער צו זיי...

זעקסטער קאַפּיטל

ווי אַ שטורעם ווינט וואָלט זיך אָנגעטראָגן און, מיט אַ מעכטיקן שוואונג, אַ הויב געטאָן סיי באַ־יאַמ־קאַן אַזוי אויך דיקווידן, אין דער הויך, מיטאַמאָל, מינדערוויכטיק געמאַכט אַלץ און אַלעמען אַרום זיי, אַלץ, אַחוץ זייערע געפילן, אַחוץ דעם וואַנזיניקן וואונטש צו זען און הערן איינער דעם צווייטן.

ביים געזעגענען זיך, האָט באַ־יאַמ־קאַ אָפּגעמאַכט מיט די דאָגלאַסעס צו קומען זיי באַזוכן דעם קומענדיקן שבת און מען האָט באַשלאָסן צוזאַמען צו פאָרן אין דעם „סאַגוואַראָ וואַלד“, נעבן דער שטאָט טוסאָן.

זי האָט שוין אָבער אָפּגערופן אויפן צווייטן פרימאָרגן און די מאַ האָט גענומען דאָס טריבל:

— האַלאָ, ווער רעדט עס?

— איך — באַ־יאַמ־קאַ.

— האָט עפּעס פּאַסירט?

— קיין זאַך ניט, — איר קורצער, זאַפטיקער געלעכטער האָט זיך, ווי אַ גאָס געטאָן פונעם טריבל, — כ'האָב בלויז געוואָלט וויסן, ווי אַזוי איר זענט עס נעכטן דערפאָרן אַהיים?

— זייער גוט. ניט דעם ערשטן מאָל.

— וואָס מאַכט דער פּאַ?

— פיין. ער קלייבט זיך צופאָרן קיין פלעגסטעף נאָך אַביסל סחורה.

— און וואָס מאַכט דיקוויד... דאָס קינד אייערס?... ניט געוויינט ביינאַכט?

— ווער ווייסט אים: ער שלאָפט ווייט פון אונדז, אין זיין באָנגאַלאָ. אָט וועל איך אים צושיקן, וועט ער דיר אַליין אַלץ דערציילן.

— ס'איז ניט נויטיק, מאַ... מען דאַרף ניט! — האָט זיך „באַ־יאַמ־קאַ, ווי פאַר עפּעס דערשראָקן.

אָבער דיקוויד איז שוין געשטאַנען נעבן טעלעפאָן און די מאַ האָט, שמייכלענדיק, אים איבערגעגעבן דאָס טריבל:

— נאַ, ענטפער איר אַליין.

— גוטער מאָרגן, באַ־יאַמ־קאַ! — האָט זי דיקוויד באַגריסט, פילנדיק ווי דער גאַנג פון זיין האַרצן האָט אים גענומען אָפּהילכן אין די אויערן, —

ווי פילסטו? ווי אַזוי ביסטו געשלאָפֿן?

— אַ דאַנק. איך פיל גוט און בין אויך ניט שלעכט געשלאָפֿן. און דו?

— כ׳האָב אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט צוגעמאַכט: אַלץ געטראַכט וועגן דיר און דיין ברוינעם פערדל, מיטן ווייסן פלעק אויפֿן שטערן?

— וועגן וועמען מער? — האָט זי געלאַכט, — האָסט שוין ניט געהאַט קיין וויכטיקערע באַשעפֿענישן פון וועמען צו טראַכטן?

— ס׳וויזט אויס אַזוי... דערצו קלינגט מיר נאָך אויך איצט אין די אויערן דיין פיינע אַלטאָ, זינגענדיק: „פּואוואַ, פּואוואַ, פּואוואַ... האָ־האָ־יאַ־טאָ“... אַ פיינע שלאָף־ליד.

— אָלראַיט!... — האָט זי, מיטאַמאָל, אַ זאָג געטאָן שוין מיט אַן ערנסטן טאָן, — מיר׳ן שוין שפּאַסן אַ צווייטן מאָל... קומענדיקן שבת... בלייב געזונט!

— וואַרט צו אַ מינוט! — האָט ער זי געפּרואווט פאַרהאַלטן, אָבער פון דער צווייטער זייט האָט זיך שוין דערטראָגן דער קלאַפּ פונעם טרייבל.

אין דער צייט, וואָס דייוויד האָט גערעדט מיט באַ־יאַמ׳קאַן האָט די מאַ אַ פיל־באַדייטנדיקן קוק געטאָן אויפֿן מאַן און ער האָט איר געענטפערט מיט אַ צושטימיקן שאָקל מיטן קאָפּ.

מיטוואָך פאַרנאַכט איז באַ־יאַמ׳קאַ, אומדערוואַרטעט, אָנגעקומען אין איר קליינעם, רויטן „ראָודסטער“. אַלע האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט איר און זי געבעטן צו בלייבן אויפֿן אָוונט. זי האָט זיך אָבער אַנטזאָגט, אַנטשולדיקנדיק, אַז זי איז בלויז געקומען קויפֿן אַן האַלדז־באַנד, פאַר אַ חברטע, אַ לערערין, צו יענערס געבוירנטאָג.

זי האָט אויסגעזען בלייכער ווי געוויינלעך און, אויסקלייבנדיק דעם האַלדז־באַנד, האָט דייוויד אַ פּאָר מאָל איבערגעכאַפּט אירע אָנגעשטרענגטע בליקן אויף זיין פּנים.

— אַנטלויף ניט אַזוי שנעל, באַ־יאַמ־קאַ! — האָט ער זי שטיל אַ בעט געטאָן, — און דערביי אַ לייכטן גלעט געטאָן איר האַנט.

— פאַרוואָס? — האָט זי, כמעט ווי שטרענג, אַ פרעג געטאָן.

— ווייל איך בענק נאָך דיר... כ׳האָב געציילט די מינוטן ביז דיין שבתדיקן קומען...

זי האָט אים אַ שאַרפֿן קוק געטאָן אין די אויגן:

— דענקסטו ניט, אַז ס׳איז עפּעס צו שנעל?... צו פּלוצלונג?...

— כ׳ווייס ניט וואָס צו דענקען, אָבער אַזוי איז עס.

די מאַ איז אַרויסגעקומען פון קיך מיט אַ גלאָז זאַפּט פאַר איר:

— נאַ, טאָכטער, פרישׁ זיך אָפּ אַביסל.

איידער זי האָט זיך אויסגעדרייט צו דער מאַ, האָט זי אויך אַ שנעלן

גלעט געטאָן דיוויד'ס האַנט, וועלכע האָט געהאַלטן דעם האַלדז־באַנד, דער־נאָך גענומען די גלאָז:

— אַ דאַנק מאַ, טייערע! איך דערקוויק מיך יעדעס מאָל, ווען נאָר איך קום צו אייך.

זי האָט באַצאָלט פאַרן האַלדז־באַנד, זיך אַנטשולדיקט פאַר די דאָג־לאַסעס, וואָס זי קען ניט בלייבן צוליב דער חבר'טעס געבורטסטאָג און איז אַרויס פון קראָם.

דיוויד איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און איר נאָכגעקוקט, ביז דער ווייטער „ראָודסטער" איז פאַרשוואונדן ביי אַן אויסבויג פון וועג.

צוויי מאָל האָט זי אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף צוריק און דעם לעצטן מאָל אויך אַ מאַך געטאָן צו אים מיט דער האַנט. ער האָט איר געענטפערט מיט אַ לופט־קוש.

דעם באַשטימטן זונטיק, פונקט אַכט אַזייגער אין דער פרי, איז שוין באַ־יאַמ־קאַ געזעסן, מיט אַ בוך אין האַנט, אויף דער וועראַנדע פון די דאָג־לאַסעס הויז און געוואַרט ביז זיי וועלן זיך אויפכאַפּן. אַ באַקאַנטער „האָפּי" האָט, פאַרנדיק קיין פלעגסטעף, זי מיטגענומען און אַראָפּגעלאָזט נעבן דער קראָם.

ביים פרישטיק, איז זי דעם מאָל, געווען זייער אויפגעלייגט, געהאַלטן אין איין לאַכן און שטיפן און ווען די מאַ האָט גענומען דערציילן דיוויד'ן וועגן אַן האָפּי „קאַטשינאַ" טאַנץ (אַ רעליגיעזער ליאַלקע־טאַנץ), וועלכן זי האָט צוזאַמען מיטן פאַ, ביגעוואוינט מיט אַ צייט צוריק, האָט באַ־יאַמ־קאַ אילוסטרירט דעם טאַנץ מיט אַלע דעטאַלן.

נאָכן פרישטיק איז מען אַוועקגעפאָרן אין „סאַגוואַראָ" וואַלד, וואו טויזנ־טער ריזיקע קאַקטוסן, אַלע אַזעלכע מאָדנע, ערנסטע, איינגעפרעסטע אין זייערע גריבער, ווי לעדערנע, פאַנצערן, מיט זייערע קיילעכדיק־גראָבע, אויס־טערלישע צווייגן־הענט, געווענדט צום הימל — האָבן זיך צעשפּרייט אויף אַ שטח פון צענדליקער מייל'ן.

געקומען אַהיים איז מען, ווען ס'האָט שוין גענומען טונקל ווערן און ווען דער פאַ האָט, נאָך דער וועטשערע, פאַרגעלייגט אַלעמען, פונקט ווי דעם לעצטן מאָל, אָפּפירן באַ־יאַמ'קאַן אַהיים, קיין טיובאַ־סיטי, וואו זי האָט געוואוינט מיט אַ צאָל אַנדערע לערערינס, נעבן דער שול, האָט די מאַ אים אָפּגעשטעלט:

— ניין, טייערער... איך פיל זיך זייער מיד און דו, מן־הסתם, אויך דאָס זעלבע... זאָל דיוויד זי אָפּפירן... ער ווייסט אויסגעצייכנט דעם וועג.

דער פאַ האָט צוערשט ברייט צעעפנט זיינע גרויסע, גרויע אויגן, אָבער זיך גלייך געכאַפּט, וואָס די פרוי מיינט און צוגעגעבן:

— איך דענק, אַז דו ביסט גערעכט, טייערע... איך פיל זיך טאַקע היפּשלעך מיד.

דייוויד מיט באַ־יאַמ־קען האָבן געשוויגן, אָבער עס האָבן ביי ביידן אויפ־געציטערט די הערצער און ס'האָט זיי פאַרכאַפּט דער אָטעם. און ביידע האָבן זיך אויך, אינצייטיק, ווי פאַרשעמט, וואָס די מוטער האָט זיי ווי געכאַפּט ביי דער האַנט, אויפגעדעקט זייערע געהיימסטע ווינטשן. ביידע האָבן זיי געוואָלט ניט איינשטימען מיט דער מאַס פאָרשלאַג, אפילו צו פּראָ־טעסטירן קעגן אים, אָבער זיי האָבן געשוויגן, בלויז שוואַך געשמייכלט, פילנדיק, אַז פּראָטעסטירן וועט זיין ליגנעריש, ניט אויפריכטיק פון זייער זייט קעגן אַזעלכע וואונדערלעכע פריינט ווי פּאַ און מאַ, וועלכע וועלן עס, סיי־ווי פאַרשטיין.

האָבן זיי ביידע געשוויגן, ניט געקענט אַראָפּטרייבן די שולדיקע שמייכ־לען פון זייערע פּנימער און אויסגעמידן צו קוקן איינער אויפן צווייטן.

— גוט, — האָט דייוויד, ענדלעך, צוגעשטימט, — מיר'ן פאָרן אַליין, אָבער זיכער וואָלט אַוודאי געווען, ווען איר פאָרט מיט מיט אונדז... — ער האָט אַ קורצן לאַך געטאָן, — ווער ווייסט, וואָס קליינע קינדער קענען נאָך אַמאָל אָפּטאָן, פאַרנדיק שפּעט ביינאַכט אַליין אין אַ מדבר?

— דייוויד איז גערעכט, — האָט באַ־יאַמ־קאַ, מיט אַ שמייכל, זיך אָפּ־גערופן, — פאָלגט מיך און פאָרט, בעסער, מיט אונדז.

— אַ צווייטן מאָל, קינדער! — האָט די מאַ, מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל, זיך אָפּגערופן, — היינט זיינען מיר צו מיד.

— אמת, — האָט דער פּאַ צוגעגעבן, — פאַרגעסט ניט, אַז איך האָב היינט געטריבן די מאַשין סיי אין סאַגוּאַראָ פּאַרק, אַזוי אויך אַהיים און איר זענט זיך געזעסן, ווי פּוילענצערס...

— אַ גוטע נאַכט, קינדער! עס ווערט שפּעט! — האָט די מאַ זיי אונ־טערגעאיילט.

זיבעטער קאַפּיטל

דייוויד האָט לאַנגזאַם געטריבן דעם אָטאָמאָביל. באַ־יאַמ־קאַ איז געזעסן אָפּגערוקט פון אים און ווי אויפמערקזאַם געהיט דעם רעכטן זייט פון וועג. ווען זיי האָבן דערגרייכט דעם זעלבן גרויסן, רויט־ברוינעם שטיק, וואו פּאַ דאָגלאַס האָט לעצטן מאָל געהאַט זיך אָפּגעשטעלט, האָט דייוויד שטיל אַ פרעג געטאָן:

— זיך, אפשר, אָפּשטעלן דאָ אַביסל?

— באַ־יאַמ־קאַ האָט אַ צושטימיקן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

ער האָט אַראָפּגעפּירט די מאַשין פונעם הויפּט־וועג און זי אַוועקגע־שטעלט אין שאָטן פון שטיין.

ס׳איז אויך איצט, פונקט ווי דעם לעצטן מאָל, געווען אַ פינצטערע נאַכט און דער שוואַרץ־סאַמעטענער הימל האָט געפלאַטערט מיט מיליאָנען שטערן.

ער האָט זיך, מיטן גאַנצן קערפּער, אויסגעצויגן אויפן זיץ־פּלאַץ, טיף אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו איר:

— פון וואָס טראַכסטו אַזוי אָנגעשטרענגט, באַ־יאַמ־קאַ?... וואָס מאַ־טערט דיך?

— אַ היפּשע צאָל זאַכן... גאָר אַ היפּשע צאָל... — האָט זי פאַרטראַכט געענטפערט.

— פאַרוואָס זאָלסטו זיך ניט טיילן מיט מיר?... אפשר קען איך דיר אַרויסהעלפן?

זי האָט זיך אַ ווײַלע איינגעקוקט אין זיין פּנים, דערנאָך זיך, אַנטשלאָסן, צוגערוקט צו אים: — זאָג מיר, דייוויד, און כ׳בעט דיך, דעם אמת: האָסטו אימעצן איבערגעלאָזט אין דער היים?... כ׳מיין, אימעצן, וועמ עס וואַרט... בענקט נאָך דיר?

ער האָט, פאַרשנדיק, זיך איינגעקוקט אין איר פּנים:

— איך פאַרשטיי ניט אינגאַנצן קלאָר: אויב דו מיינסט משפּחה — איז דער ענטפער יאָ. אויב דו מיינסט — אַ פרוי, צי אַ געליבטע — איז דער ענטפער אַ נעגאַטיווער... אמת, כ׳האָב, מיט אַ צייט צוריק, דורכגעלעבט אַ שטיקל טראַגעדיע, ווען כ׳האָב זיך דערוואוסט, אַז מיין „מיידל" האָט מיך גענאַרט מיט אַ צווייטן, אָבער מיין לאַנגער שפּאַציר איבערן לאַנד האָט מיך אויסגעהיילט פון דעם, ווי אינגאַנצן, אויסגעמעקט דעם טרויעריקן פאַקט פון מיין זכרון.

מיט פאַרשנדיקע בליקן האָט זי זיך איינגעקוקט אין זיין פּנים:

— זאָג, איז זי געווען אַ שיינע... זייער אַ שיינע, דיין מיידל?... ווי אַזוי האָט זי געהייסן?... ווי לאַנג, אַז עס האָט פּאַסירט?... ווי קומט עס, וואָס זי האָט דיך, אַזאַ שיינעם בחור, פאַרלאָזן?... און וואָס האָט דיך גע־צוואונגען זיך אַ לאָז צו טאָן שפּאַנען איבערן לאַנד? — זי האָט ניט אָפּגע־ווענדט אירע אויגן פון אים.

— לילי איז געווען איר נאָמען, — האָט ער, כמעט ווי מיט אַ פריילעכן שמייכל, געגומען דערציילן, — און געווען איז זי אַ גאַנץ שיינע, אָבער אין פאַרגלייך מיט דיר, האָט זי אויסגעזען, פונקט ווי די בלייכע, ניר־יאָרקער שטערן אַנטקעגן אייערע, די אַריזאָנער... פּאַסירט האָט עס מיט אַ זיבן חדשים צוריק און גענאַרט האָט זי מיך מיט ניט קיין איבעריק שיינעם פריינט מיינעם, וועמענס פאָטער האָט אָבער פאַרמאָגט עטלעכע גאַסן מיט זעקס־שטאָקיקע הייזער... און דעם שפּאַציר איבערן לאַנד האָט מיר, אַלס מעדי־

צין, צוגעשריבן אַ שיקאַגער פּסיכיאַטער, טאַקע מיין שוועסטערס מאַן...
צוערשט האָט ער מיך געוואָלט נעמען מיט זיך אויף אַ רייזע איבערן לאַנד אין זיין אָטאָמאָביל מיט דער פאַמיליע, אָבער שפּעטער באַשלאָסן, אַז דאָס בעסטע פאַר מיר וועט זיין זיך אַרויסצולאָזן אין וועג אײנער אַליין... ער האָט געגלויבט, אַז דאָס טאָג־טעגלעכע באַרירונג מיט נייע מענטשן און נייע סיטואַציעס וועט זיין דאָס בעסטע מיטל פאַר מיר. איך האָב אָנגענומען זיין פאָרשלאָג און... — ער האָט, מיט אַ פרייליכן שמייכל, צענומען ביידע הענט, — און איך פיל זיך פולקאָם אַן אויסגעהיילטער.

זי האָט געשוויגן אַ ווײלע, זיך ווי איינגעטראַכט און געמאָסטן זיינע ווערטער, דערנאָך זיך אַ האַסטיקן צי געטאָן צו אים. ער האָט זי אַריינגענו־מען אין זיינע אָרעמס און זייערע קערפּערס האָבן זיך ווי צוזאַמענגעגאָסן.

און די טויזנטער שטערן האָבן זיך פון הימל, בליץ שנעל, איבערגעטראָגן אין זייערע ברוסטן און פאַרגעזעצט דאָרטן זייער שטראַליקן טאַנץ.

דערנאָך איז מען, דאַכט זיך, לאַנג, לאַנג געזעסן, געשוויגן, זיך איינ־געהערט אין גאַנג פון זייערע הערצער און אין די ביינאַכטיקע קלאַנגען פון מדבר.

מיטאַמאָל האָט זי זיך וועגן עפּעס דערמאָנט און אַ הויב געטאָן צו אים אירע אויגן:

— זאָג, פאַרוואָס האָט דער פאַ אַנומעלטן דערמאָנט, אַז דו וועסט פאַר־בלייבן אַרבעטן ביי אים בלויז זעקס חדשים?

— ריכטיק. דאָס איז אָבער געווען אונדזער אָפּמאַך ביז דיין אַריינרייסן זיך אין מיין לעבן אויף דיין ברוינעם פערדל, מיטן ווייסן פלעק אויפן שטערן... און איצט וועט מען דאַרפן אָנפאַנגען גאָר אַ נייע צייט־רעכענונג...

זי האָט זיך שטיל און נחת׳דיק צעלאַכט:

— יאָ, אַ נייע צייט־רעכענונג... — און צוגעגעבן: — און דו געדענקסט, אפילו, דעם ווייסן פלעק אויף מיין פערדלס קאָפּ?

ווידער אַ לאַנגער וואָנזיניקער קוש, דערנאָך אַ זיסער, פלאַטערנדיקער דרימל.

מיטאַמאָל האָט זי אַ האַסטיקן הויב געטאָן דעם קאָפּ, געעפנט דעם מויל, ווי עפּעס צו זאָגן אָדער פרעגן, אָבער קיין וואָרט ניט אַרויסגעזאָגט, בלויז די אויגן אירע האָבן אויסגעדריקט שרעק.

— וואָס איז געשען, באַ־יאַמ־קאַ? וואָס ווילסטו פרעגן? — האָט ער זיך צוגעבויגן צו איר.

— זאָג, — האָט זי אָנגעהויבן, — ס׳איז פאַר מיר זייער אַ פּיינלעכע פראַגע... כ׳האָב שוין ניט איין מאָל געטראַכט וועגן דעם... אָבער היינט, דאָ, מיט דיר, איז עס מיר אינגאַנצן אַרויס פון קאָפּ... כ׳וויל דיך בעטן

מיך צו פאַרשטיין... מיך...

— אום גאָטעס ווילן, שרעק מיך ניט! — ער האָט זי אַ נעם געטאָן פאַר די אַקסלען מיט זיינע ביידע הענט, — פרעג! וואָס ווילסטו וויסן?!

— איך וויל וויסן... — האָט זי אָנגעהויבן און יעדעס וואָרט אירס איז געפאַלן שווער און איז געווען, ווי באַזונדער אָפּגעהאַקט, — איך וויל וויסן וואָס איז דיין גלויבן?... דו וועסט עס, אפשר, ניט פאַרשטיין, אָבער... פאַר אונדז, אינדיאַנער, איז עס זייער... זייער אַ פייגלעכע פראַגע... ביסטו אַ קאַטאָליק... אַ פּראָטעסטאַנט... אַ...?

אַ הילכיקער געלעכטער איז געווען זיין ענטפער.

— וואָס לאַכסטו אַזוי? — האָט זי זיך געוואונדערט, — דו פאַרשטייסט, אפשר, ניט מיין פראַגע...

ער האָט אויפגעהערט צו לאַכן:

— נאַרישע מיידל! אויף וויפל ס'איז מיר באַקאַנט, דאַרפסטו ניט זיין זייער שטאַרק פאַרליבט אין אַלע קריסטלעכע רעליגיעס... און טאַקע דערפאַר קען איך דיך בארואיקן, אַז איך בין אינגאַנצן ניט קיין קריסט — איך בין אַ ייד.

באַ־יאַמ־קאַ האָט זיך, מיטאַמאָל, אַ האַסטיקן הויב געטאָן פון אָרט, אויסגעשטרעקט ביידע הענט צום הימל און אַ הויכער, באַלייכטנדיקער, קרעכץ, אָדער, גיכער, אויסגעשריי, האָט אָפּגעהילכט אין דער אַרומיקער וויסטע.

איצט האָט שוין דיוויד געקוקט אויף איר מיט ניט פאַרשטייענדיקע אויגן, ער האָט זיך אויך אויפגעשטעלט און זי אַרומגענומען:

— וואָס מיינט דיין אויסגעשריי, באַ־יאַמ־קאַ?... איז עס גוט צי שלעכט?

— גוט!... אויסגעצייכנט!... — האָט זי שטיל גערעדט, ווי צו זיך אַליין, — אויסגעצייכנט! איך בין גליקלעך ביז משוגעת... „עס־קוואַ־לי“ (אַ דאַנק), טויזנטער דאַנקען דיר!... — זי האָט אים אַרומגעכאַפּט און פאַרגראָבן דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט.

ער האָט צוגעוואָרט אַ פּאָר מינוטן, דערנאָך, מיט ביידע הענט, אויפגעהויבן איר קאָפּ, איר אַריינגעקוקט אין די אויגן:

— מאַך מיר אַלץ קלאָר, טייערע... וועגן וואָס האַנדלט זיך עס דאָ?... זיי זיכער, אַז כ'וועל דיך פאַרשטיין... לאָמיר זיך אַוועקזעצן.

זיי האָבן זיך צוריק אַוועקגעזעצט.

זי האָט אָפּגעווישט די טרערן און שטיל גענומען רעדן:

— דו, דיוויד, ביסט דער ערשטער מענטש אין דער וועלט פאַר וועמען איך עפן איצט מיין האַרץ... — זי האָט געשוויגן אַ ווײַלע און ווייטער גענומען רעדן: — דו ווייסט, אַז איך בין אַ אינדיאַנערין פונעם האָפּי שבט און גלויב, אַז איך קען אויסגעצייכנט מיינע אינדיאַנער מיט זייער לעבנס־

פילאָסאָפיע, מיט זייער רעליגיע און אבערגלויבנס. איך בין, פון שטענדיק אָן, געווען איינע פון די בעסטע שילערינס אין אַלע מיינע שולן, אַריינגערעכנט דעם אַריזאָנער שטאַט קאַלעדזש, וואו כ׳האָב געענדיקט אויף לערערין. רעליגיע ביי פאַרשיידענע פעלקער און שבטים — איז געווען מיין באַליבטער און אויך פיינלעכער געגנשטאַנד. צענדליקער ביכער האָב איך איבערגעלייענט וועגן די לעבן־שטייגערס און גלויבנס, כמעט ווי פון אַלע פעלקער פון דער וועלט. כ׳האָב זיך אויך, אויפמערקזאַם, צוגעהערט צו די דרשות פון אַלע מינים מיסיאָנערן, וועלכע פאַרפלייצן אונדזערע רעזערוואַציעס, יאָגן זיך נאָך אונדזערע אָרעמע, אינדיאַנישע נשמות און ווילן זיי, אָפט מיט כוח, אַריינשפאַרן אין זייער קריסטלעכן גן־עדן... אמת, מיר האָפּיס, האָבן, כ׳ווייס ניט צוליב וואָס פאַרא היסטאָרישע סיבות אויסגעקליבן די שלאַנג אַלס אַ רעגן־שליח צו די געטער, אָבער זייבען מיר דען די איינציקע אויף דער וועלט, וועלכע פאַרהייליקן פאַרשיקדענע מינים באַשעפענישן?... מיר זיינען „האָפּיס" — האָט זי אונטערגעשטראָכן — און די ווערטער „האָפּיטאַ־שינומאָ" מיינען דאָס פאָלק פון שלום... מיינען — מענטשן־ליבע, מיינט: „ליב דיין שכן ווי זיך אַליין"... ווי יעזוס האָט געפּרידיקט... אויב אַזוי, האָבן מיר דאָך דערגרייכט אָט דעם אידעאַל, וועלכן ער ווייסט, מיט וויפל הונדערטער יאָרן נאָך פריער, נאָך פאַר יעזוסן... דערצו פירן מיר דאָך דורך דעם ליבשאַפט־פּרינציפּ אין לעבן, בייטן אים ניט אויס אויף קיין גאָלד ווי זיי, די קריסטן, טוען עס גאַנץ אָפט... און וואָס פאַר אַ פאַרברעכן איז, אויב אונדזערע און אַנדערע אינדיאַנער שבטים פּוצן אויס זייערע לייבער אין צייט פון זייערע יום־טובים, מיט פאַרשיידענע פאַרבן און דריקן אויס זייערע געבעטן צו די געטער מיט לידער און טענץ? פּוצן זיך דען ניט זייערע אייגענע גלחים, אין צייט פון זייערע גאָטעס דינסט, אין קליידער, באַפּוצטע מיט זילבער, גאָלד און קאָסטבאַרע פיל־פאַרביקע שטיינער?

— געננוג, באַ־יאַמ־קאַ, — האָט ער זי אַ בעט געטאָן, — איך פיל, אַז דיינע רייד קאָסטן דיך געזונט.

— לאָז מיך, — האָט זי געבעטן, — כ׳האָב אַזוי פיל יאָרן געשוויגן.

זיי זיינען געזעסן שטיל אַ פּאָר מינוט, דערנאָך האָט זי ווידער גענומען רעדן:

— איך בין זיכער, אַז דו, פונקט ווי די גרעסטע צאָל פון גוטע, ווייסע מענטשן, זיינען ווייניק וואָס באַקאַנט מיט דער בלוטיקער, האַרצרייסנדיקער, געשיכטע פון אַלע אינדיאַנישע שבטים אין אָט־דעם לאַנד אונדזערן, וואָס הייסט אַמעריקע. צי ווייסטו, אַז ווען די ערשטע ווייסע מענטשן זיינען געקומען האָבן מיר זיי אויפגענומען מיט פריינטשאַפט, כמעט ווי האַלבע געטער און זיי געהאָלפן זיך איינאָרדענען? גיך האָבן זיי אָבער אונדז גענומען

באַהאַנדלען ווי ווילדע חיות, געגומען באַראַבעווען, צונעמען אונדזער בעסט לאַנד, אונדז אויסמאָרדן מיט זייערע ביקסן און קאַנאָנען... און מיר האָבן, מיט שרעק, זיך איבערצייגט, אַז זייער אמתער גאָט איז ניט אין הימל, נאָר אויף דער ערד, און ניט יעזוס איז זיין נאָמען, נאָר — גאָלד...

— כ׳בין אַביסל באַקאַנט מיט אייער געשיכטע, — האָט ער אַ זיפץ געטאָן, — מען וועט זיך איצט דאַרפן באַקענען פיל מער.

זי האָט אַ שטילן, שפּאָטישן לאַך געטאָן:

— דו ווייסט, דייוויד, צייטנווייז פיל איך פונקט ווי איך וואָלט אַ צווייטנ־דיקער מענטש געווען: פון איין זייט האָב איך טייערע, אינטימע, ווייסע פריינט, ווי די דאַגלאַסעס, אַ צאָל פּראָפעסאָרן פון קאַלעדזש, אויך סטודענטן, וועמען איך גלויב זייער שטאַרק. אָבער פון דער צווייטער זייט, ליגט אין מיר שטענדיק באַהאַלטן עפּעס אַ פאַרדאַכט, אַז אין דער מינוט פון אַן אויפרעגונג, אָדער קריגערײַ — וועלן זיי מיר אַ וואַרף טאָן אין פּנים מיין אינדיאַנישן אָפּשטאַם... קענסטו עס פאַרשטיין?

— זיכער קען איך, — האָט ער אַ לאַך געטאָן, — מיר, יידן, געפינען זיך אין אַ ענלעכער לאַגע אין באַצוג צו אונדזערע קריסטלעכע פריינט.

— ריכטיק — האָט זי צוגעגעבן, — איך האָב געלייענט, אַז די נאַציס האָבן אויסגעשאָכטן און אין זייערע גאַז־אויוונס אומגעבראַכט אַריבער זעקס מיליאָן יידן: מענער, פרויען און קליינע קינדער... אויך טויזנטער פון אַנדערע פעלקער. פרעג איך דיך טאַקע, פאַרוואָס האָט די גאַנצע, קריסטלעכע וועלט, אַריינגערעכנט די קלויסטערס, געשוויגן?!...

— ריכטיק! — האָט דייוויד צוגעגעבן, — צייטנווייז טראַכט איך, אַז ווען היטלער, דער בלוט־דורשטיקער מאַניאַק, וואָלט געהאַט אַ מאָס, וואָלט געוואוסט וואו און ווען זיך אָפּצושטעלן, וואָלט די קריסטלעכע וועלט נאָך שלום געמאַכט מיט אים און דער דריטער רייך וואָלט נאָך ביז איצט באַ־שיינט מיט זיינע סוואַסטיקאַ־פאָנען, די דייטשע אַמבאַסאַדעס איבער דער גאַנצער וועלט.

— ריכטיק, — האָט זי צוגעגעבן, — און איך וויל דיר אויך זאָגן, אַז כ׳בין אַביסל באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דיין יידיש פאָלק.

— עס פרייט מיך דאָס צו הערן, אָבער איך דענק, אַז אויף היינט איז גענוג... — האָט ער אַ זאָג געטאָן, צוציענדיק זי צו זיך.

— יאָ, האָט זי טיף אָפּגעזיפצט, — כ׳האָב נאָך, דאַכט זיך, אין מיין גאַנצן לעבן ניט גערעדט, אויף איין מאָל, אַזוי פיל ווי היינט. — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַרבייפאָרנדיק דעם שלאָפנדיקן אינדיאַנישן דאָרף „מאַענקאָפּי“, האָט זי אים אָנגעוויזן אויף איינעם פון די נידעריקע, פלאַך־דאַכיקע, ליימענע שטיבלעך:

— אָט דאָ וואוינען מײנע עלטערן. אין אָט דעם שטיבל בין איך אויסגעוואַקסן. דעם פאָטערס נאָמען איז „האָנ־ווײ־טי־וואַ" און דער מוטערס — „קיאָ־מאַ־נאַ" (קאָרן־מיידל). זיי זיינען ביידע איינפאַכע, ערלעכע מענטשן, טרייע צו זייער אַלטן גלויבן. כ'וועל דיך, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, באַקענען מיט זיי.

— אויסגעצייכנט. קענסט עס טאָן, ווען נאָר דו וועסט עס געפינען פאַר פאַסיק.

מיט פינף מינוטן שפעטער זיינען זיי שוין אַריינגעפאָרן אין „טיובאַ־סיטי", דעם הויפט־שטעטל פון געגנט, וואו עס האָבן זיך געפונען די רעגי־רונגס אינסטיטוציעס, דער שפיטאָל און די גרויסע, קינדער־שול. ער האָט אָפּגעשטעלט דעם מאַשין פאַר דער שול־געביידע, וואו די לערערינס האָבן געוואוינט.

באַ־יאַמ־קאַ האָט אים אָנגעוויזן אויף עטלעכע ווייסע, איינשטאָקיקע הייזער, איבערן וועג:

— זעסט, דייוויד, אָט אין יענע הייזער וואוינען אַ צאָל מאָרמאָנישע משפחות. איינער פון די עלטסטע ביי זיי האָט מיר, אַנומעלטן, דערציילט זייער אַ אינטערעסאַנטע געשיכטע וועגן אייערע „צען פאַרלוירענע שבטים". דערמאָן מיך וועגן דעם, ווען כ'וועל דיך ווידער זען.

— גוט, טייערע. דערווייל — אַ גוטע נאַכט! — זיי האָבן זיך אַרומ־גענומען און צעקושט.

— ווייסט? — האָט זי אים שטיל אַ זאָג געטאָן, — איך בין אויסגעוואַקסן אין אָט־דעם שטעטל און בין אויסגעצייכנט גוט באַקאַנט ניט נאָר מיט יעדן הויז אין גאָרטן, נאָר, דאַכט זיך, אויך מיט יעדן שטיינדל אין גאַס, דאָך...
— זי האָט זיך אַרומגעקוקט, — זעט אַלץ ביי מיר איצט אויס פונקט ווי איך וואָלט אַריינגעטראָטן אין עפּעס אַ נייער וועלט...

— ס'איז ריכטיק! — האָט דייוויד באַשטעטיקט, — מיר טרעטן איצט ביידע אַריין אין אַ נייער וועלט, אין אַ ניי לעבן...

אַכטער קאַפּיטל

דריי פּאַסירונגען זיינען איין מאָל אין איין טאָג געשען אין די דאָגלאַסעס „טרעידינג פּאָוסט", אַלע אַזעלכע מאָדנע פאַר דייווידן. די ערשטע — זייער אַ פאַרדריסלעכע, וועלכע האָט אָבער זייער הויך אויפגעהויבן דייווידס פּרעסטיש אין די אויגן פון די נעוועהאָס; די צווייטע — אַ היפּשלעך קאָ־מישע, אָבער זייער אַ באַלערנדיקע; די דריטע — אויך אַן אינטערעסאַנטע, אָבער זייער, זייער אַ טרויעריקע.

די ערשטע — האָט פּאַסירט מיטאָג־צייט, ווען דאָגלאַס מיט דער מאַ זיינען געזעסן אויף דער וועראַנדע און געגעסן זייער מיטאָג און דייוויד איז געווען באַשעפטיקט מיטן אויספּילן די צוויי טיש־שאַפּעס מיט ניי־אַריינגע־קראָגענע שטיקלעך צירונג.

אויף דער באַנק און אויפן גראָז פאַר דער קראָם זיינען געזעסן אַ צאָל נעוועהאָס, געמישט מיט האָפּיס און האָבן, ווייזט אויס, לויט די אויפּרייסן פון פרייליכן געלעכטער, דערציילט זיך וויצן. אין קראָם גופא זיינען אויף די צוויי בענק געזעסן פיר מיטליאָריקע נעוועהאָס און זיך אויפמערקזאַם צו־געהערט צו עפּעס אַ געשיכטע, וועלכע אַן אַלטער נעוועהאָ האָט זיי דערציילט.

אַ צאָל פון די אינדיאַנער האָבן שוין געהאַט איינגעקויפט די נויטיקע זאַכן, בעת אַנדערע זיינען, גלאַט אַזוי זיך, געקומען צופאָרן צום „טרעידינג־פּאָוסט", ווי צו אַ קלוב: זיך טרעפן מיט פריינט, הערן אַביסל וועלט־נייעס און אויך היימישע רכילות.

צו דער קראָם זיינען אין יענער צייט צוגעפאָרן צוויי ווייסע יונגע־לייט אין אַן אָפּענעם, העל־גרינעם „ראָודסטער". זיי זיינען אַריין אינעווייניק און זיך געהייסן וויזן קולימעס.

דייוויד האָט צעלייגט פאַר זיי די סחורה, אָבער זיי האָבן מיט מער נייגיר, און אַביסל שוין צו חוצפהדיק, גענומען באַטראַכטן די זיצנדיקע אינדיאַנער און זיך איבערוואַרפן מיט זייער ניט קיין שיינע באַמערקונגען וועגן זייער אויסזען.

דייוויד האָט זיי, זייער שטיל, געוואָרנט, אַז אַ צאָל פון די זיצנדיקע פאַר־שטייען ענגליש.

דערנאָך האָט איינער פון די יונגעלייט אַ פרעג געטאָן:

— צו וואָס פאַר אַ שבט די זיצנדיקע אינדיאַנער באַלאַנגען?

— נעוועהאָס, — האָט דייוויד קורץ געענטפערט.

— איז עס אמת, אַז זיי האָבן מורא פאַר פיש און עסן זיי קיינמאָל ניט? האָט דער צווייטער געוואָלט וויסן.

— כ'האָב קיינמאָל ניט געהערט, אַז זיי זאָלן מורא האָבן פאַר פיש, — האָט דייוויד געענטפערט, — אָבער ס'איז ריכטיק, אַז זיי עסן זיי קיינמאָל ניט.

— פאַרוואָס? — האָבן ביידע, אײנצייטיק, אַ פרעג געטאָן.

און דייוויד האָט איבערגעחזרט, אין קורצן, די מעשה, וועלכע דאָגלאַס האָט אים איין מאָל דערציילט:

— פאַראַן ביי זיי אַ לעגענדע, אַז זייערע געטער האָבן, איין מאָל, אַלס אַ שטראָף, פאַרוואַנדלט אַ צאָל פון זייערע אור־עלטערן אין פיש. נו, ווילן זיי ניט ריזיקירן: האָבן מורא אויפצועסן זייערע אייגענע קרובים.

— אידיאָטן! — האָט איינער אויסגעשריגן.

— ווילדע חיות! — האָט דער צווייטער זיך צעלאַכט אויפן קול.

— וואָס זענט איר פון זיבעט אַראָפּ? — האָט שוין דייוויד, אומגעדול־דיק, אַ זאָג געטאָן, — זיי פאַרשטייען ענגליש און קענען אייך נאָך גוט אָנברעכן די ביינער! און זיי וועלן אויך זיין גערעכט!

— צום טייוול! ווער האָט עס פאַר זיי מורא?! — האָט דער ערשטער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַ זאָג געטאָן צום צווייטן: — קום, וועסטו זען, ווי איך וועל זיי באַלד אָנשרעקן.

— איך וואָרן דיך עס ניט צו טאָן! — האָט שוין דייוויד אַ הויב געטאָן זיין קול.

— ניט דיין זאַך! — האָט אים דער צווייטער אָפּגעענטפערט.

דער ערשטער איז דאַן צוגעגאַנגען צו די פינף זיצנדיקע אינדיאַנער, האָט אַריינגערוקט די האַנט אין קעשענע, זיך ווי באַמיט עפּעס אַרויסצו־שלעפּן פון דאָרטן און אַ זאָג געטאָן צו די זיצנדיקע:

— העי, איר!... איר זעט? איך האָב אין קעשענע אַ לעבעדיק פישל... אויב איר ווילט, וועל איך עס אייך געבן!

און דער צווייטער האָט צוגעגעבן:

— און איך גיב אַ קוואָדער יעדן איינעם פון אייך, וועלכער וועט אויפ־עסן אַ שטיקל!...

די אינדיאַנער האָבן זיך פון אָרט ניט גערירט, געקוקט אויף די צוויי בחורים, ווי מיט האַלב־צוזאַמענגעצויגענע אויגן און בלויז די מוסקולן אי־בער זייערע באַקן־ביינער האָבן זיך שנעל געהויבן און אַראָפּגעלאָזט. דערנאָך האָבן זיך זייערע בליקן, פלינק, ווי אַ גליטש געטאָן אויף דייווידס פנים, פונקט ווי זיי וואָלטן אים געפרעגט אַן עצה, ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין מיט אָט־די צוויי חברה־לייט?

און דייוויד איז דאַן, שוין אַן אויפגערעגטער, אַרויס פון הינטערן פאַר־קויף־טיש, און, אַנטוויזנדיק אויף דער טיר, אויפן קול, אַ זאָג געטאָן:

— איך בעט אייך גלייך צו פאַרלאָזן די קראָם! דאָ מאַכט קיינער פון קיין צווייטן קיין חוזק ניט!

ביידע יונגעלייט האָבן זיך דאַן אַ רוק געטאָן צו אים, מיט אויפגעהויבענע פויסטן, אָבער אין דער זעלבער רגע האָבן די פיר מיטליאַריקע בעוועהאָס, ווי איינער, זיך אַ הויב געטאָן פון זייערע ערטער, געשווינד אַ כאַפּ געטאָן די צוויי בחורים פאַר די קאָלנערס פון זייערע רעקלעך, זיי אַ הויב געטאָן אין דער לופטן און... זיי אַרויסגעוואָרפן פון קראָם.

ביידע בחורים האָבן זיך, איינפאַך, אַ קייקל געטאָן איבער דער זאַמ־דיקער סטעזשקע פון קראָם און די פיר אינדיאַנער זיינען, מיט קליינע טריט, זיי נאָכגעגאַנגען און ניט אָפּגעטראָטן פון ביידע טירלעך פונעם העל־גרינעם

„ראָודסטער“, ביז די צוויי דערשראָקענע חברה־לייט זיינען ניט אריין אין אים און שנעל אַוועק.

דערהערנדיק דעם טומל, איז דאָגלאָס אריינגעקומען אין קראָם און, אויסגעפינענדיק וואָס עס איז געשען, האָט ער אַ צושטימיקן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו די נעוועהאָס און אַ זאָג געטאָן צו דייוויד׃

— אַזעלכע קונים מעגן גיין צום טייוול! —

די צווייטע פּאַסירונג, די קאָמישע — איז געשען שוין פאַרנאַכט צו׃ דאָגלאָס איז, צו יענער צייט, געווען באַשעפטיקט מיט אַ מיטל־יאָריק טוריסטן פּאָרל, ביים צירונג־קעסטל און דייוויד איז געווען פאַרנומען מיט צוויי יונגע, געוויקסיקע נעוועהאָס, וועלכן האָבן איינגעקויפט פּרעזערווירטע שפּייזן.

מיטאַמאָל איז איינער פון די נעוועהאָס, וועלכער איז ביז יענער מינוט געשטאַנען אין דרויסן און געשמועסט מיט אַ צאָל פריינט, שנעל צוגעגאַנגען צו דער טיר פון קראָם, אָנגערופן דייווידס קונים ביי זייערע נעמען און זיי צוגעוואָרפן עטלעכע וואָרנונגס־ווערטער.

און צו דייווידס דערשטוינונג, האָבן זיינע ביידע קונים שנעל אַ וואָרף־געטאָן אויפן טיש און דיל די פּושקעס שפּייז, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן אין די הענט, גענומען לויפן אין דער ריכטונג פון דער קיך און דערביי שיער ניט אומגעוואָרפן דאָס מיטל־יאָריקע פּאָר־פּאָלק, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איינהאַנדלען צירונג ביי דאָגלאָסן.

צוויי האָפּי אינדיאַנער, וועלכע האָבן זיך, צו יענער צייט, געפונען אין קראָם, האָבן זיך צעלאַכט, זיך איבערגעוואונקען און זיך צוגעאײַלט צו דער טיר.

— וואָס איז געשען, מר. דאָגלאָס? — האָט דייוויד אַ פרעג געטאָן.

דאָגלאָס האָט, שמייכלענדיק, אים אָנגעוויזן מיטן קאָפּ אויף דער טיר. ער איז צוגעגאַנגען, אַרויסגעקוקט, אָבער בלויז באַמערקט אויפן וועג אַ וואָגן, געשלעפּט פון צוויי פערד און אין אים צוויי אַלטע, נעוועהאָ פרויען.

— דאָס זיינען די שוויגערס פון דיינע אַנטלאָפענע קונים, — האָט זיך דאָגלאָס צעלאַכט, — אַ פריינט האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זייערע צוויי „שוואַרצע קראָען“, דאָס מיינט, די שוויגערס, קומען אָן — און ער האָט גענומען דערציילן זיין טוריסטן פּאָרל, וועגן דעם נעוועהאָ מנהג שטענדיק אויסצומיידן שוויגערס, ניט קוקנדיק אפילו אויפן פּאַקט, וואָס די איידעמס געפינען זיך אַממערסטן אין די זעלבע הייזער מיט זיי.

— נו און וואָס געשעט, אויב זיי טרעפן זיך דאָרט פּנים צו פּנים? — האָט די פרוי, זיך נייגעריק, נאָכגעפרעגט.

— געשען, געשעט, געווינלעך, גאַרניט, — האָט דאָגלאַס געשמייכלט.

— אָבער זיי גלייבן, אַז פון אַזאַ מין טרעפעניש קען מען אַמאָל נאָך ווערן קראַנק, אָדער, אפילו, בלינד.

די נעוועהאָס, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דרויסן, האָבן, ווייזט אויס, אויך געוואָרנט די צוויי פרויען, אַז זייערע איידעמס געפינען זיך אין קראָם. זיינען טאַקע די שוויגערס, אויפן אָרט פון אָפּשטעלן זייער וואָגן פאַר דער קראָם, גלייך אַריינגעפאָרן אין הויף.

אין דער צייט, זיינען די צוויי אַנטלאָפענע אַריינגעקומען פון קיך צוריק אין קראָם, פאַרנומען זייערע פעקלעך, אַרויף אויף די פערד און אהיים געפאָרן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די דריטע, די אמת־טרויעריקע פּאַסירונג איז געשען אַרום צוויי אַזייגער ביינאַכט, ווען די מדבר׳דיקע שטילקייט איז פלוצלונג איבערגעריסן געוואָרן פון אַ שנעלן טופּן פון פערדישע קלאָען. דאָגלאַסעס און דער מאַ׳ס געניטע אויערן האָט, דאַכט זיך, נאָך אין שלאָף אויפגעכאַפּט די ווייטע קלאַנגען און די מאַ האָט, די ערשטע, אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון קישן.

— הערסטו עפּעס, נעט? — האָט זי שטיל אַ פרעג געטאָן.

— זיכער, הער איך, — האָט ער גלייך געענטפערט, — צוויי נעוועהאָס יאָגן זיך און... איך דענק, אַז אין ריכטונג צו אונדז.

— עס ווייזט אויס אַזוי. האָט די מאַ צוגעשטימט, זי איז אַראָפּ פון בעט און גענומען אָנטאָן דעם נאַכט־מאַנטל, — וואָס דענקסטו האָט געקאָנט פּאַסירן?

— ווער ווייסט זיי, — האָט דאָגלאַס אַ הויב־געטאָן מיט די אַקסלען,

— אפשר עפּעס אַ קריגעריי, אַ געשלעג... אָדער אפשר איז אימיצער פון אונדזערע נעוועהאַ פריינט געשטאָרבן... — ער איז אויך אַראָפּ פון בעט, אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און זיך גענומען אָנטאָן.

ווען די צוויי רייטער האָבן, מיט אימפּעט, אָפּגעשטעלט זייערע פערד ביים סאַמע הויז, האָט שוין דאָגלאַס געוואַרט אויף זיי אויף דער טעראַסע. ער האָט זיי גלייך דערקענט און גלייך באַגריסט:

— האַלאָ, האָט־סי און דו, טסע־אַ־נאַ־לע!... וואָס איז געשען?

— דער זיידע איז זייער קראַנק, — האָט האָט־סי, אַ געוועזענער שילער אין אַ רעגירונגס־שול, געענטפערט אויף ענגליש, — ער האָט נעכטן געבעטן, מען זאָל דיר לאָזן וויסן וועגן דעם.

און טסע־אַ־נאַ־לע האָט, איילנדיק זיך, אים איבערגעשלאָגן:

— ער איז שוין, כמעט, ווי טויט. דער שאַמאַן זיצט נאָך מיט אים, אָבער...

— ער האָט אַ הילפלאָזן מאַך געטאָן מיט דער האַנט און שטילער צוגעגעבן:

— מיר ווילן זאָלסט אונדז העלפן ראַטעווען דעם „האָגאַן” (די וואוינונג).

אַלץ איז איצט שוין געווען קלאָר פאַר דאָגלאַסן. ער איז, איילנדיק זיך, אַריין אין הויז און אַ זאָג געטאָן צו דער פרוי:

— דער אַלטער נאַטי־טעס־טאַהני האָלט ביים שטאַרבן און זיינע צווי זין זיינען עס געקומען מיך בעטן צו ראַטעווען זייער „האַגאַן".

ווען דאָגלאַס איז ווידער אַרויס, שוין צוזאַמען מיט דער מאַ, פון הויז, האָט ער שוין נעבן די רייטער געטראָפן דייווידן, וועלכער האָט אויך דער־הערט דעם אַנקום פון די ביינאַכטיקע געסט און דערזען ליכט אין הויז.

דערוויסנדיק זיך, מער אָדער ווייניקער, וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— מר. דאָגלאַס, איך פאָר אויך מיט אייך! אין אַזאַ פינצטערניש איז אין צווייען אַביסל היימלעכער.

— אין הינזיכט פון געפאַר — איז עס אינגאַנצן ניט נויטיק! — האָט דאָגלאַס געענטפערט, — סיידן עס אינטערעסירט דיך צו כאַפּן אַ קוק אין אינערלעכן לעבן פון אונדזערע שכנים.

— אַזוי צי אַנדערש — איך פאָר מיט! — האָט דייוויד דערקלערט.

— אויב אַזוי, גיי שנעל אַריין אין קאַמער, פאַראַן דאָרטן אַ אַלט, צונ־זאַמענגעלייגט בעטל, פאַרנעם עס צוזאַמען מיט צווי לאַפּטעס און וואַרף אַלץ אַריין אין מאַשין. כאַפּ אויך אַ קוק צי ס'איז פאַראַן גענוג גאַזאָלין.

מיט צען מינוטן שפּעטער האָט זיך שוין איבערן פינצטערן מדבר־וועג געיאָגט אַן אַטאָמאָביל אין דער באַגלייטונג פון צווי נעוואַהאָ־רייטער.

— זאָג, דייוויד, איז פאַר דיר אַלץ קלאָר, וואָס עס קומט דאָ איצט פאָר? — האָט דאָגלאַס געוואָלט וויסן.

— ניין. בלויז טיילווייז.

— דער אַלטער נאַטי־נעם־טאַהני איז מיינער אַן אַלטער גוטער פריינט. ער האָלט איצט ביים שטאַרבן... ער איז זיכער שוין באַוואוסטלאָז... ער האָט, ווייזט אויס, פריער אָנגעזאָגט זיינע צווי זין מיר צו לאָזן וויסן, אַז ער שטאַרבט. דאָס האָט געקאָנט מיינען, אַז ער האָט געבעטן מיין הילף: איך זאָל קומען און אים אַרויסנעמען פון זיין האָגאַן נאָך איידער ער וועט אויס־גיין... ער האָט, ווייזט אויס, געוואָלט ראַטעווען דעם האָגאַן פאַר דער אָרע־מער משפּחה זיינער.

— איך פאַרשטיי נאָך אַלץ ניט, וואָס זיין טויט האָט צו טאָן מיטן ראַ־טעווען דעם האָגאַן, — האָט זיך דייוויד געוואונדערט.

— ווייל קיין נעוואַהאָ וועט ניט בלייבן וואוינען אין אַן האָגאַן, אין וועלכן עס איז געלעגן אַ טויטער... אין פאַל זיי נעמען אים ניט אַרויס אין צייט, וואַרפן זיי איין דעם האָגאַן אויפן טויטן און צינדן אַלץ אונטער...

— פאַרוואָס טוען זיי עס? — האָט דייוויד זיך גע׳חידוש׳ט.

— ווייל זיי גלויבן, אַז „אַטשינדי“ (דער גייסט פון טויטן) וואַנדערט נאָך אַ לאַנגע צייט אַרום זיין געוועזענער היים און אין דער אַרומיקער געגנט און ער האָט ניט ליב מען זאָל אים שטערן.

— איצט פאַרשטיי איך שוין צוליב וואָס איר האָט פאַרנומען מיט זיך דאָס לייוונטענע בעטל מיט די צוויי לאָפּעטעס, — האָט זיך דייוויד געכאַפּט.

— ריכטיק! — האָט דאַגלאַס צוגעגעבן, — אָט קומען מיר שוין אָן... כ׳בין דאָ פריער געווען אַ פּאָר מאָל, אָבער אַלץ אין צייט פון גרויסע יום־טובים.

אַן איינזאַם פייערל אין פעלד האָט זיי ווי אַ שווים געטאָן אַנטקעגן, צוזאַמען מיט די שאָטנס פון צוויי האָגאַנען. איינער פון זיי איז געווען באַלויכטן און פון אים האָט זיך געטראָגן ווי אַ וויינענדיקע, מענערישע שטימע, באַגלייט פון עפּעס אַ מין טרוקענעם קלאַפּן.

— דאָס באַמיט זיך זייער „שאַמאַן“ (דער כשוף־מאַכער) אויפצוהאַלטן דעם אַלטנ׳ס נשמה ביז מיין קומען, — האָט דאַגלאַס אַ זאָג געטאָן, — אַלענפאַלס, עס זעט אויס, אַז מיר האָבן נאָך ניט פאַרשפּעטיקט, — ער האָט אָפּגעשטעלט דעם אָטאָמאָביל און, אַרויסגייענדיק, אַ זאָג געטאָן:

— פאַרנעם מיט זיך דאָס בעטל.

דעם אַלטנ׳ס זין זיינען אויך אַראָפּ פון זייערע פערד און אַלע זיינען, פאַרזיכטיק, צוגעגאַנגען צום באַלויכטענעם האָגאַן.

אינמיטן געצעלט איז, אויף אַ קולים, געלעגן דער שטאַרבנדיקער און מען האָט פון ווייטנס געקענט באַמערקן ווי זיין ברוסט־קאַסטן האָט זיך האַסטיק, געהויבן און אַראָפּגעלאָזט. נעבן אים איז געזעסן אַ „שאַמאַן“ (אַ מעדיצין־מאַן), אַן אויסגעפּוצטער אין עפּעס אַ מאָדנע, פיל־פאַרביקע הוט. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ באַפּעדערט שטעקל און אין דער צווייטער אַ קלאַפּער, זעט אויס, פון אַן אויסגעטרוקנטער קירבע. ער האָט זיך געשאָקלט אויף רעכטס און לינקס, געזונגען, געפאָכעט מיטן שטעקל און געררישט מיטן קלאַפּער.

צוויי יונגע, נעוואַהאָ פרויען, וועלכע זיינען ביזן אָנקומען פון דער מאַשין געלעגן מיט אַ צאָל קינדער אויפן גראָז נעבן באַלויכטענעם האָגאַן, זיינען אויפגעשפּרונגען און מיט פרייד אונדז באַגריסט.

דאַגלאַס איז אַריין אין האָגאַן, זיך פריינטלעך באַגריסט מיטן שאַמאַן, אויסגעהערט, ווי עס זעט אויס, זיינעם אַ קורצן באַריכט וועגן צושטאַנד פונעם קראַנקן, דערנאָך האָט ער, מיט דער הילף פונעם עלטערן זון, אים אַרויסגעטראָגן אין דרויסן און אַוועקגעלייגט אויפן געבראַכטן, לייוונטענעם בעטל.

דער שאַמאַן איז זיי נאָכגעגאַנגען, ניט אויפהערנדיק צו זינגען און קלאַפּן, אָבער גלייך ווי מען האָט נאָר אַוועקגעלייגט דעם אַלטן, איז ער אַנטשוויגן

געוואָרן און אָנגעוויזן דאָגלאַסן, אַז דער קראַנקער האָט אויפגעהערט צו אָטעמען.

ווי נאָר מען האָט דעם שטאַרבנדיקן אַרויסגעטראָגן פונעם האָגאַן, זיינען אַהין גלייך אַריין די פרויען מיט די קינדער און, ווייזט אויס, זיך גענומען איינאָרדענען אויף זייערע געלעגערס. —

מיט אַ צוויי שעה שפּעטער איז שוין דער טויטער געווען באַערדיקט, גאַנץ ווייט פון די לעבעדיקע. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט די צוויי זין און זייערע פרויען, וועלכע האָבן גאָרניט געקענט געפינען קיין פּאַסיקע ווערטער אויסצודריקן זייער דאַנקבאַרקייט.

עס האָט שוין גענומען טאָגן. אונדזער מאַשין האָט, דיכאַט זיך, אויך אַ דערפרייטע, זיך אַ יאָג געטאָן אויפן וועג אַהיים צו.

— אַ גוט שטיקל אַרבעט אָפּגעטאָן, — האָט דאָגלאַס טיף אָפּגעזיפצט. — ווען מיר קומען מיט איין האַלבע שעה שפּעטער, וואָלט האָט־סי, דער ייִנגערער זון, געווען געבליבן אָן אַ היים... זיי זיינען זייער טייערע יונגען, אָט־די צוויי ברידער.

— יאָ, — האָט אויך דייוויד אַ זיפץ געטאָן, — שוין איין מאָל אַ שטיקל אַרבעט געווען.

ניינטער קאַפּיטל

און די צייט איז ניט מיד געוואָרן צו קייקלען אירע טעג און נעכט און פלעכטן פון זיי קיילעכדיקע וואָכן און חדשים. און באַ־יאַמ־קאַ פלעגט, רייטנדיק אויף איר ברוינעם פערדל, אָדער אין איר מאַשין, זיך איצט אַריינכאַפּן צו די דאָגלאַסעס כמעט אַ טאָג איבער אַ טאָג און ניט זי אָדער דייוויד האָבן שוין מער ניט באַהאַלטן פון די דאָגלאַסעס זייערע געפילן איינער צום צווייטן.

און די דאָגלאַסעס האָבן, פון זייער זייט, ווידער איבערגעלעבט די וואונדערלעכע צייט, ווען זייערע אייגענע צוויי זין פלעגן, סוף וואָך, ברענגען צו טאַטע־מאַמע זייערע באַשערטע.

און די הויפּט־מעלה פון אַלע וואָכן איז, פאַר דייווידן, איצט באַשטאַנען אין פאַקט, וואָס יעדע איינע פון זיי האָט פאַרמאָגט אַ שבת פאַרנאַכט, ווען מען איז אינגאַנצן פריי געוואָרן פון אַלע וואָכעדיקע זאַכן, ווען מען פלעגט פאַרשליסן די קראָם און וואַרטן, מיטן אוונט־ברויט, אויף באַ־יאַמ׳קאַן, וועלכע פלעגט, ווי אַריינברייסן זיך מיט איר רויטן אָטאָמאָביל אין הויף און אָנפילן ז׳עם גאַנצן אַרום מיט איר קול און עקזאָטישער שיינקייט.

און אפילו די טוריסטן, וועלכע פלעגן צו יענער צייט, געוויינלעך, פאַר־

נעמען אַלע באַנגאַלעס און וועלכע זיינען, אַממערסטנס, זייער שטאַרק געווען באַשעפטיקט מיט דערינערונגען וועגן די געזעענע נאַטור־וואונדער, פלעגן אַנטשוויגן ווערן און זי באַוואונדערן.

און דייוויד, וועלכער פלעגט, געוויינלעך, וואַרטן אויף איר, אויף דער וועראַנדע, פלעגט איר אַנטקעגן גיין און, נאָך אַ בריעטדיקן קוש, זי פירן אין קיך אַריין, צו דער מאָ. און שפעטער, עסנדיק וועטשערע, פלעגט מען שוין צוזאַמען אויספלאַנירן ווי אַזוי צו פאַרברענגען דעם מאָרגנדיקן, דעם זונטיקדיקן, טאָג.

מיט אַ פאָר וואָכן צוריק האָבן זיי אַלע פאַרבראַכט צוויי זייער פריילעכע, אָבער זייער פאַרשיידנאַרטיקע זונטיקס: איינעם ביי אַ גרופע בעוועהאַ פריינט אין אַ ווייטן קעניאָן און דעם צווייטן ביי צוויי יידישע פאַמיליעס: גרינבערג און ראָזען אין פלעגסטעף, אין וועמענס קראָמען דער פאָ פלעגט אָפט איינקויפן זיינע סחורות.

קומענדיק צוריק אַהיים, פלעגט מען, געוויינלעך, ערשט טרינקען אַ גלעזל קאַווע, עפעס צוביסן, דערנאָך פלעגט דייוויד, שוין אין דאָגלאַס׳עס מאַשין, אָפפירן באַ־יאַמ׳קאַ׳ן צו איר אַהיים, אין דער שול־געביידע, אין טיובאַ סיטי.

און יעדעס מאָל פלעגט ער זיך אָפּשטעלן אין שאָטן פונעם גרויסן שטיין, וואו דאָגלאַס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין צייט פון זייער ערשטן אַרויספאָר.

און אויב די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע, פלעגן זיי היטן דעם גאָל־דענעם שפיל פון די שטערן אויפן שוואַרץ־סאַמעטענעם הימל און אין ליכ־טיקע נעכט — נאָכפאָלגן דעם לויף פון דער לבנה און פלעכטן טרוימען וועגן זייער צוקונפטיקן לעבן.

און איין מאָל, אין אַזאַ העלער לבנה־נאַכט, ביים שטיין, נאָכדעם ווי ער האָט איר געגעבן דערציילט, ווי אַזוי ער וועט זי אַריינפירן, צוערשטן — צו דער שוועסטער און שוואָגער קיין שיקאַגאָ, דערנאָך צום ברודער נייטן און דער שוועגערין אין ניו־יאָרק, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אויך גוט אָנ־געקושט, האָט זי אויך אים דערציילט דאָס פאָלגנדיקע מעשהלע:

— געדענקסט, דייוויד, ווי שטאַרק איך האָב זיך עס דעפריים, ווען דו האָסט מיר געזאָגט, אַז דו שטאַמסט פון יידן?

— זיכער געדענק איך עס! — האָט ער אַ צופרידענעם לאַך געטאָן, — האָסט עס אַזוי שטורעמיש אויפגענומען, אַז כ׳האָב ניט געוואוסט צי ס׳איז פון פריידן צי פון פאַרצווייפלונג.

זי האָט זיך שטיל צעלאַכט:

— בערג מיט זאָרגן און פאַרצווייפלונג האָסטו דאַן אַראָפּגענומען פון מיין געמיט... און נאָך אַן אורזאַך איז געווען, וואָס האָט מיך דערפרייט:

מיינער אַ באַקאַנטער, אַ מאַרמאַנישער פירער, וועלכער וואוינט אַנטקעגן אונדזער שול אין טיובאַ־סיטי, האָט מיך איין מאָל פאַרזיכערט, אַז מיר, אינדיאַנער, שטאַמען אָפּ פון די צען יידישע, פאַרלוירענע שבטים.

דייוויד האָט אַ פאַרוואונדערטן קוק געטאָן אויף איר:

— דאָס הער איך צום ערשטן מאָל... איך פאַרזיכער דיך אָבער, אַז ווען עס זאָל זיך אַרויסווייזן פאַר אמת, וואָלט עס מיך בלויז געקענט פרייען. אמת, איך בין ניט קיין ספּעציאַליסט אין אונדזער יידישער געשיכטע, אָבער... עפּעס גלויבט זיך עס מיר אינגאַנצן ניט...

און זי האָט צופרידן, שמייכלענדיק, ווייטער דערציילט:

— ער האָט מיך פאַרזיכערט, אַז ווען די צען שבטים זיינען פונעם אסירישן קעניג פאַרטריבן געוואָרן פון קעניגרייך ישראל, האָבן זיי זיך פאַרשפּרייט צווישן אַ צאָל פון אַרומיקע פעלקער און פעלקערלעך, זיך אויסגעמישט מיט זיי, זיי איבערגעגעבן טיילן פון אייגענעם גלויבן און איבערגענומען שטיקלעך פון זייערע מנהגים... און מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, זיינען זיי, נאָך לאַנגע וואַנדערונגען און צופּאַסן זיך צו פאַרשיידענע קלימאַטן, דורכן „בערינגאַוו־ים־פּאַס", אָדער אפשר דורך אַן אַנדער וועג, אָנגעקומען, צוערשט קיין אַלאַסקאַ, דערנאָך קיין קאַנאַדע און, צום שלוס, צו אונדז קיין אַמעריקע.

ער האָט אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען:

— אמת, ס'איז אַ שיינע פאַרכאַפּנדיקע מעשה, אָבער...

— וואַרט אַ מינוט, — האָט זי אים, לאַכנדיק, אָפּגעשטעלט, — לאָז מיך ענדיקן!

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! — האָט ער זיך פאַר איר אַ בויג געטאָן.

— איצט הער: צווישן די צענדליקער פון אונדזערע שבטים איז פאַראַן איינער מיטן נאָמען „שאָוניס". ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין צו גרויסער שבט און טיילן פון אים, אויב איך מאַך ניט קיין טעות, געפינען זיך נאָך איצט ערגעץ־וואו אין טעקסאַס און אָקלאַהאָמאַ... זיי, די „שאָוניס" — ווערן פאַררעכנט צווישן די וואַלד־שבטים און זיי זיינען אַמאָל געווען צווישן די העלדישסטע קעמפער קעגן די ווייסע... איז זאָג מיר: מיט וואָס קען מען פאַרענטפערן די פאָלגנדיקע צוויי הויפּט־פּרינציפּן פון זייער גלויבן: איינס, — זי האָט פאַרבויגן איין פינגער פון איר האַנט, — הרג'ע ניט אָדער באַשעדיק ניט דיין שכן, ווייל ניט אים טוסטו אָן דעם שאָדן, נאָר זיך אַליין... און פּרינציפּ נומער צוויי, — זי האָט פאַרבויגן דעם צווייטן פינגער, — טו ניט קיין שלעכטס, אָדער טראָג ניט קיין האַס אויף דיין שכן, ווייל ניט אים טוסטו מיט דעם שלעכטס, נאָר זיך אַליין. מאַנעטאָ — די הויפּט־מוטער, דאָס העכסטע באַשעפעניש, — האָט אויך אים ליב, פּונקט ווי זי האָט דיך ליב...

זי האָט שוויַיגנדיק געקוקט אויף אים און געוואַרט אויף אַן ענטפער.
דייוויד האָט נאָכגעטראַכט אַ ווײַלע און געענטפערט, מיט אַ לייכטן זיפץ:
— ס'איז זייער אַ אינטערעסאַנטע פראַגע, אָבער ענטפערן אויף איר וועלן קענען בלויז געלערנטע, — און ער האָט פאַרענדיקט, שוין מיט אַ שמייכל:
— דעם אמת געזאָגט, געפעלט מיר זייער ניט דיין, זעט אויס, שטאַרקער וואונטש צו ווערן אַ טאָכטער פון אונדזער פאָלק. ס'איז געגוג וואָס איך צי דיך איצט אַריין צו אונדז... אויב עס זאָל זיך, חלילה, אַרויסווייזן, אַז דו שטאַמסט טאַקע אין אַן אמת'ן פון די צען שבטים, קען נאָך אימיצער אַמאָל פרובירן צו דערווייזן, אַז דו ביסט מיינע אַן אייגענע שוועסטער און מיר טאָרן גאָרניט חתונה האָבן...
זי האָט זיך צעלאַכט אויפן קול:
— נייך, טייערער! שוין צופיל צייט פאַריבער, אַז אַזאַ געזעץ זאָל נאָך האָבן אַ וועלכע ס'איז ניט איז קראַפט... אָבער איין וויכטיקע ענלעכקייט, אין די שיקזאַלן פון אונדזערע ביידנס פעלקער, וועסטו מוזן צוגעבן: דאָס איז דער פאַקט, אַז מען האָט אונדז און אויך אייך, יידן, געיאָגט און געמאַטערט, מיט שווערד און פייער געפרואווט אַוועקצורייסן אייך פון אייער קולטור און גלויבן... ס'איז זיי אָבער ניט געלונגען...
— דאָס איז ריכטיק, — האָט דייוויד צוגעגעבן.
זי האָט אים געוואָלט עפעס ענטפערן, אָבער מיטאַמאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין ריכטונג צום וועג, און זיך גענומען איינהערן.
— וואָס איז? וואָס הערסטו זיך אַזוי איין?
— אימיצער יאָגט זיך אויף אַ פערד אין אונדזער ריכטונג, — האָט זי שטיל געענטפערט.
— איז וואָס? — האָט ער זיך גע'הידוש'ט, — יעדער בעוועהאַ פאַרמאָגט אַ פערד.
— ריכטיק, — האָט זי צוגעגעבן, — אָבער זיי יאָגן זיך ניט אַרום, גלאַט אַזוי, שפּעט ביינאַכט, איבער די וועגן. דערצו... קעמפן איצט אונדזערע בעוועהאָס ווייט פון דאַנען...
ביידע האָבן זיך גענומען איינהערן. איצט האָט שוין אויך דייוויד געהערט דעם ווייטן טופען פון פערדס קלאַפן. אינגיכן האָט זיך אויפן וועג, אין לבנה־שיין, אַנטפּלעקט אַ טונקעלער סילועט פון אַ רייטער.
באַ־יאַמ־קאַ האָט זיך איינגעקוקט אין אים אַ ווײַלע, דערנאָך אויסגעצויגן די האַנט צו איר גרויסן בייטל, וועלכער איז געלעגן נעבן רעדל פונעם מאַשין. זי האָט געעפנט דעם בייטל, עפעס אַרויסגענומען פון דאָרטן, איינגעוויקלט אין איר ווייסן, זיידענעם שאַל, און ניט איילנדיק זיך, גענומען אַרויסגיין פון אַטאָמאָביל.

דייוויד איז איר נאָכגעגאַנגען:

— וואוהין גייסטו?

— כ'האָב אַ פאַרהאַכט אויף אימיצן, — האָט זי שטיל געענטפערט און זיך אַוועקגעשטעלט אין געדיכטן שאָטן פון שטיין, ביים סאַמע ראַנד פון וועג.

דייוויד האָט זיך אויך צוגערוקט צום שטיין, נעבן איר.

ווען דער רייטער איז צוגעקומען נאָענטער, האָט ער אַראָפּגעפירט דעם פערד פונעם שטיינערנעם וועג אויף אַ זאַמדיקער סטעזשקע און זיך גענומען דערנעענטערן אַן דעם מינדסטן קלאַנג.

באַ־יאַמ־קאַ האָט דאַן שנעל גענומען צעוויקלען איר ווייסן שאַל.

ווען דער רייטער איז שוין געווען אַרום אַ הונדערט שפאַן פון שטיין, איז ער אַראָפּ פון פערד און גענומען, פאַרזיכטיק, גיין פאָראויס. אַ צען, פופצן שפאַן פאַרן אַטאַמאַביל האָט ער, פאַרזיכטיק, אויף די שפּיץ־פינגער, גענומען אַריבערגיין דעם וועג.

באַ־יאַמ־קאַ האָט זיך דאַן אַ שנעלן בויג געטאָן פאָראויס און אויסגע־צויגן איר רעכטע האַנט, אין וועלכער דייוויד האָט, צו זיין דערשטוינונג, באַמערקט דעם גלאַנץ פון אַ רעוואָלווער. און אין דער מדבר־שטילקייט האָבן שאַרף אָפּגעקלונגען אירע וואָרנונג־ווערטער, אין דער נעוועהאָ שפּראַך:

— נעזיטאַ, היי־אַה־קווי! (בלייב שטיין!), אויב ניט, דערשיס איך דיך גלייך!

דער מאַן איז שטיין געבליבן אינמיטן וועג.

— נעזיטאַ, — האָט באַ־יאַמ־קאַ ווייטער גערעדט, — צוליב וואָס ביסטו, ווי אַ גנב, געקומען אַהער אין דער האַלבער נאַכט?! איך האָב, לעצטנס, צוויי מאָל דיך באַמערקט, נאָכפאָלגנדיק מיך, ווען כ'בין מיט מיין חתן צו־ריקגעפאָרן אַהיים פון די דאַגלאַס'עס... צוליב וואָס טוסטו עס, נעזיטאַ?

— גלויב מיר, באַ־יאַמ־קאַ, אַז איך וויל קיין שלעכטס ניט טאָן ניט דיר, ניט דעם חן דיינעם, — האָט ער, נאָך אַ קורצער פּאַוזע, געענטפערט, — עס מאַטערט מיך אָבער דער געדאַנק, אַז עס איז מיין חוב דיך צו דערמאָנען, אַז קיין איינציק געמישט פּאָרל, אין אונדזער געגנט, איז נאָך קיינמאָל ניט גליקלעך געווען, אַז די ווייסע האָבן שטענדיק פאַרלאָזט זייערע „סקוואָס" (ווייבער), אָפט נאָך מיט אַ צאָל קינדער.

— כ'ווייס עס, נעזיטאַ, פונקט אַזוי גוט ווי דו, — האָט זי געענטפערט, — און אויב דיין קומען איז בלויז צוליב זאָרג פאַר אַן אַלטן פריינט, דאַנק איך דיר פאַר דעם... אָבער דענקסטו ניט, אַז איך בין שוין אויסגעוואַקסן גענוג אַליין צו פאַרשטיין, וואָס עס איז גוט פאַר מיר און וואָס ניט?

ער האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ, געשוויגן אַ ווײַלע, דערנאָך, עטוואָס שטי־לער, געענטפערט:

— ביסט געדעכט, אָבער... אַזוי האָב איך געשפּילט... מיר זיינען דאָך אַמאָל די בעסטע פריינט געווען...

זי האָט אַ קורצן לאַך געטאָן:

— דיכטיק: מיט צען יאָר צוריק, ווען מיר זיינען צוזאַמען אין שול געגאַנגען, ווען כ׳בין קוים צוועלף יאָר אַלט געווען... דו האָסט דאָן ניט געוואָלט מער לערנען, ביסט אַנטלאָפן פון שול און איך האָב נאָך צען יאָר געלערנט, געלערנט מיט ליבשאַפט און מיטן איינציקן געדאַנק: דורך וויסן צו העלפן סיי מיין אייגענעם שבט, אַזוי אויך אַנדערע, ביז כ׳האָב ענדלעך דערגרייכט מיין ציל, ביז כ׳בין געוואָרן אַ לערערין און העלף איצט דער־ציען אַ נייעם דור אינדיאַנער... אַ דור, וואָס זאָל דורך וויסן קעמפן פאַר זיין גלייכבאַרעכטיקייט... דאָס איז געווען מיין וועג און ווי אַזוי האָסטו דיין אייגענעם וועג אויסגעשפּרייט? דו האָסט חתונה געהאַט מיט אַ וואונדערלעך מיידל פון דיין שבט, מיט יאַנאַבאַ׳ן, דו האָסט געהאַט מיט איר צוויי קינ־דער... האָסט אָבער אינגיכן גענומען שיכור׳ן, ביסט געוואָרן אַ „ענטלאַטה״ (אַ שיכור), אַן „אַדאַקהעי״ (אַ קאָרטן־שפּילער) און דער סוף איז געווען, אַז דיין ווייב, צוזאַמען מיט איר פאָטער, האָבן דיך אַרויסגעטריבן פון זייער האָגאַן... איז עס, אפשר, ניט אמת?

נעזיטאַ האָט טיף אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און צוזאַמען מיט אים האָט זיך אויך אַראָפּגעלאָזט באַ־יאַמ־קאַ׳ס האַנט מיטן רעוואָלווער.

— הער, נעזיטאַ, — זי האָט געמאַכט אַ שפּאַן נאָענטער צו אים און איר קול איז געוואָרן ווייכער, אינטימער, — אין נאָמען פון אונדזער אַמאָליקער, קינדערשער פריינטשאַפט, בעט איך דיר, גיב אויף דיינע שלעכטע וועגן! זאָלן די ווייסע מענטשן ניט קאָנען אַנווייזן אויף דיר ווי אויף אַ ביישפּיל פון אַלע אינדיאַנער. איך מיט דייווידן וועלן איבעררעדן מיט פּאַ האָגלאַסן. דו ווייסט, אַז אַלע אינדיאַנער האַלטן אים פאַר זייערן אַן אמתן פריינט און הערן זיך צו צו זיינע רייד. ער וועט שוין געפינען אַ וועג, ווי אַזוי שלום צו מאַכן צווישן דיר מיט יאַנאַבאַ׳ן און איר משפּחה...

דאָן האָט אויך דייוויד געמאַכט אַ טראָט פאָראויס און גענומען רעדן. און נעזיטאַ האָט אים געקוקט גלייך אין פּנים אַריין מיט ניט־גלויביקע אויגן.

— הער, נעזיטאַ, — האָט דייוויד געזאָגט, — איך בעט דיך, גלויב מיר, אַז איך וואָלט זייער געוואָלט ווערן דיין פריינט, פּונקט ווי איך בין שוין ביז איצט געוואָרן אַ פריינט פון אַ צאָל פון דיינע ברידער, נעוועהאָס, וואָס קו־מען אַריין צו אונדז אין „טרעידינג־פּאָוסט״. איך דערמאָן זיך איצט, אַז כ׳האָב דיך געזען אַ פּאָר מאָל אין קראָם, אָבער דו האָסט זיך געהאַלטן פונ־דערווייטנס. בלויז געקוקט אויף מיר. איצט פאַרשטיי איך שוין די סיבה פון דעם... פאָלג מיך: נעם אָן באַ־יאַמ־קאַ׳ס פריינטלעכע עצה... איך

דאַנק דיר אויך פאַר דיין זאָרג וועגן איר גליק און איך פאַרזיכער דיך, אַז אונדזער צוזאַמענלעבן וועט בייטן אַביסל דיין געדרעכטע מיינונג וועגן געמישטע היראַטן.

בעזיטאַ האָט מיטאַמאָל זיך אַ שאַרפן דריי־געטאָן און גענומען גיין אין ריכטונג צו זיין פערד, אָבער אינמיטן וועג זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף צוריק און ווי אויסגעשריגן:

— אָבער חתונה האָבן, באַ־יאַמ׳קאַ, וועט ער דיך דאָך פירן אין אַ קלויסטער אַריין... צו די מיסיאָנערן!...

און ווי אַ מעטאַלענער הילכיקער גלאָק האָט אין דער בייגאַכטיקער לבנה־שטילקייט אָפּגעקלונגען באַ־יאַמ׳קאַ׳ס טריאומפירנדיקער געלעכטער, געמישט מיטן ענטפער:

— האָסט ניט געטראָפן, מיין פריינט, בעזיטאַ: אין קיין שום קלויסטער וועט מיך חתן מיך ניט פירן: דייוויד איז ניט קיין קריסט, בעזיטאַ... ער איז אַ ייד!

בעזיטאַ׳ס פנים האָט זיך אויסגעצויגן, די אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט. ס׳איז קענטיק געווען, אַז באַ־יאַמ׳קאַ׳ס ענטפער איז פאַר אים ניט אינגאַנצן קלאָר געווען, אָבער איר טאָן און געלעכטער האָבן אים איבערצייגט, אַז זי זאָגט דעם אמת, אַז אין קיין קלויסטער חתונה האָבן וועלן זיי זיכער ניט גיין.

ער האָט, ווי אין צעטומלעניש, צוויי מאָל אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן פנים, איז כמעט ווי צוגעלאָפן צום פערד, זיך האַסטיק אַרויפגעזעצט, זיך צוגעבויגן צום פערדס קאָפּ, אַ פייף געגעבן און דאָס פערד האָט זיך אַ ווילדן ריס געטאָן פאָראויס.

און דייוויד האָט אים נאָכגעשריגן:

— געדענק, מיר זיינען דיינע פריינט!

ווען די קלאַנגען פונעם פערדס קלאַפּן זיינען שוין אינגאַנצן פאַרשטילט געוואָרן אין דער ווייטקייט, האָט דייוויד צוגעצויגן באַ־יאַמ׳קאַ׳ן צו זיך און ביידע זיינען זיי נאָך אַ היפּשע צייט אַזוי געשטאַנען, פעסט צוגעטוליעטע איינער צום צווייטן.

צענטער קאַפּיטל

פאַסירט האָט עס אין אַ שבת אין דער פרי, פונקט פינף חדשים פון יענעם שבת פאַרנאַכט, ווען דייוויד האָט, אַ טויט־מידער, זיך קוים דערשלעפּט צו נעט דאָגלאַס׳עס „טרעידינג־פּאָוסט״.

פונקט צען אַזייגער איז באַ־יאַמ׳קאַ׳ס „ראָודסטער״ שטיל אַריינגעפאָרן

אין הויף פון דאָגלאַס'עס קראָם און שטיין געבליבן פאַר דער ווערענדע. איר קליידונג, פונקט ווי איר האַלטונג, איז יענעם פרימאָרגן געווען אַ פיל מער איינגעהאַלטענע ווי שטענדיק: אַ שוואַרץ סאַמעטן קלייד, אַ טונקל רויט קאַפּטל, אָן שום צירונג, אַ זילבער רעמל, באַפּוצט מיט טוירקויז, האָט געהאַלטן אין אָרדענונג אירע האָר.

שטיל איז זי אַרויף אויף דער ווערענדע, זיך אַרומגעקוקט און זיך באַמיט איינצוהאַלטן דעם ציטער פון איר אונטערשטער ליפּ.

די מאַ האָט זי באַמערקט פון דער קיך, איז אין אַנטקעגן געגאַנגען און ביידע האָבן, ניט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, זיך אַרומגעכאַפּט, צעקושט און צוגלייך אויסגעווישט די טרערן.

— זאָל זיין אין אַ גוטער שעה, באַ־יאַמ'קאַ טייערע! — האָט די מאַ איר צוגעווינטשט.

— אַ דאַנק, מאַ... גלויבט מיר, איך האָב גאָר קיין ווערטער ניט אָפּצודאַנקען דיר און דעם פּאַ פאַר אַלץ, וואָס איר טוט פאַר מיר, — האָט באַ־יאַמ־קאַ, מיט טרערן אין קול, געענטפערט.

אין קראָם האָבן שוין אויף איר געוואַרט דער פּאַ מיט דיזיוידן, ביידע אויסגעפּוצטע אין זייערע יום־טובדיקע קליידער.

מיטן פּאַ האָט זי זיך צעקושט, אָבער דיזיוידן בלויז אַ דריק געטאָן די האַנט. און באַלד זיינען שוין אַלע דריי געזעסן אין דאָגלאַס'עס אַטאָמאָביל, וועלכער האָט זיך אַ יאָג געטאָן אויפן וועג קיין פלעגסטעף. און די מאַ האָט, שטייענדיק אין דער טיר פון דער קראָם, זיי נאָכגעפאָכעט מיט אַ טיכעלע און נאָכגעשריגן:

— אין אַ גוטער שעה!... זאָל זיין מיט גליק!

ביים אַריינגאַנג פון דער פלעגסטעפער מוניציפּאַליטעט געביידע — האָבן אויף זיי שוין געוואַרט דעם פּאַ'ס צוויי אַלטע יידישע פריינט, אַנגעזעענע קרעמער: גרינבערג און ראָזמאַן, און מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער זיינען זיי שוין אַלע געשטאַנען פאַר אַ ריכטער, וועלכער האָט פאַר'קנס'ט דאָס יונגע פּאָרל.

דערנאָך זיינען אַלע, אַריינגערעכנט דעם ריכטער, אַריין אין אַ דערביי־איקן רעסטאָראַן, געכאַפּט אַ שנאַפּס, צוגעביסן, געוואונטשן דעם יונגן פּאָרל, די שטערנס, אַ לאַנגן, גליקלעכן לעבן, און געזעגענענדיק זיך, האָט דער פּאַ זיי אַלעמען איינגעלאַדן צום מאָרגנדיקן יום־טוב, דריי אַזייגער ביינאַכט, טאַקע אין הויז פון זיין „טרעידינג־פּאָסט".

די מאַ האָט שוין, אומגעדולדיק, געוואַרט אויף זיי, פאַר דער טיר פון דער קראָם. מען האָט זיך ווידער געקושט און ביים עסן מיטאָג האָט די מאַ געטרונקען דעם ערשטן טאָסט פאַרן גליק פונעם יונגן פּאָר און דערקלערט,

אַז היינט האָבן די דאָגלאַסעס חתונה געמאַכט זייער דריטן זון. און דער פּאַ האָט, אין זיינע פּאָר ווערטער, איינגעשטימט מיט דער פרוי און צוגעגעבן, אַז זייער גרעסטע באַלוינונג וועט קומען, ווען באַ״יאַמ״קאַ מיט דייוויד וועלן אָנרופן זייערע ערשטע צוויי קינדער מיט זיין און דער מאַ׳ס ערשטע נעמען.

— איך זאָג עס צו! — האָט דייוויד גלייך אָפּגעענטפערט. באַ־יאַמ׳קאַ האָט, שמייכלענדיק, געקוקט צו זיך אין טעלער.

ווי ס׳איז פון פריער געווען באַשטימט, האָט דאָס פּאָרל, נאָכן עסן, באַ־דאַרפט גלייך פאָרן צו דער כלה׳ס עלטערן, וואו ער האָבן באַדאַרפט דורכ־געפירט ווערן געוויסע „האָפּי״ חתונה־צערעמאָניעס, און פאַרברענגען דעם אָוונט מיט באַ־יאַמ׳קאַ׳ס עלטערן און מיט דער משפחה.

און די מאַ האָט ניט פאַרגעסן צו דערמאָנען באַ־יאַמ׳קאַ׳ן:

— זע, טאָכטער, פאַרנדיק איצט אַהיים, פאַרגעס ניט צו באַקענען דייווידן, דעם מאַן דיינעם, וועגן דעם טייל פון אייערע מנהגים, וועלכע איר וועט בייִדע מוזן דורכמאַכן... בפרט פונעם פיינעם מנהג פון וואַשן די קעפּ...

— וואָס פאַרא קעפּ וואַשעניש?! — האָט זיך דייוויד געוואונדערט.

דער פּאַ האָט זיך צעלאַכט:

— האָב געדולד, דייוויד. וואָס האָסטו געוואָלט, אָוועקנעמען ביים „האָפּי״ שבט זיין שענסטע טאָכטער און אים גאָרניט באַצאָלן דערפאַר?

— אָבער, זאָגט מיר, וועגן וואָס האַנדלט זיך עס דאָ? — האָט שוין דייוויד גענומען לאַכן.

— האָב געדולד! — האָט אים די מאַ באַרואיקט, — מען וועט דיך דאַרפן ניט אויפעסן... זי וועט, פאַרנדיק, דיך שוין מיט אַלץ באַקענען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דייוויד האָט לאַנגזאַם געטריבן דעם אָטאָמאָביל און, פון צייט צו צייט, געוואָרפן זייטיקע בליקן אויף באַיאַמקאַ׳ן, וועלכע איז געזעסן אַ פאַרטראַכטע, עטוואָס אָפּגערוקט פון אים.

— האָסט מיר, דאַכט זיך, געוואָלט עפּעס דערציילן? — האָט ער זי דערמאָנט.

— איך געדענק עס! — האָט זי אַ שמייכל געטאָן, — איך טראַכט בלויז ווי קירצער און קלערער דיך צו באַקענען מיט די קאָמפּליצירטע חתונה־מעטאָדן, וועלכע מיין שבט האָט געשאַפן אין לויף פון, ווער ווייסט וויפל, הונדערטער יאָרן פון זיין עקזיסטענץ.

— מאַך עס פּראָסט און פּשוט, — האָט ער איר געראָטן, — מיט די איינפאַכסטע ווערטער, וועלכע וועלן דיר קומען אויפן זינען... איך פאַרשטיי דאָך, אַז דו אַליין גלויבסט ניט צו שטאַרק אין דעם געטלעכן אָפּשטאַם פון אָט־די אַלע מנהגים, פונקט ווי דו גלויבסט ניט אין די שאַמאַנען מיט די

גוטע און שלעכטע גייסטער... מיר׳ן צוזאַמען דורכגיין דעם חתונה־פּראָצעס צוליב דיינע עלטערן, צוליב דיין שבט, וועלכער שטאָלצירט מיט דיר און וועמענס קינדער דו דערציסט אין גייסט פון זייער אייגענער קולטור, — ער האָט אַ גלעט געטאָן איר האַנט, — כ׳וויס ניט צי כ׳האָב זיך פּינקטלעך אויסגעדריקט, אָבער איך האָף, אַז דו פאַרשטייסט מיך.

זי האָט אים אַרומגענומען און געגעבן אַ קוש:

— אַ דאַנק. כ׳האָב דיך זייער גוט פאַרשטאַנען און איך נעם אָן דיין עצה. איצט הער זיך איינמערקזאַם צו: ערשטנס, מוזטו וויסן ,אַז אונדזער שבט איז צעטיילט אויף פאַמיליעס, וועלכע זיינען ענג פאַרבונדן מיט דער מוטער־נאַטור. יעדער משפּחה רופט מען אויף ענגליש „קלען״. ס׳איז פאַראַן: אַ „פייער־קלען״, אַ „שלאַנגען־קלען״, אַ „זון־קלען״, אַ „הירשן־קלען״, אַ „בערן־קלען״, אַ „קאַיאָטן־קלען״ און אַזוי ווייטער. קיין מיטגליד פון איין קלען איז ניט דערלויבט צו הייראַטן מיט אַ מיטגליד פון דעם זעלבן קלען.

— אונדזער מאָדערנע מעדיצין דערלויבט אויך ניט קיין צו נאָענטע קרובים חתונה צו האָבן איינער מיטן צווייטן, — האָט דייוויד באַמערקט.

און באַ־יאַמ׳קאַ האָט ווייטער גערעדט:

— ווען עס ווערט ביי אונדז געבוירן אַ קינד — ווערן דער מוטערס אַלע אייגענע שוועסטער, אַזוי אויך אַלע פרויען פונעם גאַנצן קלען — פאַרוואַנדלט אין קינדס מוטערס, פּונקט אַזוי ווערן אויך פאַרוואַנדלט אין פאָטערס, ניט נאָר דעם קינדס אייגענער פאָטער, צוזאַמען מיט זיינע ברידער, נאָר אויך אַלע מענער פון זיין קלען... אין דער זעלבער צייט, ווערן דער מוטערס ברידער און אויך אַלע זייערע קלען־ברידער — פאַרוואַנדלט אין קינדס פעטערס און דעם פאָטערס שוועסטער און קלען־שוועסטער — ווערן דעם קינדס מומעס... פאַרשטאַנען?

ער האָט געלאַכט:

— וואָס פאַר אַ מאָדנע רינג פון פאַרוואַנדשאַפט!... דענקסטו ניט, אַז אַזאַ מנהג האָט געקענט איינגעפירט ווערן מיטן צוועק ענגער צו פאַרבינדן די משפּחה... בעסער אָפּצוהיטן דאָס קינד?

— גאַנץ מעגלעך! — האָט זי צוגעגעבן, — און איצט הער זיך גוט צו צו אַן ענין, וועלכער האָט דירעקט צו טאָן מיט אונדז ביידן... כ׳מיין, מיט אונדזער חתונה... — זי האָט אַ שטילן לאַך געטאָן, — נאָר שרעק זיך ניט צו פיל.

— כ׳בין פאַרטיק אויף אַלע אָפּקומעניישן! — האָט ער געלאַכט, — דערצייל!

— לויט אונדזער איינשטעל, דאַרף יעדע כלה געבראַכט ווערן אין

חתנ׳ס הויז מיט דריי טעג פאַר דער חתונה און זי מוז, אונטערן אויפזיכט פון חתנ׳ס מוטער, גאַנצע דריי טעג האַלטן אין מאָלן בלויען קאָרן. די דריטע נאַכט פאַרברענגען אַלע מוטערס צוזאַמען מיט אַ צאָל נאָענטע פרויען קרובים, ביים חתן אין הויז און אויפן פערטן פרימאָרגן, נאָך אידער די זון גייט אויף, גיט דער כלה׳ס מוטער, צוזאַמען מיט דימ׳ ומעס און די איבעריקע פרויען־קרובים, דעם חתן אַ גוטע באָד... דאָס מיינט, אַז זיי וואַשן פון אים אַראָפּ זיין יוגנט און מאַכן פאַרטיק זיין לייב צום פאַרהייראַטן לעבן... פאַרשטאַנען ?!

— וואָס מיינסטו די ווייבער גיבן אים אַ באָד ? — ער האָט פון פאַרוואונדערונג אָפּגעשטעלט דעם אָטאָמאָביל.

— איך מיין דאָס וואָס דו האָסט געהערט, — האָט זי אים געענטפערט, קוים איינהאַלטנדיק דעם געלעכטער, — אָבער כ׳בעט דיך, שלאָג ניט איבער: וועסט שפּעטער קאָנען פּראָטעסטירן. אין דער זעלבער צייט, וואָס מען וואַשט דעם חתן, גיבן דעם פּאָטער׳ס קלען־שוועסטער אַ באָד דער כלה... דערנאָך גיסט מען אָן צוויי שיסלען מיט קאַלטער וואַסער, געמישט מיט די וואונדערלעכע מילינעס פון דער „יאָקאָ“ פּאַלמע. מען שטעלט אַוועק דעם חתן מיט דער כלה פאַר די שיסלען אויף די קני און דעם חתנ׳ס מוטער וואַשט דער כלה׳ס קאָפּ און דער כלה׳ס מוטער דעם חתנ׳ס. דערנאָך גיסט מען צוזאַמען די וואַסער פוןביידע שיסלען אין איינער און מען וואַשט נאָך אַמאָל זייערע קעפּ און צום שלוס — דרייט מען צוזאַמען זייערע האָר, ווי אין אַ שנור. דאָס מיינט, אַז מען פאַרבינדט זיי שוין צוזאַמען אויפן גאַנצן לעבן... און יעדע טאַנטע גייט דערביי צו, דערגיסט אַביסל וואַסער אין דער שיסל און העלפט אַ שווענק טאָן זייערע האָר...

דייוויד האָט געקוקט אויף באַיאַמקאַ׳ן מיט ברייט־צעעפנטע אויגן:

— זאָג, דו מיינסט עס זיכער ניט ערנסט ?!... דו שפּאַסט ?!

— קיין שפּאַס, ליבער! — האָט זי ערנסט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין, — דו מוזסט עס וויסן פאָראויס.

ער האָט, אַ פאַרזאָרגטער, געטראַכט אַ ווײַלע:

— זאָג מיר, וויפל, אַשטייגער, אַזעלכע מומעס דערוואַרטסטו צו אָט־דער פּראָצעדור ?

— ווער ווייסט זיי, — האָט זי אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען, — צו אַזאַ וויכטיקן ענין קאָנען אַמאָל קומען אַלע מיינע מומעס.

— אַזוי ?! — האָט ער איר געקוקט גלייך אין פּנים אַריין, — וויפל, פּאָרט, מיינט ביי דיר „אַלע“ ?

— כ׳בין ניט זיכער, נאָר עס קענען אַמאָל אָנקומען צווישן דרייסיק און פערציק...

— און דו דענקסט, אַז כ'וועל בכוח זיין אויסצוהאַלטן אַזאַ מין וואַר־שונג ?! — האָט ער זיך נאָך אַלץ ווי ניט געגלויבט אין דער ריכטיקייט פון אירע רייד, — דענקסטו ניט, אַז מיין לעבן וועט זיין אין געפאַר ?

— דאָס זיכער ניט! — האָט זי געשמייכלט, — קיינער איז נאָך, אויף וויפל איך ווייס, ביז איצט פון דעם ניט געשטאָרבן. הערצו האָסטו מיר דאָך איין מאָל דערציילט, אַז ביסט אין קאַלעדזש געווען צווישן די אַטלעטן.

ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַ פאַרזאָרגטן בליק און זי האָט ענד־לעך, ניט אויסגעהאַלטן און זיך הויך צעלאַכט.

— זיי וויסן, מיין טייערער, אַז יעדעס וואָרט מיינס איז אמת'דיק. אָט־די גאַנצע פּראָצעדור מוז ביי אונדז דורכגיין יעדער חתן. אָבער דו האָסט אַ דרייענדיקן מזל: ערשטנס, ביסטו ניט קיין האָפּי; צווייטנס, האָסטו ניט קיין עלטערן און דריטנס, איז פּאַ דאָגלאַס נאָך לעצטע וואָך געקומען צו אונדז און זיך צונאַמענגערעדט מיטן „הויפּט" פון אונדזער דאָרף, וועמענס נאָמען איז „האָמיניקניוואַ".

און אָט דער „הויפּט" פאַרמאָגט אַ גאַנץ היפּשע מאָראַלישע מאַכט. אַלע אין דאָרף רופן אים „פּאָטער" און ער זיי — „קינדער". ער באַלאַנגט שטענדיק צום „בערן־קלען". טעאָרעטיש — דאַרף ער אַכטונג געבן אויפן גאַנצן, אַרומיקן לאַנד, אויף אַלע היזער, אויף דער גערעטעניש און זיינער אַ באַ־פעל ווערט שטענדיק אויסגעפירט. נו, האָט זיך דער פּאַ צורשט צונאַמענ־גערעדט מיט אים, דערנאָך זיינען זיי ביידע אַוועק צו מיינע עלטערן און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַזוי ווי מיר ביידע זיינען אָנגעזעענע מענטשן און אמתע פריינט פונעם „האָפּי"־שבט מיט אַלע זיינע פירונגען, וועלן די „גייסטער" זיכער אונדז ניט באַשטראָפן, אויב מיר וועלן אין דער חתונה־פּראָצעדור מאַכן אַ צאָל געוויסע אויסנאַמען... — ערשט דאָ האָט זי זיך געכאַפּט, אַז דער אויטאָמאָביל שטייט און אַ פרעג געטאָן: — פאַר־וואָס האָסטו אָפּגעשטעלט די מאַשין ?!

— פון שרעק! — האָט ער געענטפערט, אָבער גלייך זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— זאָג שנעלער, וואָס זיינען די אויסנאַמען ?

— און לאָמיר דיר זאָגן, אַז דו מעגסט זיך פרייען, — זי האָט אונטער־געשטראָכן אירע ווערטער, — אַזעלכע אויסנאַמען זיינען נאָך ביז איצט פאַר קיינעם ניט געמאַכט געוואָרן.

— האָב רחמנות! — האָט ער זיך געבעטן, — זאָג, וואָס זיינען די אויס־נאַמען ?! די הויפּט־זאַך, ווי האַלט עס מיט די דרייסיק־פערציק מומעס און מיט זייער וואַשן מיך ?!

— פון דעם האָבן זיי אונדזביידן באַפרייט...

ער האָט אויפגעהויבן ביידע הענט צום הימל:

— דאַנקען גאָט!

— מען וועט אונדז אָבער מאָרגן, נאָך איידער די זון וועט אויפגיין, גוט אויסוואַשן די קעפּ, צוערשט באַזונדער, דערנאָך צוזאַמען, אין איין שיסל, מיט די וואונדערלעכע מילינעס פון דער „יאַקאַ־פּאַלמע״, דערנאָך וועט מען, פאַרשטענדלעך, צוזאַמענדריקן אונדזערע האָר אַלס סימבאָל און צוזאַמענבינדן אונדז אויפן גאַנצן לעבן... — זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און זיך פאַרטראַכט.

— וואָס איז? וועגן וואָס טראַכסטו? — האָט דייוויד געוואָלט וויסן.

— איך ווייס אויף זיכער, אַז אַלע מיינע, ווי דו זאָגסט, דרייסיק־פּערציק מומעס זיינען זייער אומצופרידן מיטן פאַקט, וואָס מען האָט ביי זיי אַוועקגענומען דעם פאַרגעניגן אונדז אויסצובאָדן... — האָט זי לאַנגזאַם גערעדט, ווי צו זיך אַליין.

— נו, איז וואָס? — האָט ער זי איבערגעשלאָגן, — וואָס קאָנען זיי אונדז טאָן?

— אָפּיציעל — גאָרנים, — האָט זי אַ לאַך געגעבן, — אַזוי ווי אָבער זיי נעמען אָן אַקטיוון אָנטייל אין צוגיסן קאַלטע וואַסער צו ביידע שיסלען, ווי אויך אין איינדרייען אונדזערע האָר, האָב איך מורא, אַז זיי זאָלן, אַלס נקמה, אונדז ניט אויסרייסן די האָר.

— בעסער צו פאַרלירן די האָר, איידער דאָס לעבן! — האָט ער מיטגעלאַכט, — ענדיק, וואָס קומט נאָכן וואַשן די קעפּ?

— דערנאָך לאָזט מען אונדז זיך אָפּטריקענען אַביסל ביים פייער, מען פאַרקעמט מיינע האָר ניט ווי כ׳האָב זיי ביז איצט באַדאַרפט טראָגן, אין אויסזען פון צוויי קירבעס איןביידע זייטן קאָפּ, נאָר אין גלייכע שטראָמען אַראָפּ־צו, ווי פאַרהייראַטע פרויען טראָגן ביי אונדז. און צום סוף גיט מען אונדז צוביסלעך געהייליקטע קאָרן־מעל, מיר׳ן דאַרפן צוגיין צו אַ הויכן אָרט, אין מזרח־זייט פון דאָרף, אַ וואָרף־טאָן דאָס מעל אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער זון און בעטן אַ לאַנג, געזונט און גליקלעך לעבן, — און זי האָט פאַרענדיקט, שוין אַביסל שטילער און ווי עטוואָס פאַרשעמט, — פון יענעם מאָמענט אָן זיינען מיר שוין מאַן און ווייב, אויך לויט אונדזערע „האָפּי״־געזעצן.

ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך מיט דער רעכטער האַנט און ווידער אַ טרייב־געטאָן די מאַשין.

— און מיך האָט מען אָנגעשראָקן, — האָט ער זיך דערמאָנט, — אַז ערשט נאָכן וואַשן די קעפּ, הויבן זיך אָן אַ צאָל יום־טובים מיט פאַרשיידענע פּראָצעדורן.

זי האָט זיך צעלאַכט:

— ס׳איז אמת... ערשט נאָך דער חתונה הויבן זיך ביי אונדז אָן רייען יום־טובים מיט באַקן „פּיקי" (פלעצל־ברויט) און קאָכן און מאָלן פאַרביקע קאָרן־מעל און טראָגן שפּייזן און מתנות איינער צום צווייטן. דעם חתנ׳ס פאָטער, מיט אַ צאָל פּריוויליקע פּריינט, הויבן אין דער „קיוואַ" (אונטער־ערדישער צימער) אָן פּאַר מיר צו שפּינען: צוויי טעפּיכער, אַ ברייטן גאַרטל און אַ פּאָר „מאָקאַסינס" (שטיוועלעטן). און פאַרגעס ניט, מיין ליבער, אַז לויטן מנהג וואָלטן מיר זיך אויך באַדאַרפט באַזעצן צוזאַמען מיט מיינע עלטערן.

— דאָס וואָלט זיכער ניט געווען קיין אומגליק, — האָט ער זי פּאַרזי־כערט, — ווען זיי וואָלטן נאָר ניט געוואוינט אין אַזעלכע דריי פּיצינקע, נידעריקע ליימענע צימערלעך... זיי זיינען טייערע מענטשן און געפעלן מיר זייער. און איצט, טייערע, זאָג מיר, אין וואָס באַשטייט אונדזער הייני־טיקע פּראָגראַם?

— היינט זיינען מיינע עלטערן די הויפּט מחותנים: צו זיי אין הויז, גיכער, אַרום דעם הויז, וועט זיך צוזאַמענקלייבן ניט נאָר אונדזער גאַנצע משפּחה, נאָר אויך דאָס גאַנצע דאָרף אונדזערס. עס וועלן, מעגלעך, אויך אָנקומען פּריינט און משפּחה פון אייניקע פון די אַרומיקע דערפער: „אָראַיבי" און „אָטאָווילאָ". מען וועט עסן, טרינקען און די עלטסטע וועלן, מעגלעך, האַלטן רעדעס, לויבנדיק אונדז ביידן. אויב מען וועט פאָדערן פון דיר אַ רעדע, זשאַלעווע ניט קיין קאָמפּלימענטן אַלעמען, בפרט מיינע עלטערן און דעם „הויפּט" פון דאָרף, דעם אַלטן „טשיף" האַמיניקניוואַ, וועלכער האָט דיך געראַטעוועט פון די הענט פון מיינע דרייסיק־פּערציק מומעס...

— איך פאַרשטיי.

— דער הויפּט־יום־טוב וועט אָבער פּאָרקומען מאָרגן, דריי אַזייגער בייטאָג, ביים פּאַ און מאַ אין הויף. דער פּאַ האָט, אחוץ מיין גאַנצער משפּחה, אויך איינגעלאַדן אַ היפּשע צאָל פון זיין „האָפּי" און „נעוועהאָ" פּריינט, אויך אַ צאָל פאַמיליעס פון פלעגסטעף און טוסאָן. צווישן זיי אויך די גרינבערגס און די ראָזמאַנס, וועלכע זיינען געווען אונדזערע עדות, ביים אַרויסקריגן אונדזערע פּאַפּירן. אויך נעזיטאַ וועט קומען מיט דער פרוי און אירע עלטערן. דער פּאַ האָט שלום געמאַכט ביי זיי אין האָגאַן. צען גרויסע לע־מער האָט ער באַשטעלט צו קוילן פאַרן יום־טוב...

דייוויד האָט זיך אַזש אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ:

— זאָג, באַיאַמקאַ, מיט וואָס וועלן מיר קענען אָפּדאַנקען אָט־די צוויי וואונדערלעכע מענטשן פאַר אַלץ, וואָס זיי טוען פאַר אונדז?

— ווען מיר וואָלטן געהאַט מיליאָנען דאָלאַרן, וואָלטן מיר דאָן אויך צו אָרעם געווען זיי אָפּצודאַנקען, — האָט זי געענטפערט, — פאַרגעס אויך

ניט, אַז דו ביסט איר דריטער זון און איך איר דריטע שנור.

— און וואָס איז מכוח דעם פאַ׳ס פאָרשלאַג? — האָט זי דייוויד דערמאָנט.

— איך געדענק אים ניט, — האָט זי אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען.

— אין וואָס איז ער באַשטאַנען?

— אַז מיר זאָלן אָנרופן אונדזערע ערשטע צוויי קינדער מיט זייערע נעמען...

באַיאַמקאַ האָט זיך צעלאַכט:

— איך נעם אים, מיט פאַרגעניגן, אָן, אָבער עס וועט זיי אויסקומען צו וואַרטן אַ גאַנץ היפּשע צייט.

— פאַרוואָס? — האָט ער געשמייכלט, — בלויז ניין חדשים... ס׳איז ניט אַזוי לאַנג.

— וואָס מיינסטו ניין חדשים? — האָט זי ניט פאַרשטאַנען, — זיי זיינען דאָך צוויי, דער פאַ מיט דער מאַ?

— נו און ווער וועט דיך אָפּשטעלן פון צו האָבן אַ פּאָרל? — האָט ער פּרובירט מאַכן אַן אומשולדיק פּנים, — אַ יינגל מיט אַ מיידל... וועלן מיר זיי טאַקע גלייך אָנרופן: נעט און הילדאַ.

באַיאַמקאַ האָט זיך אָפּגעקערט און, לויט די באַוועגונגען פון אירע אַקסל, האָט ער געזען, אַז זי האָט שטיל געלאַכט. ער האָט זי אַרומגעכאַפּט, געוואָלט איר אַ קוש טאָן, זי האָט זיך אָבער, לאַכנדיק, אַרויסגערוקט פון זיינע הענט:

— וואַרט צו אַ מינוט — איך האָב דיר נאָך אַ פּאָר זייער און זייער וויכטיקע זאַכן צו זאָגן.

— וואָס, צום ביישפּיל? — האָט ער געוואָלט וויסן, — דאַכט זיך, אַז איך ווייס שוין אַלץ.

— מאַכסט אַ גרויסן, אַ ריזיקן, אַ קאָלאָסאַלן טעות, — האָט זי זיך גערייצט מיט אים.

— טאָ זיי אַ גוטער פריינט, מיסעס שטערן, און זאָג! — האָט ער שוין געבעטן.

און זי האָט לאַנגזאַם, מיט אויגן פינקלענדיק מיט פרייד, גענומען, זעט אויס, אָפּזיכטלעך ציִען פון זיך די ווערטער:

— ערשטנס... מאָרגן, גלייך נאָכן יום־טוב, פאָרן מיר ביידע אָפּ צום...

ער האָט געקוקט אויף איר מיט פאַרוואונדערטע אויגן און איבערגע־חזר׳ט אירע לעצטע פּאָר ווערטער:

— „פאָרן מיר ביידע אָפּ צום"... וואוהין פאָרן מיר עס ביידע אָפּ?

— צום „גראַנד קעניאָן", — האָט זי ווי אויסגעשאָסן.

— ווער האָט עס דיר געזאָגט? — האָט ער געפּאָדערט.

— דער פאַ דאָגלאַס! ער האָט מיר אויך שטרענג אָנגעזאָגט דיר

עס ניט אויסצוזאָגן ביז מאָרגן אָוונט, אָבער, — זי האָט הילפלאָז צענומען מיט ביידע הענט, — איך האָב עס שוין ניט געקענט מער איינהאַלטן אין זיך. ער האָט שוין אפילו באַשטעלט פאַר אונדז אין „עס־טאָוואר" האָטעל אַ צי־מער אויף אַ וואָך... דאָס וועט זיין דיין אורלויב, האָט ער געזאָגט.

זיי זיינען אין דער צייט פאַרבייגעפאָרן דעם שטייך, נעבן וועלכן דאָגלאָס האָט זיך דעם ערשטן מאָל אָפּגעשטעלט אין אַ פינצטערער נאַכט און געוויזן דייווידן די פולע פראַכט פונעם אַריזאָנער אויסגעשטערנטן הימל און וואו דייוויד פלעגט אָפט אָפּשטעלן זיין מאַשין, אָפּפּירנדיק, אין די זונטיקדיקע נעכט, באַיאַמקאַן צו איר אַהיים, אין טיובאַ סיטי.

ער האָט איצט מיט איין דריי פונעם מאַשין־רעדל, אַראָפּגעפירט דעם אָטאָמאָביל פונעם געפלאַסטערטן וועג און אים אַוועקגעשטעלט אין שאָטן פון שטייך.

— וואָס איז געשען? — האָט זיך באַ־יאַמ׳קאַ געוואונדערט.

— דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַרדרייט פון דיינע נייעסן, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, מיט אַ טיפן זיפץ, — כ׳מוז זיך אָפּרוען אַ ווײַלע, אַנדערש וועל איך נאָך אַרויספאָרן אויף אַ צווייטנס אָטאָמאָביל...

— אויב אַזוי רו זיך טאַקע אָפּ אַביסל און מאַך זיך פאַרטיק פאַר נאָך אַ שטיקל נייעס, דאָס גאָר, גאָר פון די וויכטיקסטע... — זי האָט זיך באַ־מיט צו זיין ערנסט, אָבער אַ פרייד האָט זיך געשפּאַרט פון אירע גרויסע, פעך־שוואַרצע אויגן, פון יעדן ווינקל פון אירע זאַפטיקע ליפּן.

— דו הויבסט מיך אָן צו שרעקן, — האָט ער פּרובירט אַ שמייכל צו טאָן, — נו, קום שוין אַרויס, זאָג אין וואָס באַשטייט די גאָר גרויסע נייעס דיינע?

זי איז מיטאַמאָל געוואָרן ערנסט:

— הער: צווישן די איינגעלאַדענע געסט אויף אונדזער מאָרגנדיקן יום־טוב וועלן אויך זיין... — זי האָט ניט פאַרענדיקט דעם זאַץ און געקוקט אויף אים מיט, ווי טיף געוואָרענע בליקן.

— ווער? — דייוויד האָט זיך אַ הויב געטאָן אויף זיין זיץ־פּלאַץ, — זאָג, ווער נאָך וועט קומען?

און זי האָט אים געענטפערט מיט אַ שטיל, געריירט קול, כמעט ווי דורך טרערן:

דיין ברודער נייטן מיט זיין פרוי פון ניו־יאָרק און אויך דיין שוועסטער מיטן מאַן פון שיקאַגאָ.

דייווידס גרויסע, בלויע אויגן האָבן מיטאַמאָל זיך פאַרמאַכט, אָבער זיך גלייך ווידער ברייט צעעפנט, זיך ווי איינגעשניטן אין איר פנים און ער האָט שטיל, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, זיך, כמעט ווי אַ בעט געטאָן:

— דו שפּאַסט ניט?

— ניין, טייערער! — האָט זי אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, — מיט אַזעלכע זאַכן שפּאַסט מען ניט.

ער איז געזעסן אַ ווײַלע מיט פאַרמאַכטע אויגן, דערנאָך זיך, ווי האַלב, געעפנט און שטיל געזאָגט:

— איך האָב זיי געגנבֿט אַלץ געשריבן וועגן דיר, באַ־יאַמ־קאַ... אָבער זיי ניט אײַנגעלאַדן צו אונדזער חתונה, ניט וועלנדיק זיי שלעפּן אַזוי ווײַט אַהער... ניט געוואָלט צעשטערן זייערע געשעפטן... געוואָלט עס לײַכטער מאַכן פאַר זיי... נאָך דער חתונה דיך ברענגען צו זיי אַלעמען...

— עס מאַכט ניט, — זי האָט אים אַרומגענומען, — איך מיט דער מאַמען האָבן עס שוין געטאָן פאַר דיר... מיר שרײַבן זיך שוין איבער מיט זיי אַ גאַנצע היפּשע צײַט. די מאַ האָט אפילו, אָן מײַן וויסן, איבערגעשיקט צו זיי מײַנע צוויי בילדער... ערשט שפּעטער מיר וועגן דעם דערציילט.

דייוויד האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אים אונטערגעשפּאַרט מיט דער האַנט און ווען באַיאַמקאַ האָט אים אַ קוש געטאָן, האָט זי דערפּילט, אַז זײַן פּנים איז נאַס פון טרערן. און אַרומנעמענדיק אים מיט דער רעכטער האַנט, האָט זי מיט דער לינקער, געגלעט זײַנע האָר און שטיל, ווי צו אַ קינד, גענומען רעדן:

— אַזוי וועט עס שוין זײַן, טײַערסטער מײַנער!... דאָ וועלן מיר פאַרבלײַבן, דאָ, אין אַריזאָנאַ... שוין פערציק יאָר, אַז די דאָגלאַסעס געפינען זיך דאָ... פערציק יאָר, אַז זיי פירן אַ שטיל, אַ הערלעך, אַ שיין לעבן צווישן אונדז, באַ׳גזל׳ענטע און באַרויבטע, בײַ וועלכע מען האָט ניט נאָר צוגענומען זייער לאַנד און אַלע זייערע רײַכטימער, נאָר אפילו ביז דער לעצטער צײַט זיך אַלץ באַמיט אָוועקצונעמען פון זיי זייערע פּרימיטיווע געטער... די דאָגלאַסעס האָבן מיט זייער הערלעכקייט אויסגעבראַכט אַ וועג צו די אינדיאַנישע פאַרביטערטע הערצער, זיי דערוויזן, אַז ניט אַלע ווײַסע מענטשן זײַנען מערדער און רויבער אַז עס זײַנען פאַראַנען אַזעלכע דאָגלאַסעס אויך צווישן די געלערנטע אין אַ צאָל אוניווערזיטעטן און גלאַט הערלעכע ווײַסע מענטשן איבערן לאַנד... טאָ לאָמיר פאַרזעצן דעם פּאַ׳ס און דער מאַ׳ס אַרבעט, גיין אין זייערע פוס־טריט...

ער האָט צוגעדריקט איר האַנט צו זײַנע ליפּן:

— יאָ, טײַערע, אַזוי וועט עס זײַן...

און זי האָט, ווישנדיק די טרערן, ווײַטער שטיל גערעדט:

— אויב איך שטאַם אפילו ניט פון אײַערע „צען פאַרלוירענע שבטים“, וואָס איך באַדויער זייער שטאַרק, האָבן מיר, אינדיאַנער, דאָך זייער אַ נאָענטע שייכות צו דײַן פאָלק, וועלכעס אַנטיסעמיטיזם און ווײַסער שאָוויניזם

האָבן אַזוי ביטער און בלוטיק פאַרפאָלגט אין לויף פון דורות און האָבן נאָך אויך איצט ניט אינגאַנצן אויפגעגעבן זייער היטלער טרוים איך אינגאַנצן צו פאַרניכטן... לייזן בינדן צוזאַמען סיי אײנצעלנע מענטשן, אַזוי אויך גאַנצע פעלקער. פון איך, יידן, וועלן מיר זיך לערנען ווי אַזוי צו קעמפן קעגן אונדזערע שונאים, ווי אַזוי אָנצוהאַלטן אונדזער אייגענעם פנים, אונ־דזער אָפּשטאַם און דאָס רעכט אויף אונדזער אייגענער קולטור און זאָל זיין אפילו געציילט גלויבן...

אַ פּאָר מינוטן האָבן זיי ביידע געשוויגן, קוקנדיק פאַרטראַכט פאַר זיך. דערנאָך האָט דייוויד שטיל, ווי פאַר זיך, אַ זאָג געטאָן:

— דעם ענין וועגן דער קראָם, וועל איך, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, אויפנעמען מיטן ברודער.

— ניטאָ דערווייל, זיך וואָס צו איילן, — האָט זי אים פאַרזיכערט, — איך האָב לעצטע וואָך, צופעליקערווייזע, גערעדט מיט דער מאַ וועגן דעם. זיי אַנטלויפן נאָך ניט אַזוי שנעל פון דאַנען. פערציק יאָר לעבן און מי דאָ איינגעפלאַנצט. עטלעכע קרעמער פון פלעגסטעפ זיינען ווייליק געווען צו געבן דעם פאַ אַ גאַנץ הויכן פרייז פאַרן „פאָוסט״. ער האָט זיי אָפּגעזאָגט, ווייל ער קען זיי פאַר געלט־גייציקע מענטשן, וועלכע וועלן ניט באַהאַנדלען די אינדיאַנער, ווי ער האָט עס געטאָן... אונדז, מיר מיט דיר, וואָלט ער, מיט פרייד, איבערגעגעבן די קראָם פאַר אַ פיל קלענערן פרייז. אין דער צייט, וואָס מיר וועלן פאַרברענגען ביים „גרענד קעניאָן״ וועט דער פאַ זיך שוין דורכשמועסן מיט דיין ברודער.

— גוט! — האָט דייוויד צוגעשטימט, — איך אַליין וועל אים אויך, פאַרן אַוועקפאָרן, זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם.

— עס קען זיכער ניט שאַטן! — האָט זי צוגעשטימט.

די זון האָט זיך לאַנגזאַם גענומען זעצן און דער גאַנצער הימל, אויף וויפל דאָס אויג האָט נאָר געקענט פאַרנעמען, איז געווען געדיכט באַזעצט מיט קלענערע און גרעסערע, ווייסע וואָלקנדלעך, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי אַ אומגעהויער גרויסע סטאַדע מיט שאָף.

און מיטאַמאָל זיינען די זונען־שטראַלן, פונקט ווי ריזיקע, גאָלדענע און פּורפּור־רויטע פינגער צוגעפאַלן צו די וואָלקנדלעך און בעת די גאָלדענע שטראַלן האָבן בלויז באַצירט זייערע זוימען, האָבן די פּורפּור־רויטע אַריינגע־דרונגען אין זייער טיפעניש, אַרויסרופנדיק אַ געפיל פון באַוואונדערונג, געמישט מיט ווילדער פרייד.

— זע, דייוויד!... גיב נאָר אַ קוק אויפן הימל! — האָט באַיאַמקאַ מיטאַמאָל אויסגעשריגן.

דייוויד האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך איינגעקוקט אַ ווײַלע אין צווי־

בער־שפּיל פון ווייס, גאָלד און פּורפּור־רויט און טיף אָפּגעזיפּצט:

— יאָ, טייערע, דיין הימל איז וואונדערלעך, פּונקט ווי דו אַליין ביסט, מיין באַיאַמקאַ... פּונקט ווי אַ צאָל זאַכן זיינען דאָ אַרום אונדז...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן האַנט־זייגער:

— יאָ, טייערע! עס וואַרטן נאָך אויף אונדז לאַנגע רייען העלע טעג און אויסגעשטערנדיקע נעכט, זוניקע פרימאָרגנס און פאַרנאַכטן און גליק, וואָס וועט אָנפילן אונדזערע הערצער, פּונקט ווי אָט־די פּורפּור־רויטע פייערן אויפן הימל, איבער אונדזערע קעפּ, פילן אָן די אינגעווייקדן פון די ווייסע וואָלקנדלעך... און איצט לאָמיר זיך צעזעגלען! איך וויל מען זאָל דאָרטן ניט וואַרטן צו לאַנג אויף אונדז.

זי האָט געוואָרפן אויף אים אַ דאַנקבאַרן בליק, צוגעצויגן זיין האַנט און זי צוגעדריקט צו איר ברוסט:

— ביסט גערעכט, טייערער. לאָמיר פאָרן. — און שטיל, ווי אַ תפילה פאַר זיך, אַ זאָג געטאָן עטלעכע ווערטער אין איר אייגענער „האָפּי“־שפּראַך.

— וואָס האָסטו געזאָגט, מיין באַיאַמקאַ? — האָט ער אַ בעט געטאָן, — די ווערטער קלינגען עפּעס אַזוי שיין, אַזוי דערהויבן! חזר זיי איבער, איך בעט דיך!

און זי האָט, ווי אַרויסגעזונגען, קלאַנג נאָך קלאַנג:

— „אי־קאַן־נאַיאַ... בעס־נו־אָן־נאַ־וואַקנאַ...

— וואָס מיינט עס, באַיאַמקאַ?

— עס מיינט: מיין טייערער, איך האָב דיך זייער שטאַרק ליב...

ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך.

יולי־אויגוסט, 1958, נאָוועמבער, 16, 1958.

אויפֿן צפֿון־זײַט פֿון גרענד־קעניאָן

די ערשטע זונען־שטראַלן איבער דער אַריזאָנער וויסטעניש, האָבן יעד־נעם פֿרימאָרגן, ווי געוויינלעך, צערשט זיך אַ גלײַכגילטיקן קייקל־געטאָן איבער די ברוין־זאַמדיקע מײַלן, עטוואָס פֿאַרהאַלטנדיק זייער לויף פֿאַר די ריזיקע „סאַגואַראָ״־קאַקטוסן, אָדער פֿאַר די געדיכטע גרופּעס פֿאַרשיידנ־אַרטיקע מדבר־גראָזן, קוסטן און ביימלעך.

צוקומענדיק אָבער צום פֿילפֿאַרביקן שטח לאַנד, וועלכער טראָגט דעם נאָמען „פּעינטעד דעזערט״ (געפֿאַרבטע וויסטעניש), האָבן די זונען־שטראַלן זיך ווי אָנגעפֿילט מיט אַ באַזונדערער מין העלקייט און, ווי מיט פֿרייד, זיך שטורמיש אַ יאָג געטאָן איבער די זאַמדיקע און שטיינערנע בערג, בערגלעך, טאָלן און פּלאַכקייטן, וועלכע האָבן זיך, ווי קייטלענדיק אויסגעשפּרייט פֿאַר זיי אין אַן ענדלאָזן איבערגאַנג־שפּיל פֿון גרין, געל, ברוין און רויט, ווײַס, שוואַרץ, גרוי און פּיאָלעט.

דערנאָך, אַריבערשפּרינגענדיק דעם אַספֿאַלטענעם וועג, וועלכער לויפֿט פֿון יוטאַ שטאַט צום גרענד קעניאָן — האָבן די זונען־שטראַלן זיך, ווי זשעדנע אײַנגעגראָבן אין די זאַפּטיקע, גרינע אָרעמס פֿון דעם קעיבאַבער וואַלד.

די שפּיצן פֿון די ריזיקע סאָסנעס און טאַנען ביימער — זײַנען געווען די ערשטע אויפֿצונעמען די זונען־שטראַלן, די ערשטע זיך ווי אײַנצוטונקען אין פֿליסיקן גאָלד, וועלכן זיי האָבן גלײַך צאַרט אַראָפּגעלאָזט אויף די קעפּ פֿון די נידעריקערע קיפֿער און אַספּען ביימער, וועלכע האָבן, פֿון זייער זײַט, שנעל פֿאַרגאָסן מיט זונען־שײַן די אַרומיקע קוסטן און גראָזן.

— דער פֿרימאָרגן איז געקומען! — האָבן רוישיק אויסגערופֿן די סאָס־נעס און די טאַנען־ביימער,— רירט זיך אַלע! כאַפּט זיך אויף!

און דער גאַנצער וואַלד האָט מיט אַ פֿלאַטער אָפּגעענטפֿערט:

— דער פֿרימאָרגן איז געקומען!... רירט זיך אַלע!... כאַפּט זיך אויף!...

און די קעיבאבער ווערוערקעס, די אײנציקע אין דער וועלט — מיט ווײַסע עקן — האָבן די ערשטע אַרויסגערוקט זייערע שפּיציקע קעפּלעך פֿון די לופּטיקע נעסטן, זיך שנעל און פֿאָרשנדיק אַרומגעקוקט און טאַקע גלײַך זיך גענומען אַרומיאָגן איבער די צווײַגן און ווי פֿײַגל שוועבן דורך דער לופֿט פֿון איין בוים צום צווייטן.

די ווײַס־ברוינע און גאָלדיק־גרויע, ווילדע טויבן האָבן וואָרקענדיק, גענומען מיט די שנעבעלעך רייניקן זייערע ברייט־צעשפּרייטע עקן, און די

וואַלד־הינער האָבן פויל זיך גענומען רוקן פון איין אָרט צום צווייטן און, ווי ניט ווילנדיק, הויבן און אַראָפּלאָזן זייערע פליגל.

אַ געדיכטע נעץ פון זונען פלעקן האָט אויף אַ פּאַרוואַקסענער לאָנקע אָפּגעזוכט אַ גרופּע מאַמעס־הירשן מיט זייערע נאָך גאָר יונגינקע, פאַר אַלץ זיך שרעקנדיקע הירשעלעך.

די הירשעלעך האָבן זיך אַ צאַפּל געטאָן, ניט גלויביק אַ קוק געגעבן איינער אויפן צווייטנס גאָלדענע פלעקן, אָבער די מוטערס האָבן זיי גלייך באַרואיקט, צודריקנדיק זייערע לאַנגע, גאָלדיק־ברוינע העלדזער צו זייערע קעפּלעך. אָבער מיט אַ פּאָר מינוטן שפּעטער, ווען אויף אַ דערבייאיקן, הויכן שטיין האָבן זיך באַוויזן צוויי גרויסע, ווילדע קעץ, זיינען שוין די הירשלעך דערשראָקן אויפגעשפּרונגען אויף זייערע דינינקע, ציטערנדיקע פיסלעך, פאַרטיקע צום אַנטלויפן. אָבער אַזוי ווי די מוטערס האָבן געקוקט גלייך אויף די קעץ און זיך פון אָרט ניט גערירט, זיינען זיי געשטאַנען אַ ווײַלע מיט אויפגעשטעלטע אויערן און ברייט־צעעפענטע אויגן און זיך ענדלעך, ווי שול־דיקע, צוריק אַראָפּגעלאָזט אויפן גראָז.

די קעץ האָבן באַטראַכט אַ ווײַלע די הירשן, דערנאָך גענומען פויל אויסציען זייערע רוקנס, ניט אַראָפּנעמענדיק זייערע בליקן פון די הינער און טויבן אויף די צווייגן, איבער זיי. די לעצטע האָבן, ווייזט אויס, זיך אָנגעשטויסן וואָס אַט־די בליקן קענען פּאַסן זיי מיינען און פלינק גענומען אַריבערפליען אויף העכערע צווייגן.

מיטאַמאָל האָבן די קעץ אָפּגעשטעלט זייער ציען זיך, איינצייטיק אויסגעדרייט די קעפּ אויף לינקס און בײדע זיינען, מיט איין שפּרינג, אַראָפּ פון שטיין און פאַרשוואונדן צווישן די קוסטן, לינקס.

האָבן דאַן אויך אַלע הירשן, ווי איינער, זיך פלינק אַ שטעל געטאָן אויף די פיס, זיך איינגעקוקט און זיך צו עפּעס צוגעהערט אין דער לינקער זייט פון וואַלד, אַ פּאָר מאָל אַרייַנגעצויגן אין זיך די לופט פון יענער זייט און אַלע האָבן מיטאַמאָל זיך געלאָזט לויפן רעכטס.

אַ פּאָר מינוטן איז אַלץ אַרום געווען שטיל און באַרויִגלאָז. דערנאָך האָט אויפן גרויסן, קײַלעכדיקן שטיין, וואו די צוויי קעץ זיינען נאָר־וואָס געשטאַנען, זיך באַוויזן דער קאָפּ פון אַ בער, און נאָך אים — זיין גרויסער, ברוין פּאַרוואַקסענער קערפּער.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אַרייַנגעצויגן אין זיך די אַרומיקע לופט, פּאַרזיכטיק אַראָפּגעגליטשט זיך פון שטיין אויף דער לאָנקע, אַרומגעגאַנגען און באַשמעקט די ערטער, וואו די הירשן זיינען ניט לאַנג צוריק געלעגן און זיך אויפמערקזאַם גענומען איינקוקן אין דער ריכטונג, וואוהין זיי זיינען אַוועק. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און מיט דער רעכטער לאַפּע,

ווי מיט פאַרדרוס, געגומען זיך קראַצן אונטער דער לינקער פּאַכווע. שפּע־טער, ווייזט אויס, עטוואָס אַ באַרואיקטער, איז ער נאָך אַמאָל אַרומגעגאַנגען די לאַנקע, ווידער באַשמעקט דאָס גראָז און לאַנגזאַם זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון דעם צפון־זוים פונעם גרענד־קעניאָן. — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פון די ביימער שפּיצן פונעם „קעי־באַבער" וואַלד האָבן זיך די זונען־שטראַלן אַ יאָג־געטאָן אין גרענד קעניאָן גופא און מיט הונדערטער צונטער־רויטע פאַקלען געגומען צינדן די דעכער־שפּיצן, טעראַסן, קאַלאָנען און די טיף־צעאַקערטע רוקנס און ווענט פון די גאַענטע און ווייטע בערג־טעמפּ־לען, וועלכע טראָגן די נעמען פון שאַפער און געטער פון אַלטע וועלט־רעליגיעס.

דער ערשטער האָט אויפגעפלאַקערט דער זיבן טויזנט און זעקס הונ־דערט פוסיקער טעמפּל פון אינדישן גאָט שיווא. זיין שפּיציקער דאַך האָט אַ פלאַם געטאָן און דורך זיינע שמאָלע פענצטער האָבן אויף די דעכלעך, קאַרניזן, טעראַסן און ווענט — געגומען גיסן שטראָמען צעלאָזענעם גאָלד.

און די טעמפּלען פון די איבעריקע געטלעכקייטן: פון בודאַה, בראַה־מאַ, אָזיריס, קאָנפוציאוס, זאָראָאַסטער, ווישנו, אַפּאָלאָ, ווענוס, יופּיטער און פיל אַנדערע — האָבן זיך געגומען איינער נאָכן אַנדערן טונקען אין רויט־בלויע מאַנטלען, באַפּוצטע מיט גאָלד.

און די שוואַרצע נאַכט שאָטנס האָבן זיך, ווי אין שרעק, געגומען צערוקן אין אַלע זייטן, געפינענדיק מאַמענטאַלע שוץ אונטער הויכע שטיי־נער, אין טיפע באַג־שפּאַלטן און אין דער טיפעניש פונעם קעניאָן.

און ווען פונעם צפון־זוים פון גרענד־קעניאָן האָט זיך דערטראָגן אַ צווייטער רוף פונעם קעי־באַבער וואַלד: „דער פרימאָרגן איז געקומען!... רירט זיך, טעמפּלען!... כאַפּט זיך אויף!..."

האָט דער מעכטיקער געטער־כאָר גלייך אָפּגעענטפערט: „מיר זיינען וואָך, קעי־באַב!... גיב אַקאָרשט נאָר אַ גוטן קוק אויף אונדז!... זע, ווי אויסגעפּוצט מיר זיינען שוין!..."

און פון גאָר אונטן, פונעם סאַמע גרונט פון קעניאָן, האָט רוישיק אָפּ־געענטפערט דער אייביק אומרואיקער, שטענדיק אומצופרידענער קאָלאָראַ־דאָ טייך: „מאַך זיך ניט נאַריש, דו אַלטער פריינט מיינער — קעי־באַבער וואַלד!... דו קענסט מיך שוין טויזנטער יאָרן און דו ווייסט זייער גוט, אַז איך שלאָף קיינמאָל ניט איין... אַז מיך דאַרף מען קיינמאָל ניט וועקן!... אַז איך האָב געשאַפן דעם שענסטן און גרעסטן טאָל אויף דער וועלט — דעם גרענד קעניאָן און איך בין שטענדיק אויף דער וואַך! — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף אַ פֿאַרוואָרפֿענער, געדיכט פֿאַרוואַקסענער לאָנקע אויפֿן צפֿון־זײַט פֿונעם גרענד קעניאָן איז געשטאַנען אַן אײנזאַמער „האָגאַן“. דאָס איז געווען אַ נידעריקע, קײַלעכדיקע וואוינונג, צונויפֿגעשטעלט פֿון ביימער־שטאַמען און געפֿלאָכטענע צווייגן. דער דאַך — אַן ערדענער און אינדערמיט פֿון אים האָט זיך געפֿונען אַ קײַלעכדיקער לאָך פֿאַרן רויך. די הילצערנע טיר איז געווען פֿאַרדעקט מיט אַ קולים.

אין אַזעלכע „האָגאַנען“ וואוינט, געוויינלעך, דער אינדיאַנער „נעוועהאָ“־שבט אין אַריזאָנאַ און אין ניו־מעקסיקאָ.

פֿונעם געפֿלאַסטערטן הויפּט־וועג, אויף וועלכן די האָטעל אָטאָמאָבילן פֿלעגן פֿירן די טוריסטן, כּדי זיי צו ווײַזן די שיינקייטן פֿון קעניאָן, איז אָט דער פּלאַץ געווען אָפּגעטיילט מיט אַ טיפֿן, שאַרפֿן אָפּרייס אין קעניאָן און אַחוץ דעם געדיכטן וואַלד, אויך געווען פֿאַרשטעלט מיט עטלעכע היפּשע בערגלעך.

לינקס פֿונעם „האָגאַן“ איז געשטאַנען גאָר אַ נידעריק טישל, אַ באַנק און ס׳איז געווען אײַנגעאָרדנט אַ פֿײַער־פּלאַץ, וואו ס׳איז איבער אַן אײַזערנעם דרײַעק, געהאַנגען אַ היפּשע פֿאַרשוואַרצטע קעסעלע. לינקס — האָט זיך, אין פֿולן בלי, געצויגן אַ היפּשער גרינוואַרג גאָרטן, זאָרגפֿעלטיק באַוואָרנט מיט אַ הויכן צאַם.

ווי ס׳ווײַזט אויס, האָבן די ערשטע זונען־שטראַלן, מיט דער הילף פֿון צווײַ ווערעווקעס, וועלכע האָבן, ווער ווייסט צוליב וואָס, זיך גענומען אַרומיאָגן און קוויטשען אויפֿן דאַך פֿון „האָגאַן“, — אויך אויפֿגעוועקט דעם אַלטן נעוועהאָ אינדיאַנער — הע־ראַ־ראַ.

דעם ערשטן בליק האָט ער, אַרויסקומענדיק פֿון זײַן „האָגאַן“, אַ הויבגעטאָן צו די באַלויכטענע שפּיצן פֿון די ריזיקע סאָסנעס און טאַנען־ביימער, דעם צווייטן — צו זײַן גאָרטן און אַ צופֿרידענער שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער זײַן פּנים.

ער האָט גענומען אויסגלײַכן די ביינער, הויבן און אַראָפּלאָזן די הענט און דער לויף און די שטײַפֿקייט פֿון זײַנע מוסקולן האָבן עדות געזאָגט, אַז אין אים האָט זיך נאָך פֿאַרהאַלטן אַ היפּש ביסל פֿון זײַן אַמאָליקער יונגער גבֿורה.

דערנאָך האָט ער אַראָפּגענומען דאָס קעסעלע פֿונעם דרײַ־עק, איז צוגעגאַנגען צו אַ ניט ווײַטן שטיין, פֿון וועלכן עס האָט זיך געריזלט אַ דינער וואַסער שטראָם, אָנגעפֿילט דאָס קעסעלע, עס צוריק אויפֿגעהאַנגען אויפֿן דרײַ־עק און אונטער דעם צעלייגט אַ קליין פֿײַערל פֿון פּיניאָן צווייגן. דערנאָך האָט ער זיך גוט אַרומגעוואַשן, איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו אַ געדיכט צעשפּרייטן אַספּען קוסט לינקס, וועלכער האָט מיט זײַנע גאָלדיק פֿלאַ־

טערנדיקע בלעטער פארדעקט דעם מייליקן אפרייס אין טאל. דא האט ער זיך אוועקגעשטעלט אויף א פלאכן, ווייסן שטיין, אויסגעשטרעקט בײדע הענט צו דער אויפגייענדיקער זון און גענומען תפילה טאן.

ווי א מעכטיקע, בראנזענע, אויסטערלישע סטאטוע האט ער אויסגעזען, דער אלטער הע־רא־רא, שטייענדיק א באגאסענער מיט די פרימארגנדיקע זונען־שטראלן אויפן סאמע שארף פונעם אפרייס אין גרענד קעניאן. און תפילה טאן פלעגט ער אינגאנצן אן ווערטער. בלויז מיטן געדאנק פלעגט ער בעטן דעם פאטער פון דער וועלט, דעם פארזארגער פון אלץ וואס לעבט — „טא־הא־ני־היי״ (די זון), ווי אויך די מוטער פון דער וועלט — די ערד — און אלע אנדערע גוטע געטער, דאס ערשטע — צו פארהיטן פון אלעם שלעכטס זיין איינציקן זון, מעי־טסא, זיין גוטע און קלוגע שנור סי־סלא מיט זייערע צוויי קינדער.. דערנאך האט ער געבעטן די זעלבע געטער, אויב מעגלעך, צו פארניכטן די ריזיקע מאכט פונעם ווייסן מענטשן און אויך ניט פארגעסן צו באשטראפן אים פאר אלע אומרעכטן און מער־דערייען, וועלכע ער איז באגאנגען קעגן זיין אייגענעם נעוועהא שבט, ווי אויך קעגן אלע אנדערע אינדיאנישע שבטים... אין זיינע תפילות פלעגט ער אפט דערמאנען זייער גרעסטן פירער מאנועליטא, ווי אויך מיט א קללה, דעם נאמען פונעם אממערסטן פארהאסטן ווייסן מענטשן, דעם באוואוסטן אמעריקאנער העלד: קאפיטאן קיט קארסאן. אים, קארסאנען, פלעגן זיי, די נעוועהאס, כמעט קיינמאל ניט רופן ביי זיין אמתן נאמען, נאר ביים צונאמען „אדילויהי״, וואס האט געמיינט אויף זייער שפראך: „דער וואס פארווארפט דעם שטריק״...

דאס האט ער, קיט קארסאן, אנגעפירט די לעצטע, די אויסראטונגס־מלחמה קעגן זיי. א מלחמה מיט זיינע „פייער וועגענער״ (הארמאטן), ניט נאר קעגן זיי אליין, ניט נאר קעגן זייערע ווייבער און קינדער, נאר אויך קעגן זייערע שאף, אייזלען און פערד, קעגן זייערע פארזייטע פעלדער און אפילו קעגן זייערע פרוכט־ביימער, וועלכע ער פלעגט, נאך יעדן זיג, באפוילן אויסצוהאקן... דריי טויזנט אזעלכע טייערע, אליין פארזייטע און אויסגעכאוועטע פרוכטן ביימער האט ער, דער מערדער, פארניכטעט...

יא, ער האט זיי באזיגט, דער „שטריק־פארווארפער״. ער האט זיי גע־האלטן אין איין טרייבן פון איין עק פון זייער באפעסטיקטן „קעניאן דע־שעלי״ צום צווייטן... און ווען זיי האבן שוין מער ניט געקענט אויסהאלטן און אין ווינטער פון יאר 1663 זיך אים ענדלעך אונטערגעגעבן, האט ער די לעצטע, נאך לעבן געבליבענע זיבן טויזנט, ווי שאף, גענומען טרייבן דורך די שנייען און קעלטן קיין ניו־מעקסיקא, אין א געגנט מיטן נאמען „באסקע־ראדאנדא״, נעבן דער „סאמנער״ פעסטונג.

„דער לאנגער טויטן וועג״ — אזוי האבן די נעוועהאס א נאמען געגעבן

אָט־דעם שרעקלעכן גאַנג. אַ גרויסע צאָל מענער, פֿרויען און קינדער זיינען אומגעקומען אויפֿן וועג. ניט געווען קיין צייט און אויך ניט קיין חשק די טויטע צו באַערדיקן, האָט מען זיי געלאָזט ליגן, וואו נאָר זיי זיינען געפֿאַלן.

צען יאָר איז הע־ראַ־ראַ אַלט געווען אין דער צייט פֿון די שלאַכטן אין קעניאָן דע־שעלי. ער האָט געהאַסט די ווייסע סאָלדאַטן און געטאָן אַלץ אין זיינע כוחות זיי צו באַזיגן. ער האָט גלייך מיט אַלעמען געקלאָגט אויפֿן טויט פֿון די געפֿאַלענע העלדן, אָבער נאָך מער שטילע טרערן פֿאַרגאָסן, ווען ער איז געשטאַנען פֿאַר די אָפּגעהאַקטע שטאַמען פֿון די צוועלף פּרוכט־ביימער, וועלכע זיין פֿאָטער האָט, מיט אַ צאָל יאָרן צוריק, אַליין פֿאַרזייט געבן זייער „האָגאַן“... ביימער, וועלכע האָבן סיי מיט זייער בליען, אַזוי אויך מיט זייערע פּירות אים געהאַט פֿאַרשאַפֿט אַזוי פֿיל קינדערשע פֿרייד.

צווישן די קרבנות פֿונעם „לאַנגן וועג“ האָבן זיך אויך געפֿונען זיינע עלטערן. מיט אַ טאָג פֿאַר זיין טויט, האָט אים דער פֿאָטער באַשוואוירן:

— געדענק הע־ראַ־ראַ, זון מיינער, ווען דו וועסט אויסוואַקסן, זאָלסטו נקמה נעמען פֿאַר מיר, פֿאַר דער מאַמען, פֿאַר אונדזער גאַנצן שבט... זע, פֿאַר־געס עס ניט!

און ער האָט, ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער, פֿון קעלט און שרעק, אים צוגעזאָגט: — כ'וועל עס טאָן, פֿאָטער! כ'וועל עס ניט פֿאַרגעסן!...

באָסקע־רעדאָנדאָ“ אין ניו־מעקסיקאָ — איז געווען דער ערשטער קאָנ־צענטראַציע־לאַגער אין אַמעריקע. דער באָדן איז דאָרטן געווען זייער אַ שלעכטער: ליים מיט שטיין, אויך ווייניק וואַסער און די ערד איז זי געווען געמישט מיט זאַלץ און געהאַט אַ שלעכטן גערוך. געוואָקסן האָבן דאָרט זייער ווייניק ביימער און נאָך ווייניקער גראָז פֿאַר די שאָף. דערצו האָט מען אויך די פֿאַרשיקטע געגעבן שלעכטע וואוינונגען, ווייניק קליידער און באַהייצונג און אָפֿט פֿוילע שפּייז. ס'איז געווען אַ פּלאַץ גיכער צום שטאַרבן, ווי צום לעבן. אָרדענונג האָט מען געקענט אויפֿהאַלטן בלויז מיט דער הילף פֿון ביקס און שווערד פֿון די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין דער דערבייאיקער „סאָמנער“־פֿעסטונג.

ביי אַזעלכע אומשטענדן האָבן זיך אין קעמפּ גענומען פֿאַרשפּרייטן פֿאַר־שיידענע קראַנקהייטן און די אינדיאַנער האָבן גענומען אויסשטאַרבן אין גאָר גרויסע צאָלן.

ענדלעך, נאָך פֿיר יאָר מאַטערניש, אין יאָר 1667, ווען פֿון די עלף אָדער צוועלף טויזנט פֿאַרשיקטע, זיינען אַריבער אַ דריטל שוין געווען טויט, האָט מען באַשלאָסן זיי צוריקצופֿירן אין זייער אַלטער אַריזאָנער רעזערוואַציע.

ברענגענדיק זיי צוריק, האָט מען אויסגעטיילט צווישן זיי אַ קליינע צאָל שאָף, זיי געגעבן אַביסל זריעה פֿאַרן צוקונפֿטיקן פֿאַרזיי, געקראָגן פֿון זיי

אַ צוזאָג, אַז זיי וועלן פירן אַ רואיקן אַרט לעבן, ניט אַנפאַלן, ווי אין די אַלטע צייטן, מער אויף זייערע שכנים — און זיי געלאָזט צורו.

און זיי זיינען, פונקט ווי שאָטנס, פאַרשוואונדן צווישן זייערע היימישע בערג און טאָלן, גליקלעכע ניט אָנצוקוקן מער דעם פאַרהאַסטן ווייסן מענטשן מיט זיינע ביקסן און פייער־וועגענער. און ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס דרייפערטל פון זייער רעזערוואַציע לאַנד איז געווען פאַרנומען מיט זאַמד און שטיינערנע בערג, זיינען זיי ווידער צוריקגעקומען צו זייערע כוחות און מיט אַ צאָל יאָרן שפּעטער נאָך אַמאָל, דערשינען געזונטע, צופרידענע און אין אַ פיל פאַרגרעסערטער צאָל. — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַ היפּשע צאָל יאָרן זיינען פאַרלאָפן זינט דער צייט פון „באַסקע־ראַ־דאַנדאַ". דאָס לעבן האָט זיך איינגעשטעלט, דאָס וואָרט פון געזעץ און גערעכטיקייט איז געוואָרן שטאַרקער און עס האָט ביסלעכווייז גענומען אויך באַווירקן דאָס לעבן פונעם אינדיאַנער.

מען האָט שוין מער ניט געוואַגט, סיי די רעגירונג, אַזוי אויך פּריוואַטע קאָמפּאַניס, אַזוי אָפן, ווי פריער, צו באַראַבעווען דעם „ווילדן" אינדיאַנער. דערצו איז שוין אויך ניט געווען מער וואָס פון אים אַוועקצונעמען.

עס האָבן זיך אויך געפונען, אמת, ניט קיין הייער גרויסע צאָל, אָבער ערלעכע אַמעריקאַנער: שרייבער, געלערנטע און אפילו רעגירונגס־אַנגעשטעלטע, וועלכע האָבן זיך איינגעשטעלט פאַרן „רויטן מענטשן" און גענומען אויספּלאָנטערן דעם אַמעריקאַנער עולם פון די פאַלשע, אין אים איינגערעדטע באַגריפן וועגן אינדיאַנער, ווי וועגן נאַראָנים, אָדער סטראַשידלעס, מערדער און „סקאַלפּן"־שינדער.

מען האָט גענומען קעמפן פאַר זיין פולער בירגערשאַפט און פאַר זיין רעכט צו גלויבן אין זיינע אייגענע געטער.

מיטן אָנקומען אין „ווייסן־הויז" פון פּרעזידענט פרענקלין דעלענאָ רוזוועלט — זיינען די צייטן געוואָרן נאָך מער גינסטיק פאַר די אינדיאַנער, אָבער דער אַלטער הע־ראַ־ראַ האָט בשום אופן ניט געקענט אינגאַנצן פאַרגעסן די אַמאָליקע אומרעכטן.

זעלבסט פאַרשטענדלעך, אַז אין אים האָט ניט געקענט בלייבן לעבן דער געדאַנק וועגן אויספירן די שבועה פון נקמה, וועלכע ער האָט אַמאָל געגעבן דעם שטאַרבנדיקן פאָטער, אָבער קיין צו גרויסע פריינטשאַפט, ווי אַנדערע פון זיין שבט, צום זיגער האָט זיין האַרץ ניט געקענט אַריינגעמען אין זיך און ער פלעגט מיט אַלע כוחות אויסמיידן די געזעלשאַפט פון ווייסע מענטשן.

אָבער אַ פּאַסירונג, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן אַדאַנק אָט־דעם אומ׳חן געפיל צו די ווייסע, האָט דעם אַלטן טאַקע פאַריאָגט אין אָט־דעם איינ־

זאַמען האַגאַן, אויף דער צפון זוים פֿונעם גרענד קעניאָן.

און אָט ווי עס האָט פּאַסירט:

דער נעוועהאָ שבט האָט זיך לעצטנס היפּשלעך פֿאַרמערט און עס איז אים ענג געוואָרן אין זיין אַלטער אָריזאָנער רעזערוואַציע. האָט די רעגירונג פֿאַרגעלייגט אַ צאָל פֿון זיי זיך אַריבערצוקלייבן אין דער שכנה'שער „קאָלאָראַדאָ־רעזערוואַציע", וואו ס'האָט זיך געפֿונען אַ היפּשע צאָל מיילן מיט ניט קיין פֿאַרנומענעם לאַנד. יעדער ניי־געקומענער איז געווען באַרעכטיקט צו פֿערציק אַקער לאַנד און צו אַן הלוואה פֿון דריי טויזנט דאָלער אויף איינצוואָרדענען זיך.

דער זון מעי־טסאָ מיט דער פֿרוי, האָבן זיך גלייך אָנגעכאַפּט אין פֿאָרשלאַג און כמעט קעגן דעם אַלטנס ווילן, זיך איינגעאָרדנט אויפֿן נייעם אָרט. אויס „האָגאַן" — זיי האָבן איצט שוין געוואוינט אין אַ הילצערן שטיבל פֿון צוויי צימערן, וועלכע זיי האָבן אויסמעבלירט מיט אַ טיש און פֿיר בענקלעך, מיט צוויי בעטן: איינעם פֿאַר זיך, דעם צווייטן פֿאַר די קינדער. אויך אַ צוזאַמענגעלייגט לייווונטן בעטל פֿאַרן טאַטן. זיי האָבן אויך איינגעהאַנדלט אַן אייזערנעם אויוון, אַ צאָל טעפּלעך, טעלער און אַנדערע קיך־זאַכן. אפֿילו ניט פֿאַרגעסן צו קויפֿן צוויי זאַכן, וועלכע זיי האָבן קיינמאָל אין זייער „האָגאַן" פֿריער ניט געהאַט: אַ קליינעם וואַנט־שפּיגל און אַ טיש־זייגער.

דאָס פּאָרל, בפֿרט די צוויי יינגלעך, זיינען געווען זייער צופֿרידן און אויך דער אַלטער האָט זיך ביסלעכווייז גענומען צוגעוואוינען צום נייעם אָרט לעבן.

די ערד זייערע איז ניט געווען קיין איבעריק גוטע און ביידע מענער פֿלעגן פֿאַרברענגען גאַנצע טעג אין פֿעלד, גראָבנדיק באַוואַסערונג־קאַנאַלן. און איינמאָל, מיטאָג־צייט, ווען דער זון, מעי־טסאָ איז נאָך עפּעס אַוועק אין הויז, איז דער פֿאָטער געבליבן אַליין אין פֿעלד. ער איז געשטאַנען אַ פֿאַרטיפֿטער אין דער אַרבעט, ווען ניק טאָמסאָן, אַ בחור פֿון אַ יאָר פֿינף, זעקס־און־צוואַנציק, אַן אָנגעשטעלטערביים אויפֿזעער איבער דער צעטיילטער ערד, אַ גרויסהאַלטער און אַ אינדיאַנער־האַסער איז, גראָד דאַן, פֿאַרבייגעגאַנגען הינטער זיינע פּלייצעס. דער אַלטער האָט אים נאָך באַמערקט פֿון וויטנס, אָבער זיך געמאַכט ניט זעענדיק און פֿאַרגעזעצט זיין אַרבעט.

טאָמסאָנען האָט, ווייזט אויס, פֿאַרדראָסן דעם אינדיאַנערס גלייכגילטיקע באַציאונג. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, פֿאַרדרייכערט אַ סיגאַרעט און מיט ביטול אין קול אַ זאָג געטאָן:

— שוין לאַנג צייט געווען, אַז מיר זאָלן אייך, די פֿוילע נעוועהאָס, אויסלערנען צו זיין אַביסל פֿלייסיקער.

העי־ראַ־ראַ האָט אויסגעדרייט צום טאָמסאָנען דעם קאָפּ, אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ שפּאָטישן בליק און זיך ווידער גענומען צום גראָבן.

און טאַמסאָן האָט ווייטער גערעדט:

— איר, נעווועהאָס, זענט ווי בייזע, הונגעריקע הינט: אַט האָבן מיר אייך ערד געגעבן, פון די שמוציקע „האַגאַנען" אייך אַרויסגעשלעפּט... הייזקעס אייך געהאָלפן אויפשטעלן... אויף די קני וואָלט איר באַדאַרפט פאַר אונדז אַרומקריכן... די הענט אונדז קושן...

דער אַלטער האָט מיטאַמאָל דערפילט, פּונקט ווי אַ פייער וואָלט זיך אָנגעצונדן אין זיין ברוסט. ער האָט זיך שנעל אויסגעדרייט צו טאָמסאָנען און אים שאַרף ווי אַ וואַרף געטאָן אין פּנים אַריין:

— אונדזער ערד, ניט אייערע!... ביי אונדז צוגענומען!...

טאָמסאָנס פּנים איז רויט געוואָרן:

ביסט אַ גאַסט־פאַרדאַמטער ליגנער! — האָט ער שוין גאַנץ הויך אויסגעשריגן, — אַלע ווייסן, אַז איר, נעווועהאָס, זענט מערדער און גנבים!... דערפאַר האָט מען אייך נאָך מיט יאָרן צוריק אין „באָסקע־ראָדאָנדאָ", ווי שמוציקע הינט פאַרשפאַרט! אַ גרויסער שאָד, מען וואָלט אייך נאָך ביז איצט באַדאַרפט דאָרטן האַלטן!

די דערמאָנונג וועגן „באָסקע־ראָדאָנדאָ" האָט ביים אַלטן ווי אויפגעריסן אַן אַלטע וואונד. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו טאָמסאָנען און שוין אויך מיט אַ הויך קול, אים צוריקגעשליידערט:

— מערדער און גנבים זענט איר געווען, ניט מיר!

טאָמסאָן האָט אַוועקגעוואָרפן דעם סיגאַרעט און מיט אויפגעהויבענע פויסטן זיך אַ לאָז געטאָן צום אַלטן.

הע־ראַ־ראַ האָט פלינק אָפּגעטראָטן אויף אַ פּאָר שפּאַן צוריק, געשיקט אויסגעמידן דעם געגנערס פויסטן, אָבער מיטאַמאָל זיך איינגעבויגן, אַ וואַרף געטאָן פאָראויס, אַרומגעכאַפּט טאָמסאָנס ביידע פיס און אים אומגעוואָרפן. און באַלד האָבן זיי זיך שוין ביידע געקייקלט איבערן זאַמד און מיט אַלע כוחות געזעצט איינער דעם צווייטן, וואוהין זייערע פויסטן האָבן נאָר געקאָנט דערגרייכן.

אָט אין דער לאַגע האָט זיי מעי־טסאָ געפונען, אָנקומענדיק פונעם הויז.

— וואָס איז געשען? — האָט ער, אין דער נעווועהאָ־שפּראַך, אַ געשריי געטאָן צום פאָטער און צו טאָמסאָנען שוין זיך געווענדט אין ענגליש: — וואָס האָט פּאַסירט?! פאַרוואָס שלאָגט איר זיך?!

ער האָט זיי אָפּגעריסן איינער פונעם צווייטן און בעת די שלעגער האָבן געהאַלטן אין אָפּטרייסלען די זאַמד און שטיינדלעך פון זייערע קליידער, האָט דער פאָטער זיך, ווי באַקלאָגט:

— גנבים און מערדער, זאָגט ער, זיינען מיר!... אין „באָסקע־ראָדנדאָ" האָט מען אונדז, נאָך ביז איצט, באַדאַרפט האַלטן!...

און טאָמסאָן האָט בייז געדראָעט הע־ראַ־אַרן מיט ביידע פויסטן:

— דו וואַרט נאָך צו אַ ווײַלע, דו אַלטער, לויזיקער הונט!... כ'וועל זיך נאָך אַראָפּכאַפּן אַהער... ווי אַ מויז וועל איך דיך דערשטיקן... דו שמוציקער אינדיאַנער!...

ער איז אַוועק מיט שנעלע טריט.

מעי־טסאָ האָט, שווײַגנדיק, אים נאָכגעקוקט מיט דראָענדיקע בליקן...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַרנאַכט, נאָכן עסן, האָט סי־סלאָ, די שנור, געהייסן די קינדער פאַרטרייבן די שאָף אין זייער באַנאַכטיקער פאַרצאַמונג און אַליין זיך ניט גענומען צו איר באַליבטער אַרבעט: צום געוועב פון דעם טעפּיך, וועלכן זי פלעגט, געוויינלעך, אָפּגעבן אירע אָוונטן. אויך דער אַלטער האָט זיך ניט אַוועקגעזעצט צו זײַן זילבער־שמידערײַ. אַלע זײַנען זיי געבליבן זיצן אַרום טיש מיט פאַרזאָרגטע פּנים'ער, און ווען זיי האָבן דורכן פענצטער געזען, אַז די קינדער זײַנען שוין ווייט און קענען זיי ניט הערן, האָט סי־סלאָ, די ערשטע אַ זאָג געטאָן:

— איך דענק, אַז דער „פּאָקקאָ“ (הונט), דער טאָמסאָן, וועט וועגן היינטיקן געשלעג ניט מעלדן דעם הויפּט־אויפזעער... וועט, אין אַלגעמיין, קיינעם ניט דערציילן וועגן דעם...

— איך בין זיכער אין דעם! — האָט מעי־טסאָ באַשטעטיקט איר מיינונג, — ער וועט זיך פּשוט שעמען צו דערציילן, אַז אַלטער נעוועהאָ האָט אים, ווי אַ געקוילעטן שעפּס, געוואַלגערט איבערן זאַמד...

ער האָט ניט געקענט זיך קאָנטראָלירן און אַ צופרידענעם שמייכל געטאָן.

און איך דענק אויך, — האָט סי־סלאָ פאָרגעזעצט, — אַז דער פאָטער האָט זיך אינגאַנצן ניט באַדאַרפט אָנפאַנגען מיט אים.

— ריכטיק! — האָט דער אַלטער צוגעשטימט, — ניט באַדאַרפט... און כ'וואָלט עס אויסגעהאַלטן, ווען דער „וואָלירהי“ (טכיר) וואָלט מיר ניט דערמאָנט דעם „באָסקאָ־ראָדאָהראָ“ קעמפּ און מיט אים צוזאַמען אויך די שבועה, וואָס כ'האָב מײַן פאָטער אַמאָל געגעבן נקמה צו נעמען פאַר אים...

— איך פאַרשטיי דיך, פאָטער, — האָט סי־סלאָ אים געענטפערט מיט אַ צוטרוילעכן טאָן און דערבײַ אים אַ צאַרטן גלעט געטאָן איבערן אַקסל, — איך פאַרשטיי... אָבער מיר מוזן שטענדיק גוט געדענקען, אַז מיר לעבן שוין איצט אין נײַע צײַטן און אַלטע ווערטער, אפילו אַלטע שבועות, טאָרן אונדז שוין ניט שרעקן מער... — זי האָט זיך צוגעבויגן צו אים אַביסל נאָענטער און שטילער גענומען רעדן: — איך האָף, פאָטער, אַז ס'איז קלאָר פאַר דיר, אַז אין אונדזער אַלטער רעזערוואַציע, צום שמוציקן „האָגאַן“ מיטן לאָך אין דאַך פאַרן רויך — וועלן מיר זיך שוין קיינמאָל מער ניט צוריקקערן.. סיידן... — זי האָט שווער אָפּגעזיפצט, — סיידן מען וועט אונדז מיט שטריק אַהין שלעפּן... — זי האָט זיך צוגעבויגן נאָך נאָענטער: —

איך וויל, פּאַטער, און דאָס זעלבע וויל אויך מיין מעי־טסאָ, דער מאַן מיינער, אַז אונדזערע צוויי יינגלעך זאָלן ניט נאָר ענדיקן די שול, וואו זיי לערנען זיך איצט, נאָר אויך באַזוכן דעם ווייסן מאַנס אַ קאָלעדזש, קיין אונטערשייד צי אין פלעגסטעף, אין טוסאָן, אָדער אין אַן אַנדער שטאָט, — אַ ציטער האָט דורכגעטריקסלט איר גאַנצן קערפּער, — אין מיין קאָפּ האָב איך אַלץ שוין אויספּלאַנירט: — מיר'ן אַלע דאָ, אין דער היים, אַרבעטן שווער, כּדי צו קענען זיי אַרויסהעלפן... איך האָב געהערט וועגן אינדיאַנער, וועלכע פאַרנעמען איצט הויכע שטעלעס אין דער וועלט פונעם ווייסן מענטשן... פאַרוואָס זאָלן אונדזערע צוויי זין זיך ניט דערשלאָגן צו דעם זעלבן?...

— און וואָס איז וועגן אונדזער גלויבן?... וועגן אונדזערע פון דורות־אַלטע פירונגען? — האָט דער שווער טיף איר אַריינגעקוקט אין די אויגן און אַ וויטאָק האָט געקלונגען אין זיין קול, — צי ווילסטו אפשר, אַז דיינע קינדער זאָלן ווערן אויס אינדיאַנער? זאָלן נעמען גיין צו די מיסיאָנערן אין זייערע קלויסטערס?!

— ניין, פּאַטער! — זי האָט אַן אַנטשלאָסענעם דריי־געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין, — דאָס וויל איך זיכער ניט! אמת, איך בין ניט קיין געלערנטע, אָבער איך האָב אויגן און איך זע, אַז טאַקע דאָ, ביי אונדז אויף די רעזער־וואַציע געפינען זיך קלויסטערס פון פאַרשיידענע גלויבנס, וואוהין יעדער גלח שלעפּט אונדז באַזונדער... זאָג איך, אַז עס דאַרף זיין דאָ נאָך איין קלויסטער, נאָך איין גלויבן — אַן אינדיאַנישער.

הע־ראַ־האַ האָט איצט שוין געקוקט אויף דער שנור מיט וואַרעמע, דאַנקבאַרע אויגן און פון זיין מויל האָבן זיך אַרויסגעריסן עטלעכע טיפּישע נעוועהאָ־קלאַנגען, וועלכע דריקן אויס גרויס צופרידנקייט: „האָו!... האָו... האָו...“ דערנאָך האָט ער צוויי מאָל איבערגע'חזר'ט: „לאַ... לאַ“... וואָס מיינט: „אָט דאָס איז עס!“ און צוגעגעבן: — דו רעדסט קלוגע רייד, טאָכטער מיינע. „אָה־שיה־היה!“ (אַ דאַנק דיר!).

— ריכטיק! — האָט מעי־טסאָ אַ צופרידענעם שמייכל געטאָן און צו־געגעבן: — וואָס מיך פאַרנעמט איצט, איז ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דעם הונט, פון טאָמסאָנען? זיינע לעצטע ווערטער זיינען געווען, אַז, מעגלעך, נאָך מאָרגן, וועט ער קומען זיך אָפּצורעכענען מיטן טאַטן.

— זאָל ער קומען, — האָט סי־סלאָ באַמערקט, — וועט ער שטיין און בילן ווי אַ הונט. דער פּאָטער וועט אים אפילו קיין איינציק וואָרט ניט ענטפערן.

— זייער פיין, — האָט מעי־טסאָ אַן איראָנישן שמייכל געטאָן, — און וואָס אויב ער וועט אָנפאַנגען אַ געשלעג?

— דו דענקסט, אַ זאַזעלכעס איז מעגלעך? — האָט סי־סלאָ זיך ניט געגלויבט.

— זייער מעגלעך! — האָט דער מאַן זי פאַרזיכערט. — האָסט באַדאַרפט זי דאָ פריער ביידן זען זיך וואַלגערן אין זאַמד און קלאַפּן איינער דעם צווייטן.

— וואָס־זשע איז דיין עצה? — האָט זי געוואָלט וויסן.

— מיין עצה איז, אַז דער טאַטע זאָל אַוועק פון דאַנען אויף אַ שטיקל צייט... ביז יענער משוגענער וועט זיך באַרואיקן.

— וואוהין קען ער גיין? — האָט זי געוואָלט וויסן.

— פאַרוואָס ניט צו דער שוועסטער באַז־נאַ־באַי אין דער רעזערוואַ־ציע?... כ'ווייס, אַז ס'איז זייער ענג ביי איר אין האָגאַן... ס'איז אָבער בלויז אויף אַ קורצער צייט...

דער פאָטער האָט מיטאַמאָל אַ פּאַטש געטאָן מיט איין האַנט אין דער צווייטער און, פון איבערראַשונג, זיך אָנגעכאַפּט אַ הויב־געטאָן פון אָרט:

— הערט קינדער, איך האָב אַן אויסגעצייכנטן פּלאַן!

— וואָס איז דיין פּלאַן?! — האָבן ביידע, דער זון מיט דער פרוי, געוואָלט וויסן.

— זאָגט קינדער, געדענקט איר נאָך אונדזער אַלטן האָגאַן, אין קעני־באָבער וואַלד, אויפן צפון זייט פונעם גרענד קעניאָן?... מיר האָבן אַמאָל געוואוינט דאָרטן אַ פּאָר זומערן.

— זיכער געדענקען מיר אים! — האָבן ביידע באַשטעטיקט.

— טאָ פאַרוואָס, זאָגט מיר, זאָל איך זיך איצט ניט פאַרקלייבן אַהין אויף היינטיקן זומער?... זאָל זיין, ווי איר זאָגט, ביז אַלץ וועט זיך איינ־שטעלן... דו, זון, וועסט פאַרברענגען דאָרטן מיט מיר בלויז איין טאָג: וועסט מיר דאַרפן העלפן צורעכט מאַכן דעם האָגאַן און אויסגראָבן אַ גאָרטן... — ער האָט זיך פריילעך צעלאַכט: — איר האָט זיכער פאַרגעסן וואָס פאַר־אַ גוטע, שוואַרצע ערד עס איז דאָרטן פאַראַן... כ'וועל אויך מיט־נעמען מיינע שמידעריי אינסטרומענטן, אויך אַביסל זילבער און טורקויז שטיינדלעך און וועל אויסשמידן פאַר אייך אַלעמען צירונג...

— זיינע אויגן האָבן געלויכטן מיט פרייד.

דער זון מיט דער פרוי האָבן זיך איבערגעקוקט מיט ניט קיין זיכערע בליקן.

— אָבער ווי אַזוי וועסטו, פאָטער, קענען זיין איינער אַליין אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם ווינקל אין וואַלד? — האָט די שנור זיך געשראָקן, — פאַראַן דאָרטן אַ סך ווילדע, געפערלעכע חיות.

דער אַלטער האָט אַ זיכערן שמייכל געטאָן און אַ צעפיר־געגעבן מיט די אַקסלען:

— ניושקשה, טאָכטער, העי־ראַ־ראַ איז נאָך אַלץ אַ גוואַלדיקער אינדיאַ־נער און פאַרמאָגט נאָך גענוג כוחות זיך צו פאַרטיידיקן, בפרט נאָך מיט

דער הילף פון זיין לאַנגן, זייער שאַרפן מעסער.

— גוט, פּאַטער, — האָט מעי־טסאַ, נאָך אַ קורצן טראַכטן, צוגעשטימט.

— איך דענק, אַז דאָס איז דער בעסטער פּלאַן. איך וועל נאָך היינט אי־בעררעדן מיט אונדזער האָפּי שכן. ער איז אַ גוטער מאַן און וועט מיר זיכער לייען אויף דריי טעג איינעם פון זיינע אייזלען, וועלן מיר טאַקע מאָרגן גאַנץ פרי פאַרפּאַקן די נויטיקע זאַכן און זיך לאָזן אין וועג־אַריין.

ער האָט געוואָרפן אַ פרעגנדיקן בליק צו דער פרוי:

— וואָס דענקסטו וועגן דעם?

— קענט איר ביידע זיכער, אַז איר געדענקט דעם וועג? — האָט זי געוואָלט וויסן.

ביידע מענער האָבן אַ זיכערן שאָקל געטאָן מיט די קעפּ.

— טאָ זאָל זיין מאָרגן אין דער פרי, — האָט זי באַשלאָסן און צוגע־געבן: — און זעט טרעפט זיך אויפן וועג מיט וואָס וויניקער מענטשן.

ביידע מענער האָבן ווידער צושטימיק אָנגעבויגן זייערע קעפּ. — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויפן צווייטן פרימאָרגן, נאָך אײדער די זון איז אויפגעגאַנגען, האָבן זיי באַלאָדן דעם געליענעם אייזל מיט די נויטיקע מכשירים און שפּייז און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. זיי האָבן אויסגעמידן, אויף וויפל מעגלעך, די הויפּט־וועגן, זיך פאַרזיכטיק געשלייכט איבער שמאָלע, פאַרשאָטנטע טעלעשקעס.

די נאַכט האָבן זיי פאַרבראַכט שוין אין קעי־באַבער וואַלד און ערשט מיטאָג צייט, נאָך אַ היפּשן אַרומבלאָנדזשען, זיך ענדלעך דערקליבן צו דער געדיכט־פאַרוואַקסענער לאַנקע, מיטן האַלב־צעשטערטן האָגאַן אינדערמיט.

דער פּאַטער איז דאָס ערשטע אַרומגעגאַנגען די לאַנקע, אָפּגעזוכט, לינקס פונעם האָגאַן, אַ מייל־טיפן אויפרייס אין טאָל, וועלכער איז פון אויבן געווען טיילוויז פאַרדעקט מיט אַ געדיכטן „עספּען״ קוסט, וועמענס גאָלדענע, פלאַטערנדיק־רוישיקע בלעטער האָבן ווי געוואָרנט ניט צוקומען צו־נאָענט צום אָפּגרונט.

אויף אַ וויסן פלאַכן שטיין, איינגעגראָבן אין גרונט, האָבן ביידע איב־דיאַנער זיך אָפּגעשטעלט און, דאָס ערשטע, באַדאַנקט די געטער פאַר דער געלונגענער רייזע. דערנאָך האָט מען אויפגעקאָכט אַביסל קאַווע, אי־בערגעכאַפּט און זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט.

די וועווערקעס, די טויבן און אפילו די פוילע פעטע וואַלד־הינער האָבן גראָפּעקוקט פון די צווייגן און זיך ווי געוואונדערט, וואָס דאָ אַזוינס קומט פאָר. טשיפּמאַנקס, שטעכיקע חזירים־לעך און פאַרשיידענע מינים מייז האָבן זיך באַמיט וואָס שנעלער אָפּצוטראָגן זיך אין וואַלד אַריין און עטלעכע צעשראָקענע האָזן האָבן זיך געהאַלטן אין איין אַרומיאָגן הין און צוריק,

איבער דער לאַנקע, אַ פּאָר מאָל זיך פֿלוצלונג אָפּגעשטעלט אינדערמיט, גייגעריק באַטראַכט די געסט און ווידער פֿאַרשוואונדן.

אַ צאָל הירשן־קעפּ האָבן אָפּט אַרויסגעקוקט פֿון וואַלד און, ווי ס׳ווייזט אויס, ניט געקענט באַשליסן צי די צוויי נייע באַשעפֿענישן אויף דער לאַנקע זיינען פֿריינט צי שונאים.

אונטן־צו, ווען דער קעניאָן, פֿון אונטן, האָט זיך גענומען פּוצן אין זיינע ביינאַכטיקע שוואַרץ־בלויע קליידער און דער וואַלד, פֿון אויבן, האָט זיך גענומען אַליין איינשלעפֿערן אין רויש פֿון זיינע ביימער — איז שוין די גאַנצע אַרבעט געווען פֿאַרענדיקט. דער האָגאַן איז געווען צערעכט־געמאַכט און באַוואָרנט מיט אַ שטאַרקער טיר, די לאַנקע אויסגערייניקט, אַ פֿייער־פּלאַץ איינגעשטעלט און נעבן האָגאַן איז שוין געשטאַנען, פֿון פֿרישן האָלץ, אַ געמאַכטע באַנק און אַ נידעריק טישעלע פֿאַרן עסן און פֿאַר דעם אַלטנס זילבער־שמידעריי.

די נאַכט זיינען זיי בײדע איבערגעשלאָפֿן אין האָגאַן און גאַנץ פֿרי, נאָך אַביסל קאַווע, מיט אַ צוביס, האָבן זיי זיך געזעגנט:

— גיי אַהיים, זון, און זאָרג זיך ניט פֿאַר מיר. זאָג דיין ווייב, אַז כ׳וועל פֿאַר איר דאָ מאַכן אַ פּאָר שיינע האַלדזבענדער, אויך רינגלעך פֿאַר דיר מיט די קינדער.

— גוט, פֿאָטער. זע, זיי פֿאָרזיכטיק. אויב וועסט באַגעגענען אַ „שאָש" (אַ בער), אָדער אַ „נעשדזאַיטסאַ" (אַ באַרג־לייב) — טרעט זיי אָפּ דעם וועג. אַ גרויסע קלאַפּער־שלאַנג האָב איך נעכטן אַליין פֿאַרטריבן אין וואַלד.

— זיי רואיק, זון: דער „גרויסער גייסט" וועט מיך אָפּהיטן און איך, צוזאַמען מיט מיין גרויסן, שאַרפֿן מעסער — וועלן טאָן דאָס זעלבע.

— איך בין זיכער אין דעם! — האָט מעי־טסאָ זיך צעלאַכט און אַ טרייב געטאָן דעם אייזל, — קומענדיקע וואָך וועל איך דאָ ווידער זיין.

— גוט. כ׳וועל וואַרטן אויף דיר.

דער אייזל האָט זיך ניט ווילנדיק אַ ריר געטאָן פֿון אָרט. ער האָט שוין פֿון אַ היפּשער צייט ניט געקייט אַזאַ זאַפֿטיקע, געשמאַקע גראָז און ניט געהאַט איבער זיך אַזאַ קילן, געדיכטן שאָטן. —

עס האָבן זיך פֿאַר העט־ראַ־ראַן אַ קייקל געטאָן אַ רייע גאָלדענע טעג און קילע, זאַפֿטיקע נעכט. יעדן פֿרימאָרגן פֿלעגן די אַרומלויפֿנדיקע וועווער־קעס, אויפֿן דאַך פֿון זיין האָגאַן, אים אָנזאָגן, אַז די זון האַלט אין אויפֿגיין און ווען ער פֿלעגט אַרויס אויף דער לאַנקע, האָבן אים שוין די טויבן באַ־גריסט מיט זייער פֿריינטלעכן וואָרקען. כמעט אַלע וואַלד־באַשעפֿענישן, אַחוץ די ווילדע קעץ און די קליינע, רויטלעך־ברוינע, פֿלינקע פֿוקסלעך, האָבן זיך אין עטלעכע טעג היפּשלעך צוגעוואוינט צו אים און פֿלעגן רואיק

אנגיין מיט זייער אַרט לעבן.

אמת, אַ פּאָר מאָל, ווען עס האָט אים אויסגעפּעלט אַביסל שפּייז, זיינען פון וואַלד פאַרשוואונדן אַ פּאָר הינער אָדער טויבן, אָבער זייער צאָל איז אַזוי גרויס געווען, אַז עס האָט זיך לחלוטין ניט אָנגעזען.

ער פלעגט אויפשטיין מיטן זונען־אויפגאַנג, זיך אַרומוואַשן מיט קאַלטער וואַסער פונעם קוואַל, זיך אַוועקשטעלן אויף זיין שטענדיקן אָרט, אויפן ווייסן, פלאַכן שטיין, ביים אָפּרייס פון קעניאָן און דאַנקען דעם „גרויסן גייסט” פאַרן נעכטיקן גליקלעכן טאָג לעבן און בעטן פאַר ניט קיין ערגערן היינט. דערנאָך פלעגט ער אָפּעסן און זיך גלייך אַ נעם טאָן צום גאָרטן. און דער גאָרטן זיינער, אַ געשפּריזטער פון פּרוכטבאַרער ערד, פון געגנוג זונענשיין און קילן קוואַל־וואַסער, האָט זיך וואונדערלעך פאַנאַנדערגעוואָקסן און אים פאַרשאַפן דעם גרעסטן פאַרגעניגן. אַרבעטנדיק אין גאָרטן האָט ער געערדט צו יעדן פלאַנץ, ווי צו אַ לעבעדיקער באַשעפעניש און זיי אַלעמען באַדאַנקט פאַר זייער וואונדערלעכן וואוקס און פאַר דער פריקד וואָס זיי פאַרשאַפן אים. ביי טאָג פלעגט ער, אַממערסטן, רוען און די פאַרנאַכטן פלעגן פאַריבער אין שמידן זילבער־ציִרונג פאַר דער שנור מיט די קינדער און אין באַוואונדערן דעם פאַרבן־שפּיל פון קעניאָן.

און די ווערוועקעס, די טויבן, די הינער, אָפּט אויך אַ צאָל הירשן מיט זייערע יונגע, פלעגן איינדרימלען, זיך צוהערנדיק צו די מעלאָדישע קלאַנגען פון זיין העמערל און דלאַטע איבער דער קליינער קאָוואַדלע אויפן בידעריקן טישל.

מעי־טסאַ פלעגט קומען יעדע צוויי וואָכן, מיטברענגען אַביסל שפּייז, איבערגעבן גרוסן פון דער פרוי מיט די קינדער און דערציילן, ווי גוט עס וואַקסט אויף זייער פעלד דער קאָרן און די אַספּאַלפאַ. און אַליין פלעגט ער באַוואונדערן דעם טאַטנס גאָרטן און זיך פרייען, וואָס דער טאַטע פילט זיך דאָ אַזוי גוט. און איינמאָל האָט ער געבראַכט מיט זיך אַ גוטע בשורה, אַז דער הונט, דער שונא זייערער, ניק טאָמסאָן אַרבעט שוין מער ניט אין זייער רעזערוואַציע. ער האָט זיך, פאַר עפּעס, צעקריגט מיטן אַגענט און יענער האָט אים אַוועקגעשיקט.

און יעדעס מאָל, ווען מעי־טסאַ פלעגט אַהיים גיין, פלעגט אים שוין איצט דער פאָטער מיט שטאָלץ מיטגעבן אַ היפּש פּעקל מיט גרינוואַרג און אַ צאָל הינער און טויבן. און ביידנס פּנים׳ער האָבן הערביי געלויכטן פון פריקד. — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— —

אַ אינטערעסאַנטע פּאַסירונג איז איינמאָל געשען אין אַ פרימאָרגן, אויף דער פינפטער וואָך פון העי־ראַ־ראַס וואַלד־לעבן. ער איז געזעסן אויף זיין באַנק, פאַרן פייער־פּלאַץ, זייער לאַנגזאַם געטרונקען זיין טאסע קאַווע און

שטיל געזונגען א לידל וועגן א בלויען פויגל:

„אַ־אַה־אַה־אַה... אי־אי־אי־אי, הי־יאַ־הי־יאַ...״

(דער בלויער פויגל זינגט... ער זינגט גאַנץ פרי, דער בלויער פויגל...).

ווי יעדן פרימאָרגן האָט ער נאָך פריער געהאַט באַגריסט זיינע פיר־פוסיקע שכנים, אַנרופנדיק יעדן מיט זיין נאָמען. מיטאָמאָל האָט ער באַמערקט, אַז זיינע שכנים זיינען מיטאָמאָל געוואָרן זייער אומרואיק: די וועווערקעס זיינען געשווינד אַרויף אויף די צוויגן און די צוויי האָזן, וועלכע האָבן זיך ביז איצט גאַנץ רואיק געוואַרעמט אויף דער זון, האָבן מיטאָמאָל אויפגעשטעלט, אָנגעשפיצט די אויערן און זיינען ניט געוואָרן.

— עס זעט אויס, אַז אַ ווילטיקער גאַסט קומט אָן! — האָט הע־ראַ־ראַ אַ טראַכט געטאָן, אויפגעהערט צו זינגען און זיך גענומען איינקוקן אין די רייען געדיכטע קוסטן אַרום דער לאַנקע.

אונטער איינעם פון די קוסטן, גלייך פאַר זיך, האָט ער מיטאָמאָל אויפגעכאַפט צוויי שוואַרצע, פינקלענדיקע פינטעלעך, אַנגעשטעלטע גלייך אויף אים.

„אַ „שאָש״! (אַ בער!) — האָט אימיצער אים, דראָענדיק, ווי אַנגעזאָגט און גלייך אַ פרעג געטאָן: — פאַרוואָס האַלטסטו ניט מיט זיך דיין לאַנגן, שאַרפן מעסער, אידער אים לאָזן הענגען אויף דער וואַנט אין דיין האָגאַן?!

ער האָט זיך שוין געהאַט אפילו אַ ריר געטאָן אין דער ריכטונג פון האָגאַן נאָכן מעסער, אָבער אַ געדאַנק האָט אים צוריקגעהאַלטן: „ריר זיך בעסער איצט ניט פון אָרט: ער קען נאָך מיינען, אַז דו אַנטלויפסט און דיר נעמען נאָכלויפן... פרוביר בעסער רעדן צו אים... פרוביר רואיק רעדן צו אים... עס העלפט אַמאָל... פרוביר...״

— האַלאָ, סיקיז־שאָש! (האַלאָ, פריינט בער), — האָט הע־ראַ־ראַ לאַנגזאַם און רואיק, גאַנץ הויך, גענומען רעדן צום אומדערוואַרטעטן גאַסט. ער האָט דריי מאָל איבערגע׳חזר׳ט זיין באַגריסונג, דערנאָך אָפּגעבראָכן אַ היפּש שטיקל פון דעם טרוקענעם „האָפּי־פּיקי״ ברויט, וואָס דער זון פלעגט אים יעדעס מאָל ברענגען, און עס אַ וואָרף געטאָן אין ריכטונג צום קוסט, אונטער וועלכן דער בער איז געלעגן.

דאָס שטיק „פּיקי״ איז געפאַלן אַרום אַ יאַרד פונעם קוסט און דער אַלטער האָט, ווי אַ לידל, געהאַלטן און איבער׳חזר׳ן זיין באַגריסונג.

דער בער האָט דאָן איבערגעפירט זיינע בליקן פון אים צום שטיק ברויט און עטלעכע מאָל אַ שמעק געטאָן די לופט. דערנאָך האָט ער לאַנגזאַם און פאָרזיכטיק, אויפן בויך, זיך גענומען ווי אַרויסגליטשן פון אונטערן קוסט און זיך דערנעענטערן צום ברויט, וואַרפנדיק אַלע מאָל זיינע ניט גלויביקע בליקן אויף הע־ראַ־ראַן.

צוקומענדיק צום ברויט, האָט ער עס פאָרזיכטיק באַשמעקט, דערנאָך

עס צווי מאָל אַ לעק געטאָן און ערשט דאַן — עס שנעל אַ נעם געטאָן אין מויל און זיך גענומען רוקן, אַלץ אויפן בויך, צוריק אונטער זיין קוסט. דאָרטן האָט ער עס גענומען געשמאַק עסן, וואַרפנדיק אָפטע בליקן אויף זיין ברויט־געבער.

און דעם בערס באַוועגונגען זיינען אַזוי קאָמיש געווען, אַז דעם אַלטנס שרעק איז זיך ווי צערונען און אים האָט זיך אפילו פאַרוואָלט לאַכן. דאָך האָט ער ניט אויפגעהערט צו באַגריסן דעם גאַסט און ווען יענער האָט גע־ענדיקט דאָס שטיק ברויט און ווידער אַ קוק געטאָן צו אים, האָט ער אים צוגעוואָרפן נאָך אַ שטיק.

דעם מאָל איז דאָס ברויט געפאַלן אַביסל נאָענטער צו אים אַליין. דער בער האָט זיך איצט אַביסל שנעלער, ווי פריער, אַרויסגערוקט פון אונטער זיין קוסט, אָבער זיך פאַרהאַלטן אויפן אָרט, וואו דאָס ערשטע שטיק ברויט איז געפאַלן. ער האָט באַשמעקט דאָס גראָז, אויפגעקליבן מיט דער צונג צוויי געבליבענע ברעקלעך און אַ פאַרטראַכטן קוק געגעבן אויף הע־ראַ־ראַן, פונקט ווי ער וואָלט געוואָלט פרעגן ביי אים אַן עצה ווי ווייטער זיך נוהג צו זיין.

האָט דער אַלטער איצט עטוואָס געביטן דעם ווערטער־צוזאַמענשטעל פון זיין באַגריסונג: — „אינד־אָה־סיקיז־שאָש!“ (איך בין דיין פריינט, בער!) און אים אַ וואָרף געטאָן אַ דריט שטיק „פיקי“ צום סאַמע מויל.

דער בער האָט אונטערגעכאַפט דאָס ברויט, זעט אויס, מיט פאַרגעניגן, עס אויפגעגעסן, דערנאָך זיך שוין אַ סך זיכערער אַ רוק געטאָן צום צווייטן שטיק, עס אַריינגענומען אין מויל, זיך איצט שוין אויסגעדרייט מיט דער פלייצע צו הע־ראַ־ראַן, צוריק צוגעגאַנגען צו זיין אָרט, זיך אַוועקגעלייגט, שוין האַלב אויסערן קוסט, און גענומען קייען דאָס ברויט. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט, ווידער אַ קוק געטאָן אויף זיין שפייזער און לאַנגזאַם זיך געלאָזט גיין אין וואַלד אַריין.

און אַזוי האָט זיך עס איינגעשטעלט: דער בער פלעגט קומען יעדן פרי־מאָרגן, אויסהערן זיין שפייזערס באַגריסונגען, אויפעסן זיין פאָרציע ברויט און צוריק אַוועקמאַרשירן אין וואַלד. אָבער מיט אַ וואָך שפעטער פלעגט ער שוין ניט אַוועקגיין מער, נאָר זיך פאַררוקן אונטער אַ קוסט און געשמאַק איינשלאָפן. און עס האָט אים ווייניק וואָס געאַרט וואָס זיין שכן טוט. אָבער יעדעס מאָל, ווען דער אַלטער פלעגט אויסרופן: „האַלאָ, סיקיז שאָש!“ — פלעגט ער אויפהויבן דעם קאָפּ, עפּעס אַ ברום טאָן און ווייטער איינשלאָפן.

און ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס לויט דעם נעוועהאָ גלויבן זיינען בערן און קלאַפער־שלאַנגען געווען פאַררעכנט פאַר שלעכטע גייסטער, האָט זיך דער אַלטער אין די קומענדיקע וואָכן אַזוי צוגעוואוינט צום בער און יענער צו אים, אַז דער בער פלעגט גלייך פון וואַלד צוקומען צום האָגאַן צו קריגן

זיין פֿאַרציע ברויט פֿון הע־ראַ־ראַס הענט און ער פֿלעגט זייער הנאה האָבן, ווען דער אַלטער פֿלעגט אים נעמען קראַצן אונטער די פֿאַכוועס און אין דער פֿלייצע. ער פֿלעגט דאַן אָפּט אַזש אָנפֿאַנגען צו ברומען פֿון גרויס פֿאַרגעניגן.

אין די טעג, ווען מעי־טסאָ פֿלעגט קומען באַזוכן דעם פֿאָטער און אים ברענגען אַביסל שפּייז, פֿלעגט דער בער זיך איינגאַנצן ניט באַווייזן, אָבער דער אַלטער האָט אויף זיכער געוואוסט, אַז ער ליגט ערגעץ־וואו, ניט ווייט, אַ באַהאַלטענער אין די קוסטן. און ווען ער האָט אים איין מאָל אין אַזאַ טאָג געפֿונען נעבן קוואַל און אים אַ וואָרף־געטאָן אַ שטיקל „פּיקי“, האָט דער בער בלויז אַ קוק געטאָן אויף דעם און איז אַוועק.

ס׳איז קענטיק געווען, אַז ער איז ווייט ניט צופֿרידן מיט זיין פּריינטס גאַסט און ער פֿלעגט אפֿילו אָנהאַלטן דעם ברוגז אויפֿן צווייטן פֿרימאָרגן, נאָכדעם ווי מעי־טסאָ איז שוין געווען אַוועק. ער פֿלעגט זיך ניט באַווייזן אויף דער לאָנקע ביז הע־ראַ־ראַ פֿלעגט אים ניט אַ רוף טאָן עטלעכע מאָל: „האַ־ביש ווהיל אָהאַ סיד־קיז, שאָש?!“ (וואו ביסטו, ברודער בער?!) — ערשט דעמאָלט פֿלעגט ער, ניט איילנדיק זיך, אַרויסקריכן פֿון זיין באַ־העלטעניש, אַרומשמעקן די לופֿט, קריגן זיין פֿאַרציע ברויט און ביסלעכווייז זיך באַרואיקן.

מעי־טסאָען האָט דער פֿאָטער גאָרניט דערציילט וועגן זיין פֿריינטשאַפֿט מיטן בער, צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, כּדי אים ניט אָנצושרעקן און צווייטנס, צוליבן שלעכטן שם אַלס בייזע גייסטער, וואָס בערן פֿאַרנעמען אין דעם גלויבן פֿון די נעוועהאָס. — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער זומער האָט שוין געהאַלטן ביים פֿאַרגיין. די בלעטער אויף די ביימער און קוסטן האָבן זיך גענומען אָנגיסן מיט געלע און רויטע פֿאַרבן פֿון אַלערליי שאַטירונגען, די גראָזן זיינען געוואָרן שיטערער און די בלומען צווישן זיי זעלטענער.

די בייטאָגיקע לופֿט איז געוואָרן הייסער, די ביינאַכטיקע פֿיל קילער און דער שאַרפֿער ריח פֿון סאָסנעס איז אין די פֿרימאָרגנס און אין די פֿאַרנאַכטן, געוואָרן פֿיל שטאַרקער.

און דער גרענד קעניאָן איז גאָרניט מיד געוואָרן עטלעכע מאָל אין טאָג, לויט דער שפּיל פֿון די זונען־שטראַלן, צו בייטן זיינע הונדערט פֿאַרביקע קליידער. פֿאַרבן, פֿאַר וועלכע די רעגן־בויגנס האָבן אויסגעזען שוואַך און בלייך.

איינמאָל. פֿאַרנאַכט צו, איז הע־רע־ראַ געזעסן אויף זיין געוויינלעכן אָרט פֿאַר זיין נידעריקן טישל און צוזינגענדיק עפּעס אַ לידל, זיך באַמיט אויס־צוקאָרבן אויף זיין קליינער קאָוואַדלע, אַ זילבערנע רויז פֿאַר דער שנורס

האַלדזבאַנד.

די וועווערקעס האָבן זיך שוין געהאַלטן נעבן זייערע נעסטן און די טויבן מיט די הינער האָבן געזוכט אַלץ באַקוועמערע צווייגן פאַר דער נאַכט. דער בער איז געלעגן אונטער אַ ניט ווייטן קוסט און זיך ווי צוגעהערט צום אַלטנס געזאַנג.

— האַ־האַ־האַ! — האָט זיך מיטאַמאָל דערטראָגן פון וואַלד אימעצנס אַ רוף.

הע־רא־רא האָט, איינצייטיק מיטן בער, אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין ריכטונג פון די קלאַנגען.

— האַ־האַ־האַ!... וואו ביסטו?! — האָט דאָס קול זיך ווידער דער־טראָגן, דעם מאָל שוין היפּשלעך נאָענטער און דערצו אין באַגלייטונג מיטן טופּען פון אַ פערדס טלאָען.

אַ מחנה דערשראָקענע טויבן האָבן זיך אַ יאָג געטאָן פון דער ריכטונג פון קול און דער בער האָט זיך שנעל אַ הויב געטאָן פון זיין אָרט, אַ בייזן ברום געטאָן אין יענער ריכטונג און זיך פאַררוקט אונטער אַ רייע ווייטער־דיקע קוסטן.

— אַפּנים אַ פאַרבלאָנדזשעטער... מעגלעך אַ גאַסט פונעם האָטעל...״

— האָט דער אַלטער אומצופרידן אַ טראַכט געטאָן, — זאָל ער בעסער ניט קומען אַהער... ס׳איז בעסער זיך ניט אָפּצורופן... ער וועט שוין אַליין געפינען דעם וועג צוריק אין האָטעל...״

דאָס טופּעניש פון פערדישע קלאָען האָט זיך שנעל גענומען דערנענ־טערן און מיט אַ פאָר מינוטן שפּעטער איז פון צווישן די ביימער אַרויס־געפאָרן אויף דער לאַנקע אַ רייטער, מיט אַ ביקס איבער דער פּלייצע און אַ רעוואָלווער אויפן גאַרטל.

הע־רע־ראַס האַרץ האָט זיך מיטאַמאָל אַ ווילדן הייב געטאָן און גלייך גענומען זינקען: ער האָט אין רייטער דערקענט דיק טאָמסאָנען. ער האָט לאַנגזאַם אַוועקגעלייגט אויפן טישל דעם האַמער מיט דער דלאָטע, וועלכע ער האָט צו יענער צייט געהאַלטן אין די הענט, געוואָלט זיך אויפשטעלן, אָבער זיך ניט געקענט רירן פון אָרט. אין קאָפּ האָט ביי אים גענומען הילכן, פּונקט ווי מען וואָלט אַהין געוואָרן אַריינגעשטעלט איינע פון יעדע גרויסע „טאָם־טאָם״ פּויקן, אין וועלכע זיי, די נעוואַהאָס, קלאַפּן אין צייט פון זייער „פייער־טאַנץ״.

ניק טאָמסאָן איז פלינק אַראָפּ פון פערד, פאַרוואָרפן דאָס צוימל אויף אַ קוסט, שטייפער פאַרדרייט דאָס קורצע, געדיכט געפלאָכטענע, פערד־בייטשל אַרום זיין האַנט און לאַנגזאַם זיך געלאָזט גיין צום אַלטן. זיין פּנים איז פול געווען מיט שפּאָט און נצחון.

הע־רע־רא האָט זיך ענדלעך באַהערשט און זיך לאַנגזאַם אויפגעשטעלט,

ניט אָפּווענדנדיק זײַנע בליקן פֿון טאָמסאָנס פּנים.

— אַזוי הייסט עס, — האָט דער לעצטער גענומען רעדן מיט שפּאָט, — אין קעי־באָבער וואַלד האָסטו זיך פֿון מיר באַהאַלטן?! אָבער ווי פּאַסט עס פֿאַר אַזאַ בראַוון נעוועהאָ אינדיאַנער, ווי דו ביסט?!... דו שטאָמסט, דאַכט זיך, פֿון גאָר גאָר גרויסע „טשיפֿס"?!... פֿע, ניט שיין!... אײַער גרויסער פֿירער מאַ־נו־ע־לי־טאָ וואָלט עס זיכער ניט געטאָן... — ער איז זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ שפּאָטישן געלעכטער.

דער אַלטער האָט געפֿילט ווי אַ העלישער פֿײַער צעברענט זיך אין זײַן ברוסט, ווי יעדער איינער פֿון זײַנע מוסקולן שטייפֿט זיך אָן מיט אַ וואַנזיניקן ווּאונטש זיך אַ שלײַדער צו טאָן אויף אָט דעם פֿאַרפֿלוכטן יונג, וואָס שטייט דאָ פֿאַר אים און באַליידיקט אים אַזוי שטאַרק. ער האָט דערבײַ אויך אַ טראַכט געטאָן וועגן זײַן לאַנגן, שאַרפֿן מעסער, וועלכער הענגט אַזוי רואיק אויף דער וואַנט פֿון זײַן „האָגאַן" און אין מוח האָט אָפּגעקלונגען דעם טויטן פֿאָטערס לעצטע בקשה: „געדענק, הע־רע־ראַ, זון מײַנער... ווען דו וועסט אויסוואַקסן, זאָלסטו נקמה נעמען פֿאַר מיר, פֿאַר דער מאַמען, פֿאַר אונדזער גאַנצן שבט... זע פֿאַרגעס עס ניט!..."

ער האָט זיך אָבער פֿון אָרט ניט גערירט. אַנטקעגן זײַן שאַרפֿן מעסער, וועלכן ער האָט דערצו ניט געהאַט אין דער האַנט, האָבן שפּאָטיש געשוואַרצט די צוויי קײַלעכדיקע לעכלעך פֿון זײַן שונאס ביקס מיטן רעוואָלווער. און דערצו האָבן נאָך אין זײַנע אויערן אָפּגעקלונגען דער שבורס ווערטער וועגן דער נײַער צייט, וועגן זײַער נײַעם, בעסערן לעבן, וועגן איר טרוים צו זען אירע קינדער צווישן די פֿירער סײַ פֿון די ווײַסע, אַזוי אויך פֿון איר שבט...

„ניין!", — האָט ער פֿעסט בײַ זיך באַשלאָסן, — „ער וועט זיך קאָנ־טראָלירן, וועט ניט צעשטערן די קינדערס לעבנס..."

ער האָט טיף אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און, מיט אַ געמאַכטער רואיקייט, אַ פֿרעג געטאָן:

— זאָג, טאָמסאָן, וואָס ווילסטו?... נאָך וואָס ביסטו, אײגנטלעך, גע־קומען אַהער?

— וואָס איך וויל?! — האָט טאָמסאָן בייז געענטפֿערט, — נאָך וואָס איך בין געקומען אַהער, פֿרעגסטו?! איך וויל און איך בין געקומען אַהער כּדי דיר, אַ חוצפּה'דיקן נעוועהאָ הונט, אָנווײַזן דײַן אמתן אָרט!... מיט אַ בײַטש דיר דערווײַזן, אַז מיר, די ווײַסע מענטשן, זײַנען די בעלי־בתּים דאָ אין לאַנד, ניט דו, מיט דײַנע לוזיקע אינדיאַנער... דײַן אײגענער זון האָט מיר דאָ ניט לאַנג צוריק, ניט ווילנדיק, אָנגעוויזן די ריכטונג צו דײַן באַהעלטעניש...

בײַ הע־רע־ראַן אין קאָפּ האָט זיך אַ פֿלאַנטער געטאָן אַ חוצפּהדיקער ענטפֿער, אָבער ער האָט אים פֿאַרשטיקט אין זיך און געשוויגן. געקוקט אים

גלייך די אויגן און געשוויגן.

— איז וואָס־זשע שווייגסטו? — האָט טאָמסאָן סאַרקאַסטיש געלאַכט,
— עס טוט דיר איצט אפשר באַנק, וואָס האָסט זיך אָנגעפּאַנגען מיט מיר?

— יאָ, — האָט דער אַלטער צוגעגעבן, — עס טוט מיר זייער באַנק און... און זיי מיר מוחל.

— אַזוי? — האָט טאָמסאָן זיך שפּאָטיש צעלאַכט, — דו בעטסט מחילה? אָבער עס וועט ניט גיין... דו ביסט אַ כיטרער פוקס: דו ווילסט זיך אויס־דרייען פון דער שטראָף...

הע־רע־ראַ האָט אַזש פאַרביסן די ליפּן פון כעס, אָבער מיט אַ געמאַכ־טער רואיקייט ווייטער גערעדט:

— אייערע גלחים דערציילן אונדז אַזוי פיל וועגן די וואונדער פון קריסטנטום, וועגן ברודער ליבע, וועגן פאַרגעבונג... איז עס מעגלעך, אַז דו זאָלסט פון דעם אַלץ ניט האַלטן?

— ניין! — האָט טאָמסאָן בייז געענטפערט, — ניט ווען עס קומט אין באַצוג צו אייך, אינדיאַנער! בפרט נאָך אַזאַ אַלטן הונט ווי דו! — ער האָט דערביי אַ שמייס געטאָן מיט דער בייטש איבער די בליסטשענדיקע כאַליעוועס פון זיינע רייט־שטיוול.

הע־רע־ראַ האָט קיין וואָרט מער ניט געענטפערט. דאָס הענגענדיקע מעסער אויף דער וואַנט פון האָגאַן האָט זיך ווידער אַ וויג געטאָן פאַר זיינע אויגן און אַ געדאַנק האָט אים ווי אונטערגעזאָגט, אַז אַזאַ מעסער קען אַמאָל, אין די פּאַסיקע הענט, פיל מער ווירקזאַם זיין אפילו פון אַ געגנערס אַ ביקס מיט אַ רעוואָלווער צוזאַמען.

ניק טאָמסאָן האָט דערווייל געוואָרפן אַ בליק אַרום דער לאָנקע:

— זע נאָר, אַ פיינעם האָגאַן זיך דאָ אויפגעשטעלט... — ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן טישל, — אַ „בעש־לע־גע־י“ (זילבער שמידעריי) זיך איינגעאָרדנט... — ער האָט פלוצלונג, מיט איין שטויס פונעם פוס, אי־בערגעקערט דאָס טישל און סיי דאָס געצייג, אַזוי אויך די שטיקלעך זילבער און טוירקויז שטיינדלעך זיינען זיך צעפלויגן איבערן גראָז.

הע־רע־ראַ האָט געפילט פונקט ווי יעדער מוסקול פון זיין קערפּער וואָלט זיך באַזונדער אַ ווילדן ריס געטאָן צו אָט־דעם ביטערן שונא זיינעם, אָבער ער האָט זיך באַמיט ניט צו רירן זיך פון אָרט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די שנור זיינע, די טייערע קלוגע סי־סלאָ, שטייט הינטער אים און שעפּטשעט בעטנדיק אים אין אויער אַריין — ריר זיך ניט פון אָרט, פאָטער... שווייג... באַהערש זיך... האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט... צוליב די קינדער...

טאָמסאָן איז דערווייל צוגעגאַנגען צום גאָרטן:

— זע נאָר וואָס פאַר־אַ פראַכטפולן גאָרטן דו האָסט זיך עס דאָ איינ־געאָרדנט!... זע נאָר וויפל גריננוואַרג... אפילו בלומען...

דער אַלטער האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט צו אים:

— איך בעט דיך, טאָמסאָן, ריר ניט אָן מיין גאָרטן... כ'האָב זייער שווער אויף אים געאַרבעט...

— אַזוי?! — האָט טאָמסאָן מיט אַ געמאַכטן מיטגעפיל איבערגעפרעגט, — האָסט טאַקע אַזוי שווער אויף אים געאַרבעט? — ער האָט מיט צוויי קלעפּ פון פוס איבערגעקערט די פאַרצאַמונג, און לאַכנדיק, מיט ביידע פיס גענומען טרעטן די געוויקסן.

העראַרא האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן עק פון זיין רעקל און אים געפרואווט אַרויסציען פון גאָרטן, שרייענדיק אין שרעק:

— וואָס טוסטו? אַרויס פון מיין גאָרטן!

האָט טאָמסאָן דאַן אָפּגעטראָטן אויף אַ שפּאַן צוריק און מיט דער בייטש אַ שמייס געטאָן דעם אַלטן איבערן קאָפּ.

אַ גרילצנדיקער, די לופט שפּאַלטנדיקער מלחמה־רוף פונעם נעוועהאָ שבט, האָט ווי מיט אַ שאַרפן מעסער מיטאַמאָל צעשניטן די לופט און אָפּגעקלונגען, סיי אין דער טיפעניש פון גרענד קעניאָן, אַזוי אויך אין דער הויך פונעם וואַלד. ניק טאָמסאָן, אַביסל אַ צעטומלטער פונעם ווידערלעכן קוויטש, האָט נאָך צייט געהאַט דעם צווייטן מאָל אויפצוהייבן זיין בייטש, אָבער העראַרא איז שוין געהאַנגען אויף אים און אים געשלעפּט צו דער ערד.

און קייקלענדיק זיך, פעסט איינגעקלאַמערטע איינער אין צווייטן, איבער דער לאַנקע, האָבן ביידע מיטאַמאָל דערפילט, איינער מיט שרעק, דער צווייטער מיט פריידן, אַז די ביקס האָט זיך אָפּגעריסן פון טאָמסאָנס פּלייצעס און איז ערגעץ־וואו פאַרפלויגן. איצט האָבן זיי זיך ביידע געהאַלטן פאַר די העלדזער מיט זייערע לינקע הענט און מיט די רעכטע געקעמפט פאַרן באַזיץ פונעם רעוואָלווער. און נאָך אַ געדאַנק האָט זיך געפּלאָנטערט ביים אַלטן אין מוח, אַ געדאַנק וועגן דעם מייל טיפן אָפּרייס אין קעניאָן... טאַקע אָט דאָ ניט ווייט... אַ פינף, זעקס שפּאַן, ניט מער... דער אָפּרייס, וועלכער איז פון אויבן בלויז פאַרדעקט מיט די גאָלדענע, שטענדיק עפּעס שעפּטשענדיקע בלעטער פון אַן עספּען קוסט... וואו ער דאַנקט און בעט הילף יעדן פרימאָרגן און אָוונט ביי זיינע געטער... זיי וועלן אים זיכער איצט העלפן...

אַהין האָט ער קעמפנדיק און קייקלענדיק זיך געצילט און עס איז אים דערביי גאַנץ ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען די פראַגע, צי וועט ער בלויז אַראָפּשטויסן אַהין אין מייליקן אָפּגרונט אָט־דעם פאַהאַסטן גוף פון זיין געגנער, צי ער וועט מיטפאַלן מיט אים...

און ווען ביידע, קעמפנדיק מיט די לעצטע כוחות, האָבן זיך שוין געהאַט צוגעקייקלט צום סאַמע זוים פון אָפּרייס, שוין געפילט גאָר נאָענט דעם פלאַפּל פון די עספּען בלעטער, איז די לופט מיטאַמאָל ווי פול געוואָרן מיט

אַ מעכטיקן ברומען פון אַ בער.

און צו זיי האָט זיך גלייך דערטראָגן דאָס דערשראָקענע הירזשען פון אַ פערד און טאַקע גלייך די אַנטלויפנדיקע קלאַנגען פון אַ פערדישן גאַלאָפּ.

— דאָס איז מיין „שאָש״, מיין בער! — האָט אַ געהאַנק אַ בליץ געטאָן אין הע־רא־ראָס מוח און ער האָט, מיט די לעצטע כוחות, גענומען שרייען:

— „שיקאַ־אַ־נעל־ווי־סי־קיז!״ „שיקאַ־אַ־נעל־ווי־שאָש״!... (העלף מיר, ברודער! העלף מיר, בער!).

און אַ מוראַדיקער ברומען איז געווען דער ענטפער.

און שוין ליגנדיק אונטער טאָמסאָנען, כמעט ווי אינגאַנצן אָן כוחות, נעבן עספּען קוסט,ביים סאַמע זוים פון אָפּגרונט, האָט דער אַלטער מיטאַמאַל דערזען איבער זיך דעם בערס קאָפּ און דערפילט זיין שווערן אָטעם אויף זיין פּנים.

— העלף מיר, „סיקיז״! (פריינט), העלף מיר „שאָש״! (בער)! — האָט ער אויסגעשריגן מיט די לעצטע כוחות.

דערפילנדיק דעם בער איבער זיך, האָט טאָמסאָן אַרויסגעלאָזט אַ דערשראָקענעם געשריי, אָפּגעריסן הע־רע־ראָס האַנט פונעם הענטל פון זיין רעוואָלווער, אויסגעדרייט עטוואָס דעם לינקן אַקסל אויף רעכטס און אַריינגעשאָסן דעם בער דריי קוילן אין זיין ברוסט־קאַסטן.

דער בער האָט אַ מוראַדיקן ברום געטאָן, אַ ברום אין וועלכן עס האָט געקלונגען אי ווײ, אי רציחה און דער אַלטער האָט פון אונטן אַרומעט געזען, ווי דעם בערס ביידע פעדערשטע לאַפּעס האָבן זיך אַ לייג געטאָן אויף טאָמסאָנס שאַרבן און אים צעקוועטשט.

און אין דעם מאָמענט, ווען הע־רע־רא האָט דערפילט, אַז ביידע קערפּערס, טאָמסאָנס און דעם בערס, האָבן זיך גענומען גליטשן, איבער אים, אין קעניאָן אַריין, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט מיט דער לינקער האַנט אין שטאַם פונעם עספּען קוסט. און טאַקע גלייך, ווי נאָר ביידע קערפּערס זיינען אַריבערגעפאַלן איבער אים, האָט ער גיכער אינסטינקטיוו, ווי באַוואוסטזיניק, זיך עטוואָס אונטערגעהויבן, אָנגעכאַפּט דעם קוסט אויך מיט דער צווייטער האַנט, זיך אָפּגערוקט פונעם אָפּרייס און איז געבליבן ליגן אַ באַוואוסטלאָזער.

ווי לאַנג ער איז אַזוי געלעגן האָט ער ניט געוואוסט. נאָר ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט אַ האַלבע זון זיך שוין געהאַט באַהאַלטן, ווי אין אַ ראָז־ברוינעם הימלישן טייך און בלויז די אויבערשטע טיילן פון די קעניאָן טעמפּלען האָבן זיך נאָך געבאָדן אין שטראָמען גאָלד, געמישט מיט פיאָלעט. — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— —

ער האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעזעצט, זיך אַרומגעקוקט, געפילט אַ שאַרפן ווייטאָק אין יעדן גליד און גענומען אָפּווישן דאָס נאָך ניט אינגאַנצן פאַר־

טרוקנטע בלוט פֿונעם פּנים. מיטאַמאָל, פּונקט ווי אַ פֿאַרהאַנג וואָלט אַראָפּ־געפֿאַלן פֿאַר זיין פֿאַרנעפּלטן זכרון, האָט ער זיך דערמאָנט וועגן אַלץ וואָס עס האָט דאָ פּאַסירט. ער האָט זיך מיט שרעק אַרומגעקוקט, זיך אויסגעצויגן אויפֿן בויך, מיטן קאָפּ איבערן קעניאָן, זיך גענומען איינקוקן אין דער טי־פֿעניש און רופֿן:

— וואו ביסטו „סיקיז״? וואו ביסטו מיין „שאָש״?

ער האָט געניִשטערט מיט די בליקן איבער דער לענג און ברייט פֿון קעניאָן, אָבער קיינעם ניט געזען און קיינער האָט זיך פֿון דאָרטן ניט אָפּ־גערופֿן.

כמעט ווי אויף אַלע פֿיר, איז ער דערנאָך דערקראָכן צום קוואַל, צוערשט מיטן מויל צוגעפֿאַלן צום קאַלטן וואַסער, דערנאָך איינגאַנצן איינגעטונקען אין אים דאָס פּנים. ער איז געלעגן באַוועגלאָז, געפֿילט ווי די קאַלטע וואַ־סער גלעט זיין פּנים, גיסט זיך איבערן האַלדז, ריזלט זיך איבער די אַקס־לען און איבער דער פּלייצע.

דאָס וואַסער האָט אים אויפֿגעלעבט. ער האָט זיך לאַנגזאַם אויפֿגעש־שטעלט, זיך באַמיט אויסצוגלייכן און איז טראָט נאָך טראָט, דאָס ערשטע צוגעגאַנגען צום גאָרטן. ער האָט, מיט באַלייכטערונג, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, דערזעענדיק, אַז בלויז אַ קליינע טייל פֿון די פֿלאַנצן זיינען געווען צעטראָטן. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום איבערגעקערטן טישל, באַטראַכט אַ ווײַלע זיינע גאָלד־שמיד אינסטרומענטן, וועלכע זיינען, צוזאַמען מיט די זילבער־טיילן און טורקויז שטיינדלעך פֿון דער שנורס האַלדז־באַנד, געלעגן צעוואָרפֿן איבערן גראָז. ער האָט אַפֿילו געפּרואווט זיך איינבייגן, זיי אויפֿצוקלייבן, אָבער אַ שאַרפֿער ווייטאָק אין רוקן, האָט אים צוריקגעהאַלטן. דאַן איז ער צוגעגאַנגען צו זיין שטענדיקן תּפֿילה פּלאַץ, צום ווייסן, פֿלאַכן שטיין, פֿאַרן סאַמע אָפּרייס אין טאָל. ער האָט אַ ווײַלע באַטראַכט דעם האַלב־צעבראָכע־נעם עספּען קוסט, וועלכער האָט אים געראַטעוועט זיין לעבן, דערנאָך אויפֿ־געהויבן די בליקן צום הימל.

די זון איז איצט געווען אַ בלוטיק־רויטע, דריי־פֿערטל שוין אַ פֿאַרזונ־קענע אין אַ גאָלדענעם טייך, מיט פֿיאָלעטענע ברעגן. לייכטע, ווייסע וואָלקנד־לעך, ערטערווייז דורכגעזאַפּטע מיט ראָז, האָבן זיך לאַנגזאַם גערוקט צו מזרח צו.

העַ־ראַ־ראַ האָט, מיט האַלב פֿאַרזשמורעטע אויגן, זיך איינגעקוקט אין דער זון און ער איז זיכער געווען, אַז זי פֿאַרהאַלט זיך היינט עטוואָס לענגער ווי שטענדיק, בלויז צוליב אים, ווייל ער, איר געטרייער דינער, דער אַלטער נעוועהאָ העַ־ראַ־ראַ, האָט איר היינט עפּעס זייער וויכטיקעס צו זאָגן, דאַרף היינט, מיט איר איבערשיקן אַ וויכטיקע שליחות אין ווייטן לאַנד, צום „גרויסן גייסט״, וואו אַלע אינדיאַנער העלדן און פֿירער געפֿינען זיך... און צווישן זיי — אויך זיין אייגענער פֿאָטער...

ווי געוויינלעך, האָט ער אויך היינט תפילה געטאָן און ווערטער, אָבער אין געדאַנק ניט אויפגעהערט צו בעטן איבערצוגעבן דעם פאָטער, אַז ער האָט היינט, ענדלעך, דערפילט זיין שבועה און האָט, מיט דער הילף פון זיין „סיקיז־שאָש" (דעם פריינט, דעם בער) פאַרניכטעט איינעם פון די ביטערסטע שונאים פון זיין פאָלק. און נאָך אַ בקשה האָט ער געהאַט צום „גרויסן גייסט" און צו אַלע גוטע גייסטער: ער וואָלט זיי זייער געוואָלט בעטן, אַז מען זאָל די „שאָשן" (די בערן) אַרויסנעמען פון דער צאָל שלעכטע גייסטער, זיי ניט צוזאַמענגעבונדן מיט די „בייזע גייסטער" — די קלאַפּער־שלאַנגען... און אויב זיין בקשה קען ניט אָנגענומען ווערן פאַרן גאַנצן בערן־קלאַן, טאָ זאָל מען כאָטש מאַכן אַן אויסנאַם פאַר זיין בער, וועלכער האָט ניט נאָר געראַטעוועט זיין לעבן, נאָר איז אַליין איך אומגעקומען דערביי...

די זון איז שוין אינגאַנצן פאַרשווונדן אין דעם גאָלדענעם טייך מיט די פּיאָלעטענע ברעגן, די ראָזע וואָלקנדלעך זיינען אין גרוי־ברוינלעכע פאַרוואַנדלט געוואָרן.

די טעמפלען אין גרעטד קעניאָן האָבן שוין פאַרביטן זייערע וואונדער־לעכע, פאַרנאַכטיקע, רויט־בלויע און געלע מאַנטלען אויף בייזאַכטיקע — פיאָלעט און שוואַרצע.

די גאָלדענע שפּיצן אויף דיביימער פון דעם קעי־באַבער וואַלד האָבן זיך גענומען אויסלעשן און די וואַלד־באַשעפענישן — זיך גרייטן צו דער נאַכט.

די וועווערקעס, טויבן און הינער האָבן זיך שוין איינגעאָרדנט אויף די צווייגן און בלויז צוויי האָזן מיט עטלעכע מייז זיינען, איילנדיק זיך, אַרום־געלאָפן איבער דער לאָנקע און נייגעריק באַטראַכט און באַשמעקט דעם אַלטנס געצייג און די שטיקלעך זילבער און גרינע טורקויז שטיינדלעך, צעוואָרפענע איבערן גראָז.

צוויי מוטער־הירשן האָבן פאַרזיכטיק אַרויסגערוקט פון צווישן די קוסטן זייערע שיינע, לאַנגע גאָלדיק־ברוינע קעפּ און באַטראַכט און אַרומגעשמעקט די לופט. צוגעטוליעט צו זייערע זייטן, זייגן געשטאַנען צוויי יונגע הירש־לעך. זיי האָבן אויך נאָכגעטאָן די מוטערס באַוועגונגען. ס'ווייזט אויס, באַ־רואיקטע, האָבן זיי זיך אַרויסגערוקט אויף דער לאָנקע, אַ שיפּע געטאָן דאָס גראָז און זיך אַוועקגעלייגט.

פון דער טיפעניש פון וואַלד האָבן זיך לאַנגזאַם גענומען אַרויסרוקן גע־דיכטע מחנות שאָטנס, אָנגעזאַפּטע מיטן געדויך פון סאָסנעס, און גענומען ווי אַרומשפּינען יעדן בוים, יעדן קוסט באַזונדער מיט אַ ווייכער, פאַר־חלום'טער, קילער, נאַכטיקייט.

— — — און דער אַלטער אינדיאַנער הע־רע־ראַ איז נאָך אַלץ געשטאַ־נען אויפן ווייסן שטיין ביים סאַמע זוים פון קעניאָן, מיט די הענט אויסגע־שטרעקט צו דער פאַרגאַנגענער זון, און תפילה געטאָן צו זיינע געטער...

צוגאַסט ביי די סיו אינדיאַנער

ווי יעדן פרימאָרגן, אויף מיין שפּאַציר פון „אַטלאַנטיק ביז פּאַסיפיק", האָב איך אויך יענעם פרימאָרגן אויסגערעכנט פּאַראויס, פאַרשטענדלעך — מיט מער אָדער ווייניקער וואַרשיינלעכקייט, וויפל מייל כ'וועל דעם טאָג „מאַכן": סיי מיט מיינע אייגענע פיס, אַזוי אויך מיט דער הילף פון פרעמדע, גוטהאַרציקע מענטשן, וועלכע וועלן מיך אַריינגעמען אין זייערע אַטאָמאָבילן.

פּונקט זיבן אַזייגער אינדערפרי האָב איך אַרויסגעשפּאַנט פונעם שטעטל קאַדאָקאַ, וועלכעס געפינט זיך אין שטאַט דרום-דאַקאָטאַ, וואו איך בין אי־בערגעשלאָפן אין אַ מעבלירטן צימערל, און זיך געלאָזט גיין אין ריכטונג צו אַ געגנט, וועלכע האָט געטראָגן זייער אַ שלעכטן נאָמען: „בעד לענד" (דאָס שלעכטע לאַנד).

געטראַכט האָב איך, אַז כ'וואָלט געוועזן זייער צופרידן, ווען עס וואָלט מיר יענעם טאָג געלונגען דורכצושניידן, פאַרשטענדלעך, אין אַ פרעמדן אָטאָ־מאָביל, די שטרעקע פון די ניינציק מייל, וועלכע די „בעד-לענד" פאַרנעמט און ביזן אָונט זיך צו דערקלייבן ביז דער שטאָט רעפּיד-סיטי. און פון דאָרטן, ווי מיין וועג-מאַפּע האָט מיר געוויזן, איז שוין געווען מיט דער האַנט צו דערלאַנגען צו די פאַנטאַסטישע „בלעק-הילס" (שוואַרצע בערג), וועלכע האָבן אויך געטראָגן דעם פיל-צוזאָגנדיקן נאָמען: „גאַד'ס קאָונטרי" (גאָט'ס לאַנד).

וועגן די „בלעק-הילס" האָב איך, לויט די פילע באַשרייבונגען געוואוסט, אַז דאָס איז אַ וואונדער-שיינע, באַרגיקע געגנט, באַדעקטע מיט געדיכטע וועלדער, מיט צויבערנדיקע טייכלעך און וואַסער-פאַלן; אַז דאָרטן האָט זיך אַמאָל אויפגעהאַלטן דער קעמפערישער שבט פון די „סיו" אינדיאַנער, וועלכע די ווייסע האָבן באַזיגט און פאַרטריבן; אַז יעדער שפּאַן איז דאָרטן דורכגעוועבט מיט גאָלד-זוכעניש און אינדיאַנער בלוט, און אַז דאָרטן גע־פינט זיך אויך דער באַוואוסטער „קאַסטער פּאַרק", נאָכן נאָמען פונעם העל־דישן קאַפּיטאַן קאַסטער, וועלכער איז טאַקע געפאַלן, ניט ווייט, אין אַ שלאַכט מיט די סיו אינדיאַנער.

דערוויסנדיק זיך פון מיר, אַז איך קלייב זיך מאָרגן, גאַנץ פרי, פאַר־צוזעצן מיין וועג קיין קאַליפאָרניע דורך „בעד-לענד", האָט די באַלעבאָסטע פונעם צימער, וואו איך בין איבערגעשלאָפן, מיך געוואָרנט צו זיין זייער פאָרזיכטיק, ווייל יענע געגנט איז אַ פאַרשאָלטענע פון גאָט, אַ געפערלעכע באַרגיקע וויסטעניש, אָן אַ ביימל, אַ גרעזל, אָן אַ טראָפּן וואַסער. איין שמאָל טייכל, וועלכעס, ווי זי האָט געהערט הייסט „וואונדעד ני" (פאַרוואונדעטע

קני), שלענגלט זיך דאָרטן צווישן די בערג, איז עס אויך ניט מיט וואַסער, נאָר איז פול מיט אַן עסיד, מיט אַ מין סם, וועלכן די אָנגעגליטע שטיינער גיבן אַרויס פון זיך. קיין שום באַשעפעניש, אַחוץ קלאַפּער־שלאַנגען, יאַשטשערקעס און שפּרינגערס האַלטן זיך דאָרטן ניט אויף. אויב אַ פויגל פאַרפליט אַהין אַמאָל, דורך אַ טעות, טראָגט ער זיך גלייך אָפּ פון דאָרטן.

און אויף מיין בקשה מיר עפּעס צו דערציילן וועגן אורשפּרונג פון יענעם שרעקלעכן לאַנד, האָט זי מיר דערציילט די פאָלגנדיקע געשיכטע, וועלכע זי האָט געהערט, נאָך פון איר זיידן.

מיט אַ סך, אַ סך, מעגלעך הונדערטער יאָרן צוריק, איז די „בעדלענד" געווען פּונקט אַזוי שיין און פּרוכטבאַר, ווי אַלע אַרומיקע געגנטן. און באַלאַנגט האָט דער גאַנצער שטח לאַנד צו זייער אַ רייכן און אויסערגעוויינלעך גוטן מענטשן, אַ פאַרמער, וועלכער האָט איינגעטיילט מיט שטיקער לאַנד אַ צאָל אָרעמע מענטשן און זיך געזאָרגט וועגן זיי. און געהאַט האָט דער פאַרמער אַ פרוי, פּונקט אַזאַ פיינע און גוטע ווי ער אַליין און אויך צוויי ליבע, קליינע קינדער. אָבער די וועגן פון גאָט זיינען אומבאַוואוסט פאַר אונדז, מענטשן, און מיט אַ צייט שפּעטער איז דעם פאַרמערס פרוי, פּלוצלונג, געשטאָרבן און כדי ניט איבערצולאָזן די קינדער אָן אַן אויפזיכט פון אַ מוטער האָט ער איינגיכן חתונה געהאַט. אָבער די צווייטע פרוי האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ בייזע מכשפה, אַ קלאַפּער־שלאַנג, וועלכע האָט געהאַסט דעם מאַן מיט די קינדער און האָט דערצו נאָך געהאַט אַ געליבטן.

מיין גוטהאַרציקע באַלעבאָסטע האָט אָפּגעווישט אַ טרער און פאָרגעזעצט איר געשיכטע:

יאָ, בחור, דו ביסט נאָך יונג, אָבער מעגסט וויסן, אַז אַזעלכע געשיכטעס געשעען זייער אָפט אין אונדזער לעבן... יאָ, און ווייטער איז אָט וואָס געשען: די גיפטיקע שלאַנג, כ'מיין, דעם פאַרמערס צווייטע ווייב, האָט מיט אַ צייט שפּעטער אומגעבראַכט, פּשוט פאַר'סמ'ט, סיי דעם מאַן, אַזוי אויך די קינדער און זיי, מיט דער הילף פון איר געליבטן, באַגראָבן אין אַ ווייטן ווינקל פון זייער פעלד... אָבער אַזאַ פאַרברעכן האָט שוין אפילו דער שטענדיק גלייכגילטיקער הימל ניט געקענט מער פאַרטראָגן און איין מאָל, אין אַ פינצטערער נאַכט, האָט ער אָנגעשיקט אַ שרעקלעכן שטורעם, אַ ציקלאָן, וועלכער האָט געבושעוועט ביז ער האָט ניט נאָר פאַרניכטעט די בייזע פרוי מיט איר געליבטן, נאָר אויסגעריסן, מיטן וואָרצל, יעדן בוים, יעדעס גרעזל און טיף אין דער ערד פאַריאָגט יעדן קוואַל, יעדעס טייכל... און די בייזע, פאַלשע פרוי האָט דער שטורעם־ווינט אויפגעהויבן, זי אַוועקגעשטעלט אויף אַ שפּיץ פון אַ הויכן באַרג און זי פאַרשטיינערט...

און אָט אַזוי שטייט זי דאָרטן ביז היינטיקן טאָג, שטייט אַ פאַרשטיינערטע,

מיט די בליקן און הענט, אויסגעשטרעקטע צו די קברים פונעם מאַן מיט די קינדער... און יענע מענטשן, וועמען ס'איז ווען אויסגעקומען דורכצו־פאָרן די „בעד־לענד" אין פינצטערע, שטורעמדיקע נעכט, האָבן פאַרזיכערט, אַז זיי האָבן פאַר מיילן ווייט געהערט די געשרייען און דאָס געוויין פון דער פאַרשטיינערטער פרוי...

זי האָט ווידער אָפּגעווישט אַ טרער און פאַרענדיקט:

— דו זעסט אויס צו זיין אַ פיינער בחור און דערפאַר טאַקע וואָרן איך דיך ניט צו לאָזן זיך גיין דורך יענעם וויסטן געגנט, וועלכער ציט זיך אויף אַ שטרעקע פון אַרום אַ ניינציק מייל. דאָרטן, ביים אַריינגאַנג, האָט מען מיר געזאָגט, דאַרף זיך געפינען אַ קליין טייכל מיט אמת'דיקער וואַסער. איז מיין עצה: וואַרט צו ביי אָט יענעם טייכל, ביז עס וועט אָנקומען אַן אַטאָמאָביל, דיך אַרויפנעמען און ברענגען צו ראַפּיד־סיטי... געדענק: ביסט נאָך יונג און האָסט זיך ניט וואָס צו איילן... ס'וועט דיר זיכער לייכט זיין אַריינצושפּאַנען צווישן יענע שרעקלעכע, טויטע בערג, אָבער ווער ווייסט, ווי שווער ס'וועט דיר זיין זיך אַרויסצופּלאָנטערן פון דאָרטן... געדענק עס!

און אויפן צווייטן פרימאָרגן, איידער כ'האָב פאַרלאָזן דאָס שטעטל קאַדאָקאַ, האָב איך נאָך אַמאָל אויפמערקזאַם דורכגעשטודירט מיין וועג־מאַפּע, זיך דערמאָנט וועגן דער נעכטיקער מעשה, וואָס מיין באַלעבאָסטע האָט מיר דערציילט און ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די מאַפּע האָט קלאָר געוויזן, אַז עס איז פאַראַן אַ צווייטער, אַ היפּשלעך ווייטערער וועג צו די „בלעק הילס", האָב איך זיך דאָך פאַרנומען אין דער ריכטונג צו דעם שרעקנדיקן „בעד־לענד".

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די אַרומיקע געגנט איז געווען אַ היפּשלעך באַוואוינטע און די צאָל אָטאָמאָבילן, וועלכע האָבן זיך פאַרביגעטראָגן אַ— אַ גאַר היפּשע, האָט זיך יענעם פרימאָרגן קיין איינציקע מאַשין ניט אָפּגע־שטעלט מיך אַרויפצונעמען, ניט קוקנדיק אויף מיין אָפּט אויפגעהויבענער האַנט. האָב איך, ווי מיין געוואוינהייט איז געווען, נאָכגעשיקט יעדן אָטאָ־מאָביל אַ צאָל לאַנגע קללות און געשפּאַנט ווייטער.

עס זיינען פאַראַנען טעג, ווען די פאַרביילויפנדיקע אָטאָמאָבילן קאָנ־קורירן ממש צווישן זיך און זייער באַגער אַריינצונעמען אַ „הייקער" (אַ פוס־גייער) אין זייערע מאַשינען, עס זיינען, ליידער, אויך פאַראַן טעג, ווען קיינער קוקט זיך אפילו ניט אום אויף דיר, ווען זיי יאָגן זיך, ווי טייוואָלים פאַרביי, פונקט ווי דו וואָלסט אפילו קיין לעבעדיקע באַשעפעניש ניט געווען. עס האָט, ווייזט־אויס, עפּעס פּסיכאָלאָגיש צו טאָן מיט דער געגנט און מיט דעם וועטער. אַזוי דענק איך.

און דער טאָג איז געווען ניט אַזוי קיין שטאַרק הייסער, ווי אַ שטיקב־

דיקער און, אַ בייזער, האָב איך געשפּאַנט ווייטער. פון איינס ביז דריי אַזוי־גער בין איך געלעגן ביי דער זייט פון וועג, אין שאָטן פון אַ געדיכטן דעמב, דערנאָך ווידער אַרויס אויפן וועג און באַשלאָסן, אויף צו׳להכעיס די פאַרבייפאָרער, ניט אויפצוהויבן מער קיין האַנט. זאָלן זיי איינבעמען אַ מיתה־משונה, צוזאַמען מיט זייערע אַטאָמאָבילן. איך האָב זיי טיף אין דער ערד, כ׳קען פּונקט אַזוי גוט גיין און קומען צו יעדן אָרט מיט מיינע אייגענע צוויי פיס. אַי, ס׳וועט נעמען אַביסל לענגער? נו, איז וואָס? איך שפּאַן ניט אויף דער שעה און קיין באַלעבאָס ציילט ניט מיינע טריט.

אַרום פיר אַזייגער האָב איך אויף אַ בוים, אויף דער רעכטער זייט פון וועג, באַמערקט אַ הילצערנע שילד מיט אַן אויפשריפט: „בעד־לענד" און אַן אויסגעמאָלענער פינגער, פון אַ האַנט, האָט מיר אָנגעוויזן אין דער ריכ־טונג פון אַ שמאָלן וועג, לינקס.

האָב איך זיך שטאַרק דערפרייט און זיך גלייך פאַרנומען אויפן אָנגע־וויזענעם שאָטנדיקן וועג. דאָ האָב איך שוין באַזיגט מיין באַליידיקטן שטאָלץ און ווידער גענומען הויבן די האַנט צו די זייער זעלטענע פאַרביילויפנדיקע מאַשינען. אָבער די טרייבערס פון די אַטאָמאָבילן האָבן זיך געמאַכט ווי ניט זעענדיק און גלייכגילטיק פאַרגעזעצט זייער וועג. אַרום פינף אַזייגער בין איך שוין געשטאַנען פאַר אַ קליינעם טייכל, נעבן וועלכער אַ היפּשער שילד, אויף אַ סלופּ, האָט ווי געוואָרנט מיט גרויסע בוכשטאַבן: „בעד־לענד, ניינציק מייל ביז רעפּיד־סיטי".

— אַט דאָס איז עס — דער געפּערלעכער פּלאַץ, די „בעד־לענד", — האָב איך אַ טראַכט געטאָן און זיך גענומען איינקוקן.

פאַר מיר האָט זיך געצויגן אַ געווינלעכער, געפּלאַסטערטער וועג און זיך פאַרלוירן אין דער וויט צווישן צוויי רייען בערג, פון זייער ביידע זייטן. איך האָב, געוויינלעך, זייער ליב בערג, אָבער אַט־די בערג און בערגלעך זיינען געווען אַזעלכע מאָדנע, אַש־ברוינע, אייניקע מיט אַזעלכע, ווי קונציק אויסגעקאָרבטע שפּיצן, אָדער גאָר מיט פלאַכע קעפּ, אַנדערע ווי אַרומגע־זוימטע מיט פאַרשיידנאַרטיקע שניצערייען. דער איינדרוק איז געווען ניט נאָר אַן אומעטיקער, נאָר אויך אַ דראָענדיקער, אַן אויסערגעוויינלעכער, ווי פון אַ שטאַרק פאַרשטויבטן נאַטור־וואונדער.

אַן אומעט האָט מיך אַרומגעכאַפּט, ער האָט זיך אָבער באַלד פאַרביטן מיט נייגיר, אפילו מיט פרייד, ווען עס האָט זיך צו מיר דערטראָגן פון דער צווייטער זייט אַזוינע, אַ לאַכנדיק, מענערש קול. כ׳האָב זיך גענומען איינ־קוקן און באַלד באַמערקט, לינקס פון זיך, פאַרשטעלטע מיט אַ גרויסן שטיין, דריי, זיך באַדנדיקע מענער: אַן אַלטן, אַ מיטליאָריקן און אַ יונגן, פון אַ יאָר צוואַנציק. אויפן אַלטנס שטערן האָב איך דערזען אַ גרין, אַרומגעוויקלט

טיכל און גלייך באַשלאָסן, אַז דאָס מוזן זיין דריי אינדיאַנער פונעם סיו שבט, וועלכע וואוינען דאָ אין אַ צאָל אַרומיקע דערפער.

ביז די דריי מענער האָבן מיך באַמערקט, האָבן זיי זיך פריילעך דורכ־גערעדט, זיך געפּלושקעט אין וואַסער און, ווייזט אויס, שטאַרק הנאה געהאַט פונעם באָדן זיך. אָבער גלייך ווי כ׳בין נאָר צוגעקומען אַביסל נאָענטער, זיינען זיי אַנטשוויגן געוואָרן, זיך פאַרגעזעצט צו טונקען אין וואַסער און געוואָרפן אויף מיר אַפּטע, ניט קיין זיכערע בליקן.

איך האָב אַראָפּגעוואָרפן פון זיך מיין פּעקל און זיי גאַנץ הויך באַגריסט:

— האַלאָ, פריינט! ווי איך זע, האָט איר זייער הנאה פונעם באָדן זיך!...

ווען איך האָב ניט מורא צו פאַרלירן אַ מאַשין, וועלכע זאָל מיך דורכפירן די „בעד־לענד", וואָלט איך אַליין, מיט פאַרגעניגן, אויך אַריינגעשפּרונגען אין טייכל!...

קיינער האָט מיר ניט געענטפערט, אפילו קיין שמייכל ניט געטאָן. זיי האָבן זיך בלויז, ווי פריעגנדיק, איבערגעקוקט.

— וואָס שווייגן זיי, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, — עס זעט אויס, פונקט ווי זיי וואָלטן פאַר עפּעס מורא געהאַט. — און כדי צוצוגעבן זיי אַביסל מער קוראַזש, האָב איך ווייטער גערעדט: — דער טאָג איז היינט געווען אַ שטיקנדיקער און איך בין אַרויס פון קאַדאָקאַ זיבן אַזייגער אינ־דערפרי... קיין איין הונט האָט אַ גאַנצן טאָג ניט געוואָלט מיך אונטערפירן אפילו אויף קיין איינציקן יאַרד...

זיי האָבן זיך ווידער, שוייגנדיק, איבערגעקוקט.

— פאַרוואָס שווייגט איר? — האָב איך ענדלעך זיי גלייך אַ פרעג גע־טאָן, — איך בין אייערער אַ פריינט! איך קום אַקאָרשט פון ניו־יאָרק... האָט איר אַמאָל געהערט וועגן אונדזער ריזיקער שטאָט ניו־יאָרק?... אַריבער אַכט מיליאָנען מענטשן וואוינען דאָרט...

דער עלטער מיטן מיטליאַריקן האָבן זיך ווידער איבערגעקוקט, אָבער דער יונגער האָט שוין געענטפערט אויף אַ גאַנץ פיינעם ענגליש:

— יאָ, מיר האָבן געהערט וועגן ניו־יאָרק...

איך האָב גלייך געביטן די טעמע:

— איז די וואַסער שטאַרק קאַלט? ווי טיף איז דאָס טייכל? קען מען אַריינשפּרינגען מיטן קאָפּ אַראָפּ?

דער ייִנגערער האָט אַ קורצן לאַך געטאָן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף „ניין":

— ניין, די וואַסער דערגייט ניט מער ווי ביז אַהער, — ער האָט מיט דער האַנט אָנגעוויזן ביזן ברוסט־קאַסטן.

איצט האָט שוין אויך דער מיטל־יאָריקער געקוקט צו מיר, בלויז

דער אַלטער האָט ניט אויסגעדרייט דעם קאָפּ.

— ווי עס זעט אויס, זענט איר אינדיאַנער פונעם סיו שבט, — האָב איך ווייטער גערעדט, — איך האָב אַ סך גוטעס געהערט וועגן אייך. געהערט און געלייענט, אַז איר זענט געווען אַמאָל זייער בראַווע קעמפער און אַז איר האָט ניט איין מאָל פאַרטריבן אייערע שונאים...

דער ייִנגערער מיטן מיטל־יאָריקן האָבן זיך איבערגעקוקט און אפילו דער אַלטער האָט, אונטן אַרומעט, געוואָרפן אויף מיר אַ שטוינענדיקן בליק.

— איך בין אייערער אַ פריינט, — האָב איך זיי פאַרזיכערט, — און איר האָט פאַר מיר ניט וואָס מורא צו האָבן. — כ׳האָב געוואָרפן אַ פאַרשנדיקן בליק אויפן וועג הינטער זיך און ניט זעענדיק דאָרטן קיין אָנקומענדיקע אַטאָמאָבילן, באַשלאָסן, אויף שנעל, זיך אויסצובאָדן.

כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ דערבייאיקן שטיין און זיך גענומען אויסטאָן, זינגענדיק מיין באַליבט וועג־לידל:

There came three Gypsies to my door,
And down came my lady...... Oh......
One sang high, the other sang low
And the third sang: Bonny, Bonny Biskay Oh......

איצט האָבן שוין אַלע דריי אינדיאַנער געקוקט אויף מיר: דער מיטל־יאָריקער מיטן יונגן — שמייכלענדיק, מיט פריילעכע פונקען אין די אויגן און דער אַלטער — מיט אַ האַלב־אָפענעם מויל און גרויס פאַרוואונדערונג אין זיינע שוואַרצע, ברייט צעעפנטע אויגן.

כ׳בין פלינק אַריין אין פרישן, קילן וואַסער, זיך דריי מאָל אונטערגעטונקען, ניט אויפהערנדיק צו זינגען און צו מישן די ווערטער פונעם ציגיינער ליד מיט אויסגעשרייען: „אַך, ווי גוט!... אַ פאַרגעניגן!...״ דערנאָך האָב איך אַ פרעג געטאָן:

— ווי ווייט וואוינט איר פון דאַנען?

איצט האָט מיר שוין דער מיטל־יאָריקער געענטפערט:

— גאָר נאָענט: פון דער צווייטער זייט פונעם הויפּט־וועג.

און דער יונגער האָט מיך דערמאָנט:

— וויפל מענטשן, האָסטו געזאָגט, וואוינען אין ניו־יאָרק?

— אַריבער אַכט מיליאָן.

ער האָט פאַרטראַכט זיך אייגעקוקט אין מיין פּנים:

— עס מוז זיין היפּשלעך ענג אין אייערע גאַסן.

— ביסט געראָטן: ס׳איז מער ווי אַ סך פאַר איין שטאָט, — האָב איך צוגעשטימט, — אויף די הויפּט־גאַסן, ווי בראָדוועי און עלעכע גאַסן גיסן

זיך מענטשן־שטראָמען, פונקט ווי כוואַליעס פון ים. מיר האָבן דאָרטן געז בײדעס פון צענדליקער שטאָק די הויך... איינע פון זיי, די „עמפּייער סטעיט" געביידע פאַרמאָגט הונדערט מיט צוויי שטאָק.

— הונדערט און צוויי שטאָק?... — האָט דער מיטל־יאָריקער זיך ניט געקענט אָפּחידוש'ן, און דער יונגער האָט געוואָלט נאָך עפּעס פרעגן, אָבער אין דער מינוט האָט זיך פונעם וועג, ווי אַרויסגעגליטשט אַ שוואַרץ־פינק־לענדיקע „קראַיסלער"־מאַשין און זיך אָפּגעשטעלט האַרט נעבן טייכל.

די אינדיאַנער האָבן זיך נאָענטער אַ רוק געטאָן איינער צום צווייטן, זיך שנעל געננומען איבערריידן, ניט אָפּוועדנדיק זייערע עטוואָס דערשראָ־קענע בליקן פונעם אָנגעקומענעם מאַשין.

פונעם אָטאָמאָביל זיינען אַרויסגעקומען צוויי יונגעלייט אין באָד־קאָסטיומען: איינער — אַ נידעריקער, אַ היפּשלעך פעטער, מיט אַ טונ־קעלן פּנים; דער צווייטער — אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ רויטלעך־בלאָנדער. אַזוי ווי איך בין געווען דער נאָענטסטער צום ברעג, האָבן זיי צוערשט מיך אויפמערקזאַם באַטראַכט, שטיל עפּעס אַ זאָג געטאָן איינער צום צווייטן, דערנאָך קאָנצענטרירט זייער אויפמערקזאַמקייט אויף די דריי אינדיאַנער.

— שנעל אַרויס פון וואַסער, איר שמוציקע הינט! — האָט דער בלאָנ־דער זיך צעשריגן מיט אַ גרילצנדיקער, פאַלצעטאָ, שטימע.

— אַרויס, צום טייוול, אָדער מיר יאָגן אייך אַרויס מיט שטיינער! — האָט דער צווייטער צוגעגעבן מיט אַ באַס, און גענומען מיט די בליקן, ווי זוכן אַ פּאָר שטיינער אַרום זיך.

דער אַלטער אינדיאַנער האָט עפּעס גענומען שנעל רעדן צו די אַנ־דערע צוויי, געמאַכט אַ באַוועגונג צום ברעג און זיי ווי גערופן מיטצוגיין. אָבער ביידע אינדיאַנער האָבן זיך ניט גערירט פון אָרט: דער מיטל־יאָ־ריקער איז געשטאַנען מיט אַן האַלב־אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ; דער אינגערער האָט מיט בליקן פולע מיט צאָרן און האַס געקוקט אויף די געקומענע.

— אַרויס פון וואַסער, איר הינטישע זין! — האָט דער בלאָנדער זיך געבייזערט.

— פאַרשמוצט ניט אונדזער טייכל! — האָט דער פעטער אים אַרויס־געהאָלפן.

איך האָב זיך אײנגעאָנען אָנגעצונדן, בין כמעט ווילד געוואָרן פון כעס און זיך אויך, גאַנץ הויך, צעשריגן:

— ווער, צום שוואַרצן יאָר, זענט איר?! און ווער האָט אייך געגעבן דאָס רעכט זיי צו טרייבן פונעם טייכל?! — און צו די אינדיאַנער האָב איך געשריגן: — גייט ניט אַרויס פונעם וואַסער!... עס איז אייער טייכל, ניט זייערס!... באָדט זיך, זאָג איך אייך!

דאָס פּאָרל, אויפן ברעג, זיינען די ערשטע פּאָר רגע׳ס ווי דערשטוינט געוואָרן פון מיינע געשרייען, דערנאָך האָט דער בלאָנדער, מיט אַן איינגע־האַלטענער רציחה, מיך אַ פרעג געטאָן:

— און ווער, צום טיוול, ביסטו?... אויך אַ שמוציקער אינדיאַנער?!

— ניין! —האָט דער צווייטער אַ שפּאָטישן לאַך געטאָן, — ער זעט אויס צו זיין איינער פון יענע לויזיקע אינדיאַנער ליבהאָבער... פּונקט ווי אונ־דזער דאָקטער נעלסאָן...

— עס זעט אויס אַזוי, — האָט דער בלאָנדער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ניט אָפּווענדנדיק זיינע שאַרפע, בייזע בליקן פון מיין פּנים, — קום, לאָמיר אים טאָקע איצט אָנלערנען אַביסל...

— ריכטיק! — האָט דער צווייטער צוגעשטימט, — ס׳וועט זיין אַ גוטע זאַך... און מען וועט עס דאַרפן מאַכן אַזוי, אַז ער זאָל עס אויף לאַנג געדענקען!

— גיי אַרויס פון וואַסער! — האָט דער בלאָנדער מיר אַ באַפעל געטאָן, מיט אַ דראָענדיקן קול — און מאַך עס שנעל!

דער צווייטער האָט אָנגעוויזן אויף מיינע זאַכן:

— ער זעט אויס צו זיין אַ „הייקער" (אַ גייער איבערן לאַנד) און צו־געגעבן מיט בייזער איראָניע: — זיינע זאַכן זעען מיר אויס צו זיין היפּש־לעך שמוציק: מען באַדאַרף זיי אים אַריינוואַרפן אין טייכל... ער זאָל זיי אויסוואַשן אַביסל...

— ריכטיק! — האָט דער בלאָנדער צוגעשטימט, — אָבער וואַרט־צו אַ ווײַלע! — און ער האָט זיך ווידער אַ בויג געטאָן צו מיר: — גיי אַרויס פון וואַסער, האָב איך דיר געזאָגט!

כ׳האָב געוואָרפן אַ בליק אויף צוריק, צום שטיין: די אינדיאַנער זיינען פאַרשוואונדן.

מיין כעס האָט מיך מיט אַמאָל אָפּגעלאָזט און אַ שאַרפער געדאַנק האָט זיך, ווי אַ צאַפּל געטאָן: — וואָס טוט מען? וואָס טוט מען פאַרט?!... זיי וועלן מיך דאָ צע׳ממית׳ן... זיי קענען נאָך דערצו אַוועקנעמען מיינע קליי־דער און מיך איבערלאָזן אין די אונטער־וועש... אָבער אַזוי צי אַנדערש, האָב איך צום שלום באַשלאָסן, איז בעסער אַרויסצוגיין, פילן די פעסטע ערד אונטער זיך, איידער שטיין, אַ הילפלאָזער, אין וואַסער...

איך האָב זיך לאַנגזאַם געלאָזט גיין צום ברעג. און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז ניט אין קיין קילער וואַסער שפּאַן איך, נאָר איך גיי אויף הייסע קוילן. אַלץ האָט איצט אַרום מיר געגומען אויסזען ווי ניט רעאַל, ווי אין אַ חלום.

דער אַרויסגאַנג פון טייכל איז אין דעם אָרט געווען ניט קיין גלייכער,

נאָר זיך געהויבן אויף אַ דריי־פּערטל, אָדער אויף אַ יאַרד און כּדי מען זאָל קענען אַרויס פונעם וואַסער, האָט מען זיך געמוזט צוערשט אָנשפּאַרן מיט בײדע הענט אויפן ברעג.

אָבער יעדעס מאָל, ווי נאָר כ׳האָב אָנגערירט מיט די הענט די ערד, האָט דער בלאָנדער בחור זיך פאַרמאָסטן, מיט זיין שטיוול, מיר צו געבן אַ זעץ אין פּנים אַריין. איך האָב זיך יעדעס מאָל געוואָרפן אויף צוריק און בײדע בחורים האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער.

— דערלאַנג אים! דערלאַנג אים! — האָט דער פעטער בחור אָנגעקוואָלן, — וועט ער געדענקען אַ צווייטן מאָל ניט צו קושן די גזעסן פון די לויזיקע אינדיאַנער!

אַ פאַרצווייפלונג, האָט ווי אַן אייז־קאַלטע רייף, צוזאַמענגעצויגן מיין גאַנצן אינגעווייד, אפילו דער געדאַנק איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן. ניט געווען איז שוין אויך, אפילו, קיין סימן פון שרעק אין האַרצן, בלויז שאַרף און בליציק האָט זיך געשלענגלט ערגעץ־וואו אין די פאַלדן פון מיין מוח, אַן אָנווייזונג. אַז איין זאַך מוז גלייך נאָך געטאָן ווערן, אַז אָט־די זאַך, אָט־די באַוועגונג, קען נאָך, מעגלעך, מיר אַביסל אַרויסהעלפן... אַביסל... אַביסל . . . פּרוביר!... — האָט מיך דער געדאַנק ווי אונטערגעטריבן — קענסט סיי ווי קיין זאַך ניט פאַרלירן: אָט־די צוויי ברוטאַלע חיות וועלן דיך סיי ווי, אויב ניט טויטן, איז זיכער פאַרקריפּלען אויף דיין גאַנצן לעבן... טאָ, פּרוביר! פּרוביר! אפשר?... אפשר?... כאַפּ אָן זיין פוס, אָט דעם לויזיקן... דעם מערדישן פוס זיינעם... כאַפּ אים אָן און גיב אים אַ שטאַרקן דריי... זייער אַ שטאַרקן... אויף רעכטס... וואַרט ניט! טו עס גלייך! גלייך!

און דער בלאָנדער בחור האָט שוין צום פערטן, אָדער אפשר פינפטן מאָל, געפּרואווט מיר צו דערלענגען מיטן פוס אין פּנים אַריין, האָב איך ניט נאָר זיך, ווי פריער, אָפּגעוואָרפן מיטן גאַנצן קערפּער אויף צוריק, נאָר זיך אויך פלינק אַ בויג געטאָן אויף לינקס, אָנגעכאַפּט מיט בײדע הענט דעם היבּ־טערשטן טייל פון זיין שטאַרק אויסגעשטרעקטן פוס און מיט אַלע מיינע כּוחות, מיט דער גאַנצער פאַרצווייפלונג פון מיין לאַגע, אים צוערשט אַ דריי־געגעבן אויף רעכטס, דערנאָך נאָך אַ שלעפּ געטאָן צו זיך.

אַ דערשראָקענער פאַלצעמאַ אויסגעשריי האָט, ווי אַ הויב־געטאָן די לופט. דער בחור האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, זיך אָנגעכאַפּט מיט בײדע הענט פאַר דער רעכטער זייט און ניט אויפגעהערט צו קרעכצן. דער חבר זיינער האָט אַ וואָרף געטאָן מיינע שטיוול, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין זיינע הענט, אַ פאַרטיקער זיי אַריינצוואַרפן אין טייכל, און איז צוגעלאָפן צו אים.

— וואָס איז געשען, סטיוו? — האָט ער אין שרעק אויסגעשריגן, — וואָס האָט ער דיר געטאָן?!

אָבער סטיוו האָט ניט געענטפערט, געהאַלטן אין איין קרעכצן און רייבן מיט בײדע הענט די רעכטע זייט.

איך בין פלינק אַרויס פון טייכל און, ניט אויסקוקנדיק אפילו מײנע אונטערוועש, זיך שנעל געגומען אָנטאָן, אַ פּאַרטיקער, צו יעדער רגע, צו באַגעגענען מיט די פויסטן, איצט שוין, דעם אײנציקן קעגנער.

— נעם מיך שנעל אַהיים! — האָט סטיוו געקרעכצט, — שנעל... דער פאַרשאָלטענער הונט האָט מיר, ווייזט אויס, אויסגעדרייט אַ פוס... אָדער... אפשר צעבראָכן אַ ביין... שנעל, שנעל!...

— וואַרט, דו לויזיקער הונט! מיר׳ן זיך נאָך היינט אָפּרעכענען מיט דיר! — האָט מיך דער פעטער בחור פאַרזיכערט, העלפנדיק זיין פריינט זיך אויפצושטעלן אויף די פיס, — מיר׳ן גלייך קומען צוריק און... מיר׳ן שוין זיין פיל מער ווי צוויי...

איך האָב געשוויגן, זיך געאײלט, וואָס שנעלער אָנצוטאָן און געהיט זייער יעדע באַוועגונג.

ווען סטיוו איז שוין געזעסן אין מאַשין, האָט ער אַ זאָג געטאָן צום פריינט:

— דזשעק, באַטראַכט אים נאָר גוט: זאָלסט שפּעטער קענען אָנווייזן ד׳ער חברה אויף אים.

— זיי רואיק! — האָט אים דזשעק פאַרזיכערט, — כ׳וועל שוין קיין טעות ניט מאַכן.

איך האָב זיך ניט גערירט פון אָרט ביז דער מאַשין האָט זיך ניט אַ ריס געטאָן פאָראויס און אפילו קלאָר באַמערקט סטיוו׳ס אַ פויסט, וועלכע ער האָט מיר געוויזן דורכן אָפענעם פענצטער.

ווען דער שוואַרצער, פינקלענדיקער „קראַיסלער" איז פאַרשווינדן אויפן וועג, האָב איך טיף אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, זיך אַרומגעקוקט, ווי זוכנדיק אימיצן, דערנאָך זיך אַליין אַ פרעג געטאָן:

— נו, און איצט וואָס?... וואָס טוט מען איצט?... זיי וועלן דאָך באַלד קומען נאָך מיר און... מיר צעברעכן יעדן ביין... אַ גאַנצע חברה, האָט ער געזאָגט, וועט באַלד נאָך מיר קומען... איז וואָס־זשע טוט מען?!

דער געדאַנק איז מיט אַמאָל, ווי שטיין געבליבן אויף איין אָרט און אַליין ניט באַגרייפנדיק קלאָר, וואָס איך טו, האָב איך זיך געלאָזט האַסטיק גיין אין דער ריכטונג פון „בעד לענד".

אַ פינף מינוטן און אפשר צען האָב איך אַזוי געשפּאַנט, ווי וועלנדיק אַנטלויפן פון מיין אייגענעם שרעק, דערנאָך שטיין געבליבן און זיך גע־נומען אַרומקוקן.

איך האָב זיך געפונען אינדערמיט פון אַ היפשלעך ברייטן, אַספאַלטענעם וועג און פון זייַנע ביידע זייטן האָבן זיך אין דער ווייטער ווייט געצויגן הויכע בערג און בערגלעך, אַלע מיט אַזעלכע זאָנדערבאַר אויסגעשניצטע און אויסגעקאָרבטע שפּיצן, קופּאָלן, קאָלאָנעס, טעראַסן און היילן, פּונקט ווי טויזנטער סקולפּטאָרן וואָלטן דורות לאַנג אויף אָט־די בערג געאַרבעט, זיך ווי געוואָלט פאַר אימיצן אויסצייכענען מיט זייער קונסט. אָבער אויפן אָרט פון צו זיין אייַנטאָניק, גרוי און ברוינלעך, ווי איך האָב זיי פריער צום ערשטן מאָל דערזען, זייַנען זיי איצט, אונטער די שטראַלן פון דער אונטער־גייענדיקער זון, געווען ווי באַגאָסן: די אויבערשטע טיילן מיט צונטער־רויט, די נידעריע — מיט בלוי און פיאָלעט.

אַ ווײַלע בין איך אַזוי געשטאַנען און זיך אײַנגעקוקט אין די בערג און מיטאַמאָל האָט דער מאַרך מײַנער ווידער אויפגעוואַכט און כ׳האָב זיך אַליין אַ פרעג געטאָן: — וואוהין לויפסטו פאָרט?... אָט באַלד קומען זיי דאָך אָן און פּאַקן דיך, ווי אַ מייזל אין אַ פּאַסטקע... זיך אפשר באַהאַלטן, איבער נאַכט, אין אָט אײנער פון די היילן?... זאָל זיין אפילו צוזאַמען מיט קלאַפּער־שלאַנגען... — אין מײַן מוח האָט ווי אָפּגעקלונגען די וואָר־נונג פון דער באַלעבאָסטע פונעם מעבלירטן צימער... — „זאָל זיין מיט קלאַפּער־שלאַנגען, — האָב איך זיך אַליין געענטפערט, — די מענטשן זײַנען דאָ ערגער פון זיי...“

— אפשר גאָר לויפן צוריק, צום הויפּט־וועג און זיך דאָרטן פּרובירן באַהאַלטן? — האָט אַ צווייטער געדאַנק אויפגעבליצט, — פאַראַן דאָרטן אַזוי פיל הײַזער, גערטנער... צי אפשר זיך דאָרטן גאָר אַליין איבערגעבן דער פּאָליצײַ?... כ׳בין דאָך, נאָך אַלעמען, קיין שום פאַרברעכן ניט באַ־גאַנגען...

כ׳האָב שוין געהאַט זיך אויסגעדרייט אַ פּאַרטיקער צו לויפן צוריק, ווען אַ שאַרפער פייף האָט זיך פּלוצלונג דערטראָגן צו מיר, דאַכט זיך, פון לינקס און פון ערגעץ־וואו, פון דער הויך.

— זיי קומען שוין, ווייזט אויס, נאָך מיר! — האָט אַ געדאַנק אַ ציטער געטאָן און מיך ווי צוגעפרוירן צום אָרט, — אָבער וואָס טוט מען?!... וואָס טוט מען פאָרט!... ווי אַזוי ראַטעוועט מען זיך פון זיי?...

כ׳בין שוין פאַרטיק געווען זיך אַ יאָג טאָן אין דער ריכטונג צום באַרג, ווען דער פייף האָט זיך ווידערהאָלט, איצט שוין פיל קלאָרער און נאָענ־טער און ניט איבערגעלאָזט קיין צווייפל, אַז ער קומט ניט פונעם וועג, נאָר פון לינקס, פון די בערג.

כ׳האָב זיך גענומען אײַנקוקן און גלייך באַמערקט אַ מענטשלעכע פיגור אויף אײנער פון די באַרג פּלאַטפאָרמעס, וועלכע האָט, מיט דער פלינקייט

פון אַ מאַלפּע, גענומען שפּרינגען און זיך אַראָפּגליטשן פון איין שטיין אויפן צווייטן, ניט אויפהערנדיק עפּעס צו שרייען און צו פּאַכן צו מיר מיט די הענט.

— ווער קען עס זיין? — האָב איך אי מיט פרייד, אי מיט שרעק, אַ טראַכט געטאָן, — צי אפשר איז עס גאָר אַן אַליוזיאַציע?... אפשר האָב איך פון שרעק גאָר מיין פאַרשטאַנד פאַרלוירן?

און גיך האָב איך שוין אויך אויפגעכאַפּט די רופן און דערקענט אין דער פיגור דעם יונגן אינדיאַנער, מיט וועלכן כ׳האָב זיך, דאָ ניט לאַנג צוריק, געבאָדן אין טייכל.

אָבער אָט־דער „ניט לאַנג צוריק" האָט ביי מיר איצט אויסגעזען, פונקט ווי עס וואָלט שוין פּאַסירט מיט אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק.

אַ שטורעם האָט מיך ווי אַ הייב געטאָן אין דער לופטן און, דאַכט זיך, אפילו ווי ניט אָנרירנדיק די ערד, האָב איך זיך אַ טראָג געטאָן אים אַנטקעגן. צוערשט בין איך געלאָפן איבער אַ שטיינערנער לאַנקע, דערנאָך זיך גענומען הייבן אויפן היפּשן באַרג, אויף וועלכן ער איז געשטאַנען.

— טרעט ניט אויף קיין זאַמד! — האָט ער מיך געוואָרנט, — די הינט וועלן, מעגלעך, זוכן סימנים פון דיינע טריט.

גיך האָט ער מיך אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און מיר האָבן גענומען, צוזאַמען, קלעטערן אַלץ העכער. כ׳האָב אים עטלעכע מאָל אַריינגעקוקט אין פּנים, געפּרואווט אָפּזוכן אין מיין זכרון אַ פּאָר דאַנקבאַרע ווערטער, אָבער זיי בשום אופן ניט געקענט געפינען: אַלץ אין מיר האָט זיך גע־דרייט און געשפּרונגען, זיך געהויבן און געפאַלן, פונקט ווי אָט־די זאַנדער־באַרע אויסגעקאַרבטע בערג און בערגלעך, איינגעטרונקענע אין רויט, געל, בלוי און פיאָלעט.

— שנעלער! — האָט ער מיך אונטערגעטריבן, — די הינטישע זין קענען יעדע רגע איצט אָנלויפן.

מיר האָבן פאַרגעזעצט דאָס שפּרינגען פון איין שטיין אויפן צווייטן, דאָס דראַפּען זיך פון איין ווענטל איבערן אַנדערן און עס האָט זיך מיר גענומען דאַכטן, אַז אָט דאָס לויפן, קלעטערן און שפּרינגען וועט זיך שוין קיינמאָל ניט ענדיקן. ענדלעך זיינען מיר ביידע, כמעט ווי אָן אָטעם, געבליבן שטיין אויף אַ קליינער טעראַסע, וועמענס פאָדערשטער טייל איז געווען, ווי אומישנע, באַפּוצט מיט אויסגעקייכעלטע, קליינע שטאַכעטלעך. מיר האָבן, ווייזט אויס, זיך שוין געפונען היפּשלעך הויך, ווייל דער אַספאַלטע־נער וועג אונטער אונדז האָט איצט אויסגעזען ווי אַ ווייטע, גרויע סטענגע.

איצט האָב איך נאָך אַמאָל באַשלאָסן אים צו באַדאַנקען, אָבער ווי נאָר כ׳האָב אויפגעעפנט דעם מויל, האָט ער שנעל אַ דריי־געטאָן דעם קאָפּ אויף

לינקס, אַנגעכמורעט דעם שטערן, זיך צוגעהערט אַ ווײַלע, דערנאָך זיך גע־שווינד אויסגעצויגן צווישן די שטאַכעטן און מיך מיטגעשלעפּט מיט זיך.

— זיי קומען! — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן און מיר אָנגעוויזן, מיט דער האַנט, אויף אַ שפּאַלט, צווישן שטיינער, דורך וועלכן מען האָט גע־קאָנט זען, וואָס עס קומט פאָר אויפן וועג.

אַ גרויסער, ברוינער אָטאָמאָביל האָט זיך באַוויזן אויפן וועג און, ניט איילנדיק זיך, פאַרשוואונדן רעכטס, צווישן די בערג.

— אַ גרויסער שאָד, — האָב איך אַ זיפץ געטאָן, — דאָס זיינען, זעט אויס, טוריסטן, וועלכע וואָלטן מיך זיכער אַרויסגענומען און געבראַכט קיין רעפּיד־סיטי.

דער אינדיאַנער האָט אַ קורצן לאַך געטאָן:

— אַרויסגענומען וואָלטן זיי דיך זיכער, אָבער דערפירט וואָלטן זיי דיך ניט ביז רעפּיד סיטי, נאָר, מעגלעך, אַוועקגעשיקט אויף יענער־וועלט.

— וואָס מיינסטו? — האָב איך אים, פאַרוואונדערט, אָנגעקוקט.

— דער ברוינער אָטאָמאָביל באַלאַנגט צו מיסטער מעק דאָנעלן, דעם רייכן שענקער פון שטעטל, וועמענס איינציקן, בלאָנדן זינדל — סטיוו, דו האָסט, ווייזט אויס, אויסגעדרייט אַ פוס. דאָס זוכן זיי דיך אַרום כדי דיר אָפּצודאַנקען.

— פון וואַנען ווייסטו וועגן פוס? — האָב איך זיך גע׳חידוש׳ט.

— דער זיידע מיטן טאַטן זיינען גלייך פון טייכל אַוועק אַהיים און מיך איבערגעלאָזט נאָכצוקוקן, וואָס עס וועט ווייטער געשען.

— ביסטו זיכער, אַז דער מאַשין איז דאָנעל׳סעס? — האָב איך נאָך אַלץ געצווייפלט.

— יאָ! — האָט ער קורץ געענטפערט.

— דאָס מיינט, אַז דו האָסט מיר איצט געראַטעוועט דעם לעבן? — האָב איך, אַביסל נאַרישעוואַטע, באַמערקט, — אַ גרויסן דאַנק דיר!

— מיר, אינדיאַנער, פאַרגעסן קיינמאָל ניט אונזערע פריינט — און ער האָט פאַרענדיקט מיט אַ זיפץ: — אַ שאָד, זייער צאָל איז נאָך אַזוי קליין.

— ווי אַזוי הייסטו? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— מיין אמת׳ער נאָמען איז „אָ־קע־טשע־לאַ־וואַש־טאַ“, וואָס מיינט אויף אונדזער לשון: אַ שיינער יינגל, אָבער אַלע רופן מיך מיט מיין שול־נאָ־מען „דזשאָן“. קענסט מיך אויך אַזוי רופן. און ווי אַזוי איז דיין נאָמען?

— שין, — האָב איך געענטפערט.

— גוט. אַ גרינגער נאָמען צו געדענקען. שין פון ניו־יאָרק, — ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ שפּיץ פון אַ העכערן באַרג, איבער אונדז: — דער

זייַדע האָט מיר געהייסן דיך צו באַהאַלטן אין אַ הייל אָט אויף יענעם באַרג. קיינער, אפילו ניט די אינדיאַנער פונעם „קראָ״־שבט, וועלכע דינען די ווייסע, אַלס פּאָליציי, ווייסן ניט וועגן יענעם אָרט, — ער האָט זיך אייַנגעקוקט אַ ווײַלע אין וועג, אונטער אונדז, און ווייטער גערעדט: — מייַן זייַדע איז זייער אַ וויכטיקער מענטש ביי אונדז, אין שבט... מען רופט אים: „אי־הי־ווי־טשאַ־שאַ״, וואָס מיינט: דער סאָווע מאַן... ער האָט נאָך געקעמפט מיט די ווייסע מענטשן אונטער דער פירערשאַפט פון אונדזערע גרעסטע פירער: „סיטינג בול״ (דער זיצנדיקער אָקס) און „קרעיזי האָרס״ (דער ווילדער פערד), דער זעלבער, וועלכער האָט צעשמעטערט קאָלאָנעל קאַסטער׳ס אַרמיי און אים אַליין געטויט. און דעם טאַטנ׳ס נאָמען איז: „מאַ־האַ־האַ־טאָן״ (דער אייַזערנער האָרן). ער איז זייער אַ שטאַרקער... ער האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויפן וועג, — קום, מיר מוזן זיך, וואָס שנעלער, ווייל עס איז נאָך ליכטיק, דערקלייבן צו דער הייל. — ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אָבער איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט אים נאָכצופאָלגן, האָט ער זיך ווידער אויסגעצויגן אויפן דיל פון דער טעראַסע, זיך צוגערוקט צום שפּאַלט צווישן די צוויי שטיינער, מיטן אויסקוק אויפן וועג.

— עס קומט נאָך אַן אָטאָמאָביל! — האָט ער אַ שפּעטשע געטאָן. איך האָב זיך צוגערוקט, האַרט, צו אים.

אויפן וועג האָט זיך באַוויזן דער פריערדיקער, שוואַרץ פינקלענדיקער „קראַייסלער״. אויף זיינע צוויי טראָט־ברעטער, פון ביידע זייטן, זיינען געשטאַנען צוויי מענער, אין אוניפאָרמען פון פּאָליציי־לייט און יעדער פון זיי האָט אויפמערקזאַם זיך אייַנגעקוקט אין די בערג פון זיין זייט. פון די אויטאָמאָביל פענצטער, פון ביידע זייטן, האָבן אויך אַרויסגעקוקט אַ צאָל מענער. די מאַשין האָט זיך באַוועגט זייער לאַנגזאַם. דערנאָך האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און בעת די אינדיאַנער האָבן אויפמערקזאַם באַטראַכט די זאַמד פון ביידע זייטן וועג, האָט דער טרייבער געגעבן דריי פייף. פון דער ווייט, רעכטס, האָט אַ צווייטער מאַשין אויך אָפּגעענטפערט מיט דריי ענלעכע קלאַנגען.

איך מיט דזשאַנען האָבן זיך איבערגעקוקט און ביידע האָבן מיר אַ צושטימיקן שאָקל געטאָן מיט די קעפּ.

באַלד זיינען די אינדיאַנער צוריק אַרויף אויף די טרעט־ברעטער און דער אָטאָמאָביל איז גיך פאַרשוווּנדן צווישן די בערג, רעכטס.

— ריר זיך וואָס שנעלער, — האָט דזשאַן אַ שעפּטשע געטאָן, — מיר מוזן דערגרייכן אונדזער פּלאַץ, איידער זיי וועלן קומען צוריק!

נאָך אַ צען מינוטן דראַפּעניש און שפּרינגען איבער שטיינער און גריבער, האָבן מיר דערגרייכט אַ קוים־באַמערקבאַרע פּלאַטפאָרמע אין דער

טיפֿעניש, פֿון וועלכער עס האָט געשוואַרצט ניט קיין גרויסע עפֿענונג.

— אָט דאָ איז עס! — האָט מיין פֿריינט, מיט באַלייכטערונג, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם: — לאָמיר גלייך אַריינקריכן, כדי דו זאָלסט זיך קענען אַרומקוקן אַביסל.

— איך טראַכט, ווי אַזוי וועלן מיר זיך קענען אַרויסקלייבן פֿון אַזאַ אָרט, ווען ס'וועט מעגלעך זיין? — האָב איך זיך געוואונדערט.

— וועגן דעם האָסטו זיך ניט וואָס צו זאָרגן, — האָט ער מיט אַ שמייכל מיך פֿאַרזיכערט, — פֿאַראַן נאָך אַ צווייטער אַרויסגאַנג, זייער אַ פֿאַרוואָקסענער, פֿון דער צווייטער זייט בערג. אַ גוטער אַרויסגאַנג צום הויפּט־וועג, אָבער קיינער, אַחוץ דעם זיידן מיטן טאַטן, ווייסן ניט וועגן אים.

די הייל איז ניט געווען קיין זייער גרויסע, אָבער אַ היפּשלעך הויכע און די צוויי שמאָלע דורכגאַנגען, וועלכע האָבן ערגעץ־וואו געפֿירט, האָבן געשראָקן סיי מיט זייער פֿינצטערניש און נאָך מער מיט דער עכאָ פֿון יעדן מינדסטן קלאַנג. יעדעס אַרויסגערעדטע וואָרט האָבן זיי ווי נאָכגעזאָגט, דערנאָך עס שטיל, עטלעכע מאָל, איבערגע׳חזר׳ט פֿאַר זיך.

ער האָט מיך אַרומגעפֿירט און מיך באַקענט מיטן אָרט: — מיט אָט־די צוויי פֿינצטערע דורכגאַנגען האָסטו גאָרניט וואָס צו טאָן. זיי פֿאַראייניקן זיך ביים סאַמע אַרויסגאַנג צום הויפּט־וועג. מיר׳ן דיך קומען באַזוכן דורך איינעם פֿון זיי. אָט־דער ווינקל איז דער וואַרעמסטער. גוט וואָס דו האָסט צוויי קאָלדרעס מיט זיך. אָרדן זיך איין. און מאַך ניט קיין טעות: אָט־דער לאָך אין דער רעכטער וואַנט איז ניט דער אַריינגאַנג. גיי ניט צו צו אים: עס איז אַן אָפּרייס פֿון עטלעכע הונדערט פֿוס... פֿון דאַנען עפֿנט זיך אַ גוטער אַרויסקוק צום טייכל „וואונדעד ני" (די פֿאַרוואונדעטע קני), וואו מען האָט אַ צאָל פֿון אונדזערע מענער, פֿרויען און קליינע קינדער אויסגעקוילעט... — ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, — אָבער וועגן דעם וועט דיר שוין דער זיידע אַליין דערציילן... אַזוי האָט ער מיר פֿריער געזאָגט...

אַ שוואַכער רויש פֿון מאָטאָרן האָט זיך דערטראָגן פֿונעם וועג. מיר זיינען ביידע צוגעלאָפֿן צו דער טעראַסע. אין דער האַלב־פֿינצטערניש, וועלכע האָט שוין געהערשט אויפֿן וועג, האָבן מיר קלאָר באַמערקט ביידע אָטאָמאָבילן, וועלכע זיינען לאַנגזאַם געפֿאָרן צוריק. מיטאַמאָל האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און ווי גענומען שמירן מיט די שטאַרקע ליכט־שטראָמען פֿון זייערע פּראָזשעקטאָרס איבער די בערג, פֿון ביידע זייטן. דערנאָך איז, צו אונדזער פֿאַרוואונדערונג, איינער פֿון די צוויי מאַשינען אַראָפּ פֿון וועג, זיך אַריינגערוקט צווישן צוויי בערגלעך און אויסגעלאָשן זיינע לאָמפּן. דער צווייטער איז אַוועק.

— וואָס קאָן עס באַדייטן? — האָב איך זיך געוואונדערט, — צוליב

וואָס האָבן זיי דאָ איבערגעלאָזט איינעם פון זייערע מאַשינען?
דזשאָן האָט נאָכגעטראַכט אַ ווײַלע:
— מן הסתם מיט דער האָפענונג, אַז דו ליגסט דאָ ערגעץ־וואו אַ באַ־האַלטענער און וועסט ביינאַכט אַרויסקריכן אויפן וועג...
— כ׳דענק, אַז דו ביסט גערעכט, — האָב איך צוגעגעבן.
— כ׳דענק, אַז דו ביסט גערעכט, — האָב איך צוגעגעבן.
דזשאָן האָט אַ צופרידענעם לאַך געטאָן:
— כ׳בין זיכער, אַז זיי אַליין, די ווייסע, מיין איך, וועלן זיך ניט אַוועק־זעצן דאָרטן היטן דיך אַ גאַנצע נאַכט... מן הסתם זיינען דאָרטן געבליבן די אינדיאַנער פּאָליסלייט... זאָלן זיי פרירן, די הינט... — ער האָט זיך אָבער גלייך אַ כאַפּ געטאָן: — זאָג מיר, שין, האָסטו ביי זיך שוועבעלעך אָדער אַ ליכט־וואַרפער?
— איך רויכער ניט, אָבער כ׳האָב ביי זיך ביידע זאַכן.
— אויב אַזוי געדענק, אַז די היטער אונטן זיינען אינדיאַנער און זיי וועלן זיכער באַמערקן דעם שוואַכסטן אָפּשיין פון ליכט אויף די בערג און זיי וועלן, אָן שום צווייפל, אויך וועלן זיך אויסצייכענען פאַרן שענקער דאַנעלן מיט זיין סטיוון און דיך כאַפּן... פאַרשטייסטו וואָס איך מיין?
— יאָ, דזשאָן, איך פאַרשטיי און זיי זיכער, אַז דאָס לעבן איז מיר נאָך ניט מיאוס געוואָרן און כ׳וועל קיין שום ליכט ניט אָנצינדן. — כ׳האָב זיך פּלוצלונג דערמאָנט וועגן דער באַלעבאָסטע פונעם נעכטיקן מעבלירטן צי־מער און צוגעגעבן: — און זאָג מיר, פריינט, איז עס מעגלעך, אַז אין אָט־דער וועלבער הייל זיינען אויך פאַראַן אַ פּאָר קלאַפּער־שלאַנגען? — כ׳האָב זיך באַמיט צוצוגעבן מיין קול אַ פעסטן אויסדרוק, אָבער געפילט האָב איך גאָרניט ווי צום לאַכן.
דערפאַר האָט ער זיך אָבער צעלאַכט:
— ניין, מעגסט זיין רואיק: זיי פאַרקריכן קיינמאָל ניט אַזוי הויך — ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן: — האָסטו עפּעס צום עסן מיט זיך?
— יאָ, פאַראַן ברויט און פרוכטן.
— דאָס איז גוט. מאָרגן וועל איך דיר ברענגען נאָך אַביסל שפּייז. איצט מוז איך גלייך גיין און כ׳ווייס ניט אין וואָס פאַרא צייט איך וועל זיך מאָרגן קענען אַריינכאַפּן אַהער. מען וועט דאַרפן גוט אַרומשמעקן די געגנט, צי די פּאָליציי זוכט דיך אויך ניט אַרום אויף די וועגן... ער איז זייער אַ רייכער, דער ווייסער, היבטישער זון, דער שענקער מעק און וועט זיכער גוט באַלוינען יעדן פּאָליציאַנט, וועלכער וועט דיך כאַפּן. פאַרשטייסט?
— אַ דאַנק. זיכער פאַרשטיי איך.
— און גיי ניט צו צו נאָענט ניט צו דעם לאָך אין דער וואַנט און אויך

ניט צו דער טעראַסע: דו ווייסט זיכער ווי ווייט בינאַקלען קענען גרייכן.

— זיכער ווייס איך.

— אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט און גיב איבער דעם טאַטן מיטן זיידן מיינע גרוסן און האַרציקע דאַנקען!

— גוט. כ׳וועל ניט פאַרגעסן.

ער איז זיך ווי צעגאַנגען אין דער פינצטערניש, אָבער זיינע טריט, ווי שטיל זיי זיינען ניט געווען, האָבן דאָך איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ מין שאַרכקע אין די צוויי דורכגאַנגען, פונקט ווי אימיצער וואָלט זיך גע׳גנב׳עט מיט באָר־וועסע פיס.

ווען די קלאַנגען זיינען שוין אינגאַנצן פאַרשוואונדן, האָב איך אויסגע־שפּרייט אין אָנגעוויזענעם ווינקל מיינע צוויי קאָלדרעס, זיך אַוועקגעזעצט, אַרויסגענומען פונעם וועג־בייטל אַ ווייס ברייטל, אַ באַר און געפּרואווט עסן. עס איז אָבער ניט געגאַנגען: דער האַלדז האָט זיך איינפאַך אָפּגעזאָגט דורכ־צולאָזן די שפּייז. האָב איך געפּרואווט מיט אים, מיטן האַלדז מיינעם, איינ׳־טענה׳ן, געפּרואווט אים דערווייזן, אַז כ׳בין איצט כמעט ווי אויסער יעדער געפאַר: די צוויי אינדיאַנער זיצן אין זייער מאַשין טיף, טיף אונטן און ווייסן אַ קרענק וואו איך געפין זיך... כ׳וועל דאָ גאַנץ רואיק איבערשלאָפן די נאַכט און ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז נאָך מאָרגן זאָל איך קענען פאַרזעצן מיין וועג צו די „שוואַרצע בערג״... טאָ וואָס־זשע איז דאָ פאַראַן אַזעלכעס זיך צו שרעקן און ניט דורכצולאָזן אפילו קיין ביסל שפּייז אין דער צייט, וואָס כ׳האָב פון צוועלף אַזייגער אָן גאַרניט געגעסן?...

אָבער דער האַלדז מיינער האָט, ווי ס׳ווייזט אויס, געהאַט זיינע אייגענע חשבונות און דער סוף איז געווען, אַז כ׳האָב געמוזט זיך אונטערגעבן: צו־ריק אַריינלייגן דאָס ברויט מיט דער האַלבער באַר אין בייטל, זיך איינוויק־לען אין איינער פון די קאָלדערעס און זיך באַמיען איינצושלאָפן.

אָבער אויך דאָס איז ניט געווען קיין זייער גרינגע זאַך: ערשטנס, האָט מיך זייער שטאַרק געצויגן אַרויסצוקריכן אויף דער טעראַסע און, אויב מעג־לעך, כאַפּן אַ קוק וואָס די צוויי אינדיאַנישע וועכטער מאַכן; צווייטנס, זיינען אין קאָפּ אַריינגעקראָכן און האָבן זיך געפּלאָנטערט אָן אַ שיעור געדאַנקען וועגן ניו־יאָרק: וועגן פריינט, באַקאַנטע און איבערהויפּט, וואָס מיין פרוי מאַכט און וואָס זי וואָלט געזאָגט, ווען זי זאָל וויסן וואו איך געפין זיך איצט...

עס האָט שוין גענומען טאָגן, ווען איך בין ענדלעך איינגעשלאָפן.

אַרום צוועלף אַזייגער האָט דזשאָן מיך אויפגעוועקט. ער איז געשטאַ־נען פאַר מיר אַ שמייכלענדיקער, מיט אַ שוואַרצן, לייוונטענעם קאַשיק אין האַנט.

— גוטער מאָרגן, שין! נו, ווי אַזוי ביסטו עס די נאַכט איבערגעשלאָפן?

— עס וואָלט געקענט זיין אַביסל בעסער, אָבער ס׳איז אַ קלייניקייט, — האָב איך אַ וואוילזונגעריישן מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— לאָמיר האָפן, אַז מאָרגן וועסטו שוין שלאָפן אין אַ באַקוועמערן פּלאַץ.

— האָט ער אַ לאַך געטאָן. — דערווייל האָב איך דיר געבראַכט אַ פלעשל הייסע קאַווע און צוויי קעז־סענדוויטשעס. פאַרנאַכט־צו וועל איך דיר ברענגען עפּעס מער און בעסערס... אַזוי האָט די מוטער מיר באַפוילן דיר צו זאָגן.

איך האָב אַ הילפלאָזן הויב געטאָן מיט די הענט:

— כ׳וואָלט איך אַלעמען געוואָלט זייער שטאַרק באַדאַנקען פאַר אַלץ וואָס איר טוט פאַר מיר, אָבער... כ׳קען פּשוט קיין ווערטער ניט געפינען פאַר דעם.

ער האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען מיינע געפילן און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— ווער דאַרף עס? אַזוי, אָן ווערטער, איז בעסער. זאָלן די דאַנקען בלייבן ביי דיר אין האַרצן און טראָג זיי אַוועק, צוזאַמען מיט דער נעכטיקער פּאַסירונג, צו אַלע דיינע פריינט... זאָלן זיי אויך וויסן וועגן אונדזער אמת׳ער לאַגע און זען עפּעס טאָן, אויב זיי וועלן נאָר קענען!

און בעת איך האָב זיך געקוויקט מיט דער הייסער קאַווע, האָט ער מיר גענומען דערציילן:

— ווען איך בין נעכטן געקומען אין דאָרף, האָב איך שוין דאָרטן געפונען נאָך צוויי פּאָליסלייט, שוין פונעם „אַפּאַטשי״ שבט. זיי האָבן געוואָלט אויסגעפינען ווער עס זיינען געווען די דריי אינדיאַנער, וועלכע האָבן זיך נעכטן געבאָדן אין טייכל און צי האָט ניט אימיצער פון אונדז באַגעגנט אַ הויכן, טונקל־פּנים׳דיקן „הייקער״? און אַזוי ווי קיינער פון אונדז האָט זיך אין טייכל ניט געבאָדן און דעם הויכן „הייקער״ ניט באַגעגנט — זיינען זיי אַוועק מיט גאָרניט.

— דאָס קען אויך מיינען, אַז מען זוכט מיך אַרום אויך אויפן הויפּט־וועג? — האָב איך זיך אָנגעשטויסן.

— אָן שום צווייפל, — האָט דזשאָן צוגעשטימט, — מעק דאַנעל איז זייער אַ רייכער מאַן און אונדזער פּאָליציי וועט אַלץ טאָן, סדי אים צופרידנצושטעלן.

— איז וואָס־זשע דענקסטו, דזשאַני, וועט ווייטער זיין? — האָב איך געוואָלט וויסן, — ווי אַזוי וועט איר פּאָרט פּטור ווערן פון מיר?

דזשאָן איז צוגעקומען אַביסל נאָענטער צו מיר און אפילו די שטימע זיינע האָט ער אַראָפּגעלאָזט מיט אַ פּאָר טענער נידעריקער:

— ניט געזאָרגט, שיך, ס'איז פֿאַראַן אַ גוטער פּלאַן, וועלכער וועט דיך, אמת, ניט היינט, נאָר מאָרגן זיכער באַפרייען. היינט, זאָגט דער זיידע, איז אונדזער וועג נאָך צו הייס פֿאַר דיר זיך אויף אים צו באַוויזן. פֿאַרשטייסט?

— איך פֿאַרשטיי, — האָב איך צוגעשטימט, — אָבער... זיי אַזוי גוט און זאָג מיר, אין וואָס באַשטייט עס דער מאָרגנדיקער פּלאַן?

— הער זיך גוט צו, — האָט ער מיר כמעט ווי באַפוילן, — אָט־דעם פּלאַן האָב איך צוגעטראַכט מיט מיין בעסטן שול־פֿריינט: „נאַ־מאָס־טי־וואַ“. ער איז פֿונעם „האָפּי“־שבט, אַ קלוגער און אַ טייערער בחור. דער זיידע מיטן טאַטן האָבן דעם פּלאַן גוטגעהייסן.

— גוט. איצט זאָג מיר אין וואָס באַשטייט עס אייער פּלאַן?

— ער, „נאַ־מאַס־טי־וואַ“, מיר'ן אים בעסער רופֿן פּיטער, ווי זיין נאָמען איז געווען אין שול, ער אַרבעט אין שטעטל ביי אַ בעקער. ער צעפֿירט, אין זיין קליינעם לאַסט־וואָגן, צוויי מאָל אַ טאָג ברויט און קוכן צווישן די פֿאַרמערס און אין די אַרומיקע האָטעלן. דעם ערשטן מאָל פֿאָרט ער אַרויס זיבן אַזייגער אין דער פֿרי, דעם צווייטן מאָל — צוועלף אַזייגער בייטאָג. נו, האָב איך אָפּגעמאַכט מיט אים, אַז מאָרגן, פּונקט צוועלף אַזייגער, ווען דער הויפּט־וועג איז פֿול מיט אָטאָמאָבילן און לאַסט־וועגענער, זאָל ער, פֿאַרביי־פֿאָרנדיק, אַראָפּ פֿונעם וועג אויף דער סטעזשקע, וועלכע לויפֿט פֿאַרביי דעם וועלדל אין וועלכן עס געפֿינט זיך דער אַרויסגאַנג פֿון אונדזער הייל... דאָרטן זאָל ער זיך אָפּשטעלן און מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער מאַכט עפּעס צערעכט. פֿאַרשטענדלעך, אַז צו יענער צייט וועלן מיר שוין דאַרפֿן וואַרטן אויף אים. דו וועסט אַריין אינווייניק דורך די צעעפֿנטע טירלעך און איך מיט פּיטערן וועלן זיך אַוועקזעצן פֿון פֿאָרנט און... — ער האָט אַ פֿריילעכן פּאַטש געטאָן מיט די הענט, און זיך אַ דריי געטאָן אין אַ טענצל, — און מיט איין האַלבע שעה שפּעטער — וועסטו שוין זיין וויט פֿון דעם טייל וועג, אויף וועלכן אונדזער שטעטלשע פּאָליציי גיט אַכטונג... פֿאַרשטאַנען?!

— ער האָט מיר אַ פֿריינטלעכן קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט איבערן אַקסל.

— פֿאַרשטאַנען! — האָב איך צוגעגעבן — און איך דאַנק אויך, אַז דער פּלאַן איז אַ גוטער, און לאָמיר האָפֿן, אַז ער וועט געלינגען.

ער האָט מיך אויך דערמאָנט:

— און פֿאַרגעס ניט, אַז היינט ביינאַכט, ווען ס'וועט גוט טונקל ווערן, וועט דער זיידע מיטן טאַטן קומען זיך געזעגענען מיט דיר. דער זיידע קלייבט זיך אויך דיר צו דערציילן וועגן אונדזער אַמאָליקן, גוטן לעבן, ביז די ווייסע מענטשן זיינען געקומען מיט זייער ווילדן דורשט נאָך גאָלד און פֿרעמדן לאַנד. איך אַליין וועל קומען פֿריער און דיר ברענגען זייער אַ גוטע זאַך צום עסן, אַ מאכל, וועלכן די מוטער קאָכט שוין איצט, — ער האָט

מיר אויך איבערגעגעבן אַן אַלטע, האַלב־צעריסענע צייטונג, וועלכע ער האָט אויפגעהויבן אויפן וועג, גייענדיק אַהער.

כ'האָב זיך זייער דערפרייט מיט דער צייטונג:

— אַ גרויסן דאַנק! וועט טאַקע זיין וואָס צו לייענען. זאָל זיין אַלטע נייעס... בעסער ווי קוקן אויף די ווענט.

רעדנדיק וועגן פאַרשידענע ענינים, האָט דזשאָן מיך אויך אַ פרעג געטאָן וועגן מיין באַשעפטיקונג.

— איך בין אַ יידישער לערער און אויך אַ יידישער שרייבער, — האָב איך אים געענטפערט.

— אַ לערער און אַ שרייבער?! — האָט ער זיך אַזש אַ כאַפּ געטאָן, — דאָס מיינט דאָך, אַז דו לערנסט קינדער און שרייבסט ביכער?

— עס וויזט אויס אַזוי, — האָב איך אַ שמייכל געטאָן.

ער האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ ווײַלע און, ניט זיכער, ווייטער אַ פרעג געטאָן:

— קען עס אויך מיינען, אַז אַהיים קומענדיק, וועסטו אויך דערציילן דיינע שילער און אפשר טאַקע אויך עפּעס שרייבן אין דיינע ביכער וועגן אונדז, די „סיו"־אינדיאַנער?... כ'מיין, וועגן אונדזער לעבן און... ווי אַזוי די ווייסע מענטשן באַציען זיך צו אונדז?... אויך וועגן דיין פאַרברענגען דאָ, ביי אונדז, אין דער הייל?

— כ'וועל עס, אָן שום צווייפל, טאָן! — האָב איך אים פאַרזיכערט.

זיין פּנים האָט זיך באַלויכטן מיט אַ צופרידענעם שמייכל:

— דאָס איז גוט... פאַרגעס אויך ניט צו זאָגן דיינע שילער, אַז מיר דיינען ניט קיין ווילדע באַשעפענישן, ווי זיי שטעלן אונדז אָפט פאָר אין זייערע מויוויס... גיב צו פאַרשטיין דיינע קינדער, אַז ווען מען באַרויבט אימיצן, אָדער מען שטעלט צו אַ מעסער צו זיין האַלדז, האָט ער אַ רעכט צוריק צו שלאָגן.

— כ'וועל זיי עס זיכער דערציילן, — האָב איך אים באַרואיקט — און איך וויל, אַז דו און אַלע דייניקע זאָלן אויך וויסן, אַז אונדז, יידן, האָט מען הונדערטער יאָרן באַהאַנדלט פּונקט אַזוי ווי אייך, אינדיאַנער... מען האָט אונדז פאַרפאָלגט, אָפט צוגענומען די פאַרמעגנס, געטריבן פון איין לאַנד אין צווייטן, געברענט אונדז אויף שייטער־פייערן... אַלץ געוואָלט אונדז צווינגען אויפצוגעבן אונדזער גלויבן... צו ווערן קריסטן... דו האָסט זיכער געהערט, אַז היטלער האָט, אָט דאָ ערשט ניט לאַנג, פאַרברענט און דערשטיקט זעקס מיליאָן יידן?!...

ער האָט זיך מיטן גאַנצן קערפּער אַ רוק געטאָן צו מיר און, ווי איינהאַלטנדיק דעם אָטעם, געענטפערט:

— יאָ, איך האָב געהערט וועגן היטלערן, אָבער, זאָג, וואָס האָבן זיי אַלע

אויסגעפירט ?... זענט איר געוואָרן קריסטן ?

— ניין, געבליבן יידן.

ער האָט טיף אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, נאָכגעטראַכט אַ ווײַלע און זיכער אַ זאָג געטאָן :

— מיר'ן אויך בלייבן אינדיאַנער !

— איך האָף אַזוי ! — האָב איך צוגעשטימט.

ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, זעט אויס, עפּעס אָנגעשטרענגט באַטראַכט, דערנאָך, קוקנדיק מיר גלייך אין די אויגן, שטיל אַ זאָג געטאָן :

— הער, שין : דו ביסט דער ערשטער ווייסער מענטש, וועמען איך פרעג אָט־די פראַגע. זאָג, גיב מיר אַ פריינטלעכע עצה — וואָס דאַרף זיין דער לעבנס־וועג פון אַזאַ בחור, ווי איך בין ? און אויך פון הונדערטער, ענלעכע צו מיר, אינדיאַנישע בחורים ?... — זיינע האַלב־צוזאַמענגעזשמורעטע אויגן האָבן זיך, ווי צוויי נאָדלען איינגעשטאָכן אין מיין פנים.

און איך האָב געענטפערט, ניט נאָכטראַכטנדיק אפילו קיין רגע :

— איך זע בלויז איין וועג פאַר אייך, יונגע אינדיאַנער : דאָס איז דער וועג אויף וועלכן עס גייט דער ווייסער מענטש אַליין, דער וועג פון אַריינטרעטן אין אַלע זיינע שולן, אין אַלע זיינע מלאכות און פראָפעסיעס. און אויב מען וועט ניט אַריינלאָזן, איז קעמפן פאַר דעם... ס'איז שוין איצט פאַראַן אַ גאַר היפּשע צאָל פּראָמינענטע ווייסע מענטשן, וועלכע שטעלן זיך איין פאַר אייך, פאָדערן פאַר אייך גערעכטיקייט, איר מוזט זיי העלפן !... מיטן ליגן באַגראָבן אין אייערע דערפער, וועט איר גאָרניט אויפטאָן... איר וועט בלויז אונטערגיין.

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פאָראויס :

— נו, און ווי איז וועגן די אַלע קריסטלעכע פריסטער, וועלכע יאָגן זיך נאָך אונדזערע נשמות ?!

— אויך קעגן דעם דאַרפט איר קעמפן ! אין וואָס צו גלויבן איז אייער אייגענער ענין און קיינער טאָר זיך אין דעם ניט אַריינמישן, — האָב איך פעסט געזאָגט, — אָבער אויך צו אַזאַ מין געזעץ קענט איר זיך דערשלאָגן בלויז דורך וויסן. בלויז דורך קאַמף — קענט איר אָנהאַלטן אייער אַלטן גלויבן, אייער אַלטע קולטור.

עטלעכע מינוט איז ער געזעסן מיט אַ טיף אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און ווען ער האָט אים אויפגעהויבן, האָבן זיינע אויגן געקוקט גלייך און אַנטשלאָסן מיר אין פנים אַריין. ער האָט זיך פלינק אַ הויב געטאָן פונעם שטיין, אויף וועלכן ער איז געזעסן, איז צוגעגאַנגען, מיר געגעבן די האַנט און זיכער אַ זאָג געטאָן :

— אַ דאַנק, ברודער ! דו האָסט איצט קלאָר מיר אָנגעוויזן מיין ווייטערדיקן לעבנס־וועג און איך וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. כ'וועל נאָך

מאַרגן אָנשרייבן אַ בריוו צום דירעקטאָר פון דער טעכנישער שול, וועלכע כ'האָב פאַראַיאָרן, קעגן זיין ווילן, פאַרלאָזן. ער וועט מיך זיכער צוריק אַריינעמען... און כ'וועל ווייטער לערנען... ווייטער לערנען!... — די לעצטער פּאָר ווערטער האָט ער אויסגעשריגן, שוין מיט טרערן אין זיין קול.

דערנאָך האָט ער זיך שאַרף אויסגעדרייט און איז פאַרשוונדן אין איינעם פון די פינצטערע דורכגאַנגען און שוין פון דאָרטן האָט זיך צו מיר דערטראָגן זיינע לעצטע פּאָר ווערטער:

— אַ דאַנק דיר, שין!

כ'האָב אים נאָכגעקוקט און אויפן האַרצן איז געווען אַזוי ווייטאָקדיק און גוט, אַז ס'האָט זיך אַליין געוואָלט לאָזן אַ טרער.

דערנאָך האָב איך זיך אויסגעשפּרייט מיינע ביידע קאָלדרעס פאַרן לאָך אין דער וואַנט, דורך וועלכער עס האָט אין דער הייל אַריינגעשטראָמט אַ פלאַטערנדיק טייכל מיט ליכט, אָן איבערגעפילטס מיט גאָלדענע זונען־פלעקן.

דער טאָג איז פאַריבער אין עטלעכע מאָל איבערלייענען די אַלטע, דרייוואָכנדיקע צייטונג, אין דרימלען און אין היטן דעם וועג, טיף אונטער זיך. פינף אָטאָמאָבילן זיינען יענעם טאָג דורכגעפאָרן פאַר מיינע אויגן און ביי יעדער מאַשין האָט זיך מיר שטאַרק, כמעט ווי ביז משוגעת, געוואָלט אַ געשריי טאָן, אָפּשטעלן דעם אָטאָמאָביל, אַראָפּלויפן פון באַרג און בעטן זיי זאָלן מיך אַריינעמען און צופירן ניט מער ווי ביז רעפּיד־סיטי... בלויז ביז יענער געווינטשטער שטאָט, ניט מער...

אָבער די געשפּענסטער פונעם נעכטיקן ברוינעם אָטאָמאָביל, צוזאַמען מיטן שוואַרצן „קראַיסלער", מיט די צוויי אינדיאַנער פּאָליציאַנטן אויף די טראָט־ברעטער, זיינען יעדעס מאָל אַרויסגעשוואומען פאַר מיינע אויגן און מיך געטריבן זיך וואָס טיפער צו באַהאַלטן אין מיין הייל. — — — —
— —

ווען עס האָט גענומען טונקל ווערן איז דזשאָן ווידער דערשינען פונעם דורכגאַנג און אַחוץ קאַווע, ברויט, צוויי רויטע טאָמאַטן, מיר אויך געבראַכט, אין אַ קליין טעפּעלע, אַ שטיקל, זייער געשמאַקן, געפּרעגלטן האָזן־פלייש. און גלייך ווי ס'איז נאָר גוט פינצטער געוואָרן, האָב איך דערהערט די עכאָ פון אָנקומענדיקע טריט: דאָס זיינען געקומען, זיך געזעגענען מיט מיר, דזשאָב'ס פאָטער און זיין זיידע.

שווייגנדיק, האָבן מיר זיך געדריקט די הענט און זיך אַוועקגעזעצט אויפן דיל: דער אַלטער מיטן זון נעבן דער וואַנט, איך מיט דזשאָנען — קעגן זיי. מיר האָבן ווידער געשוויגן אַ ווײַלע, דערנאָך האָט דער זיידע גענומען לאַנגזאַם רעדן אויף זיין „סיו"־לשון, און געדאַכט האָט זיך, אַז זיינע ווערטער טראָגן זיך ניט פון אים גלייך צו אונדז, נאָר הויבן זיך, צעוועשט,

אין דער הויך און פאַלן אַרונטער אויף אונדזערע קעפּ. און דזשאָן האָט שנעל גענומען, ווי אונטערכאַפּן דעם זיידנס יעדנס קלאַנג, זײַ שנעל איבער־געזעצט אין ענגלישע ווערטער און זאָגן און זײַ אונטערגעטראָגן צו מיר. און דער פּאַטער, וועלכער האָט, ווײַזט אויס, אויך געקענט ביידע שפּראַכן, האָט אויפמערקזאַם זיך אײַנגעהערט צום זונס איבערזעצונג און צופרידן צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ.

און דער זיידע האָט שטיל ווײַטער גערעדט:

— צוויי מאָל, זון מײַנער, בלויז צוויי מאָל אין מײַן לאַנגן לעבן האָב איך זיך אַליין געלאָזט פאַרפירן און אויף אַ קורצער ווײַלע, געגלויבט ווײַסע מענטשן... צוויי מאָל האָב איך, צוזאַמען מיט אונדזערע „טשיפס״, אונ־טערגעשריבן מיט מײַן נאָמען אָפּמאַכן, אָפּמאַכן פולע מיט ביטערע פּאַסטקעס, מיטן צוועק אָפּצונאַרן אונדז, ערלעכע און גלויביקע אינדיאַנער... אַלץ אָפּ־מאַכן, וועלכע האָבן אַוועקגערויבט פון אונדז טויזנטער טויזנטער אַקער־לאַנד, אונדז געטריבן אַלץ ווײַטער פון אונדזערע יאַגד־פעלדער און היי־ליקע וועלדער... אָבער, אפילו אַט יענע ליגנערישע אָפּמאַכן האָבן מיר, אינדיאַנער, הייליק געהאַלטן און געבראָכן האָבן זײַ שטענדיק די ווײַסע אונטערשרײַבער, די יעניקע, וועמענס מיסיאָנערן האָבן מיט כוח געוואָלט אונדז אָפּרײַסן פון אונדזער אַלטן גלויבן... — ער האָט אַ שטילן, ביטערן לאַך געטאָן און זיך אַ האַסטיקן בויג געטאָן צו מיר: — טאָ זאָג אַליין, מיט וואָס נאָך פאַראַ געפילן, אַחוץ האַס און פאַראַכטונג, האָבן מיר זיך געקענט באַציִען צו זײַ, צו די „בלייך־פּנים׳דיקע״ ליגנער?!...

ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע און ווײַטער גענומען רעדן:

— דו, זון מײַנער, ביסט דער דריטער ווײַסער מענטש, וועלכער האָט אויפגעוועקט אין מײַן האַרצן דאָס געפיל פון גלויבן. דאַנק איך דיר שטאַרק פאַר דײַן מוטיקער שטעלונג און פאַרן פאַרטיידיקן אונדז קעגן די שטעטלשע, רײַכע לומפּן, וועלכע האָבן אונדז געטריבן פון אונדזער איגן טײַכל... און מיר באַגריסן דײַן קומען צו אונדז. און כ׳וויל, אַז דו זאָלסט טאַקע וויסן, אַז אַט דאָס גאַנצע לאַנד, אויף הונדערטער מײַלן אַרום, אַרײַנגערעכט אויך די „שוואַרצע בערג״, דאָס שענסטע און רײַכסטע שטיק לאַנד אויף דער וועלט, וועלכע זײַ, די ווײַסע, רופן מיטן נאָמען „גאָט׳ס לאַנד״ — איז אַמאָל געווען אונדזערס, האָט באַלאַנגט צום „סיו״־שבט און דאָרטן, אין וואַלד, האָבן זיך געפונען אַ סך פון אונדזערע הייליקע פלעצער, וואו מיר פלעגן, מיט טענץ און תפילות, דינען אונדזערע געטער און גײַסטער...

ער האָט אַרויסגענומען פון אונטער זײַן מאַנטל אַ ליולקע און בעת ער האָט אָנגעצונדן דאָס שוועבעלע, זי צו פאַררויכערן, האָט דזשאָן, ווײַזט אויס, אַלס פאַרזיכטיקייט, פאַרשטעלט דאָס ליכט מיט אַ ברייט־צעשפּרייטער קאָל־ז׳ערע. דער פּאַטער האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט, אָבער אויך ער האָט ניט פאַרגעסן, יעדעס מאָל, צו פאַרשטעלן מיט דער דלאָניע פון זײַן לינקער

האַנט, דעם העלן גלי פון זיין סיגאַרעט, ווען ער פלעגט אַ צי טאָן אין זיך דעם רויך.

דער אַלטער האָט אַ שאָק לגעטאָן מיטן קאָפּ און דער זון האָט פאַר־געזעצט:

— ווען די „בלייכע פּנים׳ער" האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אין אונדזער געגנט, האָבן מיר זיי אויפגענומען ווי גוטע פריינט, זיי געגעבן לאַנד, זיי געהאָלפן זיך איינאָרדענען, זיי געוויזן וואו און ווי אַזוי מען קען כאַפּן פיש און בעסער שיסן ווילדע חיות... ווען ניט אונדזער הילף, וואָלטן זיי געווען אומגעקומען נאָך דעם ערשטן ווינטער... אָבער זיי זיינען גאַנץ גיך געוואָרן חוצפּה׳דיק און האָבן מיט ליגנס גענומען אַוועקנעמען פון אונדז אַלץ גרעסערע שטיקער לאַנד...

— ריכטיק! — האָט דער אַלטער באַשטעטיקט און ווייטער גענומען דערציילן: און פון יענער זייט פון דעם „גרויסן געזאַלצענעם וואַסער" (דעם אַטלאַנטיק) האָבן געהאַלטן אין איין אַריבערקומען אַלץ גרעסערע מחנות ווייסע, אונדז גענומען אַרומרינגלען און שטויסן אַלץ ווייטער צו מזרח צו... און מיר אַליין זיינען געווען ווי נאַרישע, אין אַלץ גלויבנדיקע, קינדער: ניט באַגרייפנדיק די ווערט פון זייער געלט, האָבן מיר זיי אַוועקגעגעבן די טייערסטע פוטערס און גרויסע שטרעקעס לאַנד פאַר העל־פאַרביקע, בי־ליקע, גלעזערנע קרעלן און ענלעכע שיינענדיקע, ווערטלאָזע, באַפּוצונגען... אָבער דעם גרעסטן שאָדן האָבן זיי אונדז אָנגעטאָן, ברענגענדיק מיט זיך אַלע זייערע קראַנקהייטן, זייער „פייער־וואַסער" (שנאַפּס), זייער אויסגעלאַסנקייט און זייערע פאַרברעכנס!... ביז זייער קומען האָבן מיר דאָ געהאַט נעכט אַזעלכע פולע מיט רו, מיט לבנה־שיין, מיטן ריינעם ציטער פון די שטערן... איצט האָבן זיי פאַרפלייצט אונדזערע שטעטלעך מיט זייערע שענקען, מיט שכורים, קאָרטן שפּילער, מיט אויסגעלאַסענע מייד־לעך, מיט שיסערייען און געשלעגן... ווי בלייך און טרויעריק דאָס פּנים פון דער לבנה איז איצט געוואָרן און ווי פאַרשעמט עס קוקן די שטערן...

— ער האָט טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

דער פאָטער האָט אַ ביטערן לאַך געטאָן און פאַרגעזעצט:

— פריער האָט דער ווייסער מענטש געהאַט טובערקולאָז און מיר, אינ־דיאַנער, דאָס לאַנד, איצט איז געוואָרן פּונקט קאַפּויער: מיר האָבן טובער־קולאָז און ער — דאָס לאַנד. און אַזוי איז כמעט מיט יעדער זאַך. אפילו דער שנאַפּס וואָס זיי פאַרקויפן אונדז, באַהאַלטענערהייט פאַר זייער הויכע פּרייזן, איז געפעלשט: ניט נאָר ער פאַר׳שיכור׳ט אונדז, נאָר ער פאַר׳סמ׳ט אונדז אויך, ווייל דאָס איז ניט קיין שנאַפּס, וועלכן די ווייסע טרינקען, נאָר סטריכנין געמישט מיט וואַסער... ווייסע מענטשן וועלן אַלץ טאָן פאַר געלט. איך געדענק נאָך ביז איצט, די פּנימער פון די ווייסע, וועלכע פלעגן אונדז

פאַרקויפן ביקסן, גוט ווייסנדיק, אַז מיר וועלן מיט זיי שיסן זייערע אייגענע ברידער... און נאָך אַ זאַך: יעדעס מאָל, ווען מיר פלעגן זיי באַזיגן, האָבן זייערע צייטונגען געמאַכט גוואַלדן וועגן אַ „מעסעקער" (אויסשלאַכטונג). האָבן זיי, אָבער, אונדז באַזיגט, דערצו נאָך, יעדעס מאָל אויסגעקוילעט אונדזערע פרויען און אַפילו קליינע קינדער — איז דאָס געווען אַ גלענצנדער, אַ העלדישער זיג...

דער זיידע האָט מיך מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן:

— האָסטו אַמאָל געהערט די מעשה מיט דער קו?

— ניין, פאָטער! — האָב איך שנעל געענטפערט, — כ'וואָלט אָבער אַ בעלן געווען זי צו הערן.

— דערצייל זי אים! — האָט דער אַלטער אַ זאָג געטאָן צום זון.

— דאָס איז אַ מעשה וועגן דער ליגנערישקייט פון די ווייסע און דער נאַרישקייט פון אונדז, אינדיאַנער, — האָט דער פאָטער גענומען דערציילן. — איין מאָל, ווען די ווייסע האָט זיך פאַרוואָלט אַ געוויסן שטיק פון אונדזער לאַנד, זיינען זיי געקומען צו אונדז מיט אַן „ערלעכן" פאַרשלאַג. אַזוי האָבן זיי עס אָנגערופן. געוונג, מער ראַבעווען זיי שוין ניט אונדזער לאַנד. איצט זיינען זיי געקומען ווי „ערלעכע" סוחרים: זיי ווילן מאַכן אַן אויסטויש מיט אונדז. זיי האָבן אונדז געוויזן אַ יונג, שיין קעלבל און דערקלערט, אַז זיי ווילן בלויז מאַכן אַ בייט מיט אונדז. מיר, הייסט עס, זאָלן זיי געבן דאָס לאַנד און זיי אונדז — דאָס קעלבל.

האָבן מיר זיך דורכגערעדט צווישן זיך: אמת, דאָס לאַנד האָט הונדערטער מאָל מער ווערט ווי דאָס קעלבל, אָבער אַן אויסטויש איז פאָרט בעסער, ווי רויבעריי. האָבן מיר צוגעשטימט: מיר האָבן זיי געגעבן דאָס לאַנד, אָבער דאָס קעלבל... דאָס קעלבל האָבן זיי אונדז ניט געגעבן.

מיט אַ צייט שפּעטער, האָט זיך זיי פאַרוואָלט נאָך אַ שטיק לאַנד. זיינען זיי ווידער געקומען צו אונדז מיט די זעלבע רייד וועגן אַן אויסטויש און דעם מאָל אונדז געוויזן דאָס זעלבע קעלבל, וועלכעס איז שוין איצט געווען אַ גאַנץ פיינע, יונגע קאַלב. האָבן מיר זיך ווידער דורכגערעדט און ווידער איינגעשטימט: מיר האָבן זיי געגעבן דאָס לאַנד, אָבער די קאַלב אַלץ ניט געקראָגן. שפּעטער, ווען די קאַלב איז אויסגעוואַקסן אין אַ שיינער, בלישענדיקער קו מיט שטאַלצע הערנער און מיט אַ פולן הייטער מיט מילך, זיינען זיי ווידער געקומען פאַר אַן אויסטויש, ווידער געקראָגן אַ שטיק לאַנד און אונדז ווידער ניט געגעבן די קו. ווען זיי זיינען אָבער געקומען דעם פערטן מאָל נאָך לאַנד און אונדז שוין געוויזן אַן אַלט געוואָרענע בהמה, מיט אויסגעדרייטע הערנער, אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און אַ צעקנייטשטן אייטער, אַן אַ טראָפּן מילך — האָבן מיר זיך ערשט דאַן געכאַפּט, וואָס פאַראַ פאַרשאָלטענע באַראָנים מיר זיינען די גאַנצע צייט געווען און... ווען זיי

האָבן אונדז ווידער גענומען טרייבן פון לאַנד, האָבן מיר געמאַכט אַ בלוטיקן אויפשטאַנד...

— יאָ, זון מיינער, — האָט דער אַלטער טיף אָפּגעזיפצט, — אַזוי האָבן זיי, אַלע יאָרן, געהאַנדלט מיט אונדז — אַלץ געוואָלט אַוועקנעמען אונדזער גלויבן, אונדזער ערד, אונדזער פרייהייט און אונדז פאַרוואַנדלען אין „איידזשענסי" אינדיאַנער... דאָס מיינט — אין בעטלער. און צוליב דעם האָבן זיי טאַקע, אַזוי ברוטאַל און גוצלאָז, פאַרניכטעט די מיליאָניקע סטאַדעס מיט בופלאָקסן, וועלכע האָבן געשאַפט דעם גרעסטן טייל פון אונדזער שפּייז...

דער זון האָט מיט ביטערקייט צוגעגעבן:

דערצו האָבן מיר קלאָר געזען, וואָס עס איז געוואָרן פון יענע אינדיאַנער, וועלכע האָבן זיך אונטערגעגעבן און זיינען אַוועק מיט זייערע משפחות וואוינען אַרום די „איידזשענסיס". די מערהייט פון זיי זיינען געוואָרן ליידיקגייער, שכורים, קאָרטן־שפּילער, פאַרברעכער און זייערע ווייבער און טעכטער האָבן זיך גענומען אַרומשלעפּן מיט די סאָלדאַטן, וועלכע מען האָט געבראַכט אונדז צו פאַרניכטן. אָבער אפילו אויך זיי, די „איידזשענסי" אינדיאַנער, האָט מען אויך ראַבירט פון אַלע זייטן: גע'גנב'עט פון זייער שפּייז, קליידונג און באַהייצונג...

דאָ האָט זיך דזשאַן דערמאָנט:

— געדענקסט, זיידע, דו האָסט מיר איין מאָל דערציילט, אַז אונדזער גרויסער פירער „סיטינג בול" (דער זיצנדיקער אָקס) האָט איין מאָל געזאָגט צו גענעראַל נעלסאָן מיילס: „גאָט האָט מיך באַשאַפן אַלס אַ פרייען אינדיאַנער, אָבער ניט אַלס אַן ,איידזשענסי' אינדיאַנער"!

— איך געדענק עס, — האָט דער אַלטער אַ צופרידענעם שמייכל געטאָן, און ווייטער גענומען דערציילן: — גאָר שלעכט איז אונדז געוואָרן אין יאָר 1874, ווען מען האָט אין אונדזער דעמאָלטדיקער רעזערוואַציע, אין די „שוואַרצע בערג" אַנטדעקט גאָלד. ווי הונגעריקע היישעריקן, האָבן די ווייסע זיך דאַן אַ וואָרף געטאָן אויף אונדזער שטיקל לאַנד. אונדזערע הייליקע וועלדער, וואו מיר פלעגן תפילה טאָן צו אונדזער „גרויסן גייסט", וואו מיר האָבן ניט געוואַגט אפילו צו טויטן קיין שום לעבעדיקע באַשעפעניש, ווי אויך אַלע אונדזערע פעלדער — זיינען פול געוואָרן מיט זשעדנע, ווילדע, חוצפּה'דיקע חיות, מיט גאָלד־זוכער... קיין טרייבן, אפילו שיסן זיי האָט ניט געהאָלפן. אויפן אָרט פון איין דערשאָסענעם זיינען גלייך געקומען אַ טוץ אַנדערע. די רעגירונג, אין וואַשינגטאָן, האָט אויך אַרויסגעוויזן אַ קנאַפּן ווילן אונדז צו באַשיצן. שפּעטער האָט זי פאָרגעלייגט אָפּצוקויפן אונדזער לאַנד, מיר האָבן אָבער ניט געגלויבט, ניט געוואָלט קיין איבער־חזר'ונג פון דער אַלטער, בידערטרעכטיקער פּאַסירונג: איך מיין פון דער אַלטער געשיכטע מיט דער אויסגעטוישטער קו... שפּעטער האָט דער פּרעזידענט גרענט אינגאַנצן געעפנט אונדזער געגנט פאַר יעדן איינעם לאַנד־פאַרכאַפּער און גאָלד־

זוכער... איז וואָס־זשע האָבן מיר דאַן געקענט טאָן?... אויף וועמען זיך געקענט פאַרלאָזן? וועמען גלויבן?... איז די גרעסטע צאָל פון אונדז דאַן אַנטלאָפן פון דער רעוואָלוציע צו די נאָך פרייע אינדיאַנער, וועלכע האָבן, אונטער דער פירערשאַפט פון „קרעיזי האָרס‟, געקעמפט פאַר אונדז פריי־הייט מיט די רעגירונגס סאָלדאַטן... עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ נייע מלחמה...

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך ווי צוגעהערט צו עפּעס אין זיך און מיט אַ גאַר שטילן קול פאַרענדיקט:

— אַ נייע מלחמה... אָן האָפענונגסלאָזע, ווייל ווי לאַנג האָבן מיר, האַלב־הונגעריקע, מיט די ווייבער און קינדער אויף די הענט, געקענט מיט אונדזערע פּרימיטיווע שפּיזן, „טאָמאַהאָקס‟ (העקלעך), מיט אונדזערע פיילן און בויגנס און מיט דער נישטיקער צאָל ביקסן קעמפן קעגן די גרויסע רע־גירונגס־אַרמייען, גוט באַוואָפנטע ניט נאָר מיט נייע ווינטשעסטער ביקסן, נאָר אויך מיט קאַנאָנען און „געטלינג‟ קוילן־וואַרפערס?!...

עטלעכע מינוטן זיינען מיר אַלע געזעסן מיט געבויגענע קעפּ און זיך צוגעהערט צום שטילן פייפן פון ווינט צווישן די געקאַרבטע שפּיצן פון די אַרומיקע בערג.

נאָך אַ היפּשן שוויגן, האָב איך אַ זאָג געטאָן:

— אויב, פאָטער, עס איז פאַר דיר ניט צו שווער, וואָלט איך דיך גע־בעטן מיר צו דערציילן וואָס עס איז באמת פאָרגעקומען אין צייט פון אייער באַוואוסטער שלאַכט, אין וועלכער גענעראַל קאַסטער איז געפאַלן?... מען האָט אים דאָך געמאַכט פאַר אַ נאַציאָנאַלן העלד, אָנגערופן מיט זיין נאָמען דעם פּאַרק אין אייערע „שוואַרצע בערג‟ און, דאַכט זיך, אויך אַ דערבייאיקע שטאָט?

אַ טרויעריקער און, אין דער זעלבער צייט, אויך אַ שפּאָטישער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויפן אַלטנס ליפּן:

— גוט, זון מיינער, איך וועל דיר דערציילן. איך בין געווען דערביי און די גאַנצע שלאַכט איז נאָך פריש אין מיין זכרון. דערצו בין איך נאָך געווען דעם פירער „קרעיזי האָר׳סעס‟ אַ פּערזענלעכער פריינט און איינער פון די בעסטע אויספירער. און גלויב מיר, אַז ניט קוקנדיק אויפן גאַנצן רום, מיט וועלכן מען האָט קאַסטערן אַרומגערינגלט, איז ער געווען זייער און זייער אַ שלעכטער מיליטערישער פירער... — ער האָט טיף אַריינגע־צויגן אין זיך דעם רויך פון זיין לולקע, פאַרטראַכט זיך, ווי איינגעקוקט אין עפּעס, פאַר זיך, און נאָך אַמאָל באַשטעטיקט: — יאָ, ער איז געווען זייער אַ שלעכטער גענעראַל...

דער אַלטער האָט טיף אָפּגעזיפצט און ווייטער גענומען דערציילן:

ווי כ׳האָב דיר שוין געזאָגט, זיינען מיר אין די יאָרן פון 1873 ביז אַרי־בער 1876 געווען אין שטענדיקן קריג. מיר האָבן, דורך אונדזערע אויס־

שפירער זיך דערוואוסט, אַז דריי אַרמייען גייען אויף אונדז, אַז פון וואַשינגטאָן איז געקומען אַ באַפעל אונדז צו פאַרניכטן און אויב עס וועלן נאָך איניקע פון אונדז בלייבן לעבן, זיי גלייך פאַרשפאַרן אין אַ רעזערוואַציע... אונדזערע פירער זיינען דאַן געווען: „סיטינג בול" און „קרעיזי האָרס". די נאָענטסטע צו אונדז אַרמיי איז אַרויס פון „פאָרט [פעסטונג] אייב לינקאָלן", אונטער דער פירערשאַפט פון גענעראַל טערי. אין איר האָט זיך אויך געפונען דער זיבעטער קאַוואַלעריע אָפטייל, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון קאַסטערן.

מיר האָבן נאָך פריער געהערט ניט קיין זייער גוטעס וועגן אים. מיר האָבן געוואוסט, אַז ער איז אַ גרויסער פוצער, צירט זיך שטענדיק אין אַ העל־ברוינעם לעדערנעם זשאַקעט, טראָגט אַ ליכטיק־ברוינע הוט מיט ברייטע ראַנדן, פון אונטער וועלכע עס הענגען אַרונטער זיינע לאַנגע, גאָלדענע האָר... מיר האָבן אויך געוואוסט, אַז ער טראָגט שטענדיק מיט זיך צוויי רעוואָלווערן: איינעם אַ גרויסן פאַר אונדזז מענער און פאַר פערד, דעם צווייטן, אַ קלענערן — פאַר אונדזערע פרויען און קינדער...

ער האָט נאָכגעטראַכט אַ ווילע, זיך ווידער פאַרצויגן מיטן רויך פון זיין לולקע און פאַרגעזעצט:

אין איין טאָג האָב איך זיך דערוואוסט, אַז גענעראַל טערי האָט אָים אַרויסגעשיקט פאָראויס מיט זיין קאַוואַלעריע רעגימענט, זעט אויס, פעסטצושטעלן אונדזער צאָל און אונדזערע פאָזיציעס. זיין אָפטייל איז ניט געווען קיין גרויסער און קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכער פירער וואָלט קיינמאָל ניט אָנגעפאַנגען קיין שלאַכט מיט אונדז, ווייסנדיק, אַז אונדזערע כוחות זיינען פיל שטאַרקערע פון זיינע. און ער האָט עס אויף זיכער געוואוסט, דורך זיינע גוטע אויסשפירער פון די „קראָ" און „אַריקאַרי"־שבטים.

ביים באַרג „ליטל־ביג־האָרן" (קליין־גרויסער האָרן), נעבן טייכל מיטן זעלבן נאָמען, האָבן מיר זיך געטראָפן. קיינעם פון אונדז איז אפילו ניט איינגעפאַלן, אַז ער וועט מיט אַזעלכע שוואַכע כוחות פון איין קאַוואַלעריע רעגימענט, וועלכער באַשטייט, געווינלעך, ווייניקער ווי פון דריי הונדערט מאַן, וואַגן אונדז צו אַטאַקירן, בפרט נאָך, ווי מיר זיינען זיכער געווען, אַז ער האָט פון זיינע אויסשפירער אויך אויסגעפונען, אַז מיט אַ טאָג פריער, זיינען אונדז געקומען צו הילף אַריבער טויזנט „שייענים" אינדיאַנער. אויך, פונקט ווי מיר, העלדישע קעמפער.

מען האָט אונדז אויך איבערגעגעבן, אַז דערווייסנדיק זיך, אַז ער קלייבט זיך אונדז צו אַטאַקירן, זיינען זיינע אויסשפירער געקומען צו אים און אים געוואָרנט עס ניט צו טאָן, נאָר אויסוואַרטן ביז גענעראַל טערי וועט אָנקומען מיט זיינע הויפּט־כוחות. אָבער דער „גרויסער העלד" האָט אַלעמען פאַרטריבן פון זיך, זיי געענטפערט, אַז ער איז דער פירער, אַז ס'איז ניט

זייער זאַך צו מישן זיך אין זיינע געשעפטן. דאַן האָט דער עלטסטער פון די אויסשפּירער, ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, אים דערקלערסט: „אויב דו הויבסט אָן די שלאַכט, וועלן מיר אַלע גאָר אינגיכן גיין אַהיים, אָבער ניט מיטן וועג מיט וועלכן מיר זיינען אַהער געקומען, נאָר מיטן וועג פון גייסטער". דאָס האָט געמיינט, אַז ער וועט פאַרשפּילן די שלאַכט און אַלע וועלן אומקומען.

קאַסטער האָט, ווייזט אויס, זיך אויך ווייניק וואָס געזאָרגט פאַר די לעבנס פון זיינע סאָלדאַטן. ער האָט דאַן צעטיילט זיין קליינע אָפּטיילונג אויף דריי טיילן און, געפינענדיק זיך אַליין אין צענטער, אָנגעהויבן די אַטאַקע. ער האָט, ווייזט אויס, גערעכנט אונדז איבערצושרעקן און באַזיגן, ביז גע־נעראַל טעררי וועט אָנקומען און אַזוי־אַרום אַליין אַריינצוקריגן דעם גאַנצן רום.

דער אַלטער האָט פאַרמאַכט די אויגן און אַ היפּשע ווײַלע געשוויגן, צושאָקלענדיק זיך, פאַראויס און צוריק, פּונקט ווי ער וואָלט, אין זכרון, נאָך אַמאָל איבערגעלעבט די היסטאָרישע שלאַכט. דערנאָך האָט ער גע־עפנט די אויגן, אַלעמען אויפמערקזאַם באַטראַכט און שטיל פאַרענדיקט:

— דאָס איז געווען זיין סוף, דער סוף פון אַ שלעכטן פירער. צוזאַמען מיט אים זיינען אויך אומגעקומען זיינע צוויי אייגענע ברידער, אַרום דריי הונדערט סאָלדאַטן, ווי אויך זיינע געטרייע אויסשפּירער, אַחוץ איינעם. און ס׳איז געשען, פּונקט ווי דער פירער פון זיינע אויסשפּירער, האָט פאַר־אויס געזאָגט, אַז אויב ער וועט אָנהייבן די שלאַכט, וועלן זיי אַלע אַוועק צו זייערע היימען מיטן וועג פון גייסטער...

מיר זיינען ווידער געזעסן אַ ווײַלע שווייגנדיק און איך האָב געהאַט אַ מאָדנע געפיל פון „ניט־זיין", פון ניט פילן זיך, פון אַ מין פאַרגעסן וועגן אייגענעם נאָמען און וועגן אַלץ, וואָס עס האָט מיט מיר און אַרום מיר, ווען עס איז ניט איז פריער פּאַסירט. אַן ענלעכן צושטאַנד האָב איך איין מאָל איבערגעלעבט, שטייענדיק אויפן דאַך פון אַ „האָפּי" הויז אין זייער באַר־גיקן דאָרף „אָראַיבי" נאָך אַ „שלאַנגען־טאַנץ". כ׳בין געשטאַנען און באַ־טראַכט דעם אַריזאָנער מדבר, אונטער די שטראַלן פון דער אונטערגייענ־דיקער זון, און מיטאַמאָל האָבן איך פאַרגעסן ווער איך בין, פון וואַנען איך קום און ווי אַזוי איך בין, אין אַלגעמיין, געקומען אַהער. כ׳האָב זיך אפילו ניט געקענט דערמאָנען מיין אייגענעם נאָמען. אָט־דער צושטאַנד האָט דאַן אָנגעהאַלטן זיכער ניט מער ווי אַ צען מינוט, אָבער דער שרעק איז געווען גאָר אַ שטאַרקער: ס׳האָט גענומען אַ היפּשע צייט ביז כ׳בין געקומען צו זיך.

דער אַלטער האָט זיך מיטאַמאָל געווענדט צו מיר:

— הייסט עס, זון, דו פאַרלאָזט אונדז מאָרגן אין דער פרי, אויפן וועג צו „אונדזערע" שוואַרצע בערג?

— יאָ, פֿאָטער, אויב אַלץ וועט נאָר צוגיין ווי עס איז געווען פּלאַנירט,
— האָב איך געענטפֿערט, אַביסל אַ צעטומלטער.

— איך האָף אַזוי, — האָט ער אַ זיכערן בויג געטאָן מיטן קאָפּ.

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז כ'האָב נאָך זיי ניט באַדאַנקט פֿאַר מיין רעטונג און טאַקע גלייך אָנגעהויבן:

— טייערע פֿריינט, איך האָב גאָר קיין ווערטער ניט, ווי אַזוי איך צו באַדאַנקען פֿאַרן ראַטעווען מיך פֿון די הענט פֿון די ווייסע לומפּן!

דער אַלטער האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין:

— דאַנקען איז אַן איבעריקע זאַך: מען דאַרף בלויז געדענקען. און אויב צווישן דיינע פֿריינט איז פֿאַראַן אַ צאָל פֿון אַזעלכע ווי דו, גיב זיי איבער אונדזער אַלעמענס האַרציקע גרוסן.

— עס זיינען פֿאַראַן — האָב איך אים פֿאַרזיכערט — און זייער צאָל ווערט וואָס אַמאָל אַלץ גרעסער.

— מיין אַלט, ניט גלויביק, האַרץ פֿרייט זיך, זון מיינער, פֿון דיינע ווערטער: כ'בין זיכער, אַז דו נאַרסט מיך ניט... גלויב מיר, אַז איך קלייב זיך ניט היינט, אין אָט־דער פֿינצטערער באַהעלטעניש, דיר צו דערציילן די גאַנצע בלוטיקע געשיכטע פֿון אונדזער אינדיאַנער פֿאָלק... אפֿילו קיין טויזנטסטער טייל פֿון דעם — אויך ניט. ס'איז אָבער פֿאַראַן איין בלוטיקע געשעעניש, וועלכע האָט פּאַסירט גאָר נאָענט פֿון אָט־דעם אָרט, וואו מיר געפֿינען זיך איצט... און אָט־די געשיכטע וויל איך מיטשיקן מיט דיר צו דיינע פֿריינט און צו דער גאַנצער וועלט... — ער האָט זיך לאַנגזאַם אויפֿגעהויבן פֿון אָרט, איז צוגעגאַנגען צום אַרויסגאַנג פֿון אונדזער הייל, אַ ווילע זיך איינגעקוקט אין דער אַרומיקער פֿינצטערניש, געוואָרפֿן אַ בליק צום הימל, דערנאָך מיר אָנגעוויזן, מיט דער האַנט, אויף רעכטס און גאָר שטיל, מיט אַ לייכטן כריפּ אין קול, גענומען רעדן: — אָט דאָרטן, ניט וויט, צווישן די בערג, ריזלט זיך גאָר אַ שמאָל טייכל. אויף אונדזער לשון הייסט עס „מיניעסיטשי”, אָבער אַלע קענען עס אונטערן נאָמען „וואונדעד־ני־קריק” (דאָס טייכל פֿון דער פֿאַרוואונדעטער קני), און ניט קיין טייכל מיט קיין טרינק־וואַסער איז עס, נאָר ס'איז אָנגעפֿילט מיט אונדזער בלוט און טרערן. — ער האָט זיך אַ שאָקל געטאָן און זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט.

דזשאַן האָט אים אַרומגענומען:

— קום, זיידע, זעץ זיך אַוועק. באַרואיק זיך. האָסט אונדז שוין היינט וועגן צופֿיל בלוטיקע געשעענישן און גרויזאַמע אומגערעכטיקייטן דערציילט. קום, רו זיך אָפּ אַביסל.

— וואָס קען מען העלפֿן? — האָט דער אַלטער אַ טיפֿן זיפֿץ געטאָן, — דאָס איז אונדזער אינדיאַנער געשיכטע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. און

פאַרגעס ניט, אַז אַלץ וואָס איך האָב אייך היינט דערציילט, איז בלויז אַ טראָפּן אין ים.

— קום, פּאַטער, זעץ זיך צו און שווייג אַ ביסל, — האָט אים דער זון שוין אויך אָנגענומען פאַר דער האַנט, אים צוגעפירט און אַוועקגעזעצט אויף זיין פריערדיקן אָרט, — איך וועל שוין אונדזער גאַסט אַליין דער־ציילן וועגן דער בלוטיקער געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט אָט דאָ, גאָר נאָ־ענט, אויפן ברעג פון אונדזער טייכל, — און ער האָט, מיט ביטערקייט, צו־געגעבן: — איך בין דאָך אַליין בייגעווען ביי יענער אויסמאָרדונג... כ'האָב דאָך דאָרטן פאַרלוירן מיין יונגע פרוי מיט מיין ערשטן קינד, אַ צוויי־יאָריק יינגעלע... זיי אַליין געזען ליגן אויפן שניי דורכגעשטאָכענע מיט אַ שפּיז פון אַ סאָלדאַטסקע ביקס...

ער איז דורכגעגאַנגען אַ פּאָר מאָל די הייל, איז צוגעגאַנגען און אַרויס־געקוקט דורך דער עפענונג פון דער וואַנט, דערנאָך, אַ ביסל אַ באַרואיקטער, זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין פריערדיקן אָרט און שטיל גענומען דערציילן:

— געשען איז עס אין יאָר 1890. אין אַ רעזערוואַציע האָבן מיר שוין דעמאָלט געלעבט, פאַרשפּאַרטע ווי ווילדע חיות. עס איז אונדז אָפּט אויס־געקומען צו ליידן הונגער און קעלט, ווייל יעדער איינער אָנגעשטעלטער, פונעם העכסטן ביזן נידעריקסטן, האָט אונדז גערויבעוועט און דערנידעריקט. אַלס פאַרשפּאַרטע האָבן מיר זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון דער רעגירונג, וועלכע האָט באַדאַרפט אונדז באַזאָרגן מיט אַלץ נויטיקן פאַרן לעבן... אָבער אַלץ האָט ביים הויפּט־אַגענט, מיט זיינע אָנגעשטעלטע, ווי אַבהיכטלעך, ניט געאַרבעט. קיין זאַך איז קיינמאָל ניט געקומען אין צייט און מיר פלעגן, ניט זעלטן, הונגערן, פרירן אין אונדזערע שטיבלעך... און די שפּייז איז אָפּט אַזוי שלעכט געווען, אַז מיר האָבן זיי ניט געקענט עסן... און אונדזער כעס איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג, מיט יעדער וואָך... אונדזער פירער, דער „סיטינג בול", האָט זיך דאַן געפונען צוזאַמען מיט אונדז אין דער רעזערוואַציע.

ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, פאַררויכערט נאָך אַ סיגאַרעט און ווייטער גענומען דערציילן:

— אין יענער צייט האָבן זיך צווישן אונדז גענומען פאַרשפּרייטן קלאַנ־גען וועגן די זייער וויכטיקע נבואות פון אַ אינדיאַנער פונעם „פּאַיוטן" שבט, מיטן נאָמען „וואָ־וואָ־קאַ", וועלכער האָט דערציילט, אַז אין דער צייט פון זיין קראַנקהייט, פונקט אין טאָג, ווען די לבנה האָט פאַרשטעלט די זון, איז דער „גרויסער גייסט" געקומען צו אים און אים געלאָזט וויסן, אַז ער, דער „גרויסער גייסט", וועט גאָר אינגיכן אַליין קומען אויף דער ערד און מיטברענגען מיט זיך די אַמאָליקע ריזיקע טשערעדעס מיט בופלאָקסן און הירשן, אַז אַלע אַלטע אינדיאַנער וועלן צוריק יונג ווערן, די טויטע — לע־בעדיק און אַז דער ווייסער מענטש וועט אינגאַנצן פאַרשווינדן... דער „גרויסער גייסט" האָט אים אויך אָנגעזאָגט, אַז די אינדיאַנער זאָלן דורכ־

פירן געוויסע „גייסט־טענץ" אין „גייסט־העמדער", דורך וועלכע די ביקסן־קוילן פון די ווייסע מענטשן וועלן ניט קענען דורכגיין... אונדזער פירער, דער „סיטינג בול", האָט געגלויבט אין וואָ־וואָ־קאָ'ס נביאות און מיר צוזאַמען מיט אים. מיר האָבן דורך די נעכט געטומען דורכפירן די „גייסט־טענץ" אין אונדזערע „גייסט־העמדער" און שטאַרק געבעטן דעם „גרויסן־גייסט" צו קומען און אונדז צו באַפרייען וואָס שנעלער...

די רעזערוואַציע אַגענטן, די גענעראַלן און דער רעגירונג זייַנען אונדזערע „גייסט־טענץ" זייער ניט געפעלן געוואָרן און ס'איז אַרויס אַ באַפעל זיי אָפּ־צושטעלן. און, ס'ווייזט אויס, כדי אונדז נאָך מער אָנצושרעקן, האָט מען באַפוילן צו אַרעסטירן דעם פירער אונדזערן, דעם „סיטינג בול". און איין מאָל, אינמיטן נאַכט, זייַנען צו אים אין דער צעל אַריין אַ צאָל סאָלדאַטן, צו־זאַמען מיט אינדיאַנער פּאָליציי, וועלכע זייַנען פון שטענדיק אָן געווען אונ־דזערע ערגסטע שונאים. מען האָט אים אויף גאָר אַ גראָבן שטייגער, אויפ־געוועקט פון שלאָף, אים קוים געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך אָנצוטאָן, און אים אַרויסגעשטויסן פון צימער. ער האָט, ווייזט אויס, פּראָטעסטירט קעגן דעם באַליידנדיקן אופן, ווי אַזוי מען האָט אים באַהאַנדלט... ס'האָט זיך אַנט־וויקלט אַ געשלעג. זיי, די אינדיאַנער פּאָליציאַנטן האָבן שפּעטער, צוזאַמען מיט די סאָלדאַטן, דערציילט, אַז ער האָט פּרובירט צו אַנטלויפן, אָבער מיר האָבן געוואוסט, אַז ס'איז אַ ליגן: זיי האָבן אים דערשאָסן, און געלאָזט זייַן קערפּער זיך וואַלגערן אויף דער ערד עטלעכע שעה צייט...

ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ געשלעג און אַ שיסערייַ. אַ פּאָר הונדערט פון אונדז, — ער האָט אָנגע־וויזן מיטן קאָפּ אויפן פאָטער, — זייַנען דאַן צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער, אַוועק פון דער רעזערוואַציע, מיטנעמענדיק מיט זיך, אפילו, זייערע בייַדלעך. אונדזער משפּחה איז געווען צווישן זיי. מיר האָבן זיך צוזאַמענגערעדט מיט אַ צאָל אַנדערע אינדיאַנער זיך צו טרעפן, אויפן צווייטן טאָג, אין „בעד לענד" און דאָרטן דורכצופירן נאָך אַ „גייסט־טאַנץ" און צו־זאַמען אויסאַרבעטן אַ פּלאַן פון ווייטערדיקער האַנדלונג. אָבער, ווי עס ווייזט אויס, האָט מען אין דער „פּעין רידזש איידזשענסי", דורך די אינדיאַ־נער פּאָליציי, זיך דערוואוסט וועגן דער באַשטימטער באַגעגעניש. — ער איז אָנטשוויגן געוואָרן אויף אַ ווײַלע, טיף אָפּגעזיפצט, זיך ווי אייַנגעקוקט אין עפּעס פאַר זיך, טרויעריק צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ. דער אַלטער האָט אפילו ניט קוקנדיק צום זון, אויך גענומען טרויעריק צושאָקלען מיטן קאָפּ.

ווי עס האָט אויסגעזען האָבן בייַדע, דער טאַטע מיטן זון, געזען פאַר זיך דאָס זעלבע טרויעריקע בילד.

— יאָ, — האָט דער דערציילער זיך אַ כאַפּ געטאָן, — אַזוי האָט עס פּאַסירט... אויפן צווייטן טאָג, נאָך איידער מיר האָבן צייט געהאַט צוזו־

קומען אפילו צום „בעד־לענד“, נאָך גייענדיק אויף דער פּרערי, האָט אַ גרויסע אַפּטיילונג פון פוסגייער און קאַוואַלעריסטן אונדז אַרומגערינגלט. מיר האָבן אפילו אינזינען ניט געהאַט זיך קעגנצושטעלן. זיי האָבן אונדז צוגעפירט צו אָט־דעם זעלבן טייכל, טאַקע דאָ אונטער אונדז, וואו זיי האָבן נאָך פריער שוין געהאַט צעלייגט זייער קעמפּ און אונדז באַפוילן אויפצושטעלן אונדזערע ביידלעך. מיר האָבן געפאָלגט. דורך דער נאַכט איז אויסגעפאַלן אַ טיפער שניי. מיר זיינען רואיק איבערגעשלאָפן די נאַכט און אויפן צווייטן פרימאָרגן האָט דער אָפיצער אונדז באַפוילן זיך אויסצושטעלן אין איין רייע פאַר אונדזערע ביידלעך. דערנאָך האָט ער באַפוילן, אַז אַלע, וועלכע האָבן געווער זאָלן עס גלייך אַרויסגעבן. אייניקע פון אונדז זיינען אַריין אין די ביידלעך און אַרויסגעבראַכט אַ צאָל ביקסן. דער אָפיצער איז אָבער געבליבן ניט צופרידן און באַפוילן די סאָלדאַטן אַריינצוגיין אין אונדזערע ביידלעך און אַליין אַ זוך טאָן. גיך האָבן זיך פון די ביידלעך אַרויסגעריסן געשרייען פון די פרויען און אַ געוויין פון דיר קינדער, מיר האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אַהין און... עס האָט זיך ווידער איבערגע׳חזר׳ט דער נידערטרעכטיקער ליגן און פאַרדאַרבנקייט פונעם ווייסן מענטשן... אימיצער האָט אויסגעשאָסן... עס האָט אויסגעבראָכן, צעררשט, אַ געשלעג אין און אַרום די ביידלעך... מיטאַמאָל האָבן די סאָלדאַטן גענומען שיסן אויף אונדז... אייניקע פון אונדז האָבן אַ כאַפּ געטאָן די נאָר־וואָס אַוועקגעגעבענע ביקסן און גענומען צוריקשיסן... מיר האָבן באַלד גענומען אָפּטרעטן, מיטשלעפּנדיק מיט זיך אונדזערע פרויען און קינדער... די סאָלדאַטן, אונטער דער העלדישער פירערשאַפט פון זייער אָפיצער, זיינען אונדז נאָכגעלאָפן, ניט נאָר שיסנדיק אויף אונדז, נאָר אויך שיסנדיק און דורכשטעכנדיק מיט די שפּיזן פון זייערע ביקסן אונדזערע שוצלאָזע פרויען און קינדער... מיין פרוי און קינד אויך צווישן זיי... — ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, אַראָפּגעשלונגען די וואַרגעניש אין האַלדז און ווייטער גענומען דערציילן: — דער העלדישער מאַיאָר האָט אויך ניט פאַרגעסן צו לאָזן אין גאַנג זיינע פיר קאַנאָנען, וועמענס קוילן האָבן גלייך אונטערגעצונדן די ביידלעך און זיך גענומען אויפרייסן צווישן אונדזערע פרויען און קינדער... — ער איז אַנטשוויגן געוואָרן אויף אַ ווײַלע, איבערגעפירט אַ פּאָר מאָל זיינע בליקן איבער דער היל, און אפילו אין דער פינצטערניש האָב איך געקענט באַמערקן ווי שטאַרק זיין פּנים האָט געצוקט.

דערנאָך האָט דער פאָטער שטיל און לאַנגזאַם, ווי ציילנדיק די ווערטער, פאַרענדיקט:

— אָט דאָס זיינען אַממערסטן געווען די טיפן פון זייערע זיגן איבער אונדז און די צייטונגען האָבן אויך אָט־דעם זיג זייערן, אין די „בעד לענד“, נעבן טייכל „וואונדעד ני“, וועלכער איז פאָרגעקומען דעם 29טן דעצעמבער, פון יאָר 1890, פאַרצייכנט אַלס אַ העלדישן, סטראַטעגישן זיך איבער די

ווילדע, גרויזאַמע אינדיאַנער פונעם „סיו“ שבט... פון אונדזערע 110 אָדער 115 מענער — זיינען 100 אומגעקומען און אונדזערע 200 פרויען און קינדער זיינען אַלע דערשאָסן און דורכגעשטאָכן געוואָרן פון סאָלדאַטסקע שפּיזן... מען האָט אויך דערציילט, אַז אַ צאָל סאָלדאַטן זיינען געפאַלן, אָבער... איך גלויב ניט אין דעם... — ער האָט אָפּגעזיפצט, געשוויגן אַ ווײַלע און צוגעגעבן: — דאָס איז געווען אונדזער לעצטע שלאַכט... און די עטלעכע פון אונדז, וועלכע זיינען לעבן געבליבן, האָט מען ווידער פאַרשפּאַרט אין „רעזערוואַציע“.

— און וואָס איז געוואָרן מיט אייער פירער, מיטן „קרעיזי האָרס“ (משוגענער פערד)? — האָב איך געוואָלט וויסן.

דער אַלטער האָט שנעל אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ, זיך איינגעקוקט אין מיין פּנים מיט אַזאַ מין אויסדרוק, אַז כ'האָב ניט געקענט באַשטימען צי ער וויינט, צי ער לאַכט:

— אַ דאַנק דיר, שין, פאַר געדענקען אים, מיין טייערן, אַלטן פריינט... וואָס עס איז פון אים געוואָרן, ווילסטו וויסן?... איך ווייס, איך וועל דיר זאָגן און איך וויל, אַז דו זאָלסט אויך וויסן, אַז ער איז געווען ניט נאָר דער יינגסטער, נאָר אויך דער פּיקסטער צווישן אַלע אונדזערע „טשיפס“... ער האָט ניט איין מאָל צעשלאָגן אַמעריקאַנער גענעראַל אויפן שלאַכט־פעלד... אויך דער זיג איבער קאַסטערן איז געשען, אַממערסטן, אַדאַנק אים... איך ווייס עס אויף זיכער, וואָס עס איז געשען מיט אים: ווען ער, „קרעיזי האָרס“, האָט ענדלעך איינגעזען, אַז מיר'ן שוין קיינמאָל ניט באַזיגן דעם ווייסן מענטשן, אַז אונדזער קאַמף איז אַ פאַרלוירענער, האָט ער, בלויז צוליב די ליידן פון די פרויען און קינדער, באַשלאָסן זיך אונטערצוגעבן. און נאָכדעם, ווי מען האָט אים און זיינע נאָכפאָלגער צוגעזאָגט אַ פולקאָמענע באַגנאַדיקונג, איז ער, אין אַפּריל פון יאָרן 1877, צוזאַמען מיט זיינע עלטערן און נאָך מיט אַרום אַ צווי טויזנט פון זיינע נאָכפאָלגער, אַריינגעפאָרן אין דער „רעד קלאַוד איידזשענסי“ און זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון דעם מיליטער. מען האָט ביי זיי גלייך צוגענומען דאָס געווער און זיי פאַרשפּאַרט אין אַ „רעזערוואַציע“. עס האָט זיך אָבער איינמאָל געמאַכט, אַז זיין כלה איז ביינאַכט פּלוצלונג שטאַרק קראַנק געוואָרן און ניט קענענדיק קריגן קיין דאָקטער אין זיין אייגענער רעזערוואַציע איז ער, אין פאַרצווייפלונג, אַוועק אין אַ שכנות'ער רעזערוואַציע זוכן הילף. מען האָט אים גלייך געכאַפּט און צוריקגעבראַכט. און אַט, נעבן דער סאַמע טיר פון דער טורמע, וואוהין מען האָט אים געוואָלט פאַרשפּאַרן, האָט זיך איבערגע'חזר'ט די זעלבע, פונקט די זעלבע, געשיכטע ווי פריער, מיטן „טשיף“ „סיטינג בול“: אַ סאָלדאַט האָט אים, לויטן באַפעל פון זיין אָפיצער, דורכגעשטאָכן מיט זיין באַיאָנעט.. אויב דו, שין, ווילסט טאַקע וויסן דעם אמת, פאַרוואָס מען

האָט אים דערשטאָכן, וועל איך דיר זאָגן, אַז בלויז דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ „שמוציקער“ אינדיאַנער און האָט, דערצו נאָך, געוואַגט צו באַזיגן זייער גרויסן העלד, דעם גענעראַל קאַסטערן... דער „העלדישער“ אָפיצער האָט שפּעטער דערקלערט, אַז „קרעיזי האָרס“ האָט געוואָלט אַנטלויפן, אָבער אפילו אַ קליין קינד קען פאַרשטיין, וואָס פאַראַ אומזין אַזאַ דערקלערונג איז. אַנטלויפן, ווען די כלה זיינע ליגט אַ געפערלעך קראַנקע, ווען ער איז נאָר וואָס געלאָפן אין אַ צווייטער „רעזערוואַציע“ זוכן אַ דאָקטער פאַר איר?... ליגן און באַטרוג — זיינען שטענדיק צוזאַמען געגאַנגען ביים ווייסן מענטשן אין באַצוג צו אונדז... — ער האָט אויף שנעל אָפּגעווישט אַ טרער, און ווייטער גענומען דערציילן: — זיינע עלטערן זיינען באַלד געקומען צו לויפן און פאַרן אויסגיין, האָט ער זיי געזאָגט: „זאָגט מיין פאָלק, אַז מער טאָן פאַר אים האָב איך ניט געקענט“... אויפן צווייטן טאָג האָט מען אים, לויטן מנהג פון אונדזער שבט, איינגעוויקלט אין קאָלדערעס, אים אַרויפגעלייגט אויף אַ טראָג־ברעט, געמאַכט פון די שטאַמען פון צוויי יונגע ביימלעך, איבערגעפלאָכטענע מיט גרינע צווייגן, און אַ פערד האָט דאָס טראָג־ברעט גענומען שלעפּן אין דער אָפענער פּרעריע. זיינע עלטערן זיינען רייטנדיק געפאָרן פון ביידע זייטן... מען האָט קיינעם ניט דערלויבט נאָכצוגיין... אמת, כ׳האָב געהערט, אַז אייניקע מילטער לייט, באַגרייפנדיק די פאַבערעכערישקייט און וואַנזין פונעם באַגאַנגענעם מאָרד, האָבן פאַרגעלייגט זיינע עלטערן אַ טויטן־וואָגן, זיי האָבן זיך אָבער אַנטזאָגט. און קיינער ווייסט ניט, ביז אַצינד, וואו עס ליגן די ביינער פון איינעם פון די גרעסטע פירער פון אונדזער „סיו“־שבט...

נאָך אַ היפשן שטילשווייגן, האָט דער אינגסטער צווישן אונדז — דזשאַן, — שטיל און אַנטשלאָסן, גענומען רעדן:

— איר זענט ביידע געווען גערעכט: דו, טייערער זיידע — און אויך דו — פאָטער, באַקענענדיק אונדזער פריינט שיב׳ען מיט דער בלוטיקער געשיכטע פון אונדזער שבט, וואָס איז, אין דער זעלבער צייט, אויך די געשיכטע פון אַלע אונדזערע שבטים. אָבער איר וועט ביידע מוזן צוגעבן, אַז אונדזער איצטיקע לאַגע איז היפּשלעך בעסער, ווי זי איז געווען אין אייער צייט... די צאָל פון אונדזערע ווייסע, איינפלוסרייכע פריינט ווערט וואָס אַמאָל גרעסער און איך דערמאָן זיך איצט, ווי איינער פון אונדזערע לערער אין שול, האָט אונדז לעצטן יאָר איין מאָל דערציילט, אַז אין אַ צאָל פון די בעסערע, פון די ערלעכערע צייטונגען און אַז אפילו אויך אין די רעגירונגס־קרייזן, האָט מען שוין גענומען רעדן וועגן אונדזער אַלטער אינדיאַנישער קולטור און קונסט און אַז עס איז ניט מענטשלעך אַרויפצוצווינגען אויף אונדז אַ פרעמדן גלויבן... איך מוז זיך דאָ אויך מודה זיין, אַז איך אַליין האָב זיך ביז איצט, ביז מיינע געשפּרעכן, — ער האָט אָנגעוויזן אויף מיר, — מיט שיב׳ען זיך ניט גענוג טיף איינגעטראַכט אין

גאַנג פון אונדזער און פונעם אַלגעמיינעם לעבן... איך מוז זיך אויך מודה זיין, אַז מיין פאַרלאָזן, לעצטן יאָר, מיין שול אין קאַרלסדעיל און אויך מיין באַשלוס צו בלייבן דאָ מיט אייך אין דאָרף, וואָס דאָס מיינט, זיך אָפּצושליסן פונעם אַלגעמיינעם אַמעריקאַנער לעבן — איז געווען אַ גרויסער טעות. איך האָב ניט פאַרשטאַנען, אַז מיטן טראָגן האַס אין האַרצן, מעג זיין אַפילו אַ גערעכטן, שאַף איך גאָר ווייניק דאגות פאַר אַמעריקע, אָבער איך באַגיי אַ גרויסן פאַרברעכן קעגן זיך אַליין, קעגן וואָרילזיין ניט נאָר פון מיין איגענעם שבט, נאָר אויך פון אַלע אונדזערע שבטים...

— ריכטיק, זון! — האָט דער פאָטער, שטיל, באַמערקט. — כ׳האָב שוין לאַנג וועגן דעם געטראַכט, אָבער עס אַלץ ניט געקענט און אפשר טאַקע ניט געוואָגט דיר עס אַרויסצוזאָגן. כ׳האָב מורא געהאַט, דו זאָלסט ניט טראַכטן וועגן מיר ווי וועגן אַ פאַררעטער צו מיין שבט...

און דזשאָן האָט, ציטערנדיק מיט אַן אינערלעכן ברען, ווייטער גערעדט:

— מאָרגן, גלייך נאָך דעם ווי מיר׳ן פאַרזאָרגן שיב׳עך מיט אַ פרייען דורכגאַנג, שרייב איך אַן אַ בריוו צו מיסטער טאָמסאָנען, דעם דירעקטאָר פון מיין שול, אַז איך קום גלייך צוריק... ער איז זייער אַ פיינער מענטש און מיך זייער ניט גערן צו פאַרלאָזן די שול. ער האָט מיך פאַרזיכערט אין מיינע פייאיקייטן און אין אַ גוטער צוקונפט... מאָרגן שרייב איך צו אים!... מאָרגן! — האָט ער אונטערגעשטראָכן און טרערן האָבן אַ ציטער געטאָן אין זיין קול, — און כ׳וועל לערנען, לערנען, ביז כ׳וועל זיך דערשלאָגן צו אַ פּאָזיציע, אַז כ׳זאָל קענען אויפטאָן עפּעס גוטעס סיי פאַר מיינע רויטע ברידער, אַזוי אויך, מעגלעך, פאַר אַלעמען!... ווי אַ צאָל אינדיאַנער האָבן עס שוין דערוויזן צו טאָן...

— אויסגעצייכנט, ברודער דזשאָן! — האָב איך אים אַ קלאַפּ געטאָן איבערן אַקסל, — אַזוי דאַרף רעדן אַן אמת „בראַווער" אינדיאַנער פונעם „סיו" שבט!

דזשאָנ׳ס פאָטער האָט צופרידן געשמייכלט און דער זיידע האָט פאַרטראַכט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, געשמאַטשקעט דאָס פּיסקל פון זיין שוין לאַנג־פאַרלאָשענער לולקע און ענדלעך, שטיל, ווי פאַר זיך, אַ זאָג געטאָן:

— מעגלעך... מעגלעך... איך ווייס ניט אַצינד וואָס ס׳איז בעסער און... וואָס ס׳איז ערגער... נייע צייטן — זאָגט איר? אפשר?... אפשר וועט בעסער זיין אַזוי... — ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו דזשאָנ׳ען: — טו עס, מיין קינד... און זאָל אונדזער „גרויסער גייסט" דיך היטן אויף דיין נייעם וועג... — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— —

ביים געזעגענען זיך, האָב איך ניט נאָר געדריקט דעם אַלטנ׳ס האַנט, נאָר אויך אים אַ קוש געטאָן אין קאָפּ; מיטן פאָטער האָבן מיר זיך ביידע

גלייך אַרומגענומען און זיך צעקושט. דער אַלטער האָט, אַרויסגייענדיק, מיר נאָך צוגעוואָרפן אַ פּאָר זאַצן אין דער „סיו"־שפּראַך, אָבער דזשאָן האָט אין יענער צייט עפּעס געהעדט מיטן פאָטער און ניט באַוויזן מיר זיי צו איבערזעצן. אָבער דאָס זיינען זיכער געווען נאָך אַ פּאָר גוטע וואונטשן.

אַרויסגייענדיק, האָט דזשאָן מיך דערמאָנט:

— מאָרגן, פּונקט צען אַזייגער, וועל איך זיין דאָ. זע זיי פּאַרטיק.

— זיי רואיק. כ'וועל וואַרטן אויף דיר. — — — — — — — — — — — — — —

זיי זיינען אַוועק און אַ שטיקל צייט האָבן אונטערן סופיט פון מיין הייל און פון די צוויי דורכגאַנגען זיך נאָך, ווי געשאַרכעט זייערע פּאַרזיכטיקע, שטילע טריט.

כ'האָב אויסגעשפּרייט מיינע צוויי קאָלדערעס גאָר נאָענט פון דער טע־ראַסע, זיך אַוועקגעלייגט מיטן קאָפּ צום אַרויסגאַנג, בין לאַנג געלעגן און זיך איינגעקוקט אין שטאַרק שוואַרצן הימל, אַזאַ פולן מיט פינקלענדיקע שטערן. מיין ברוסט־קאַסטן איז איבערפילט געווען מיט אַזאַ מין מאָדנע יוואַרעמקייט, פּונקט ווי אַ מאַמעס האַרץ וואָלט געווען צו מיר צוגעדריקט... און צו וואָס זיך שעמען? כ'האָב אַ פּאָר מאָל אפילו אָפּגעווישט אַ טרער...

כ'בין, ווייזט אויס, שנעל איינגעשלאָפן, אָן שום חלומות איבערגעשלאָפן די נאַכט און ווען כ'האָב ווידער געעפנט די אויגן, האָט שוין די זון גע־האַלטן אין אויפגיין און די וואונדער־שיין אויסגעקאַרבטע שפּיצן פון די בערג, אַנטקעגן מיר, האָבן שוין אין אייניקע פלעצער געגליט מיט ראָז, גאָלד, פּורפּור־רויט און לייכטן פיאָלעט און אין אַנדערע ערטער מיט אַט־די אַלע פיר פאַרבן צוזאַמענגעמישט... — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צען אַזייגער אין דער פרי בין איך שוין געזעסן אַ פּאַרטיקער אין וועג אַריין: די צוויי קאָלדערעס נעט צוזאַמענגעדרייט און אַלע מיינע וועג־מכשירים, אַריינגערעכנט אַ מעטאַלן קעסטל מיט „ערשטער הילף" — פעסט איינגעוויקלט אין זיי. אַ פערטל נאָך צען בין איך שוין געוואָרן אַביסל אומ־רואיק און די אומרו איז געוואַקסן מיט יעדע פינף מינוט. אַ פערטל צו עלף — בין איך שוין געווען כמעט זיכער, אַז עפּעס האָט פּאַסירט מיט דזשאָנען. און מיין פרייד איז גרויס געווען, ווען כ'האָב, צען מינוט צו עלף, דערהערט זיינע שנעלע, שאַרכנדיקע, טריט אין איינעם פון די דורכגאַנגען.

כ'בין אים אַנטקעגן געגאַנגען:

— וואָס איז געשען, דזשאָני?

ער איז געווען בייז, אָבער איינצייטיק זיך אויך ניט געקענט איינהאַלטן פון ניט צו שמייכלען:

— ס'איז געשען זייער אַ קאָמיש־נאַרישע מעשה, וועלכע האָט דאָך געקענט אָפּהאַלטן ביז מאָרגן דיין אַוועקגיין פון דאַנען.

— וואָס איז עס פאַרא מעשה? — בין איך נייגעריק געוואָרן.

— פאַרשטייסטו? — האָט ער אָנגעהויבן, — אַ פערטל צו צען בין איך שוין צוגעקומען צום וועלדל. כ'האָב אָבער, נאָך פון ווייטס, באַמערקט אַ יונג פּאָרל, וועלכעס איז געזעסן דאָרט אויפן גראָז און זיך געהאַלטן אין קושן. און אויסגעקליבן אַ פּלאַץ האָבן זיי גראַדע גאַנץ נאָענט פונעם גרוב, וועלכער פירט אַהער. איז וואָס־זשע האָב איך געקענט טאָן אַחוץ צוואַרטן אַביסל? נו, וואַרט איך און האָף, אַז אָט באַלד וועלן זיי מיד ווערן און זיך אויפהערן צו קושן און טאַקע אויך אַוועקגיין. ס'איז דאָך, נאָך אַלעמען, אַ העלער, זוניקער טאָג און דער דערבייאיקער הויפּט־וועג איז פול מיט פאַרבייפאָרער און פאַרבייגייער... אָבער זיי האָט עס, ווייזט אויס, ווייניק וואָס געאַרט: אָט לאָזן זיי אָפּ איינער דעם צווייטן און אָט קושן זיי זיך שוין ווידער...

— ווי ס'ווייזט אויס, דזשאַני טייערער, האָסטו זיך נאָך ביז איצט ווייניק־וואָס געקושט מיט מיידלעך, — האָב איך באַמערקט, — אָבער זעץ־פאָר: ווי אַזוי האָסטו זיי פאָרט פאַרטריבן פון דאָרטן? ווייל, לויט דיין טאָן, צווייפל איך, צי זיי זיינען פרייוויליק אַוועק פון דיין וועלדל.

— ביסט טאַקע גערעכט! — האָט ער זיך צעלאַכט, — איך שטיי און שטיי פונדערווייטנס און איך זע קלאָר, אַז זיי קאָנען אַזוי אָפּזיצן ביזן אָוונט און ווער ווייסט ווי שפּעט נאָך אין דער נאַכט אַריין און דאָ ווייזט מיר מיין זייגער, אַז ס'איז שוין צוואַנציק מינוט צו עלף און דער „האָפּי" חבר מייער, „נאַ־סאָס־טי־וואַ", וועלכער דאַרף דיר אַרויספירן מיט זיין בעקער־וואָגן, קומט באַלד אָן...

— איז וואָס־זשע האָסטו פאָרט געטאָן זיי צו פאַרטרייבן פון דאָרט? — בין איך שוין געוואָרן אומגעדולדיק.

— וואָס, אַשטייגער וואָלסטו, מיין גרויסער חכם, געטאָן אין אַזאַ פאַל?

— האָט ער שוין אויך געוואָלט וויסן.

— כ'ווייס ניט! — בין איך זיך מודה געווען, — כ'וואָלט... כ'וואָלט... כ'ווייס ניט. זאָג וואָס דו האָסט געטאָן?

ער האָט זיך צופרידן צעלאַכט:

— טאָ הער! זעענדיק, אַז די מעשה איז אָן אַ סוף, האָב איך אויפגע־הויבן פון וועג גאָר אַ היפּשן שטיין און גענומען, זייער פאָרזיכטיק, אַרומ־גיין און אַרונטערקוקן אונטער יעדן קוסט, אַ פאָרטיקער אויף איימיצן אַ וואָרף צו טאָן דעם שטיין. זיי האָבן עס באַמערקט און מיר גענומען נאָכ־קוקן. און ווען איך בין צוגעקומען צו זיי, האָב איך זיי געוואָרנט צו זיין זייער און זייער פאָרזיכטיק, ווייל עס דרייט זיך דאָ אַרום אַ משוגענער הונט... אַ פאַרבייפאָרנדיקער פּאָליציאַנט האָט אים דאָ פריער געוואָלט דערשיסן, אָבער דעם הונט איז געלונגען זיך דאָ, ערגעץ־וואו צו באַהאַלטן... דאַרפן זיי טאַקע זיין זייער פאָרזיכטיק...

— נו און וואָס האָבן זיי געזאָגט? — האָב איך, לאַכנדיק, געוואָלט וויסן.

— ווען זיי דערשרעקן זיך ניט און אַנטלויפן ניט, וואָלט איך נאָך איצט אויך דאָ ניט געווען, — האָט ער מיטגעלאַכט מיט מיר, — נו, פאַרנעם דיינע זאַכן און לאָמיר גיין!

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און זיך געלאָזט גיין פאָרויס. איך האָב געוואָרפן אַ בליק אויף דער, איצט העל־באַלויכטענער, זוניקער הייל און געפילט ווי צופאַלן און אַ קוש טאָן יעדן שטיין באַזונדער. איך האָב שנעל באַפעסטיקט מיינע דריי, טרייע וועג־באַגלייטער אויף זייערע געוויינלעכע ערטער: דאָס פעקל מיט די קאָלדרעס — אויף דער פלייצע, דעם גרויסן שפייז־בייטל אויפן לינקן אַקסל, דאָס וואַסער־פלעשל — אויפן רעכטן און בין אים נאָכגעגאַנגען. — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

פונקט עלף אַזייגער איז פונעם הויפט־וועג אַראָפגעפאָרן אַ קליינער, העל־געלער, לאַסט־וואָגן און זיך אָפּגעשטעלט אויף דער סטעזשקע פאַרן סאַמע וועלדל. גרויסע, שוואַרצע בוכשטאַבן האָבן אַראָפּגעשריגן פונעם געלן בלעך, אַז לעטנער׳ס געבעקסן זיינען די בעסטע אין שטאָט. אַ הויכער, פעטלעכער בחור איז אַראָפּ פונעם טרייבערס אָרט, זיך גענומען עפּעס פאַרן ביי די פעדערשטע רעדער און זיך געהאַלטן אין איין אַרומקוקן. הערנאָך האָט ער צוריק פאַרנומען זיין פריערדיקן אָרט, אויף שנעל אויסגעדרייט די מאַשין אויף אַזאַ אופן, אַז איר הינטערשטער טייל, מיט די צוויי האַלב־צעעפנטע טירלעך, האָט זיך אַריינגעשפאַרט אין אַ געדיכטן קוסט אין סאַמע וועלדל.

— שפרינג גלייך אַריין! — האָט דזשאָן אַ באַפעל געטאָן — און זע פאַרקייטל ביידע טירלעך!

איך בין אַריין אינעווייניק, פאַרקייטלט די טירלעך און ס׳האָט מיר פאַרכאַפּט דעם אָטעם פון די וואַרעמע, רייצנדיקע ריחות פון פאַרשיידענע מינים ברויטן, זעמל און טאָרטן. כ׳האָב געפילט ווי דאָס מאַשינדל דרייט זיך שנעל אויס, פאָרט אַרויף אויפן אַספאַלטענעם וועג און כ׳האָב אויך באַמערקט אויף די באַלויכטענע, פעדערשטע זיך־פלעצער צוויי פיגורן.

— דאָס זיצט שוין דאָרטן דזשאָן, צוזאַמען מיטן טרייבער, — האָב איך מיט פרייד אַ טראַכט געטאָן, — אַלץ, זעט אויס, גייט ווי עס באַדאַרף צו זיין.

— „לאָמאַ־דאַלאַ־וויע!“ — האָט איינע פון די צוויי פיגורן אויסגעדרייט צו מיר דעם קאָפּ און מיך, ווייזט אויס, באַגריסט.

— דאָס האָט ער דיר געזאָגט „גוט־מאָרגן“ אויף דער „האָפּי“ שפּראַך, — האָט דזשאָן צו מיר אַ לאַך געטאָן, — ענטפער אים „קאָ־קוועי“ (אַ דאַנק) — און ער האָט צוגעגעבן: — זע האַלט די טירלעך גוט פאַרמאַכט, אויב ניט — קענסטו נאָך אַרויספליען צוזאַמען מיט אַ טוץ ברויטן און מיט אַ

כוואַליע פון זעמלעך און זיסע טאָרטן!

— „קאָ־קוועי״! — האָב איך געענטפערט דעם טרייבער און דזשאָגען באַרואיקט: — האָב קיין מורא ניט: די טירלעך זיינען פאַרקיטלט.

איך געדענק, ס'איז מיר גוט, זייער גוט דאָן געווען אויפן האַרצן. עפּעס אַן אומרואיקער יובל האָט געזאָטן אין ברוסט און עס האָט זיך שטאַרק, זייער שטאַרק, געוואָלט זינגען, אָדער פּשוט אפילו שרייען.

אַרום אַ האַלבע שעה זיינען מיר גאַנץ שנעל געפאָרן. אַ פּאָר מאָל האָט דזשאָן אויסגעדרייט צו מיר דעם קאָפּ און זיך נאָכגעפרעגט:

— נו, ווי פילסטו, שין?

— אויסגעצייכנט!

— נעם אַ פּאָר זעמלעך און קיי, — האָט דער טרייבער מיר געראָטן, — וועט דיר ניט זיין אַזוי לאַנגווייליק דאָרטן.

— נאָ־מאָס־טי־וואָ״ — איז זיין נאָמען, — האָט מיר דזשאָן אַרויסגעהאָלפן, — אָבער די קאָנסט אים רופן מיט זיין ענגלישן נאָמען, ווי מען האָט אים גערופן אין שול: פּיטער.

— אַ דאַנק, „נאָ־סטאָם־טי־וואָ״, פּיטער! — האָב איך אַ לאַך געטאָן, — ווי לאַנג האָבן מיר נאָך צו פאָרן?

— מיר זיינען שוין ווייט פון אונדזער שטעטל, — האָט ער אַ צופרידע־נער געענטפערט, — אין פינף מינוט אַרום שטעל איך זיך אָפּ.

און ער האָט געהאַלטן וואָרט: פּונקט מיט פינף מינוט שפּעטער האָב איך געפילט, ווי די מאַשין גיט זיך אַ דריי אויף רעכטס, גיט אַראָפּ פון גלאַטן וועג, גיט אַ שפּרינג אונטער איבער אַ צאָל שטיינער, און בלייבט שטיין. כ'האָב געזען, ווי פּיטער מיט דזשאָגען שפּרינגען אַראָפּ פון זייערע פּלעצער און געהערט ווי זייערע טריט בלייבן שטיין נעבן מיינע צוויי טירלעך.

— וואָרט צו אַ מינוט! עפן ניט! צופּיל אויגן אַרום! — האָט זיך צו מיר דערטראָגן דזשאָנ'ס קול. און מיט אַ פּאָר מינוטן שפּעטער האָט שוין פּיטער אָנגעקלאַפּט: — שפּרינג אַרויס!

איך האָב צעעפנט די טירלעך, בין אַרויסגעשפּרונגען און גלייך אַריינ־געפאַלן אין די שטאַרקע אָרעמס פון אַ געוויקסיקן בחור, מיט אַ רויטלעך ברוינעם פּנים, אַ שאַרפער נאָז און שוואַרצע, איינפאַך, ברענענדיקע אויגן.

מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּט, ווי אַלטע, גוטע פריינט און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט:

— דאָס בין איך: „נאָ־מאָס־טי־וואָ״ און אויך פּיטער.

— זעלבסטפאַרשטענדלעך! — האָב איך זיך צעלאַכט און איך בין „שין״!

— אָט אַזוי דאַרפן זיך גוטע פריינט טרעפן! — האָט דזשאָן אָנגע־קוואָלן פון אונדזער ברידערלעכער באַגעגעניש, ניט אַראָפּלאָזנדיק זיינע פאַרשנדיקע בליקן פון די פאַרביילויפנדיקע אָטאָמאָבילן.

— אַ גרויסער שאָד, ברודער פּיטער, וואָס מיר קענען איצט אַזוי ווייניק צייט פאַרברענגען צוזאַמען! — האָב איך אַ זאָג געטאָן.

— זיכער! — האָט פּיטער אַן אומצופרידענעם שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— דזשאָן האָט מיך נעכטן באַדאַרפט ברענגען צו דיר אין דער היים, וואָלטן מיר פאַרבראַכט עטלעכע שעה צוזאַמען.

— טאַקע אַ גרויסער שאָד! — האָב איך צוגעשטימט, — אָבער כ׳בין זיכער, אַז דאָס האָט ער מיך בלויז געוואָלט וואָס בעסער באַשיצן.

דזשאָן האָט אַ צושטימיקן בויג געטאָן מיטן קאָפּ און, מיט דער האַנט, מיר אָנגעוויזן אויפן וועג:

— געגנט געשמועסט, שין! אין וועג אַריין! אויב ס׳וועט דיר אַפּגליקן אָנצוטרעפן גוט־האַרציקע טוריסטן, וועסטו נאָך הייַנט בייַנאַכט שלאָפן אין אונדזער אַמאָליקער היים, אין די „שוואַרצע בערג״... — ער האָט אַ זיפץ געטאָן, — גיב זיי איבער, די בערג און די ביימער, אַ האַרציקן גרוס פון אונדז, „סיו״ אינדיאַנער... בפרט פונעם זיידן, דעם אַלטן „אי־הי־ווי־טשאַ־שאַ״ (דעם סאָווע מאַן), אפשר געדענקען זיי אים נאָך, מיט זיין ברוינעם, ווייס־געפּלעקטן פערד?...

פּיטער האָט דערווייל אַרויסגענומען פון זיין מאַשינדל אַ גאַנץ היפּשן פּאַפּירענעם בייטל, און אָנגעפּילט מיט פאַרשיידענע מינים געבעקסן און אים, קעגן מיין ווילן, אַרייַנגעשטופּט אין מיין וועג־בייטל.

— זיי ניט קיין נאַר, — האָט ער מיך באַרואיקט, — וועסט אַזעלכע געשמאַקע געבעקסן ניט קריגן פאַר מייַלן אַרום.

כ׳האָב זיך צוערשט אַרומגענומען און צעקושט מיט דזשאָנען:

— זע, דזשאָני ברודער, פאַרגעס ניט וועגן דיין באַשלוס, אַז נאָך הייַנט גייט אַרויס דיין בריוו צום דירעקטאָר פון דיין ריווערדעיל שול, אַז דו קומסט צוריק.

— קענסט זיין זיכער אין דעם, — האָט ער מיך באַרואיקט, — גלייך פון דאַנען פאָר איך אַהיים און זעץ זיך שרייבן דעם בריוו.

כ׳האָב זיך אויך אַרומגענומען מיט פּיטערן:

— אַ שאָד וואָס מיר האָבן זיך אַביסל צו שפּעט געטראָפן.

— הער, ברודער, — האָט ער זיך פּלוצלינג דערמאָנט: — דעם קו־מענדיקן חודש וועל איך מיינע צוויי וואַקאַציע וואָכן פאַרברענגען אין מיין געבורטס דאָרף „וואָלפּי״, אין אַריזאָנאַ. אויב וועסט זיך געפינען ערגעץ־וואו, ניט וייט, כאַפּ זיך אַרויף צו אונדז אויפן באַרג... אַלע קענען דאָרטן „נאַ־מאָס־טי־וואַ׳ן״... מיינע עלטערן וועלן דיך אויפנעמען ווי זייערן אַ פריינט... פאַרגעס אויך ניט, אַז קומענדיקן חודש קומט דאָרט פאָר אונ־דזער „שלאַנגען־טאַנץ״. הונדערטער מענטשן קומען אים זען...

— אַ דאַנק. כ׳וועל עס זיכער געדענקען.

כ׳האָב זיי ביידן נאָך אַמאָל געדריקט די הענט, ווידער פאַרוואָרפן מיינע פּעקלעך אויף דער פּלייצע און אויף די אַקסלען און, ווי הונדערטער מאָל פריער, אַרויפגעטראָטן אויפן הייסן אַספאַלט פונעם ברייטן שליאַך, גלייך אין רויש און ווירבל פון די, זיך יאָגנדיקע אָטאָמאָבילן און לאַסט־וועגענער. און געפילט האָב איך, פונקט ווי כ׳וואָלט שוין לאַנג, זייער לאַנג ניט געווען באַטראָטן אָט אַזאַ ליבן, אַזאַ רופנדיקן וועג. און געדאַכט האָט זיך מיר אויך, אַז אַפילו דער אַספאַלט האָט דערפילט מיינע טריט, זיך ווי אויך דערפרייט מיט זיי און מיך פריינטלעך איינגעלאַדן פאַרצוזעצן מיין וועג.

און פון הינטער זיך האָב איך, אויף מיין נאַקן, געפילט דעם שאַרפן באַריר פון צוויי פאָר פריינטלעכע אויגן, און איידער כ׳בין פאַרטונקען געוואָרן אין רוישיקן וועג־געדריי, האָב איך אַ הויב געטאָן צו זיי מיינע ביידע הענט און אויסגעשריגן:

— בלייבט געזונט!... בלייבט געזונט, מיינע טייערע פריינט!

כ׳האָב שוין אָבער ניט געקענט ניט זען, ווי אויך ניט הערן זייער ענטפער: אַ גרויסער לאַסט־וואָגן האָט זיך, מיט אַ בייזן ברומען, אַריינגעשניטן צווישן אונדז.

אַרום אַ צען מינוטן האָב איך געשפּאַנט, ווי געוויינלעך, ביי דעם זוים פון וועג, ניט אויפהויבנדיק אַפילו די האַנט צו די פאַרביילויפנדיקע אָטאָמאָבילן. מיטאַמאָל האָט מיך, מיט אַ הילכיקער פּייפעריי, אָנגעיאָגט אַ קליינער, העל־געלער לאַסט־וואָגן מיט שוואַרצע בוכשטאַבן וועגן מיסטער לעטנער׳ס בעסטע געבעקסן און צוויי שטימעס האָבן מיך, איינצייטיק, באַגריסט:

— האַלאָ, שין!... זיי געזונט!

— האַלאָ, ברודער!... פאַרגעס אונדז ניט!

— אַ דאַנק, באָיס! אַ דאַנק, טייערע! — האָב איך זיי נאָכגעשריגן און נאָכגעפאָכעט מיט ביידע הענט.

זיי האָבן זיך שנעל פאַרבייגעטראָגן, איבערלאָזנדיק מיך אַ פריידיק צעטומלטן.

ווי אַ חלום, זיינען זיי פאַרשוואונדן אין רוישיקן מאַשינען־געיעג. און קומענדיק צו זיך, האָב איך ווייטער גענומען שפּאַנען, אָבער איצט שוין אויך גענומען היטן די פאַרביילויפנדיקע אָטאָמאָבילן. פאַר אייניקע האָב איך געהויבן די האַנט, בעטנדיק מיך אַריינצונעמען, פאַר אַנדערע ניט און מונטער פאַרצויגן מיין באַליבט וועג־ליד:

There came three Gypsies to my door,
And downstairs came my lady . . . Oh . . .
One sang high, the other sang low
And the third sang: Bonny, Biskay Oh . . .

די ערשטע שוואַלבן

ס׳האָט באַדאַרפט זײַן אַרום פינף אַזייגער פאַרנאַכט. דער אַריזאָנער הימל — זייער אַ טיפער, אַ גרין־בלויער, ערטערווייז ווי אַ פאַרשטריקטער מיט כוואַליעדיקע שטראָמען ווייסע וואָלקנדלעך מיט ראָז־ברוינלעכע זוימען. די פאַרגייענדיקע זון איז, ווי אומדערוואַרטעט פאַר זיך אַליין, אַרײַנגעשוואָרמען און זיך פאַרהאַלטן אין אַ ליכטיק־גרויען טייך, וועלכער האָט אײַנגעשלונגען אַלע אירע שטראַלן און זי אַליין געלאָזט הענגען אויפן זוים פון הימל, זייער אַ גרויסע, זייער אַ בלוטיק רויטע.

דער האָפּי אינדיאַנער האָ־נאַ־ני האָט אומגעדולדיק געשפּאַנט איבער דער פּלאַטפאָרמע פון דער פּלעגסטאַפּער אײַזנבאַן־סטאַנציע און געוואַרט אויפן עקספּרעס־צוג, וועלכער האָט באַדאַרפט ברענגען זײַן יוגנט־פרײַנט קע־לע פון דער ווײַטער שטאָט — דעטראָיט.

האָ־נאַ־ני האָט זיך וויניק וואָס געקימערט וועגן ריש און מענטשן געלאָף אַרום אים, בלויז פון צייט־צו־צײַט זיך אָפּגעשטעלט, אײַנגעקוקט זיך אין ווײַטן לויף פון די רעלסן, אין דער ריכטונג פונעם דערוואַרטעטן באַן און געוואָרפן אָפּטע בליקן אויף זײַן שווער־אָנגעלאָדענעם לאַסט־וואָגן, וועלכן ער האָט אַוועקגעשטעלט אין גאַס, פונקט אַנטקעגן דער אײַזנבאַן סטאַנציע.

האָ־נאַ־ני האָט זיך וויניק וואָס געקימערט וועגן רויש און מענטשן געווען אַ טיפּיש האָפּישער: פון מיטעלן וואוקס, עטוואָס אַ פעטלעכער, מיט אַ קײַלעכדיקן פּנים, אַ שאַרפע נאָז און שוואַרצע, עטוואָס פאַרזשמורעטע, אויגן. געטראָגן האָט ער היפּשלעך אויסגעריבענע, שמאָלע, בלויע הויזן, אַ פּאָר הויכע שטיוול, אָבער עס ווײַזט אויס, אַז לכּבֿוד דעם גאַסט האָט ער זיך אויסגעפּוצט אין אַ נײַ, העל־רויט העמדל און אַ בלוי, שמאָל צוזאַמענגעלייגט טיכל האָט אַרומגעכאַפּט זײַן שטערן, צוזאַמען מיט די לאַנגע פעך־שוואַרצע האָר.

שפּאַנענדיק הין און צוריק איבער דער פּלאַטפאָרמע, האָט ער געטראַכט וועגן די קינדער־יאָרן, וועלכע ער האָט אַזוי גליקלעך פאַרבראַכט מיט קע־לען, ביז יענעם שרעקלעכן פרימאָרגן, ווען אַן אָפּטיילונג פון נעגערשע סאָלדאַטן האָט, אונטער דער קאָמאַנדע פון אַן אָפיצער, צוזאַמען מיטן „אַגענט" איבער זייער „רעזערוואַציע", אַרומגערינגלט זייער דאָרף, מיטן צוועק צו פאַרנעמען, אפילו, די קליינע קינדער, אין אַ רעגירונגס־שול, קעגן דעם ווילן פון זייערע עלטערן.

אפילו איצט, מיט אַזוי פיל יאָרן שפּעטער, איז אים אַ ציטער דורכגע־

לאָפּן איבער דער פּלייצע און אין זייערע אויערן האָבן אָפּגעקלונגען די צאָרנדיקע פּראָטעסטן פון די מענער, דאָס געוויין פון די פרויען און קינדער. אַ צאָל פון דעם קליינוואַרג האָט זיך געפּרוּווט באַהאַלטן אין גריבער און אין די לעכער צווישן און אונטער די שטיינער, אָבער די סאָלדאַטן, אַממערסטן מיט אַ געפיל פון רחמנות אין זייערע הערצער, האָבן זיי געשלעפּט פון די באַהעלטענישן, זיי אַריינגעטריבן אין לאַסט־וועגענער, אַרומגערינגלטע פון אינדיאַנער פּאָליציי, און זיי אַוועקגעפירט.

איז ווי־זשע האָט ער, האָ־נאַ־ני, געקענט ליב האָבן אַזאַ מין שול? ווי אַזוי האָבן אים אין קאָפּ אַריין געקענט קריכן זייערע געגנשטאַנדן, בפרט ווען מען האָט זיי אים געשטופּט מיט דער הילף פון גלח׳ס פריידיקן, אונטערן שרעק פון שווערע שטראָפן?!... האָט ער טאַקע געהאַסט די לערער, צוזאַמען מיט זייערע קענטענישן און אין די פיר ווינטערן, פאַרבראַכטע אין שול, אַחוץ אַביסל ענגליש רעדן, עטוואָס לייענען און שרייבן, קיין זאַך זיך ניט אויסגעלערנט.

גאָר אַנדערש האָט אָבער דער חבר זיינער קע־לע געהאַנדלט: ער האָט ווי אָפּגעטיילט די לערער פון זייערע געגנשטאַנדן און ניט זייער ליב האָבנדיק די ערשטע, זיך דאָך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו זייערע לעקציעס. בפרט האָט אים פאַרכאַפּט אַלץ וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט מעכאַניק. ער האָט זיך פרייוויליק אַרויסגערופן צו העלפן די צוויי אַרבעטער, וועלכע האָבן געהאַט דעם אויפזיכט איבער די אָטאָמאָבילן און געענדיקט די שול האָט ער אַלס אַן אויסגעצייכנטער אָטאָמאָביל מעכאַניקער.

און פונקט ווי אין שול, אַזוי האָבן זיך אויך, צוריקקומענדיק אין דאָרף, פאַרשידנאַרטיק איינגעשטעלט די לעבנס פון ביידע פריינט. האָ־נאַ־ני האָט אייגיכן חתונה געהאַט און געקראָגן אַ שטעלע ביים שטעטלשן קרעמער נאַ־מאָס־טי־וואַ, אַלס אַ טרייבער פון זיין לאַסט־וואָגן. אמת, דער פאַרדינסט איז געווען אַ קליינער און די אַרבעט אַ שווערע: מען האָט געמוזט אַלע פרימאָרגן פאָרן קיין פלעגסטעף און זיך שלעפּן מיט שווערע פּעק. ער איז אָבער געווען צופרידן: ער האָט שטאַרק ליב געהאַט זיין שיינע פרוי קעי־יאָן־סי, און אים איז אין אַלגעמיין טייער געווען דער דאָרפישער שטייגער לעבן פון זיין שבט. גאָר אַנדערש האָט זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן פון זיין בעסטן פריינט קע־לע, וועלכער האָט זיך די גאַנצע צייט געריסן אין דער ווייטער וועלט אַריין.

אַ גאַנצן ווינטער האָט ער זיך אָפּגעמאַטערט אין דאָרף, טוענדיק פאַרשידענע מינים אַרבעט, אָבער ווען עס האָבן אַ בלאָז געטאָן די ערשטע אָסיעדיקע ווינטן, האָט ער זיך געזעגנט מיט דער מוטער זיינער, מיט דער אלמנה סאָ־לע־מאַ־נאַ, מיט די אָנגעזעענע צוויי אָנקלען, די פריסטער: קאַ־יאַפּ־

טי־וואַ און לאָ־לאָ־מאַי, אויך מיט די איינוואוינער פון דאָרף, אַלעמען פאַרזיכערט, אַז ער האָפט אי־נגיכן צוריקצוקומען און איז פאַרשוואונדן אויף גאַנצע פינף יאָר. געזאָגט האָט ער אַלעמען, אַז ער פאָרט קיין לאָס־אַנדזשעלעס, אָבער האָ־נאַ־ני, וועלכער האָט אים אָפּגעפירט צו דער פלעגסטעפּער אייזנבאַן סטאַנציע, האָט אויף זיכער געוואוסט, אַז ער האָט געקויפט אַ בילעט קיין דעטראָיט, אין דער הויפּט־שטאָט, וואו עס ווערן יעדע שעה געבוירן טויזנטער אַטאָמאָבילן. . .

עס זיינען פאַריבער גאַנצע פינף יאָר. קע־לע האָט ווייניק געשריבן: בלויז איין בריוו יעדן חודש צו דער מוטער אויף האָ־נאַ־ניס אַדרעס. און אין יעדן קאָנווערט פלעגט ער, אַחוץ אַ בריוו צו האָ־נאַ־נין, אויך אַריינלייגן אַ צעטעלע מיט פינף דאָלער, פאַר דער מוטער. און האָ־נאַ־ני פלעגט, איבערגעבנדיק דאָס געלט דער מוטער, אויך איבערזעצן פאַר איר אין דער האָפּי־שפּראַך דעם זינס, ענגליש געשריבענעם, בריוול, און ער פלעגט דערביי ניט זשאַלעווען צוצוגעבן אַ היפּשע צאָל ווערטער, פולע מיט ליבע און בענקשאַפט. און ביידע, — ער מיט דער מוטער סו־לע־מאַ־נאַ — פלעגן דערביי אָפט אָפּווישן אַ טרער. און יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט ענדיקן דאָס לייענען פון קע־לעס בריוול, פלעגט זי פאָרזיכטיק עס אַרויסנעמען פון זיינע הענט, עס אויפמערקזאַם באַטראַכטן פון ביידע זייטן, עס אַוועקלייגן אויף איר קני, אַ צאַרטן גלעט טאָן, עס צודריקן צו איר ברוסט און צום סוף אַ קוש טאָן. דערנאָך פלעגט זי אַרויסרוקן פון אונטער איר בעטל אַן אַלט קעסטל, אַרויסנעמען פון דאָרטן איר רויטן זיידענעם שאַל, וועלכן דער פאַרשטאָרבענער מאַן האָט איר געשענקט צו זייער חתונה און אין וועלכן זי האָט געהאַלטן איינגעוויקלט דעם זונס בריוו. זייער פאָרזיכטיק פלעגט זי צענעמען דעם שאַל, צולייגן דאָס ניי־געקראָגענע בריוו, צוזאַמען מיטן געלט, צו דעם פעקעלע פונעם זונס אַלטע בריוו און די גאַנצע צייט געהאַלטן עפּעס אין איין שעפּטשען. אפשר אַ תפילה צו די גוטע גייסטער, זיי זאָלן אָפּהיטן איר איינציקן זון אין דער ווייטער שטאָט.

צום סאַמע סוף, ווען דאָס קעסטל איז שוין געווען זיכער פאַררוקט ווייט אונטערן בעטל, פלעגט זי מיט דאַנקבאַרקייט אויפהויבן די אויגן צו האָ־נאַ־נין און עטלעכע מאָל איבער׳חזר׳ן: „קאָ־קוואַי, האָ־נאַ־ני, אָם־עמאַ־קוואַ־טשי!“. . . (אַ דאַנק, האָ־נאַ־ני, דו ביסט אַן אמתער פריינט!).

אויך ביידע אָנקלס, די „טשיפס“, און אויך אַלע שכנים פלעגט האָ־נאַ־ני איבערגעבן גרוסן פון קע־לען, זיי דערציילן, אַז יענער אַרבעט אין אַ ריי־זיקער אַטאָמאָביל־פאַבריק, אַז עס לעבט זיך אים זייער גוט און אַז ער קלייבט זיך, מעגלעך נאָך אין גיכן, קומען אַהיים צוגאַסט.

אָבער אין זיך אַליין איז ער ווייט ניט זיכער געווען צי זיין אַלטער חבר

וועט זיך נאָך ווען ניט איז צוריק אומקערן צו זיי. און באַאומרואיקט האָבן אים געוויסע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער און זאַצן, וועלכע האָבן זיך לעצטנס אַלץ אָפטער גענומען דורכוואַרפן אין זיין חבר׳ס בריוו.

אַזוי האָט האָ־נאַ־ני, צום ביישפּיל, ניט געקענט כאַפּן דעם זין פון אַזעלכע זאַצן ווי: „קלאַסן־קאַמף“... „אַרבעטער פון דער וועלט דאַרפן זיין פאַראייניקט“, אָדער „די גאַנצע וועלט באַלאַנגט צו די וואָס אַרבעטן“... און פון ענלעכע זאַצן.

און זיך אָנפרעגן וועגן דעם אמת׳ן זין פון אָט־די געהיימניספולע זאַצן האָט ער ניט געהאַט ביי וועמען, סיידן זיך ווענדן צו איינעם פון די גלחים, וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק פיינט געהאַט. האָט ער טיף אין זיך באַהאַלטן זיין אומרו און איז צו יעדער מינוט פאַרטיק געווען אויף עפּעס אַן אומגליק.

און ווען ער האָט איינמאָל, קריגנדיק אַ בריוו פון דעטראָיט, באַמערקט אויפן קאָנווערט אַ פרעמדע האַנטשריפט, האָט דאָס האַרץ אין אים אַ ציטער געטאָן און אַ געדאַנק האָט אים ווי אונטערגעזאָגט: „אָט דאָס איז עס!“.

דעם בריוו האָט טאַקע געשריבן אַ צווייטער, זעט אויס, קע־לעס אַ פריינט. קיין ברייוול צו דער מוטער איז דעם מאָל אויך ניט געווען, אַ פינף דאָלער באַנק־נאָוט איז אָבער געווען צוגעפּעסטיקט צום בריוו.

דער אומבאַקאַנטער שרייבער, מיטן נאָמען פאַל, האָט געלאָזט וויסן האָ־נאַ־נין, אַז אין זייער אָטאָמאָביל פאַבריק איז פאָרגעקומען אַ סטרייק, און אַז ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס קע־לע איז פאָלקאָמען געזונט, וועט ער אָבער זעקס חדשים צייט זיי ניט קענען שרייבן פערזענלעך, ווייל ער איז אַרעסטירט. ער האָט, אין קע־לע׳ס נאָמען, געבעטן קיינעם אין דאָרף ניט צו דערציילן וועגן אַרעסט און צוגעזאָגט אַליין צו שרייבן אַלע חודש אַ בריוו און אויך צו שיקן אין יעדן בריוו פינף דאָלער פאַר דער מוטער.

און פאַר האָ־נאַ־נין איז איצט שוין געוואָרן קלאָר, אַז זיין פריינטס אַרעסט האָט עפּעס אַ שייכות מיט די געהיימניספולע זאַצן אין יענעמס לעצטע בריוו. אָבער וואָס פאַראַ שייכות — צו דעם האָט ער זיך בשום אופן ניט געקענט דערטראַכטן.

נאָך דעם זעלבן פאַרנאַכט איז ער אַריינגעגאַנגען צו דער אַלטער סאַ־לע־מאַ־נאַ, איר געגעבן די פינף דאָלער און אויפן אָרט פונעם זונס שטענדיקן פערזענלעכן ברייוול, איר איבערגעלייענט אַ ברייוול, וועלכעס ער האָט אַליין אָנגעשריבן און אונטערגעשריבן מיט יענעמס נאָמען. אַן האַרציק ברייוול, פול מיט ליבשאַפט צו דער טייערער מאַמען סאַ־לאַ־מאַ־נען.

די אַלטע האָט פאָרזיכטיק גענומען דאָס ברייוול, עס אַ קוש געטאָן און עס פאָרזיכטיק איינגעבונדן אין פעקעלע מיטן זונס פריערדיקע ברייוולעך.

ווי עס זעט אויס, האָט די דעטראָיטער פאָליציי זיך אָנגעפרעגט ביים

„אַגענט" פון דער „רעזערוואַציע" וועגן קע־לען און געלאָזט וויסן וועגן זיין אַרעסט. און פונעם „אַגענטס" אָפיס איז די ניַיעס, דורך אַ פּאָר אינדיאַנער אָנגעשטעלטע, אָנגעקומען אין דאָרף אַריַין.

און דער גאַנצער דאָרף, האָט ווי אַן אַלטער דעמבן בוים אונטערן ערשטן אָנלויף פון אַ שטורעם ווינט, זיך אַ שוידערן וויג געטאָן פון דער ניַיעס און יעדן אָוונט, זיצנדיק אויף דער ערד ביַים עסן וועטשערע, האָט מען שטי־לערהייט ניט אויפגעהערט צו רעדן וועגן „זייער" קע־לען און זיין אַרעסט. און געדענקנדיק זיין ערלעכקייט און פריַינטלעכע באַציִאונג צו יעדן איי־נעם, האָבן אַלע איַינגעשטימט, אַז ניט אַנדערש, ווי ער זיצט אין טורמע פאַר זיי, פאַר זיַינע ברידער, די אינדיאַנער, פאַר וועלן זיי העלפן אין קאַמף מיט די „וויַיסע".

און די אַלגעמיַינע מיינונג, אַז ער איז אַ מאַרטירער פאַר זייער „זאַך" איז ביַי אַלעמען נאָך שטאַרקער געוואָרן, ווען מען האָט אַ פּאָר מאָל אין די אָוונטן באַמערקט ביידע אָנקלס, קאַ־יאָפּ־טי־וואַן צוזאַמען מיט לאָ־לאָ־לאָ־מאַיען אַריַינגיין צו דער אַלטער סאָ־לע־מאַ־נאַן און זי טרייסטן.

מיט זעקס חדשים שפּעטער האָט האָ־נאַ־ני אויפן קאָנווערט פון אַ ביי־געקראָגענעם בריוו, גלייך דערקענט קע־לעס האַנטשריפט. אין דעם בריוו האָט אים קע־לע געלאָזט וויסן, אַז ער איז שוין פריַי, פילט זיך אויסגעצייכנט, אַז ער האָט זיך פאַרבענקט אַביסל נאָך דער מוטער, נאָך די לאַנדסליַיט, נאָכן היימישן דאָרף און ער האָט אויך אָנגעגעבן דעם טאָג און די ציַיט פון זיין קומען.

דעם לעצטן בריוו האָט האָ־נאַ־ני אויך איבערגעלייענט פאַר ביידע אָנקלס, וועלכע האָבן באַשלאָסן צו רופן אַן אַלגעמיַינע פאַרזאַמלונג אין דער „קיווא" (אַן אונטערערדישער פאַרזאַמלונגס־צימער) אויפן צווייטן אָוונט נאָך האָ־נאַ־ניס קומען, אויסהערן פון אים אַ באַריכט און אים אָפּגעבן דעם פאַרדינטן כבוד.

און דער „שריַיער" (אַנאָנסירער) האָט נאָך דעם זעלבן פאַרנאַכט, שטיי־ענדיק אויף איינעם פון די הויכע דעכער, האַלב זינגענדיק, געלאָזט וויסן דעם גאַנצן דאָרף, אַז זייער הויך־געשעצטער לאַנדסמאַן קע־לע קומט אַהיים און ער וועט מאָרגן, נאָכן אָוונט־ברויט, מיט גרויס כבוד אויפגענומען ווערן אין דער קיווא". —

דער באַן האָט זיך אָנגעטראָגן, ווי אַ ווייכער, און נאָך איידער ער האָט זיך איינגאַנצן אָפּגעשטעלט, איז שוין דער גאַסט, מיטן רענצל אין האַנט, אַראָפּגעשפּרונגען פון די פּאָר טרעפּלעך פון זיין וואַגאָן און ביידע פריַינט האָבן זיך אַרומגעכאַפּט.

— אָ, ווי גוט עס איז דיך ווידער צו זען — אַ לעבעדיקן! — האָט האַ־נאַ־ני אויסגעשריגן מיט פרייד.

— און וואָס מאַכסטו, טייערער, אַלטער פריינט?! — האָט קע־לע צוויי מאָל איבערגע׳חזר׳ט, ניט אַרויסלאָזנדיק האַ־נאַ־ניס הענט פון זיינע.

— ניט שלעכט... קום, מיין לאַסט־וואָגן וואַרט אָט דאָרטן, אין גאָס... אַנטקעגן דער סטאַנציע... קום! מיר׳ן זיך שוין דורכשמועסן אויפן וועג!

האַלטנדיק זיך פעסט אַרומגענומען, האָבן ביידע פריינט זיך געלאָזט גיין צום אַרויסגאַנג פון דער פלאַטפאָרמע. זיי האָבן אויסגעזען ווי צוויי ברידער: אַן עלטערער און אַ ייִנגערער. האַ־נאַ־ני איז טאַקע געווען מיט איין יאָר ייִנגער. דער אונטערשיד צווישן זיי: קע־לע איז געווען עטוואָס העכער און שלאַנקער, די נעז און אויגן — כמעט ווי די זעלבע, בלויז קע־לעס הויט האָט פאַרמאָגט אין זיך אַביסל מער בראָנז, ווי האַ־נאַ־ניס. דורכפאָרנ־דיק די שטאָט, האָט קע־לע זיך געהאַלטן אין איין חידוש׳ן:

— זע נאָר, זע נאָר... ווי אונדזער שטעטעלע פלעגסטעף איז זיך עס צעוואָקסן!

— יאָ, — האָט האַ־נאַ־ני צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — דאָס שטעטעלע וואַקסט בייטאָג און ביינאַכט, עס וואַקסט אין דער לענג און אין דער ברייט און די געביידעס וואַקסן אויך אין דער הויך...

גיך זיינען זיי אַרויסגעפאָרן פון שטאָט, זיך פאַרביגעטראָגן אַ צאָל גרינע לאַנקעס מיט שיינע הייזער, אַרומגערינגלטע מיט רייעןביימער און ווייטער געפאָרן, איצט שוין פאַרצאַמטע, פון ביידע זייטן וועג, מיט זאַמדיקע שטרעקעס און מיט סילועטן פון ווייסע, רויטלעכע בערג און בערגלעך.

— איצט, ברודער, דאָס ערשטע דערצייל מיר ווי פילט די מוטער און וואָס הערט זיך, אין אַלגעמיין, ביי אונדז אין דאָרף? — האָט דער גאַסט גענומען אויספרעגן און אַרומקוקנדיק זיך צוגעגעבן: — מיר דאַכט זיך איצט, אַז כ׳בין שוין הונדערטער יאָרן דאָ ניט געווען...

— די מוטער פילט ניט שלעכט, — האָט האַ־נאַ־ני אָנגעפאַנגען, — פאַרשטענדלעך, אַז זי איז אַביסל עלטער געוואָרן, זינט דו ביסט אַוועק און וועגן די איבעריקע דאָרפישע נייעס וועסטו שוין אַליין אויסגעפינען, קו־מענדיק באַלד אַהיים... דו בעסער דערצייל מיר וועגן דיין לעבן אין דע־טראָיט און... פאַרוואָס האָט מען דיך עס פאַרשפאַרט אויף זעקס חדשים אין טורמע?

— ניט נאָר מיך אַליין, — האָט האַ־הו אַ שמייכל געטאָן, — נאָר נאָך אַ היפשע צאָל מיט מיר צוזאַמען.

— אַלע... אינדיאַנער? — האָט האַ־נאַ־ני ווי פאַרזיכטיק אַ פרעג געטאָן.

— ניין. די מערהייט — ווייסע אַרבעטער. געווען אויך עטלעכע נעגערן

און בלויז צוויי אינדיאַנער: איך און אַן „אַפּאַטשי" אינדיאַנער פון ניו־מעקסיקאָ.

— אין וואָס איז באַשטאַנען אייער פאַרברעכן? — האָט האָ־נאַ־ני געוואָלט וויסן.

— ערשטנס, אין אַרויסגיין אין סטרייק, און צווייטנס, פאַר באַלאַנגען צו אַ פּאַרטיי, וועלכע סיי אונדזער רעגירונג, אַזוי אויך די רייכע — האָבן זייער ניט ליב.

— וואָס איז עס פאַר אַ פּאַרטיי?... און וואָס פאַראַ פאָדערונגען שטעלט זי אַרויס? — האָט האָ־נאַ־ני ניט אָפּגעלאָזט.

— פאָדערונגען פאַר אַ גוט לעבן פאַר אַלע אַרבעטער, פאַר אַלע אָרעמע מענטשן, — האָט קע־לע זיכער געענטפערט.

— טאָ ווי קומט עס, אַז מען זאָל פאַרן באַלאַנגען צו אַזאַ גוטער פּאַרטיי וואַרפן מענטשן אין טורמע?! — האָט האָ־נאַ־ני ניט געקענט באַגרייפן.

— ווי קומט עס, וואָס מען האָט ביי די אינדיאַנער אַוועקגענומען אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט און נאָך טויזנטער פון זיי אויסגעמאָרדעט, ווען זיי האָבן זיך גענומען קעגנשטעלן?! — האָט קע־לע געענטפערט זיין פריינט מיט אַ פראַגע.

אויף האָ־נאַ־ניס שטערן האָבן זיך אויסגעקריצט עטלעכע טיפע קנייטשן. ער האָט אָנגעשטרענגט געטראַכט אַ פּאָר מינוט, דערנאָך באַמערקט:

— איך דענק, אַז דו דאַרפסט אויך וויסן, אַז דאָס גאַנצע דאָרף ווייסט וועגן דיין זיצן אין טורמע... דיינע צוויי הויכגעשטעלטע אָנקלס האָבן פאַר דער צייט עטלעכע מאָל באַזוכט דיין מוטער און זי געטרייסט... אַלע מיינען זיי, אַז דו האָסט זיך איינגעשטעלט פאַרן אינדיאַנערס כבוד און דערפאַר האָט מען דיך פאַרשפּאַרט... אויף מאָרגן אָונט איז באַשטימט אַ צוזאַמענקום אין דער „קיוואַ" און דו וועסט זיי מוזן דערציילן פאַרוואָס מען האָט דיך פאַרשפּאַרט...

קע־לע האָט געקוקט אויפן פריינט מיט אַן אומצופרידן אומרואיקן בליק:

— ווי אַזוי האָבן זיי זיך דערוואוסט וועגן מיין אַרעסט?

— זיכער ניט פון מיר! — האָט האָ־נאַ־ני אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין, — די דעטראָיטער פּאָליציי האָט, ווייזט אויס, זיך נאָכגעפרעגט וועגן דיר אין אונדזער אַגענטור און פון דאָרטן איז עס, דורך די פאַר אינדיאַנער אָנגעשטעלטע, אויסגערונען צו אונדז אין דאָרף...

— צום טיוול! — האָט קע־לע אַן אומצופרידענעם דריי געטאָן מיטן קאָפּ, — אויף אַזאַ געשיכטע האָב איך זיך שוין גאָרניט געריכט... — ער האָט אָנגעשטרענגט נאָכגעטראַכט אַ ווײַלע און ענדלעך, קומענדיק, ווייזט אויס, צו אַ געוויסן באַשלוס, זיך באַרואיקט אַביסל און שוין מיט אַ שמייכל

אַ זאָג געטאָן: — אַנטשולדיק, ברודער! מיר האָבן זיך אַזוי שטאַרק פאַר־טיפט אין זייטיקע זאַכן, אַז איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז דו ביסט שוין אַ פאַרהייראַטער מאַן, פאַרגעסן צו פרעגן וואָס דייך פרוי קעי־יאָנ־סי מאַכט... וויפל קינדערלעך איר פאַרמאָגט שוין... דערצייל מיר, פריינט, אויך אַביסל וועגן זיך פערזענלעך.

האָ־נאַ־גיס פּנים איז זיך צעלאָפן אין אַ ברייטן, שטראַליקן שמייכל:

— ניטאָ קיין סך וואָס צו דערציילן... קעי־יאָנ־סי איז אַ טייערע מיידל... מיר לעבן זיך שטיל... שיין... פאַרמאָגן צוויי יינגלעך: איינער פיר יאָר אַלט, דער צווייטער דריי...

— פאַרוואָס בלויז צוויי? — האָט קע־לע, שמייכלענדיק, געוואָלט וויסן.

האָ־נאַ־ני האָט אַ זיפץ געטאָן:

— ביסט גערעכט. ס׳וואָלט זיכער פריילעכער געווען מיט נאָך צוויי, אָבער... מיינע פאַרדינסטן זיינען, ניט קוקנדיק אויף מיין שווערער אַרבעט, זייער קליינע... קוים וואָס מען קומט דורך.

— ס׳איז זייער שלעכט, אַז נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, זאָל מען ניט קענען דורכקומען מיטן געהאַלט. — האָט דער גאַסט אַן אומצופרידענעם שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — ווער איז ער, דער טייערער באַלעבאָס דיינער?

— דאָס איז באַ־מאָס־טי־וואַ, — האָט האָ־נאַ־ני ווידער אָפּגעזיפצט, — דו דאַרפסט אים זיכער געדענקען... ער האָט, אין דיין צייט, געהאַט אַ קליינטשיק קרעמל דאָ, אין דאָרף... ער איז אַזאַ קורצער, אַ פעטער... דער רעכטער אַקסל איז ביי אים העכער פונעם לינקן. איצט איז ער אַ גביר מיט גאָר אַ גרויסער קראָם... ער פאַרמאָגט דריי לאַסט־וועגענער, וועלכע איך און נאָך צוויי פון אונדזערע שול־חברים טרייבן פאַר אים... דו געדענקסט זיי זיכער, מיר פלעגן זיי אין שול רופן מיט ענגלישע נע־מען: הערי און טאָם.

— זיכער געדענק איך זיי! — האָט זיך קע־לע דערפרייט, — ווי פלעגן זיך נאָך מער פון אונדז נאָכיאָגן נאָך אונדזערע מיידלעך, די שילערינס.

— ריכטיק, דאָס זיינען זיי! — האָט זיך האָ־נאַ־ני צעלאַכט, אָבער מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט דעם געלעכטער, זיך אַ בויג געטאָן צום רעדל און פאַרזיכטיק אַרומגעפירט דעם שווער־אָנגעלאָדענעם לאַסט־וואָגן אַרום אַ גרויסן שטיין, וועלכער האָט זיך, ווייזט אויס, ניט לאַנג צוריק אַראָפּגע־קייקלט פון אַ דערבייאיקן בערגל.

— ביינאַכט, אָנלויפנדיק אויף אַזאַ שטיין, קען מען זיך נאָך אַמאָל דעם קאָפּ צוזאַמען מיט דער מאַשין צעברעכן, — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט זאָרג, דערנאָך ווידער אַ קוק געטאָן אויף זיין פריינט, וועלכער האָט אָנגע־שטרענגט געקוקט פאַר זיך: — וואָס איז? וועגן וואָס טראַכסטו עס איצט?

— אָט טאַקע וועגן דעם, וואָס דו האָסט דערציילט, אַז באַ־מאָס־טי־וואַ

האַלט אייך אויף אַ הונגער־לוין, — האָט זיך דער גאַסט אָפּגערופן.

— יאָ! — האָט האַ־נאַ־ני אַ זיפץ געטאָן, — ער איז האַרט דער אַלטער, ווי אַ שטיין. מיר, די דריי טרייבער זיינע, האָבן אים שוין אַ פּאָר מאָל געבעטן צו פאַרגרעסערן אונדזער לוין. צעשרייט ער זיך יעדעס מאָל, אַז ער צאָלט אונדז נאָך צופיל.

האַ־הו האָט אַ שפּאָטישן שמייכל געטאָן:

— אַלע ווינען זיי אַזוי האַרט ביז מען מאַכט זיי ניט ווייכער אַ ביסל...

— ווייכער? ווי אַזוי? — האָט זיך האַ־נאַ־ני געוואונדערט.

— מען וואָלט באַדאַרפט אים אַליין, אויף אַ שטיקל צייט, צווינגען צו טרייבן זיינע דריי מאַשינען און זיך שלעפּן מיט די שווערע פּעק, — האָט דער גאַסט מיט אַ בייזן שמייכל אַ זאָג געטאָן.

האַ־נאַ־ני האָט צוערשט מיט ניט פאַרשטייענדיקע, דערנאָך שוין מיט פרעגנדיקע בליקן זיך איינגעקוקט אַ ווײַלע אין חבר'ס פּנים און שטיל אַ פרעג געטאָן:

— נו און וואָס, אויב אַנדער'ע וועלן קומען טרייבן דעם אַלטנס מאַשינען?

— דאַרף מען זען, אַז קיין אַנדערע זאָלן עס ניט וועלן, אָדער ניט קענען טאָן! — האָט ער פעסט געענטפערט.

האַ־נאַ־ני האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען וואָס זיין פריינט מיינט און אָפּגעקוקערט דעם קאָפּ.

און קע־לע האָט, נאָך אַ קורצער פּאוזע, ווידער אַ פרעג געטאָן:

— פאַראַן נאָך עפּעס נייע אויפגעקומענע גבירים אין דאָרף?

— פאַראַן. דער צווייטער רייך געוואָרענער איז סאָ־פּע־לאָ. אַ הויכער אַזאַ, אַ דאַרער... זיין לײמיק הייזל איז, אין דיין צייט, געשטאַנען פּונקט אַנטקעגן אייערן... די ווייב זיינע אַזאַ נידעריקע, אַ פעטע, אַ גרויסע שרייערקע, מיט אַ גרילצנדיקן קול'עכל...

— איך געדענק זיי ביידן זייער גוט, — האָט קע־לע באַמערקט, — זאָג, פון וואָס איז ער רייך געוואָרן?

— ער פאַר'ט פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר אַרום צווישן די שכני'שע בעוועהאָס און קויפט ביי זיי אויף: שאָף, וואָל, טעפּיכער, צירונג... אַלץ וואָס עס מאַכט זיך. און ווי זיי דערציילן, נאַרט ער זיי זייער שטאַרק אָפּ סיי מיט דער פּרייז, אַזוי אויך מיט דער וואָג.

קע־לע האָט טיף אָפּגעזיפצט:

— נו, און ווער נאָך?

— דער דריטער איז... — האַ־נאַ־ני האָט זיך פּלוצלונג צעלאַכט, — דו וועסט זיך ניט גלויבן, אַז אַזאַ „גאַרניט" זאָל אויך אַמאָל קענען ווערן אַ רייכער מאַן...

— ווער, צום ביישפּיל, איז עס? — האָט שוין אויך קע־לע אַ שמייכל געטאָן.

— דאָס איז אַ־טאַ־קאָ... זיין ברודער איז איינער פון די אַנטילאָפּן פריסטער...

קע־לע האָט זיך געפּרואווט דערמאָנען:

— צי מיינסטו ניט דעם קליינטשיקן, דאַרינקן אַ־טאַ־קאָ, וועלכער האָט געוואוינט ביים סאַמע אַרויפפאָר אויף אונדזער באַרג, וואו ס׳האָט זיך גע־פונען די הייל פון דער „שפּינען פרוי" (איינע פון די גוטע האַפּי גייסטער)? האָכט זיך, אַז די ווייב זיינע האָט אים זייער פיינט געהאַט און פלעגט אָפּט אַנטלויפן פון אים צו אירע עלטערן?

— ריכטיק! — האָט האָ־נאַ־ני זיך צעלאַכט, — דאָס איז ער טאַקע, דער הונט... האָסט אַ גוטן זכרון! זי, די ווייב זיינע, האָט אים אויך איצט, פונקט אַזוי פיינט ווי פריער, איצט אָבער, זינט ער איז רייך געוואָרן, אַנטלויפט זי שוין ניט מער פון אים: אירע אָרעמע עלטערן דערלאָזן ניט צו דעם, אָבער אַלע אין דאָרף ווייסן, אַז זי האָט אַ נעוועהאָ, אַ געליבטן, וועלכער קומט צו איר אַלע מאָנטיק אָוונט, ווער דער „פּאָקאָ" (דער הונט), דער מאַן אירער, פאָרט אַוועק צום אַגענט אונטערצופירן זייערע גנב׳ישע חשבונות פאַר דער וואָך.

— חשבונות מיטן אַגענט? — האָט זיך קע־לע געוואונדערט, — וואָס פאַראַ חשבונות האָבן זיי צווישן זיך?

— זייער פּשוטע, — האָט האָ־נאַ־ני אַ ביטערן שמייכל געטאָן, — אונ־דזער שטאַט־רעגירונג האָט לעצטנס גענומען בויען אַספאַלטענע וועגן דורך די רעזערוואַציעס. פאַרשטענדלעך, אַז ניט צוליב אונדזער וואוילטאָג, טוט זי עס, נאָר כדי צוציען מער טוריסטן.

— זעלבסט פאַרשטענדלעך! — האָט קע־לע צוגעגעבן.

— נו... האָט דער אַגענט באַשטימט האַ־טאַ־קאָן צו קריגן און אָב־שטעלן אַרבעטער און, די הויפּט־זאַך, אַכטונג צו געבן, אַז זיי זאָלן אַרבעטן ווי פערד. נו... — האָט האָ־נאַ־ני מיט אַ טיפן זיפץ געענדיקט: — אַרבעט מען זייער שווער, מען פאַרדינט זייער ווייניק און אַלע מאָנטיק פאָרט אַ־טאַ־קאָ צום אַגענט און מען פירט אונטער דעם חשבון אויף וויפל יעדער פון זיי איז רייכער געוואָרן... די אַרבעטער האָסן אים ווי דעם טויט.

— עס ווייזט אויס צו זיין דאָס ריכטיקע פּאָרל גנבים! — האָט קע־לע אַ בייזן זאָג געטאָן, — מען וועט שפּעטער מוזן עפּעס טאָן וועגן דעם... מען וועט דאַרפן איבערדעדן מיט די אַרבעטער.

האָ־נאַ־ני האָט מיט דער האַנט אָנגעוויזן אין דער ריכטונג פון דאָרף:

— ועסט באַלד זען וואָס פאַראַ שיינע הייזער אונדזערע דריי גבירים האָבן זיך אויפגעבויט ביים אַרויספאָר אויף אונדזער באַרג, נעבן „טרעי־דינג פּאָוסט". אַלע דריי טראָגן זיי זייגערס אויף די הענט און האָבן אין פלעגסטעף, פונקט ווי די ווייסע, איינגעקויפט טייערע מעבל פאַר זייערע היימען...

דער לאַסט־וואָגן האָט זיך גענומען לאַנגזאַם אַראָפּלאָזן אין אַ ניט טיפן, אָבער ברייטן טאָל, דער גרונט אין וועלכן איז געווען גלייך, ווי מיט אַ ווירע צעטיילט אויף לאַנגעכיקע בייטן מיט גרינוואַרג און מיט געדיכטע גערטנדלעך, פון וועלכע עס האָבן זייער היימלעך אַרויסגעקוקט קליינע, העל־געפאַרבטע הייזקעס.

ביי איינער פון די שטיבלעך האָט האַ־נאַ־ני אָפּגעשטעלט די מאַשין. אַ דריק געטאָן מיט דער האַנט אויפן קנאָפּ פון פייפער און פונעם שטיבל זיינען גלייך אַרויסגעלאָפן פיר יונגעלייט. צוויי פון זיי, די אַלטע שול־חברים הערי און טאָם, האָט ק־לע גלייך דערקענט. די אַנדערע צוויי זיינען געווען אַ־טאַ־קאָס וועג־אַרבעטער.

אַלע האָבן זיי זיך אַרומגעכאַפּט מיטן גאַסט און אים איינגעלאַדן אין הויז אַריין.

האַ־נאַ־ני איז אָבער באַשטאַנען מען זאָל אָפּלייגן דעם וויזיט אויף אַ צווייטן מאָל, ווייל ער האָט געוואָלט, וואָס שנעלער ברענגען האַ־הו׳ן צו דער מוטער, וועלכע וואַרט זיכער מיט אומגעדולד אויף אים.

האָט האַ־הו אָפּגעמאַכט מיט די פיר פריינט זיך צו טרעפן מיט זיי מאָרגן, נאָך דער פאַרזאַמלונג אין דער „קיוואַ״.

דער לאַסט־וואָגן האָט מיט אַ פריילעכן פייפן זיך ווידער אַ לאָז געטאָן אין וועג.

דאָס דאָרף איז, ווי די מערסטע צאָל אינדיאַנישע דערפער פונעם „האָפּי״ שבט אין שטאַט אַריזאָנאַ, געלעגן אויף אַ הויכן באַרג; די קליינע ליימיקע הייזקעס זיינען געשטאַנען צוגעקלעפּט איינע צו דער צווייטער און זיך גע־הויבן אויף אַזאַ שטייגער, אַז דער דאָך פון איין הייזל, אַחוץ דעם העכסטן, האָט געדינט פאַר אַן הויף, אָפט אויך פאַר אַ שלאָף־פּלאַץ פאַר די איינוואוי־נער פונעם הייזל איבער אים. אַזוי אַרום האָבן די הייזקעס זיך געהויבן אויף דריי, פיר שטאָק און פון ווייטנס אויסגעזען ווי ברייטע, העל־ברוינע טרעפּ. הויכע הילצערנע לייטערס האָבן פאַרבונדן די ערשטע שטאָקן מיט דער גאַס, און איין שטאָק מיטן צווייטן.

אויף איינעם פון די גאָר הויכע דעכער זיינען געשטאַנען צוויי אָדלערס, זייערע סילועטן האָבן זיך שאַרף אויסגעקריצט אויפן ראָז־בלויען טוך פונעם פאַרנאַכטיקן הימל.

נאָך אַ צען מינוט פאַרזיכטיקן קלעטערן איבער אַ שמאָלן, אָפט גע־פערלעכן וועג באַרג אַרויף, האָט זיך דער לאַסט־וואָגן שטיל פאַרקירעוועט אין אַ שמאָל, זאַמדיק געסל.

אין די שטיבלעך, פון ביידע זייטן, איז שוין געווען האַלב־פינצטער. די אינדיאַנער זיינען געזעסן פאַמיליעס־ווייז, מיט די פיס אונטער זיך, פאַר

זייערע טירן און געגעסן זייער וועטשערע. די פּנים׳ער האָבן ביי אַלעמען אויסגעזען זייער טונקל, כמעט ווי שוואַרץ, בלויז די ווייסע ציין האָבן גע־בליאַסקעט ביים עסן און אין צייט פון זייערע געשפּרעכן.

ער׳געץ־וואו האָט אַ קליין קינד אַ הויכן ווין געטאָן, אָבער אַלע קלאַנגען זיינען געווען ווי אָנגעזאַפּט מיט אַ מין שווערער מידקייט, וועלכע קומט אָפּט נאָך אַ זייער הייסן טאָג.

דער לאַסט־וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן דער אַלטער סאַ־לע־מאַ־נאָ׳ס איינגעהויקערט שטיבל, וועלכעס האָט זיך מאַכטלאָז צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט פון אַ צווייטער, גרעסערער שטוב.

די אַלטע איז געזעסן אויף אַ קליינער פּריזבע, נעבן הויז, אונטער אַ קליינטשיק פענצטערל, מיט אַן אויסגעהאַקטער שויב און זיך געקעמט דעם גרויען קאָפּ. אַ לײדיק, זייער פאַרברענט טעפּל איז, צוזאַמען מיט אַ בלע־כענעם טעלער און לעפל, געלעגן נעבן אירע בּאָרוועסע פיס, אַ צייכן, אַז זי האָט שוין געהאַט אָפּגעגעסן איר וועטשערע. דאָ איז אויך געשטאַנען אַן אויסגעבויגענער עמער מיט וואַסער און אויפן זאַמד, נעבן אים, איז געלעגן אַ פאַרשאַוערט קענדל, צו שעפּן די וואַסער.

מיטן רענצל אין האַנט איז קע־לע אַראָפּ פון אַטאַמאַביל, געמאַכט אַ פּאָר טריט צו דער שטוב און אַ שטילן רוף געטאָן: „איבגע!״... (מוטער).

דער אַלטערס האַנט, מיטן קעמל, איז שטיין געבליבן, און ניט רירנדיק זיך פון אָרט האָט זי לאַנגזאַם אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין דער ריכטונג פון די צווי קלאַנגען, זיך איינגעקוקט אין זון און אים, ווייזט אויס, דערקענט. דאַן האָט זי זיך האַסטיק אויפגעשטעלט, די טיפע קנייטשן אויף איר ברייטן פּנים האָבן זיך צעדרשט, ווי צוזאַמענגעצויגן, דערנאָך זיך פאַנאַנדערגע־לאָפן, ברייט־צעעפנדיק אירע אויגן, צוזאַמען מיטן מויל און שטאַרק צי־טערנדיקע ליפּן.

— מוטער, טייערע! — האָט ער אויסגעשריגן, געלאָזט פאַלן דאָס רענצל פון האַנט, זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר און זי אַריינגעכאַפּט אין זיינע אָרעמס.

— קע־לע... זון מיינער!... — האָט זי שטיל אַ זאָג געטאָן און איז אַ באַוואוסטלאָזע געבליבן ליגן אין זיינע הענט.

ער האָט זי אַריינגעטראָגן אין איר פינצטערן שטיבל.

האַ־נאַ־בי איז שטיל אָפּגעפאָרן מיט זיין לאַסט־וואָגן.

די שכנים, וועלכע זיינען געזעסן פאַר זייערע טיר׳ן, פון ביידע זייטן געסל, האָבן זיך פיל באַדייטנדיק איבערגעקוקט און שטיל, עכאָדיק, איבער־געחזר׳ט:

— קע־לע... קע־לע איז אַהיים געקומען...

און דאָס וואָרט „קע־לע״ האָט, ווי אַ צאַרטער פרילינגס ווינטל זיך אַ

טראָג געטאָן פֿון אײַן הויז צום צווייטן, האָט אויפֿגעציטערט אויף יעדנס ליפּן, אַנגעצונדן אַ וואַרעם פֿייערל אין יעדנס בליקן און זיך ווייטער געטראָגן.

און ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט מען אין די פֿינצטערע שטיבלעך שטיל געריידט איינער צום צווייטן: „אונדזער קע־לע איז היינט אַהיים געקומען"... „פֿינף יאָר צוזאַמען מיט די ווייסע אין אַ גרויסער, ווייטער שטאָט געלעבט..." „זיי האָבן אים אין טורמע פֿאַרשפּאַרט"... „ער האָט זיכער פֿאַר אונדז זיך אָנגענומען"... „מאָרגן, אין דער קיוואַ, וועט ער אונדז וועגן אַלץ דערציילן"... — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די ראַדיאָום ווייזערס אויף קע־לעס האַנט־זייגער האָבן געוויזן פּונקט צוועלף, ווען ער איז שטיל אַרויס פֿון דער מוטערס שטיבל און זיך געלאָזט גיין איבערן זאַמדיקן געסל. אַרום איז געווען שטיל, טויט שטיל. אַפֿילו די היימישע הינט האָבן ניט געבילט. בלויז פֿון צייט צו צייט האָט זיך פֿון דער ווייסטענקיש דערטראָגן דער געוואוי פֿון איינעם אָדער צוויי קאַיאָטן.

אַ פֿולע לבֿנה האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן קופּעס ווייס־גרויע וואָלקנס, געדיכטע און געקרייזלטע, ווי לעמערשע פֿעלן. דורכזיכטיקע שאָטנס האָבן זיך אַרומגעשלייכט איבערן דאָרף, זיך געגליטשט איבער די אינדיאַנער, וועלכע זיינען געשלאָפֿן אויף די דעכער פֿון די הייזער, און זיך אַלץ, ווי געפּרוּווט אַריינכאַפּן און אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אין די שטאָקפֿינצטערע צימערלעך. אַ זילבערנע לבֿנה־נעץ האָט געהאַנגען צווישן הימל און ערד און זיך ווי באַמיט אָפּצושוואַכן דעם פֿלאַטער פֿון די שטערן.

קע־לע האָט זיך פֿאַרנומען רעכטס, צום צענטער פֿון דאָרף, צום אָרט, וווּ עס האָט זיך געפֿונען די הייליקע „קיוואַ". ער איז פֿאַרביי נאָך אַ פּאָר שמאָלע געסלעך און עס האָבן זיך פֿאַר אים אַנטפּלעקט די הויכע שטאַנגען פֿונעם לייטער, וועלכער האָט געפֿירט אַראָפּ, אין דער „קיוואַ". אויף איינעם פֿון די שטאַנגען איז געהאַנגען אַ פּעלכל מיט נאָך עפּעס ענלעכעס צו אַ לאַנגער סטענגע.

ער האָט פּרובירט זיך צו דערמאָנען וואָס פֿאַר־אַ באַדייטונג אָט־די צוויי אַרויסגעהאַנגענע זאַכן קענען האָבן, אָבער ניט געקענט. ער איז צוגעגאַנגען, זיך צוגעשפּאַרט צום לייטער, פֿאַרמאַכט די אויגן און ביסלעכווייז דערפֿילט, ווי אַ גאַנצע רייע, לאַנג פֿאַרלאָרענע חושים נעמען אויפֿוואַכן אין אים.

ער האָט זיך אַליין דערזען, אַלס אַ קינד פֿון פֿאַרשיידענער עלטער, אַרומלויפֿנדיק אויף אָט־די אַלע אַרומיקע, שמאָלינקע געסלעך... און די פּנימ'ער פֿון שכנה'שע קינדער האָבן זיך, ווי אין אַ קאַראָהאָד אַ דרייגעטאָן פֿאַר אים און זיין בעסטער חבר האָ־נאַ־ני — אויך צווישן זיי... און אָט איז ער שוין אַלט געוואָרן אַכצן יאָר... ס'איז שוין צייט פֿאַר אים צו ווערן אויס קינד, צו ווערן אַ מאַן און אַריינצוטרעטן אין איינער פֿון די

געהיימע געזעלשאַפטן, צו ווערן אַ מיטגליד פון איינער פון די "קיוואס" אין דאָרף.

גאַנצע אַכט טעג האָט געדויערט דער פּראָצעס פון זיין אַריינטריט, פון ווערן אַ מיטגליד אין "קע־לע־קלען" (אין דער פּאַלקאַן, אָדער שפּאַרבער־געזעלשאַפט). אָנגעפאַנגען האָט זיך די פּראָצעדור מיטן אויסבאָדן זיך אין אַ דערבייאיקן קוואַל, דערנאָך האָט מען גאַנצע זיבן טעג געמוזט עסן שפּייז אָן זאַלץ און זיך באַמיען ניט צו האָבן קיינע זינדיקע מחשבות וועגן פרויען. דאָס זיינען געווען אַכט פאַרבראַכטע טעג, אָממערסטן אין דער קיוואַ; טעג איבערגעפּאַקטע מיט תּפילות, געזאַנגען און טענץ, אונטען אַקאָמפּאַנימענט פון אַ פּויק.

אויפן פינפטן טאָג האָט מען אים, צוזאַמען מיט נאָך אַ צאָל נייע מיט־גלידער, געוואַשן די קעפּ מיט דער זייף פון דער "יאָקאָ" פּאַלמע, פאַרביטן זייערע אַלטע בעמען מיט נייע און יעדן איינעם אויסגעפּוצט אין צוויי ווייסע מאַנטלען און אין אַ ווייסן גאַרטל, וועלכער האָט ברייט צענומען די פּע־דערשטע פּאַלעס פון די מאַנטלען אין אויסזען פון צוויי פליגל. אַ ווייסער, ווייכער פּעדער איז צוגעפּעסטיקט געוואָרן צו זייערע קעפּ. זיי זיינען איצט מער ענלעך געווען צו פּאַלקאָן פייגל, ווי צו מענטשן.

אויפן זעקסטן טאָג, נאָך פאַרן זונען־אויפגאַנג, האָט מען זיי אַרויפגעפירט אויף אַן הויכן אָרט אין מזרח־טייל פון דאָרף, וואו זיי האָבן, נאָך אַ תּפילה, געלאָזט ווייסן דער אויפגעגאַנגענער זון, דעם פאָטער פון דער וועלט, וועגן זייערע נייע נעמען.

דעם לעצטן טאָג זיינען די שפּייזן שוין געווען באַ'טעמ'ט מיט זאַלץ. פון איצט אָן זיינען שוין די יוגנטלעכע געוואָרן פאַררעכנט פאַר פּאַלקאָ־מענע מענער.

קע־לע האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ דערבייאיקן שטיין, אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט ביידע הענט און פאַר אים האָבן זיך, איצט שוין, אַ יאָג־געטאָן די דערטראַיטער גאַסן, מיט זייער טומל און געווירבל פון מענטשן און אָטאָמאָבילן. אָט האָבן זיך פאַר אים אַ ציי געטאָן די, ווי גאַסן לאַנגע, קאָרפּוסן פון דער אָטאָמאָביל פּאַבריק, וואו ער האָט געאַרבעט, דער פאַר־טויבנדיקער געיעג פון מאַשינען און דער שווינדל פון אַרבעטנדיקע מענטש־לעכע הענט. אין זיינע אויערן האָט מיטאַמאָל אָפּגעקלונגען די פאַרשטויבנ־דיקע שטילקייט פון די זעלבע קאָרפּוסן אין צייט פון זייער סטרייק.

דערנאָך זיינען געקומען די בלוטיקע געשלעגן מיט די "סקעבס" און פּאָליציי און ווי אַ קאָשמאַר איז פאַר אים שטיין געבליבן: דער אַרעסט, די זיך איילנדיקע געריכט־פּראָצעדור און, צום שלוס, די טורמע מיט אירע טויטע, שטיקנדיקע טעג און נעכט.

און דורך די גראַטעס פון דער טורמע האָט זיך מיטאַמאָל שטיל און

צאַרט דורכגעשליכט מעריס בלאָנדער קאָפּ מיט אירע בלויע אויגן: די זעלבע חבר׳טע מעדי, וועלכע פלעגט אים יעדע וואָך באַזוכן אין טורמע, אים ברענגען צייטונגען, אַביסל פּרוכט, איבערגעבן גרוסן פון דער פרייער וועלט און אויך האַ־נאַ־ניס בריוו פונעם ווייטן, באַרגיקן דאָרף אין אַרי־יאַנאַ. זי איז אויך געקומען, צוזאַמען מיט אַ צאָל פריינט, אים באַגלייטן צום באַן, ווען ער איז אָפּגעפאָרן אַהיים. אירע לעצטע ווערטער זיינען געווען:

— פאָר געזונט, קע־לע!... גריס פון מיר דיין מוטער און אויך דיין טרייען פריינט — האַ־נאַ־נין... מיר׳ן זיך איינגיכן ווידער זען... ניט אמת?

— זיכער! — האָט ער שמייכלענדיק איר געענטפערט. — איך דענק, זיך דאַרטן ניט צו פאַרהאַלטן אויף זייער לאַנג... כ׳וועל דיר וועגן אַלץ שרייבן...

און אים האָט זיך איצט געגומען דאַכטן, אַז פון דער אַרומיקער פינצ־טערניש, פון די שוואַרצע שאָטנס, וועלכע האָבן דראָענדיק זיך צוזאַמענגע־קליבן צווישן די נידעריקע ווענט פון די ליימיקע הייזקעס, שווימט אַרויס מעריס בלאָנדער פּנים מיט די פריילעכע בלויע אויגן, מיט איר האַרציקן שמייכל, קומט צו גאָר נאָענט צו אים און פליסטערט אים אין די אויערן אַריין:

— פאָר געזונט, קעלע!... גריס פון מיר דיין מוטער און אויך דיין טרייען פריינט האַ־נאַ־נין... מיר׳ן זיך איינגיכן ווידער זען... ניט אמת?

און אים ווערט מיטאַמאָל אַזוי וואַרעם אויפן האַרצן און עס ווילט זיך איבער׳חזר׳ן וואָרט אין וואָרט, וואָס ער האָט איר געענטפערט, זיך גע־זעגענענדיק, אָבער דאָ רייסט זיך אים אַריין אין זכרון דער מוטערס טרוקן קול, איר פאָדערונג, אַז ער זאָל שוין אויף שטענדיק בלייבן דאָ מיט איר, ביי זיי אין דאָרף... אויף שטענדיק... אַז ער קאָן דאָ איצט קריגן דאָס פיינסטע און שענסטע מיידל פאַר אַ ווייב... זי איז זיכער, אַז אפילו דער אָנקל זייערער, דער דאָרף „טשיף״ לאַ־לאַ־לאַ־מאַי וועט זיך ניט אָפּזאָגן אים צו געבן זיין איינציקע טאָכטער... און זי איז דאָס שענסטע מיידל אין דאָרף און אויך דאָס רייכסטע... ער דאַרף שוין מער ניט אַוועקגיין צו די ווייסע מענטשן: זיי וועלן אים נאָכאַמאָל אין טורמע פאַרשפּאַרן... דער פאָטער האָט פאַרן טויט איר אָנגעזאָגט, אַז אויב ער, קע־לע, וועט אַמאָל צוריקקומען אין דאָרף, זאָל זי אים ניט לאָזן מער אַוועקגיין...

קע־לע שמייכלט ביטער. ער האָט געשוויגן... קיין וואָרט איר ניט געענטפערט .. און וואָס האָט ער איר געקענט זאָגן?... זי וואָלט אים סיי ווי ניט פאַרשטאַנען... ווי קען ער דאָ פאַרבלייבן?... בלייבן אונטער דער הערשאַפט פון דער אַלטער „קיוואַ״, וועלכע האַלט נאָך איצט פעסט אין אירע הענט יעדן איינעם, פונקט ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק?... נו, און ער אַליין?... ער איז דאָך אַזוי ווייט, אַזוי ווייט אַוועק פון אַט־דעם

אַלעמען... ניין, זיין לעבן איז דאָרטן, אין דער ריזיקער שטאָט, מיט די חברים, מיט איר, דער בלוי־אויגיקער מערין, מיט זייער קאַמף פאַר אַ פרייער, ברידערלעכער וועלט...

עס האָט שוין גענומען טאָגן, ווען קע־לע האָט שנעל און פאָרזיכטיק זיך אַריינגעשליכט אין דער מוטערס הייזל און אַ מידער זיך אויסגעצויגן אויפן טעפּיך, וועלכן זי האָט נאָך נעכטן ביינאַכט אויסגעשפּרייט פאַר אים אויפן דיל. — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —.

יענעם פאַרנאַכט האָט מען אין דאָרף זיך שטאַרק געאײַלט מיטן אָונטברויט. נאָך איידער די זון האָט זיך גענומען זעצן, האָט דער „שרייער“, שטייענדיק אויפן דאַך פון זיין הויז, מיט אַן איינטאָניקער, עטוואָס גריליצנדיקער שטימע געלאָזט וויסן די איינוואוינער פון דאָרף, אַז אין דער „קיווא“ וועט היינט פאָרקומען זייער אַ וויכטיקער צוזאַמענקונפט, כדי צו באַגריסן און אויסהערן קע־לען, דעם זון פון דער זייער חשוב׳ער סאַ־לע־מאַ־נאַ׳ן, וועלכער איז ערשט נעכטן אַהיים געקומען, נאָך פינף יאָר לעבן אין אַ וויטער שטאָט, צוזאַמען מיט ווייסע מענטשן.

און נאָך איידער דער „שרייער“ האָט צייט געהאַט אַראָפּצוקריכן פון זיין דאַך, איז שוין די „קיווא“ געווען איבערגעפּאַקט. אַ היפּשער עולם האָט שוין מער ניט געקענט אַריין אינווייניק און זיך געשטופּט פאַר דער טיר, וועלכע איז אַרויסגעקומען אין דער טיפער זייט פונעם בערגל, אין וועלכן די „קיווא“ האָט זיך געפונען.

אויף דער פּאָדלאָגע, אַרום די ווענט, ענג איינגעשלאָסן איינער אין צווייטן, מיט די פיס אונטער זיך, זיינען געזעסן די איינוואוינער פון דאָרף, געוויכערט זייערע פּיפּקעס און געדולדיק געוואַרט. אייניקע האָבן געטראָגן זייערע וואָכיקע סאַקי העמדלעך, אַנדערע האָבן, צוליבן גאַסט, זיך אויסגעפוצט אין העלע העמדלעך מיט פיל־פאַרביקע טיכלעך אַרום זייערע קעפּ.

אַלעמענס פּנים׳ער זיינען געווען אָנגעשטרענגט, פאַרשוויצט און געגלאַנצט אין דעם שוואַכן שיין פון די צוויי קעראָסין לאָמפּן, וועלכע האָבן געברענט אויף צוויי קעסטלעך, אין צוויי קעגנזייטיקע ווינקלען.

אויף אַ בענקל, נעבן דער טיר, האָט מען אוועקגעזעצט די אַלטע מוטער סאָ־לע־מאַ־נאַן. היינט איז געווען איר טאָג: אַלע האָבן זי געגלעט, באַגריסט, געשמייכלט צו איר. זי איז ווי אויסגעוואָקסן, גלייכער געוואָרן זינט דעם זונס קומען, און מיט שטאָלץ געקוקט אַלעמען גלייך אין די אויגן. קע־לע איז געזעסן אויף אַ קעסטל, ניט ווייט פון איר, זיך אויפמערקזאַם איינגעקוקט אין די אַרומיקע פּנים׳ער און דער אויסדרוק פון זיין פּנים האָט זיך אָפט געביטן פון פאַרלאָרנקייט צו אַנטשלאָסנקייט.

ענדלעך האָט לאָ־לאָ־מאַי, דער אָנקל זיינער, אויפגעהויבן ביידע

הענט און דער געדיכטער טומל האָט גענומען ווי פֿאַלן און ווען עס איז איינגאַנצן שטיל געוואָרן, האָט ער ווירודיק און לאַנגזאַם גענומען רעדן:

טייערער זון מיינער, קע־לע... ווי אַ בלעטל פֿון אַ דעמבן־בוים, האָט אַ שטורעם ווינט דיך אָפּגעריסן פֿון דיין אייגענעם שטאַם און דיך פֿאַר־טראָגן איבער טאָלן, בערג און טייכן אין אַ ווייטער, ווילד־פֿרעמדער שטאָט, אַ ריזיקער שטאָט פֿון ווייסע מענטשן, וואו איינער קאָן ניט דעם צווייטן, וואו אַלעמענס טירן און הערצער זיינען שטענדיק מיט שלעסער באַוואָרנט, ווייל... — ער האָט זיך ווי פֿאַרטראַכט אויף אַ רגע, — ווייל יעדער איינער האָט דאָרטן מורא פֿאַרן צווייטן, יעדער איינער איז ניט זיכער אין זיין שכנ׳ס ערלעכקייט און פֿריינטשאַפֿט... דו, קע־לע, האָסט אין יענער שטאָט פֿאַר־בראַכט גאַנצע פֿינף יאָר און ביסט דאָך געבליבן אַ געטרייער זון צו דיין שבט. דו האָסט ניט נאָר ניט פֿאַרגעסן אין דיינע ברידער, נאָר, ווי מיר האָבן געהערט, זיך אפֿילו איינגעשטעלט פֿאַר אונדזער כבוד און די ווייסע האָבן דיך פֿאַר דעם פֿאַרשפּאַרט אין געפֿענגעניש... באַגריס איך דיין אַהיים קומען אין נאָמען פֿון אונדזער „גרויסן גייסט״, ווי אויך אין אונדזערע אַלע־מענס נעמען...

און דער עולם האָט צושטימיק צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, ניט אָפּגע־ווענדט די הייסע, דאַנקבאַרע בליקן פֿון קע־לעס פּנים און ביי אייניקע האָבן פֿון צווישן די האַלב־פֿאַרמאַכטע ליפּן, זיך ווי אַרויסגעגליטשט שטילע קלאַנ־גען, ענלעכע צו „אַ־יאַ... אַ־יאַ״...

און דער רעדנער האָט פֿאַרענדיקט:

— איצט, זון מיינער, אַז דו ביסט אַהיים געקומען, גלויבן מיר אַלע, אַז דו וועסט שוין דאָ מיט אונדז פֿאַרבלייבן, וועסט זיך אויסקלייבן אַ ווייב פֿון צווישן אונדזערע טעכטער און וועסט אונדז אַרויסהעלפֿן מיט די חכמות, וועלכע דו האָסט אָנגעזאַמלט אין דער ווייטער, גרויסער וועלט.

אַלעמענס קעפּ האָבן זיך, ווי איינער, אַ צושטימיקן בויג געטאָן, זיך גלייך אויפֿגעהויבן און צענדליקער אויגן האָבן זיך, ווי איינגעשטאָכן אין קע־לעס פּנים.

און ער, קע־לע, איז געזעסן אַ פֿאַרשוויצטער, אַ האַלב־פֿאַרלוירענער און ניט געקענט באַשליסן וואָס זיי צו זאָגן. זיין מוח האָט פֿיבעריש געאַר־בעט: „אפֿשר זיי בלויז באַגריסן?... באַדאַנקען פֿאַר דער פֿריינטלעכער אויפֿנאַמע און פֿאַרשווייגן די אמתע סיבה פֿון זיין זיצן אין טורמע?... אויך וועגן די סטרייקס און אַנדערע זיינע קאַמפֿן... צו וואָס זיי דאָס אַלץ דערציילן?... זיי וועלן אים זיכער ניט פֿאַרשטיין... אָבער ווי קען ער זיי נאַרן?... זיי ווייסן דאָך סיי ווי וועגן זיין אַרעסט... אפֿשר וועלן זיי פֿאָרט עפּעס לערנען?... אויב ניט אַלע, איז אייניקע פֿון זיי?...

פֿון אָנפֿאַנג האָט ער גערעדט לאַנגזאַם, ניט זיכער, ניט געקענט אָפֿט געפֿינען די נויטיקע ווערטער אין דער אייגענער האָפּי־שפּראַך. אָבער וואָס

װײַטער איז זײַן טאָן געװאָרן פֿעסטער און אַ נײַער קלאַנג האָט אױפֿגע־ציטערט אין זײַן שטימע: אַ שאַרפֿער, אַ קורץ־אָפּגעהאַקטער, װי מיט אַ גרילצנדיקן טראָפּ אױפֿן סוף פֿון יעדער זילבע.

דערהערנדיק אָט־די קלאַנגען, האָבן די אַלטע אינדיאַנער געגומען זיך איבערקוקן און פֿײַערלעך האָבן זיך אָנגעצונדן אין זײערע בליקן: דאָס איז געװען אַן אָפּקלאַנג פֿון זײערע אַמאָליקע מלחמה־רופֿן. עס איז געװען דער רוף פֿון קע־לעס אַלטן, קעמפֿערישן דור, װעלכער האָט זיך איצט, אומ־באַװאוסט פֿון אים אַלײן, דורך זײַן בלוט, זיך אַ װעג געמאַכט.

און ער האָט זײ גענומען דערצײלן, צוערשט, װעגן זײַנע פֿיר יאָר אין דער רעגירונגס־שול, װעגן די לײדן און דערנידעריקונגען װאָס די אינדיאַ־נישע קינדער זײַנען אַמאָל זיך דאָרטן אױסגעשטאַנען. ער האָט אױך, אין קורצן, דערמאָנט דאָס צעטל מיט אָפּנאַרערײ און פֿאַרברעכנס, װאָס די װײַסע מענטשן זײַנען װען עס איז ניט איז באַגאַנגען קעגן אַלע אינדיאַנער, אָבער שטאַרק אונטערשטראָכן, אַז צײַטן בײַטן זיך און, צוזאַמען מיט זײ, אױך די באַציאונג צװישן אײן מענטשן און דעם צװײטן. ער האָט זײ, אײַגיכן, מיט־געפֿירט מיט זיך אין דער ריזיקער אָטאָמאָביל פֿאַבריק, װאו ער האָט גע־אַרבעט, זײ דערצײלט װעגן דער איצטיקער קלאַסן־צעטײלונג פֿון דער גע־זעלשאַפֿט, װעגן אָרעמען לעבען פֿון די אַרבעטער־מאַסן און רײַכן לעבן פֿון די באַלעבאַטים. װעגן דער אַרבעטער פֿאַראײניקונג, װעגן דער גרינדונג פֿון אַרבעטער יוניאָנס און צום סוף האָט זיך פֿון זײַן מױל, װי אַ קױל פֿון דער רער פֿון אַ ביקס, אַרױסגעריסן דאָס קײַלעכדיק־שװערע װאָרט: „סטרײַק!”...

אַ טױטע שטילקײט האָט געהערשט אין דער „קיװאַ”. די ליולקעס האָבן זיך שױן מער ניט גערױכערט, אַלעמענס קערפּערס האָבן זיך אױסגעבױגן אױף פֿאָראױס, אַלעמענס אָנגעשטרענגטע בליקן, אונטער טיף־געקנײטשטע שטערנס, געװענדט צו אים.

איצט האָט ער גערעדט װעגן דער ברוטאַליטעט פֿון דער פּאָליצײ, װעגן דער האַרצלאָזיקײט און זשעדנעקײט פֿון די רײַכע, װעגן שיסערײַען, קלאַפּס און טרערן־באָמבעס, װעגן צעשפּאָלטענע קעפּ, פֿאַרקױפֿטע ריכטער, פֿאַר־קױפֿטע רעגירער...

פֿאַכנדיק מיט די פֿױסטן, האָט ער זײ דערצײלט װי ער, צוזאַמען מיט הונדערטער חברים־אַרבעטער און גלאַט פֿרײַנט, האָבן זיך קעגנגעשטעלט דער ברוטאַלער מאַכט, װעלכע האָט זײ אין זײער אײגן בלוט געבאָדן און אין טורמעס פֿאַרשפּאַרט...

און אין דער זעלבער רגע, װען ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט דער „טשיף” קאַ־יאַפּ־טי־װאַ שאַרף אָװעקגעשטעלט זײַן פֿראַגע:

— זאָג מיר, זון מײַנער, איז עס מעגלעך, אַז אָט־די אַלע אַרבעטער,

וועגן וועלכע דו דערציילסט אונדז, זיינען געווען אונדזעריקע?... איך מיין
— אינדיאַנער?

אַ שאַרפע אומרו האָט אַ פינקל געטאָן אין קע־לעס אויגן, אָבער ער האָט פעסט געענטפערט:

— ניין, פּאָטער, ווייסע זיינען זיי געווען. אַ צאָל נעגערן און בלויז צוויי אינדיאַנער.

אַלע האָבן זיך שנעל איבערגעקוקט און אַ שטילער געמורמל האָט זיך אַ טראָג געטאָן דורך די זיצנדיקע רייען.

און עמיצנס, אַן אַלטע שטימע, פונעם רעכטן ווינקל, האָט מיט אַ טיפן זיפץ אַ זאָג געטאָן:

— און איך, קע־לע, דענק, אַז ווען די ווייסע שלאָגן זיך, האַרפן מיר, אינדיאַנער, זיך ניט אַריינמישן. זיי וועלן זיך, פריער אָדער שפּעטער, אי־בערבעטן און צוזאַמען אונדז נאָך שטאַרקער נעמען דריקן.

און צענדליקע שטימען האָבן ווי אַ בייזן פלאַטער געטאָן אונטערן ני־דעריקן, ערדענעם סופיט:

— אַלע זיינען זיי קעגן אונדז!

— יעדער ווייסער איז אַן אָפענער אָדער פאַרבאָרגענער שונא!

— יעדער פון זיי איז צו יעדער צייט גרייט אָפּצורייסן אַ שטיק פון אונדזער האָב און גוטס!

— ניטאָ שוין מער וואָס צו רייסן!

— ריכטיק: אַלץ שוין צוגענומען!

— די מיסיאָנערן יאָגן זיך נאָך אונדזערע נשמות!

— זיי נוצן זייער יעזוסן בלויז אַלס אַ צודעק אויף זייערע רויבערייען!

עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ רייע בייזע, אויפגערעגטע בינען האָבן מיט־אַמאָל אָנגעפילט די „קיווא״ און מיט זייערע גיפטיקע צינגלעך־נאָדלען גע־נומען זיך איינשטעכן אין אַלעמענס גלידער.

קע־לע האָט דאַן זיך אַ האַסטיקן הויב־געטאָן פון זיין אָרט, אַרויסגע־ריסן פון זיין שכנ׳ס הענט, יענעמס שטעקן, געגעבן מיט אים דריי שטאַרקע קלעפּ אין קעסטל, אויף וועלכן ער איז פריער געזעסן, און ווען דער טומל האָט זיך אַביסל איינגעשטילט, האָט ער הויך און אַנטשלאָסן ווידער גענומען רעדן:

— ברידער, איך בעט אייך, הערט מיך אויפמערקזאַם אויס: איר לעבט אָט דאָ, אויפן פלאַך פון אייער באַרג שוין מעגלעך הונדערטער יאָרן און איר זענט איינגאַנצן אָפּגעשניטן פון דער גרויסער וועלט און איר ווייסט ניט וואָס פאַר אַ וויכטיקע געשעענישן עס קומען דאָרטן פאָר... אייער אייגענע לאַגע, ווי שלעכט זי איז ניט איצט, איז דאָך פיל לייכטער ווי זי איז געווען מיט יאָרן צוריק... דער אָרגאַניזירטער אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאָס

קעמפט איצט פאַר אַ בעסער לעבן און בלויז גייענדיק מיט אים צוזאַמען וועט אויך אייער לעבן פאַרבעסערט ווערן. ניט די פאַרב פון דער מענטש־לעכער הויט אונטערדריקט אונדז, נאָר די מאַכט פון די רייכע. עס וועט קומען אַ צייט, ווען אַלץ ביי אונדז אין לאַנד וועט באַלאַנגען צו די אַרבע־טער, צו די, וואָס באַשאַפן אַלץ און זיי, די אַרבעטער, וועלן אונדז פאַרגי־טיקן פאַר אַלע עוולות, וועלכע זיינען באַגאַנגען געוואָרן קעגן אונדז...

אַ ווײַלע איז שטיל געווען, דערנאָך האָט דער ערשטער זיך אָפּגערופן דער רייכער קרעמער באַ־מאָס־טי־וואַ:

— דו, קע־לע, רעדסט ניט צו דער זאַך: וואָס מיינסטו מיט דיינע ווערטער, אַז אַלץ וועט שפּעטער באַלאַנגען צו די אַרבעטער?! און וואו וועלן מיר, די באַלעבאַטים, זיין? מיר, די וואָס גיבן אַרבעט צו די אַרבעטער?... אויף דעם שטייט די וועלט און אַנדערש וועט קיינמאָל ניט זיין! אַלע וויסן עס!

— זיכער וויסן מיר עס! — האָט דער צונויפקויפער סאַ־פּע־לאַ אונ־טערגעהאַלטן דעם קרעמער, — קיין איינציקער אַרבעטער וואָלט קיינמאָל ניט געוואָלט אַרבעטן, ווען עס זאָל איבער אים זיך ניט געפינען קיין באַלעבאָס, קיין אַרבעט־געבער!

— עס איז זיכער אַזוי! — האָט דער קליינינקער, דאַרינקער אויפזעער איבער די וועג־אַרבעטער, אַ־טאָ־קאָ, צוגעגעבן מיט אַ ביטערן שמייכל, — מיינע אַרבעטער פילן זיך צו אַרבעטן, ווען איך היט זיי אַפילו... ווען ניט איך, וואָלט די גאַנצע אַרבעט אויף די אַרומיקע וועגן זיך פון אָרט ניט גערירט.

— יעדע זאַך וואָס איר דריי האָט דאָ נאָר־וואָס געזאָגט, איז ניט אמת!

— האָט קע־לע זיי צוריקגעוואָרפן, — דאָס רעדן פון אייך אַרויס די שלעכטע, די זשעדנע גייסטער פון גאָלד־זאַמלער, פון רייך געוואָרענע... און ס׳איז אַוודאי ניט אמת דאָס, וואָס דו, אַ־טאָ־קאָ, האָסט דאָ נאָר וואָס געזאָגט, אַז מען מוז שטיין איבער די אַרבעטער מיט אַ בייטש: פאַראַן אַ ריזיק לאַנד אין צווייטן עק וועלט, וועלכעס הייסט איצט סאָוועטן־רוסלאַנד. דאָרטן האָט פאַר הונדערטער יאָרן געהערשט אַ צאַר מיט זיינע גענעראַלן און רייכע באַלעבאַטים, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין רויבן און אונטערדריקן דאָס פאָלק... ביז... די אַרבעטער האָבן זיך צוזאַמענגערעדט מיט די פּויערים און סאָלדאַטן און אונטער דער פירערשאַפט פון לענינען פאַרטריבן דעם צאַר מיט אַלע זיינע אַרויסהערלפערס!... דערנאָך האָבן זיי איבערגעגעבן אַלע פאַבריקן צו די אַרבעטער, די גאַנצע ערד צו די פּויערים און אַלע אַרבעטן זיי איצט אויסגעצייכנט און קיינער דאַרף ניט שטיין מיט אַ בייטש איבער אַ צווייטן! — ער האָט זיך אויסגעבויגן אויף פאָראויס און אַלעמען טיף אַריינגעקוקט אין די אויגן, — זאָגט, האָט איר געוואוסט וועגן דעם?!...

קענט איר עס פאַרשטיין?!

אין דער קיווא איז איצט ווידער געווען טויט שטיל. אַלע האָבן גע־קוקט, סיי אויף קע־לען, און אויך איינער אויפן צווייטן מיט ניט גלייביקע אָדער שפּאָטישע בליקן. איינציקע האָבן, ווי פאַר זיך, בלויז מיט די ליפּן, איבערגע׳חזר׳ט די צוויי, ווילד אומבאַקאַנטע קלאַנגען:

— לע־נין! לע־נין!...

ביידע „טשיפּס“, לאָ־לאָ־לאָ־מאַי און קאָ־יאַפּ־טי־וואַ, וועלכע זיינען גע־זעסן איינער נעבן צווייטן, האָבן די גאַנצע צייט געהאַלטן זיך אין איין איבער־קוקן און שטיל זיך איבערריידן. איצט האָט דער ערשטער זיך אָפּגערופן:

— ס׳איז אמת, קע־לע, אַז מיר ווייסן ניט וועגן אָט־די אַלע זאַכן, וועגן וועלכע דו האָסט דאָ אונדז היינט דערציילט. ס׳איז אויך מעגלעך, אַז דער לע־ני איז אַ גוטער און מעכטיקער גייסט. ער געהערט אָבער צו די ווייסע מענטשן און קען דעם אָרט פון אונדזער אייגענעם „גרויסן גייסט“ ניט פאַר־נעמען.

— זיכער ניט! — האָט עמיצער, פון לינקן ווינקל, גלייך אונטערגע־כאַפּט, — מיר וועלן אונדזערע גייסטער אויף קיין אַנדערע ניט פאַרבייטן!

— קע־לע האָט דערשפּירט די געפאַר און גלייך געענטפערט:

— לענין איז ניט געווען קיין גייסט, נאָר אַ מענטש, אַ גרויסער, קלו־גער „טשיף“, וועלכער האָט בלויז געזוכט אַלעמענס גליק, אונדזערס אַריינ־גערעכנט. און איך פאַרזיכער אייך, אַז...

סאָ־פּע־לאַ איז, ווי מיט אַ בייזן כאָרכלען אים אַריינגעפאַלן אין די רייד:

— הייסט עס, לויט דיין מיינונג, אַז אויב אַ אינדיאַנער אַרבעט שווער, אויב ער איז קליגער פון אַנדערע און קריגט אַריין פאַר אַ ביליקערער פּרייז אַ צאָל שאָף, אָדער טעפּיכער, אָדער אַביסל צירונג ביי די נעוועהאָס, דאַרף ער זיך מיטן פאַרדינסט צעטיילן מיט די אָרעמע אָדער פוילע?! ניט אמת?!

— דו ווילסט אפשר אויך מיין „טרעידינג־פּאָוסט“ צונעמען?! — האָט דער קרעמער נאַ־מאָס־טי־וואַ אויפגעהויבן זיין קול, — צוועלף פערד פאַר־מאָג איך, דריי לאַסט־וועגענער און אַביסל געלט אין באַנק... — דיר עס אפשר אַוועקגעבן?... וועסט אפשר אויך ראַטן די אינדיאַנער מיר ניט צו באַצאָלן זייערע חובות?!...

— הערט, ברידער! — האָט קע־לע זיך באַמיט זיי איבערצושרייען, — איך בין ניט געקומען צו אייך, כדי אַוועקצונעמען ביי קיינעם קיין זאַך, איך וויל בלויז אַ גוט לעבן פאַר אייך אַלעמען!

קיינער האָט אים שוין אָבער ניט געהערט אין אויפגעבראַזטן טומל. דעם וועג־בויער אַט־טאָ־קאָס גרילצנדיק קול האָט איינפאַך געשניטן די לופט:

— קע־לע, איך בין זיכער, אַז די ווייסע האָבן דיך אונטערגעשיקט אַהער!... אונדזערע גייסטער העלפן מיר, אויך סאַ־פּע־לאַן, נאַ־מאָס־טי־וואַן

און אַנדערע אין אַלע אונדזערע וועגן!... מיר ווילן ניט דיין לע־ני!

סאַ־פּע־לאַ האָט מיט זיין גראָבער שטימע ממש פאַרהילכט די לופט:

— די מיסיאָנערן זאָגן אויך, אַז זיי ווילן בלויז גוטעס פאַר אונדז!

— ער וויל אונדז אין קלויסטער פאַרשלעפּן! — האָט נאַ־מאָס־טי־וואַ אָנגעוויזן אויף קע־לען מיטן פינגער.

— ס'אַ ליגן! — האָט קע־לע צוריקגעשריגן, — איך האָב פיינט די קלויסטערס פּונקט ווי איר! איך וויל בלויז...

דער עולם איז אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער און יעדער איינער האָט עפּעס געשריגן, עפּעס איפגעגט גערעדט צו זיין שכן. און פונעם אַלגעמיינעם טומל האָבן זיך אַרויסגעריסן איינצעלנע זאַצן:

— גיי, קע־לע, פאַרנעם מיין קראַם!

— אויך מיינע שאָף, טעפּיכער און נעוועהאָ־צירונג!

— צעטרייב מיינע אַרבעטער, וואָס בויען די וועגן!

— מיר ווילן דיך דאָ ניט האָבן!

— גיי צוריק צו דיינע ווייסע ברידער! צו דיין לענין!...

— ווער ווייסט פאַרוואָס זיי האָבן דיך אין טורמע פאַרשפּאַרט!

— אָם־עטאַ־דאַל־קאַ!... (דו ביסט אונדזער שונא!).

— אָמע־באַ־ע־קאַ־יעטני!... (מיר ווילן דיך דאָ ניט האָבן!).

— ברידער, הערט מיך אויס!... — האָט קע־לע געפּרואווט איבער־שרייען דעם עולם, — טראַכט זיך אַריין אין מיינע רייד!

— מיר האָבן דיך שוין גענוג געהערט!

— מיר ווילן דיך ניט! גיי פון דאַנען!

— ביסט ניט קיין אינדיאַנער מער!

— ביסט אַ פאַררעטער!

— גיי!... גיי!...

די אַלטע סאַ־לע־מאַ־נאַ איז געשטאַנען אויף איר פריערדיקן אָרט, ביים אַרויסגאַנג פון דער „קיוואַ", אַן איינגעבויגענע אין צווייען, דעם ווייס־גרויען, איצט צעשויבערטן קאָפּ אירן האָט זי געהאַלטן טיף אַריינגערוקט צווישן די אויסגעדאַרטע אַקסלען און געקוקט אויפן זון מיט צעמישטע, גאַרניט פאַר־שטייענדיקע בליקן. זי איז איצט געשטאַנען איינע אַליין: די געדיכטע ראָד פון פרויען און קינדער, וועלכע האָט זי פריער אַזוי פריינטלעך אַרומגענו־מען, איז איצט געשטאַנען ווייט פון איר אָפּגערוקט.

קע־לעס פּנים איז געווען שטיין רואיק, ער האָט שוין מער ניט גע־קוקט אויפן עולם. זיינע אָנגעשטרענגטע, כמעט בייזע, בליקן זיינען גע־ווען געווענדט צום אַרויסגאַנג, וואו די מוטער איז געשטאַנען און הינטער איר האָט ער באַמערקט זיין פריינט האָ־נאַ־נין מיט אַ היפּשער גרופּע אַר־בעטער. דער לעצטער האָט צו אים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַ

פרײנטלעכן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

און ווען דער „טשיף" לאַ־לאַ־מאי האָט, נאָך אַ קורצן באַראַטן זיך מיטן „טשיף" קאַ־יאַפּ־טי־וואַן, אויפגעהויבן זיין האַנט, האָבן אַלע גאַנץ שנעל פאַרנומען זייערע פריערדיקע ערטער און ס'איז ווידער געוואָרן שטיל. און אין דער שטילקייט האָבן זיך איצט דעם „טשיפס" ווערטער געצויגן אַזוי נידעריק און דראָענדיק:

— זון מײַנער, קע־לע! איך רוף דיך נאָך אַלץ „זון", ווייל כ'בין זי־כער, אַז אַט־די אַלע רייד, מיט וועלכע דו ביסט הײַנט צו אונדז געקומען און וועלכע וואָלטן געקענט אומברענגען אונדזער אַלטן אַרט לעבן, זײַנען געזאָגט געוואָרן מיט אַ רייניקן, אָבער אומוויסנדיקן האַרצן... ווען מיר האָבן מיט אַ צייט צוריק זיך דערוואוסט, אַז מען האָט דיך אַרעסטירט, האָבן אונדזערע הערצער שטאַרק געוויטיקט פאַר דיר. מיר האָבן געמיינט, אַז דו האָסט זיך איינגעשטעלט פאַר אונדז, אינדיאַנער... איצט זעען מיר איין, אַז מיר האָבן געמאַכט אַ טעות, אַז געליטן האָסטו פאַר זיי, פאַר די ווייסע, פאַר עפּעס זייערער אַ זאַך, פאַר דער פירערשאַפט פון זייערן אַ „טשיף"... טוט עס אונדז זייער לייד... — ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַ טייל פון עולם האָבן אים נאָכגעטאָן. נאָך אַ ווײַלע האָט ער מיט אַ זיפץ אויפגע־הויבן דעם קאָפּ און שטיל פאַרענדיקט: — און טאָקע דערפאַר איז מײַן עצה, ווי אויך די עצה פון „טשיף" קאַ־יאַפּ־טי־וואַן, אַז דאָס בעסטע, סיי פאַר דיר אַזוי אויך פאַר אונדז, וואָלט געווען, דו זאָלסט, וואָס שנעלער פאַרלאָזן אונדזער דאָרף.

און קאַ־יאַפּ־טי־וואַ האָט גלייך צוגעגעבן:

— יאָ, קע־לע, איך דענק אויך אַזוי. און מײַן עצה איז, אַז מאָרגן גאַנץ פרי, מיטן זונען־אויפגאַנג, זאָלסטו אונדז פאַרלאָזן: ס'וועט זיין בעסער פאַר דיר און אויך פאַר אונדז. און פאַר דער מוטער דיינער, פאַר סאַ־לע־מאַ־נאַן, זאָלסטו זך גאָרניט זאָרגן: מיר'ן שוין אַכטונג געבן אויף איר... — ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און דער גאַנצער עולם האָט אים נאָכגעטאָן.

פאַרזיכטיק שפּאַנענדיק צווישן די זיצנדיקע, איז קע־לע צוגעקומען צום אַרויסגאַנג און איז שטיין געבליבן פאַר דער מוטער: — „איננע!" (מו־טער) — האָט ער אַ שטילן רוף געטאָן.

זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אים, זיך שאַרף איינגעקוקט אַ ווײַלע אין זיין פּנים, דערנאָך זיך לאַנגזאַם, מיטן גאַנצן קערפּער, אָפּגעקערט פון אים.

ער איז שנעל אַרויס פון דער קיווא. די פרישע לופט האָט זיך מיט אַזאַ אימפּעט אַרײַנגעריסן אין זײַנע לונגען, אַז דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט. ניט טראַכטנדיק פון קיין זאַך, האָט ער זיך געלאָזט גיין צו דער מוטערס שטיבל און אַלץ אַרום האָט פאַר אים איצט אויסגעזען ניט רעאַל, ווי אין אַ חלום. ער האָט אפילו ניט באַמערקט, אַז האָ־נאַ־ני, און מיט אים

אַ גרופּע יונגע לייט, זיינען, פון ווייטנס, אים שטיל נאָכגעגאַנגען, האַלטנדיק זיך אין די שאָטנס פון די הייזקעס, פון ביידע זייטן געסל.

אַ פולע לבנה, אַ לויטערע, אַ גאָלדיק העלע, האָט זיך שנעל באַוועגט איבערן טיף בלויען הימל און, ווי אין אַ שפּיל, זיך געהאַלטן אין איין טונקען צווישן ווייסע, געקרייזטע וואָלקנדלעך, באַגיסנדיק זייערע זוימען מיט איר ברוינלעך־גאָלדענער ליכט.

אויפן שמאָלן פּריזבעלע, אין שאָטן פון דער הויכער וואַנט, וואו ער האָט ערשט נעכטן אַרומגעכאַפּט די מוטער, האָט ער זיך איצט אַוועקגעזעצט. פון ווייטנס זיינען די דאָרף־איינוואוינער געגאַנגען פון דער קיווא צו זייערע היימען, געגאַנגען שטיל, אין זייערע „מאָקאַסין“ שיך, אָבער זייערע שטימעס, אויפגערעגטע און קורץ געשניטענע, האָבן, ווי פלעדערמייז, זיך פלינק געיאָגט פון איין עק דאָרף צום צווייטן.

די ערשטע עטלעכע מינוטן איז ער געזעסן אָן דעם מינדסטן געדאַנק אין קאָפּ. דערנאָך האָט ער טיף אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און צו זיך אַליין אַ גאַנץ הויכן זאָג געטאָן: — יאָ, קע־לע... אַזוי איז עס... ביסט אַהיים געקומען אויף אַ ווײַלע און... מען טרייבט דיך גלייך אַרויס... — די ווערטער פון זיינע ביידע אָנקלס, ד׳ „טשיפּס“, האָבן אָפּגעקלונגען ביי אים אין די אויערן און ער האָט, ווידער אין דער הויך, באַשטעטיקט: — יאָ, קע־לע, מען האָט דיר געהייסן פאַרלאָזן דאָס דאָרף נאָך מאָרגן גאַנץ פרי... ווען די זון וועט אויפגיין... גוט, זייער גוט... און פאַרוואָס איז עס אַלץ אַזוי געשען? בלויז דערפאַר וואָס דו, קע־לע, ביסט געווען אַ גאָט פאַרדאַמטער נאַר און זיך געשעמט זיי אָפּצונאַרן, ניט געוואָלט שפּילן די פאַלשע ראָלע פון אַן העלד... און ווער ווייסט? מעגלעך זיי זיינען געווען גערעכט, אַז מיט מיין אָנוועזנהייט וואָלט איך מעגלעך טאַקע צעשטערט דעם גאַנג פון זייער אור־אַלטן לעבן, מעגלעך אפילו די הייליקייט פון זייערע „קיי־וואָס“?... — ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, אַ וויש געטאָן דאָס פּנים מיט ביידע הענט און אַ טראַכט געגעבן: — און טאַקע צו וואָס פאַר אַ טייוול האָב איך באַדאַרפט זיך אַריינרייסן מיט לעניבען און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד?... וואָס פאַר אַ קראַפט האָט עס מיך אַליין אַזוי פאַרשיכור׳ט אין דער „קיוואַ“?!... מאָדנע, ווי איך האָב זיך עס צערעדט דאָרטן, פונקט ווי פאַר די אַרבעטער אין צייט פון לעצטן סטרייק... און ווייטער...

אַ שאָטן פון אַ מאַן האָט דורכגעשניטן די פון דער לבנה באַלויכטענע העלפּט פון געסל און זיך גענומען דערנעענטערן צו אים.

— ווער קען עס זיין? — האָט ער טראַכט געטאָן — און וועמען זוכט עס אַזוי שפּעט עפּעס אַ יונגער בחור?

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן:

— וועמען זוכסטו?

— דיך, קע־לע! — האָט דער יונגער מאַן געענטפערט. ער איז צוגעקומען און זיך אַליין פאָרגעשטעלט: — מיין נאָמען איז טאַ־באָ און איך בין אַ וועג־אַרבעטער און דער אַלטער „פּאָקאָ“ (הונט) אַ־מאָ־קאָ איז מיין באַלעבאָס. האָ־נאַ־ני האָט מיך געשיקט דיר צו זאָגן, אַז מיר זיינען דאָ צוועלף אַרבעטער און מיר וואָלטן זייער געוואָלט זיך צו טרעפן מיט דיר... זיך דורכרעדן... אונדז געפעלט זייער שטאַרק דיין רעדע. אמת, ניט אַלץ איז פאַר אונדז נאָך קלאָר אין דיינע רייד, אָבער מיר ווייסן אַזוי ווייניק און פילן, אַז דו קענסט אונדז אויפקלערן, מעגלעך אויך אָנווייזן אַ וועג ווי אַזוי צו פאַרבעסערן אונדזער לאַגע.

און קע־לע האָט מיטאַמאָל דערפילט פונקט, ווי אַ פייער וואָלט אויפגעפלאַמט אין זיין ברוסט, אים האָט זיך געדאַכט, אַז די שטיבלעך אַרום אים, נאָר וואָס אַזעלכע פאַרזונקענע אין שוואַרצע שאָטנס, וואָלטן זיך מיטאַמאָל צעפאַלן און אַנטפלעקט פאַר אים אַ ברייט, אַ ליכטיק, אַ בליענדיק פעלד, פון וועלכן ס'האָט אוי צים אַ בלאָז געטאָן אַ פריש פרילינג ווינטל.

— פאַרשטייסטו, קע־לע, וואָס מיר ווילן פון דיר? — האָט דער בחור איבערגעפרעגט, — מיר ווילן זיך נאָך היינט ביינאַכט טרעפן מיט דיר און זיך דורכשמועסן...

קע־לע האָט אים אַרומגעכאַפּט און אַ פריידיקן טרייסל געטאָן:

— זיכער, ברודער, פאַרשטיי איך... דו זאָג מיר נאָר וואו מיר וועלן זיך טרעפן און ווען?

— טאַקע גלייך. אין אַ גאָרטן. ניט ווייט. דו גיי מיר נאָך... אַביסל אָפּגעטיילט פון מיר. — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

צען יונגע, קרעפטיקע אינדיאַנער זיינען אין יענער לבנה־נאַכט געזעסן, אין אַ געדיכט־פאַרוואָקסענעם גאָרטן, זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו קע־לעס רייד און אים געשטעלט פאַרשיידענע פראַגן. און ער האָט זיי דערציילט וועגן ווייטע, ריזיקע שטעט, וועגן קאָלאָסאַלע פאַבריקן, וועגן דער אומבאַזיגבאַרער קראַפט פון אַרבעטער פאַראייניקונג און וועגן די גרויסע זיגן און דערגרייכונגען פונעם אַרבעטער־קלאַס.

און די רויט־הויטיקע יונגע האָבן זשעדנע, מיט קלאַפּנדיקע הערצער און ברענענדיקע אויגן, זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און די יאָרן לאַנגע שנאה און האַס פון איין מענטש צום צווייטן, פון איין פאַרב הויט צו אַ צווייטער — האָט זיך געלאָשן און אַ ברודערלעכער בונד האָט זיך געפלאָכטן צווישן ווייט־אָפּגעטיילטע, אומבאַקאַנטע ברידער.

און אַזוי איז אַריבער די גאַנצע נאַכט, ביז די בלוי־שוואַרצע שאָטנס פון די געל־רויטע בערג האָבן זיך גענומען אַראָפּגליטשן אין די טאָלן, ביז די ערשטע זונען־שטראַלן האָבן זייערע ערטער פאַרנומען.

דאַן האָבן צוועלף רויט־הויטיקע יונגען שטאַרק, מיט ליבשאַפט, איינער נאָכן צווייטן, געדריקט קע־לע׳ס האַנט און זיך ווי ניט געקענט צו זאַט אָנ־קוקן אין זיין פּנים.

און האָ־נאַ־ני האָט פאַר אַלעמען געזאָגט:

— „ע־טאַם־אָ־קוואַ־טשיק” (מיר זיינען דיינע פריינט) און געבענטשט זאָל זיין דיין קומען צו אונדז, ברודער, קע־לע! דו האָסט אונדזערע אויגן געעפנט, אונדז אַ נייעם לעבנס־וועג געוויזן...

און אַלע האָבן מיט טיפן באַדויער אָפּגעזיפצט און צוגעגעבן סיי אין זייער „האָפּי־שפּראַך, אַזוי אויך אין ענגליש:

— אַ שאַד, ברודער, וואָס דו קענסט דאָ מיט אונדז ניט פאַרבלייבן כאָטש נאָך אויף עטלעכע טעג.

און איינער פון זיי האָט מיט פרייד אַ זאָג געטאָן:

— דו, קע־לע, גיי גלייך מיטן הויפּט־וועג. מיט אַ צען־פופצן מינוטן שפּעטער וועל איך דיך אָניאָגן, טאָקע אין נאַ־מאָס־טי־וואָס אַ לאַסט־וואָגן און דיך פאַרנעמען קיין פלאַגסטעף, צו דער אייזנבאַן סטאַנציע.

— זאָג, קע־לע, אפשר פעלט דיר אויס אַביסל געלט? — האָבן עטלעכע שטימען צוזאַמען אים אַ פרעג געטאָן.

— ניין, חברים, — האָט ער אויפגעלייגט געענטפערט, — אַ דאַנק. כ׳האָב איבער גענוג ביז דעטראָיט און דאָרטן — זיינען צענדליקער גוטע פריינט פאַראַן.

די פּנימער פון אַ רייע פריינט האָבן אויפגעבליצט אין זיין זכרון און צווישן זיי האָט צו אים אויך אַ שמייכל געטאָן מעריס בלאָנדער פּנים מיט די בלויע אויגן און אין זיינע אויערן האָבן אָפּגעקלונגען אירע לעצטע ווערטער, ביים געזעגענען זיך, אויף דער באַן־סטאַנציע.

— פאַר געזונט, קע־לע... גריס דיין מוטער און אויך דיין פריינט האָ־נאַ־ניך... מיר׳ן זיך נאָך זען... זיך נאָך טרעפן...

און אימיצער האָט אין אים פריידיק אָפּגעענטפערט:

— יאָ, מערי טייערע, מיר׳ן זיך נאָך זען... זיך נאָך טרעפן...

צוועלף שטאַרקע הענט האָבן נאָך אַמאָל געדרוקט זיין האַנט און אים נאָך אַמאָל געוואונטשן:

— פאַר געזונטערהייט, קע־לע, און לאָז פון זיך הערן!

— אַ דאַנק, חברים! כ׳וועל אייך זיכער שרייבן, דורך האָ־נאַ־ניך.

מונטער, מיטן רענצל אין האַנט, איז ער אַרויס אויפן וועג און זיך גע־לאָזט גיין באַרג אַראָפּ. פון דער לינקער זייט האָט אַ רייע פאַרביקע הייז־קעס, אַרומגערינגלטע מיט געדיכטע ביימער, אים נאָכגעשיקט אירע שמייכ־לען און גוט וואונטשן. פון רעכטס האָבן אים שטרענג באַגריסט אַ צאָל געל־רויטע בערג און אין אינדערמיט — האָט זיך אים אַנטקעגן געקייקלט אַ גאָלדענע זון, אַן איינגעהילטע אין איר פריי־מאַרגנדיקן הימל־בלויען מאַנטל.

לייכט און מונטער האָט קע־לע געשפּאַנט, זשעדנע אַריינציענדיק אין זיך די פרישע פרימאָרגן לופט און אים האָט זיך געוואָלט זינגען, זינגען אַזוי הויך, אַז די זון זאָל אים אַזש דערהערן און אויך וואַרפן אַן אַרויסרוף סיי דער אַלטער „קיוואָ" אין זיין הימישן, באַרגיקן דאָרף, אַזוי אויך — דער גאַנצער וועלט.

אָבער ערגעץ־וואו, טיף, טיף אין אים, אין אַ ווינקל פון זיין באַוואוסט־זיין, האָט געבלוטיקט אַ וואונד: די דערינערונג פון זיין טייערער, אַלטער „אינגע" (מוטער), וועמענס גאַנצע וועלט איז איצט אַזוי גרויזאַם צעשמע־טערט געוואָרן. ער האָט זי געזען פאַר זיך, ווי זי איז נעכטן אוונט געזעסן ביי דער טיר פון דער „קיוואָ": צוערשט אַ גליקלעכע, מיט שטראַלנדיקע בליקן, אַרומגערינגלט מיט די שכנים און זייערע קינדער, אַזאַ שטאָלצע מיט איר זון, וועלכער האָט זיך אַזוי העלדיש איינגעשטעלט פאַרן כבוד פון זיין פאָלק, דערנאָך אַ צעווייטאָקטע, אַ דערשלאָגענע מיט איר שאַנדע, אַ פאַר־לאָזענע פון אַלעמען.

אָבער וואָס האָט ער געקענט טאָן?... ער האָט קלאָר געפילט, אַז אין דער מענטשלעכער שפּראַך זיינען ניט געווען קיין ווערטער זי צו טרייסטן; אַז זי איז איצט אָפּגעריסן, אָפּגעפרעמדט פון אים, פונקט ווי דער גאַנצער דאָרף, פונקט ווי דער גאַנצער שבט...

ער איז אויך זיכער געווען, אַז די שכנים וועלן איצט נאָך פריינטלעכער זיין צו איר ווי פריער, אַז די צוויי הויכגעשטעלטע אָנקלס וועלן האַלטן זייער צוזאָג און זי באַזאָרגן מיט אַלץ וואָס ס'איז נויטיק צום לעבן און ער האָט אויך ניט געצווייפלט, אַז קיין געלט, אָדער אַן אַנדער מין הילף פון אים — וועט זי איצט ניט אָננעמען.

און ער האָט זי, אין דעם מאָמענט, קלאָר געזען זיצנדיק איינע אַליין, אין איר האַלב־פינצטערן צימערל, געזען זי, מיט איר פאַרשטיינערטן פּנים, צוגעבויגן איבער איר טייערן, רויטן, זיידענעם שאַל, די חתונה מתנה פון זיין טאַטן. געזען זי... צערייסנדיק זיינע בריוו, מעגלעך, צוזאַמען מיט די פינף־דאָלערדיקע, וועלכע ער פלעגט איר צושיקן יעדן חודש...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ שטיין, ביי דער זייט פון וועג, זיך אָוועק־געזעצט, פאַרדרייכערט אַ סיגאַרעט און שנעל, ווי איילנדיק זיך, אָפּגעווישט אַ טרער.

און באַלד האָט פון דער לינקער זייט וועג זיך דערטראָגן אַ שווערער רויש פון אַן אָנקומענדיקן לאַסט־וואָגן און איבער זייער זוניקער וויסטע האָט זיך אַ טראָג געטאָן אַ יונגע, שטאַרקע שטימע:

— קע־לע!... וואו ביסטו, ברודער קע־לע?!

קע־לע האָט זיך אויפגעהויבן פון שטיין, צוזאַמען מיט אַ טיפן זיפץ, אויך אַריינגעצויגן אין זיך אַ גאַנצע כוואַליע מיט בלוי־זוניקער לופט און זיך געלאָזט גיין אַנטקעגן דעם מונטערן רוף

דער אינדיאַנער זון

ווי אַלע יאָר פון זיין צוואַנציק יאָריקן פאַרהייראַטן לעבן, האָט פאָל לענסער, דער איינגנטימער פון איינעם פון די גרעסטע „דעפּאַרטמענט" קראָ־מען אין פיניקס, אַריזאָנאַ, אויך דעם הייַנטיקן זומער פאַרבראַכט זיין פיר וואָכנדיקע וואַקאַציע, צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע, אויף דעם מאַיאַנטעק פון זיינע רייכע שווער און שוויגער, נעבן אַלבּיוקוירק, ניו־מעקסיקאָ.

אַזוי איז שוין געווען פעסט איינגעשטעלט נאָך פונעם ערשטן יאָר פון זיין הייראַט. נעלי, פאָלס פרוי, האָט נאָך אין דער ערשטער וואָך פון זייער „האָניק־חודש" אין קאַליפאָרניע, אים איבערגעגעבן דעם פאָטערס בקשה, אַז די קינדער, דאָס מיינט זי מיט פאָלן, זאָלן יעדן זומער פאַרברענגען זייער פיר וואָכנדיקע וואַקאַציע ביי זיי אויפן „רענטש" (אויפן פאַרם). און פאָל האָט מיט פאַרגעניגן צוגעשטימט. און אַזוי האָט זיך עס איינגעשטעלט אויף גאַנצע צוואַנציק יאָר.

צו דער צייט פון זיין באַגעגעניש מיט נעלין, איז פאָל לענסער געווען זייער אַ שיינער, פינף־און־צוואַנציק יאָריקער בחור: זעקס פוס מיט דריי אינטשעס די הויך, מיט אַ לאַנגעכיקן פּנים, אַ שיינער, גלייכער נאָז, שוואַרצע האָר און טונקל־בלויע אויגן. לויטן כאַראַקטער איז ער געווען אַ האַרציקער, גוטמוטיקער בחור, אַביסל אַ צוריקגעצויגענער. צום לערנען האָט ער גע־האַט אַ קנאַפּן חשק און ענדיקנדיק די מיטל־שול, האָט ער גאַנץ פלייסיק גענומען אַרויסהעלפן דעם פאָטער אין זיין קליינער דרוקעריי. און כדי צו פאַרגרעסערן אַביסל די פאַרדינסטן, פלעגט ער אין די אָוונטן צואַרבעטן אַלס אַ פאַרקויפער ביי דעם אַלטן סעם באַרנשטיין אין זיין קליינעם „דע־פּאַרטמענט" קרעמל, וואו זיין שיינער אויסזען און עלעגאַנטע באַנעמונג האָבן זייער שטאַרק אויסגענומען ביים שיינעם געשלעכט.

זיינע צוויי הויפּט־ליידנשאַפטן זיינען געווען: ליבשאַפט צו דער נאַטור און אמתע פריינטשאַפט צו די אַרומיקע אינדיאַנער שבטים, בפרט צום „נעוועהאָ" שבט, אין וועמענס „רעזערוואַציע" ער פלעגט אָפט פאַרברענגען וואָכן לאַנג, און וואו ער האָט פאַרמאָגט אַ היפּשע צאָל גוטע פריינט. און יעדעס מאָל, ווען זיין געלט פלעגט אים אויסגיין, פלעגט ער צוריקקומען אַהיים און זיך ווידער נעמען צו זיינע צוויי פּרנסות: בייטאָג אַרבעטן ביים פאָטער אין דער דרוקעריי און אין די אָוונטן — ביי מיסטער סעם באַרענ־שטיינען אין קראָם. אָנזאַמלענדיק אַביסל געלט, פלעגט ער ווידער פאַר־פאַלן ווערן אויף אַ פּאָר חדשים אויף דער נעוועהאָ רעזערוואַציע און פאַר־בלייבן דאָרטן אַזוי לאַנג, ביז דאָס געלט פלעגט ווידער אַמאָל אויסגיין.

פאַרשטענדלעך, אַז דעם זונס אַרט לעבן האָט ווייניק וואָס פאַרגעניגן פאַרשאַפן זיינע עלטערן און יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט אַהיים קומען פון דער „רעזערוואַציע״, האָבן ביידע, סיי דער פאָטער, אַזוי אויך די מוטער, אים ניט אויפגעהערט פאַרוואַרפן זיין זייער ניט קיין תכליתדיקן אַרט לעבן, בפרט די פריינטלעכע באַציאונגען מיט די „ווילדע און שמוציקע״ אינדיאַנער.

פאָל פלעגט זיי גוטמוטיק אויסהערן, צוזאָגן, אַביסל שפּעטער, צו נעמען אין אַנבאַטראַכט זייערע גוטע, קלוגע וואונטשן, אָבער פאַרגעזעצט זיינע פריינטלעכע באַציאונגען מיט זיינע אינדיאַנער.

אין איינעם פון זיינע אַרבעט־פּעריאָדן אין שטאָט, ווען ער איז צוריקגעקומען נאָך זייער אַ לאַנגן פאַרברענגען אין דער „רעזערוואַציע״, האָט ער זיך אין אַן אָוונט, טאַקע ביי דער אַרבעט ביי באַרענשטיינען אין קראָם, זיך געטראָפן מיט דער רייכער נעלי מעק'פאַדען, וועלכע איז געקומען פון דער שטאָט אַלבּיוקוירק צוגאַסט צו אירער אַ טאַנטע קיין פיניקס. פאָל איז איר זייער שטאַרק געפעלן און זי האָט, דורך אַ פריינדינע, וועלכע האָט גוט געקענט פאָלן, אַראַנזשירט זיך ווידער צו טרעפן מיט אים, טאַקע ביי דער זעלבער פריינדינע אין הויז, צו דער פייערונג פון יענערס געבורטסטאָג.

נעלי אַליין איז אויך געווען אַ שלאַנקע, רייצנדיקע ברונעטקע, אויף וועלכער צענדליקער בחורים האָבן אויסגעקוקט זייערע אויגן, סיי צוליב איר אייגענער שיינקייט, אַזוי אויך צוליב איר זייער רייכן פאָטער, איינעם פון די גרעסטע לאַנד און שאָף־באַזיצער אין ניו־מעקסיקאָ.

ס'איז געווען, ווי מען זאָגט, אַ ליבע פון ביידע זייטן, פונעם ערשטן בליק. און נעלי, אַן ענערגישע פון דער נאַטור, האָט ניט פאַרלוירן אומזיסט קיין צייט: זי האָט זיך נאָך די זעלבע וואָך באַקענט מיט פאָלס עלטערן, וועלכע זיינען, פאַרשטענדלעך, גליקלעך געווען זי צו האָבן פאַר אַ שנור און זי האָט אויך גלייך אָנגעשריבן אַ זייער הייסן בריוו צו אירע עלטערן, אָנזאָגנדיק זיי די גוטע בשורה, אַז זי האָט שוין, ענדלעך, געפונען איר באַשערטן.

מיט אַ וואָך שפּעטער איז נעלי, אַ שיינענדיקע פון גליק, אָפּגעפאָרן אַהיים, אָפּמאַכנדיק מיט פאָלן, אַז ער זאָל גלייך, ווי נאָר ער וועט קריגן איר טעלעגראַמע, קומען זיך באַקענען מיט אירע עלטערן. אויך פאָל האָט, ווי נאָר זי איז אַוועקגעפאָרן, דערקלערט זיינע עלטערן, אַז ער מוז, אויף אַ פּאָר טעג בלויז, אָפּפאָרן צו זיינע אינדיאַנער און זיך געזעגענען מיט זיינע אַלטע פריינט, מיט וועלכע ער וועט מעגלעך זיך שוין קיינמאָל מער ניט טרעפן. די עלטערן האָבן, ניט ווילנדיק, צוגעשטימט און אים ניט אויפגעהערט צו דערמאָנען, אַז ער מוז גלייך קומען צוריק, ווייל נעלי קאָן אים

יעדן טאָג אַרויסרופן און זיי זיינען ניט מיד געוואָרן איבערצו׳חזר׳ן, אַז אַזאַ גליק קען פּאַסירן בלויז איינמאָל אין טויזנט יאָר.

אין דער נעוועהאָ רעזערוואַציע איז פאָל אַרויסגעפאָרן גאַנץ פרי, אויפן צווייטן טאָג נאָך טעליס אָפּפאָרן אַהיים. זיינע עלטערן האָבן גערעכנט, אַז ער וועט דאָרטן פאַרבלייבן אַמווייניקסטן אַ צוויי טעג, און גרויס איז געווען זייער פרייד, ווען זיי האָבן אינמיטן נאַכט, פון דעם זעלבן טאָג, דערהערט זיין אַריינקומען אין הויז. אָבער זייער פרייד האָט זיך גלייך פאַרביטן מיט שרעק, ווען זיי האָבן אַ קוק געטאָן אויף אים: ער איז געווען בלייך ווי קאַלך, די אויגן געשוואָלן פון טרערן, זיין הויכע פיגור איז געווען ווי איינגעבראָכן און ער האָט קוים געקענט איינהאַלטן דעם נערוועזן קלאַפּן פון די ציין.

און ווען די עלטערן זיינען צוגעשטאַנען צו אים מיט זייערע פראַגן, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אים, איז ער זיך מודה געווען, אַז ער האָט אין דער רעזערוואַציע אַ פרוי, אַ אינדיאַנערין, וועלכע האָט, מיט אַ וואָך צוריק, געבוירן אַ קינד, אַ וואונדערלעך, שיין יינגעלע... אויך, אַז ער האָט קיין מוט ניט געהאַט איר און דעם פאָטער אירן צו דערציילן דעם אמת, אַז ער איז איצט פאַרליבט אין אַ צווייטער און קלייבט זיך מיט יענער חתונה צו האָבן... ער האָט זיי אין דער רעזערוואַציע דערציילט, אַז ער מוז גלייך צוריקפאָרן אין שטאָט, ווייל דער פאָטער האָט אַריינגעקראָגן אין זיין דרור־קעריי אַ גרויסע, זייער וויכטיקע באַשטעלונג, וועלכע מוז גלייך געמאַכט ווערן...

די עלטערן האָבן שווייגנדיק אים אויסגעהערט, זיך האַלטנדיק אין איין איבערקוקן מיט שטומע בליקן, פולע אי מיט זאָרג, אי מיט אַ געהיימער פרייד. דערנאָך האָבן זיי אים, ווי אין קינדערשע יאָרן, זיך געהאָלפן אויס־טאָן, געגעבן אַ האַלבע גלאָז שנאַפּס, אים גוט איינגעדעקט און אים געפרואווט פאַרזיכערן, אַז די זאַך איז ניט אַזוי שרעקלעך, ווי אים דאַכט זיך עס איצט אויס, אַז עס געשעען אַזעלכע זאַכן און אַז זיי וועלן זיך שוין מאָרגן גענויער דורכשמועסן.

און פאָל האָט, איינשלאָפנדיק, געהאַלטן אין איין איבער׳חזר׳ן, אַז ער האָט זייער מיאוס געהאַנדלט און וועט מאָרגן אינדערפרי גלייך צוריק אַוועק־פאָרן אין דער רעזערוואַציע און וועט שוין דאָרטן אויף שטענדיק פאַרבלייבן.

אַ גאַנצע נאַכט זיינען פאָלס עלטערן געזעסן אין קיך ביים טיש, געטרונ־קען איין טאס קאַווע נאָך דער צווייטער און געזוכט וועגן ווי אַזוי אַרויס־צופלאָנטערן זייער זון פון דער געשאַפענער לאַגע.

דער גאַנצער צווייטער טאָג איז אויך פאַריבער אין אומענדלעכע רייד און אפילו טרערן פון טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן מיט אַלע מיטלען געפרואווט

איבערצייגן פֿאַלן, אַז די זאַך איז ניט אַזוי שרעקלעך ווי אים דאַכט זיך עס איצט אויס, אַז הונדערטער ווייסע מיידלעך געבווירן אַלע יאָר אומגעזעצלעכע קינדער און דאָס שאַדט זיי, לחלוטין, ניט שפּעטער חתונה צו האָבן און פֿירן אַ גליקלעכן פֿאַמיליע־לעבן, בפֿרט נאָך ווען עס האַנדלט זיך וועגן אינדיאַנער, וועמענס מאָראַל באַגריפֿן זיינען ווייט ניט אויף קיין צו הויכן צושטאַנד... און ווי קען עס אים אפֿילו קומען אויפֿן געדאַנק אַזאַ נאַרישקייט, ווי גיין זיך באַזעצן אין דער שמוציקער רעזערוואַציע אין דער צייט, וואָס ער אַליין איז פֿאַרליבט אין אַ ווייסער, זייער אַ שיינער און רייכער מיידל, וועלכע איז אויך וואַנזיניק אין אים פֿאַרליבט? און... ווער ווייסט? זי קען זיך נאָך דאָס לעבן נעמען... אויך זיין צווייטער פּלאַן — וועגן אַריבערברענגען די אינדיאַנערין מיטן קינד אַהער — איז אַ לויטער משוגעת: ניט זיי וועלן זיך קענען איינלעבן צווישן די ווייסע, ניט די ווייסע מענטשן מיט זיי... ער האָט ריכטיק געהאַנדלט ניט דערציילנדיק די אינדיאַנער וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, און ער מוז, איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל, אַרויסשלאָגן זיך פֿון קאָפּ זיינע נאַרישע פּלענער... מיט איין זאַך האָבן זיי אָבער איינגעשטימט מיט אים: ער דאַרף דער אינדיאַנערין מיט איר קינד אַרויסהעלפֿן מיט געלט. און געלט, האָבן זיי געהאָפֿט, וועט אים שפּעטער זיכער ניט פֿעלן... טאָ זאָל ער אויפֿגעבן די נאַרישע געדאַנקען און זיך בעסער נעמען פֿאַרטיק מאַכן אין וועג אַריין: נעלי קאָן אים יעדן טאָג אַ רוף טאָן.

און זעענדיק, אַז פּאָל הערט נאָך אַלץ ניט אויף אַרומצושפּאַנען אַ צעוויטיקטער איבערן הויז, האָבן די עלטערן אַריינגערופֿן פּאָלס אינטימסטן פֿריינט און אים דערציילט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ. און יענער האָט פֿאָלקאָמען באַשטעטיקט די לאָגישקייט פֿון די עלטערנס טענות און זיך דערביי אויך מודה געווען, אַז אין צייט פֿון זיין מיליטערישער דינסט אין די האַוואַיען אינדזלען, האָט ער אויך דאָרטן געהאַט אַ געליבטע, אַ שיינע האַוואַיער מיידל... און ווער ווייסט?... אפֿשר איז דאָרטן... געווען אויך אַ קינד... ס׳איז אים אָבער קיינמאָל אפֿילו ניט איינגעפֿאַלן אין געדאַנק צו ברענגען זי אַהער... און פּאָל ווייסט, אַז ער לעבט איצט זייער גליקלעך מיט זיין פֿרוי... האָט צוויי קינדער און פֿירט אַן אָנשטענדיקן לעבן...

דעם לעצטן צו הילף האָט פּאָלס פֿאָטער איינגעלאַדן זייער גלח. אויך ער האָט, אמת, מיט גאָר אַנדערע ווערטער, איבערגע׳חזר׳ט די עלטערנס אַרגומענטן. ער האָט אָבער די גאַנצע צייט ניט אויפֿגעהערט שטאַרק צו שטראָפֿן פּאָלן פֿאַר זיינע פֿאַרבינדונגען מיט דער אינדיאַנישער מיידל און שטאַרק אונטערשטראָכן, אַז עס איז זיין הייליקער חוב אַרויסצוהעלפֿן דער אינדיאַנערין מיטן קינד מיט וויפֿל ער וועט נאָר קענען, אַז דאָס געזונטסטע און לאָגישסטע סיי פֿאַר אים, פּאָלן, אַזוי אויך פֿאַר איר איז, אַז זיי זאָלן זיך מער ניט טרעפֿן...

דעם גלח רייד זיינען געווען די לעצטע וואָג, וואָס האָט אַריבערגעצויגן דאָס ציינגל פון דער וואָגשאָל. פּאָל האָט טאַקע גלייך אָנגעשריבן אַ בריוול צום אייגנטימער פונעם „טרעידינג פּאָסט“ אין דער רעזערוואַציע, מיסטער גולדן, וועלכער האָט פּערזענלעך גוט געקאָנט ני־זע־ניז, אויך דעם פּאָטער אירן — קלע־האַ־נאַ־ניז און אים געבעטן איבערצוגעבן איינעם פון זיי דעם הונדערט דאָלערדיקן טשעק, וועלכן פּאָלס פּאָטער האָט גלייך אויסגעמאַכט. ער האָט אים אויך געלאָזט וויסן, אַז צוליב געוויסע סיבות, וועט ער זיך שוין מער ניט צוריקקערן אין דער רעזערוואַציע און אים אויך זייער געבעטן אים, פּאָלן, גלייך צו לאָזן וויסן, ווען נאָר דער פּאָטער מיט דער טאָכטער וועלן זיך געפינען אין אַ שלעכטער, מאַטעריעלער לאַגע.

און אַזוי איז עס געבליבן: צום סוף וואָך האָט פּאָל געקראָגן די דער־וואַרטעטע טעלעגראַמע און מיט אַ טאָג שפּעטער איז ער שוין, אַ היפּשלעך באַרואיקטער, אַרויסגעפאָרן קיין אַלביוקוירק, זיך צו באַקענען מיט נעליס רייכע עלטערן. — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נעליס עלטערן, וועלכע האָבן גראָדע געטרוימט צו קריגן פאַר זייער איינציקן קינד אַ מער אָנגעזעענעם שדוך, ווי אַ זון פון אַן אָרעמען דרוקער, האָבן זיך אָבער געמוזט בויגן און נאָכגעבן דער שטערבלעך פאַרליבטער טאָכטער. האָט מען אין גיכן געפראַוועט גאָר אַ רייכע חתונה: צוערשט, ווי עס פירט זיך, אין אַ קלויסטער, דערנאָך אינעם רייכסטן האָטעל אין שטאָט און דאָס גליקלעכע יונגע פּאָרל איז גלייך פון דעם זאַל אַוועק אויף זייער „האָניק־חודש“ קיין קאַליפאָרניע.

מיט אַ פּאָר טעג פאַר דער חתונה איז טאַם מעק׳פאַדען, פּאָלס צוקונפ־טיקער שווער, אַליין אַראָפּגעקומען קיין פיניקס און אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט פּאָלן און מיסטער סעם באָרענשטיינען, אין וועמענס קראָם פּאָל פלעגט אַרבעטן אין די אָוונטן. און אַזוי ווי פּאָל האָט געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג צו קרעמעריי, איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצוקויפן די קראָם ביי באָרענשטיינען און טאַקע מיט זיין הילף זי צו פאַרוואַנדלען אין איינער פון די גרעסטע „דעפּאַרטמענט“ קראָמען אין שטאָט.

און אַזוי ווי זועגן קיין געלט איז קיין מניעה ניט געווען, איז צו דער צייט, ווען דאָס יונגע פּאָרל איז צוריקגעקומען פון זייער ליבעס רייזע, איז די אַרבעט פון שאַפן די נייע קראָם שוין געווען אין פולן שוואונג. פאַרשטענד־לעך, אַז זייער גליקלעך זיינען אויך געווען פּאָלס עלטערן: די מוטער איז אַזש קראַנק געוואָרן פון שמחה און דער פאָטער האָט טאַקע גלייך פאַרקויפט זיין דרוקעריי און שפּעטער געקראָגן אַ שטעלע ביים זון אין קראָם.

און אַזוי אַרום איז דער יונגער, שיינער פּאָל לענסער, צו זיינע זעקס־

און־צוואַנציק יאָריקן געבורטסטאָג, געוואָרן דער איינגט־מער פון אַ גרויסער קראָם און זיין פאַמיליע לעבן האָט אַ שווער געטאָן אויף אַ וויכן, זאָרגלאָזן וועג. זייער ערשטע פיר־וואָכיקע זומער־וואַקאַציע האָבן זיי, לויטן אָפּמאַך, פאַרבראַכט ביי שווער און שוויגער, אין זייער רחבותדיקער היים, נעבן אַלביוקוירק, און צו דער צייט פון זייער צווייטער וואַקאַציע, האָט דאָס יונגע פּאָרל שוין מיטגעבראַכט מיט זיך זייער ערשט קינד: אַ שיין, געראָטן מיידעלע, וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן — פלאָרענס.

און אַלעמענס פרייד איז זייער גרויס געווען און די יאָרן האָבן זיך ווייטער זייער ווייך געצומען קייקלען פאָראויס און צום גרויסן יום־טוב פון פאָלס און געליס צען יאָריקער חתונה, האָבן זיך שוין פיר קינדער, פיר מיידלעך, אַלע שיינע און געראָטענע, זיך באַוועגט און געטומלט אין, סיי דעם רייכן הויז פון זייערע עלטערן אין פיניקס און נאָך מער — אויף די פרייע לאָנקעס פונעם זיידנס און דער באָבעס מאַיאָנטעק, אין צייט פון זייער וואַקאַציע.

אָבער צו אַלעמענס פרייד האָט, איינצייטיק, זיך אויך צוגעמישט אַ לייכטער באַדויער, וואָס צווישן די פיר מיידלעך האָט זיך אויך ניט אַריינגעכאַפּט קיין איינציקער בחור. מען האָט נאָך אָבער געהאָפט, אַז עס איז ניט צו שפעט, אַז דאָס קומענדיקע קינד וועט זיין אַ אינגל, אָדער אפילו צוויי און אַזוי אַרום פאַרפולן דעם בעכער גליק פון דער גאַנצער משפחה.

און די יאָרן האָבן פאָרגעזעצט זייער לויף און גרויס איז געווען, צוערשט אַלעמענס שרעק, דערנאָך — באַדויער, ווען נעלי איז פלוצלונג קראַנק געוואָרן און די דאָקטוירים האָבן, נאָך אַן אָפּעראַציע, דערקלערט, אַז מער קיין קינדער וועט זי שוין ניט קענען האָבן. און אַזוי איז מיטאַמאָל פאַרשווינדן אַלעמענס טרוים: וועגן גאָר אַן אייגענעם יאַטל אין דער משפחה, וועגן אַ זון, אַ יורש.

און די קינדער זיינען געוואָקסן און אַלעמען פאַרשאַפן גרויס נחת. און טרייבנדיק די מאַשין צום שווער און שוויגער אויף זייער יערלעכער וואַקאַציע, דערנאָך פאָרנדיק צוריק אַהיים, האָט פאָל זיך באַמיט וואָס שנעלער דורכצופאָרן די אינדיאַנישע רעזערוואַציעס און זיך אַלץ געהאַלטן אין איינקוקן אין די פנימער פון די נעוועהאָ אינדיאַנער, וועלכע מען האָט אָפט באַגעגנט אויפן וועג, פאָרנדיק אין זייערע הויך־רעדערדיקע וועגענער, אָדער רייטנדיק אויף פערד.

און סיי נעלי, אַזוי אויך די צוויי עלטערע טעכטער פלעגן באַמערקן דעם פאָטערס אומרו, אָבער עס צוגעשריבן צו זיין זאָרג וועגן זיי אויף אָט די אָפט פוסטע וועגן פון דער נעוועהאָ רעזערוואַציע און האָבן אים, ניט איין מאָל, געפרואווט באַרואיקן, אַז זיי האָבן קיין מורא ניט, אַז די נעוועהאָס זיינען

ניט געפערלעכער פון די שלומדיקע „האָפּיס“, אָדער פון די אַנדערע אַרומיקע, אינדיאַנער שבטים.

פּאָל פלעגט דאַן מאַכן אַ פריילעך פּנים, זיי פאַרזיכערן, אַז עס דאַכט זיך זיי בלויז אויס, פרובירן אפילו אויסצופייפן אַ ניגון, אָבער ער האָט געפילט, אַז זיין אומרו פאַרשווינדט אינגאַנצן בלויז דאַן, ווען די גרופּעס צעוואָרפענע „האָגאַנען“ (הייזלעך) פונעם נעוועהאָ שבט ווערן ווי אַנטרונען הינטער אים, און פאַר זיינע אויגן גיט זיך אַ שפּרייט־אויס דער ברייטער, אַספאַלטענער וועג קיין אַלביוקוירק אָדער צוריק אַהיים, קיין פיניקס.

און איינמאָל איז, פאָרנדיק צוריק אַהיים פון שווער און שוויגער, געשען מיט זיי אַביסל אַ טשיקאַווע געשיכטע: אינמיטן וועג האָט זיי פאַרכאַפּט אַ שטאַרקער שלאַקס־רעגן, וועמענס שנעל־לויפנדיקע וואַסערן האָבן אין איינעם מיט זאַמד. און אין איינעם פון זיי האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט ניקע פלעצער, בפרט אויף שמאָלע, ניט בראַקירטע וועגן, אָנגעטראָגן גאַנץ היפּשע בערג מיט זאַמד. און אין איינעם פון זיי האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט די רעדער פון פּאָלס אָטאָמאָביל.

נאָך אַרום אַ האַלבער שעה פון מאַטערן זיך און פּרובירן זיך אַליין אַרויסצודרייען פונעם זאַמד, האָט פּאָל געמוזט אַרויסגיין פונעם מאַשין און זיך ווענדן נאָך הילף צו אַ גרופּע פון פיר נעוועהאָ רייטער, וועלכע זיינען אין יענער צייט פאַרבייגעפאָרן. און צו נעליס און די קינדערס פאַרוואונדערונג האָט ער זיך, אמת, ניט זייער פלייסיק, אָבער דאָך גאַנץ שנעל צוזאַמענגערעדט מיט די רייטער און געבעטן זייער הילף.

יענע זיינען פלינק אַראָפּ פון די פערד, אָנגעבראָכן, פון ביידע זייטן וועג, אַביסל צווייגן, אָנגעריסן אַביסל גראָז, עס אונטערגעלייגט אונטער די רעדער, אויך צוגעלייגט זייערע אַקסלען און לייכט אַרויפגעשטויסן די מאַשין אויפן גלאַטן וועג.

פּאָל האָט זיי באַדאַנקט, טאַקע אין זייער שפּראַך, און באַלוינט זיי מיט פינף דאָלער. ווייזט אויס, זייער צופרידענע, זיינען זיי צוריק אַרויף אויף די פערד און, אָפּפאָרנדיק, האָט יעדער איינער פון זיי אים אַ פריינטלעכן זאָג געטאָן: „אַה־שהע־הע!“ (אַ דאַנק) און ער האָט, זעט אויס, אויך זייער אַ צופרידענער, זיי אָפּגעענטפערט מיט אַ קלאַנג, ווי פון אונטערן צונג, זייער אַ ענלעכן צו: „לאָ־לאָ!“ (ניטאָ פאַר וואָס).

די נעוועהאָס זיינען שנעל אָפּגעפאָרן און פּאָל האָט זיי, אַ ווײַלע, נאָכגעקוקט מיט פאַרטראַכטע בליקן.

— זעסט, פּאָטער, — האָבן די צוויי עלטערע טעכטער געלאַכט, — די נעוועהאָס זיינען, נאָך אַלע שלעכטע קלאַנגען אויף זייער חשבון, גאָרניט אַזעלכע געפערלעכע מענטשן, ווי דו האָסט געדענקט וועגן זיי!

און נעלי האָט זיך געחידושט:

— ווי קומט צו דיר דאָס ביסל נעווּעהאָ שפּראַך? איך וואָלט זיך די צונג צעבראָכן און אַלץ ניט געקענט אַרויסציען פון זיך אַזעלכע מאָדנע קלאַנגען.

ער האָט איר געענטפערט מיט אַ געצוואונגענעם געלעכטער:

— דו ווייסט דאָך... זיי קומען אָפט אַריין אין קראָם און אפילו ניט ווילנדיק כאַפּט מען אויף אַ צאָל ווערטער...

— איך וואָלט עס ניט געקענט באַווייזן! — איז נעלי זיכער געווען.

— מעגלעך! — האָט ער, פאַרטראַכט, צוגעגעבן, — גאַנץ מעגלעך...

— —

פּאַסירט האָט עס פּונקט אויפן צוואַנציקסטן יאָר נאָך זיין חתונה, דעם אַכטצנטן אויגוסט, ווען ער איז צוריקגעפאָרן פון די שווער און שוויגער אַהיים. געפאָרן איז ער דעם מאָל איינער אַליין. דעם ערשטן מאָל אַליין, אין צוואַנציק יאָר, אויף אָט־די אַזעלכע גוט באַקאַנטע וועגן, צווישן די נעווּעהאָ־און האָפּי־רעזערוואַציעס.

די סיבה פון זיין פאָרן אַליין איז געווען אַ פאַרקילונג פון זיין אינגסטער טאָכטער. דער דאָקטער האָט געראָטן זי ניט צו פירן אַהיים ביז איר, אמת, ניט זייער הויכע טעמפּעראַטור וועט ניט אינגאַנצן פאַרשווינדן. פאַרשטענדלעך, אַז נעלי האָט באַשלאָסן צו בלייבן מיט דער טאָכטער און, איינציייטיק, האָבן שוין אויך די איבעריקע דריי שוועסטער אויסגעדריקט זייער פאַרלאַנג צו בלייבן מיט דער מוטער.

דערוויסנדיק זיך, אַז אים וועט דעם מאָל אויסקומען צו פאָרן אַהיים אַליין, האָט פּאַלן אַרומגעכאַפּט אַ שרעק, אַ שרעק געמישט, ערגעץ־וואו אין דער טיפעניש פון אים, מיט אַ געהיימער פרייד. אַ דריבנער ציטער האָט זיך ווי אַ יאָג געטאָן דורך זיין רוקן־ביין און איבערגעלאָזט יעדן מוסקול פון זיין קערפּער אין אַ צושטאַנד פון אַ מין בערוועזער דערוואַרטונג פון אַ פּאַסירונג, וואָס מוז אומפאַרמיידלעך געשען.

און ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער כאַראַקטער, דער סאַמע תוך פון דער צוקונפטיקער פּאַסירונג איז פאַר אים אַליין ניט אינגאַנצן קלאָר געווען, האָט ער דאָך, כמעט ווי באַשטימט געפילט, אַז אָט־די פּאַסירונג האָט, אין לויף פון די צוואַנציק יאָר פון זיין פאַרהייראַטן לעבן, געדולדיק, ווי געוואַרט אויף אים אויף אָט־די אַלע אַרומיקע וועגן און שטעגן, געוואַרט אַ זיכערע, אַז ער וועט אין איין טאָג אָדער נאַכט מוזן קומען אַהער און זיך טרעפן מיט איר...

— איז ווי־זשע, טייערער מיינער, וועט מאָרגן זיין? — האָט אים נעלי אַ פרעג געטאָן ביים עסן אָונט־ברויט.

— זייער פשוט, — האָט ער געענטפערט מיט אַ געמאַכטער רואיקייט.

— איך וועל אַרויספאָרן מאָרגן אין דער פרי אין אונדזער געווינלעכער

צייט... פאַראַן אין קראָם אַ צאָל וויכטיקע ענינים צו דערלייִדיקן... אַנ־דערש וואָלט איך אַליין נאָך אויך פאַרבליבן דאָ אויף אַ טאָג אָדער צוויי...

— ער האָט זיך ווי פאַרטראַכט אויף אַ ווײַלע און פאַרגעזעצט: — איך וועל שוין זען אַזוי אויספּלאַנירן די צייט, אַז איך זאָל קענען צוריקקומען אַהער פרייטיק אין דער פרי, אָנשטאָט שבת... וועלן מיר דאָ פאַרברענגען גאַנצע דריי טעג... — ער האָט געקוקט אויף דער פרוי, וואַרטנדיק אויף איר ענטפער און אימיצער האָט אין אים זיך ווי געשראָקן: „נו, און וואָס אויב זי וועט זיך באַרעכענען און וועלן מיטפאָרן?!...“

זי האָט זיך אָבער ניט באַרעכנט, אפילו דעם מינדסטן באַגריף ניט גע־האַט, וואָס אין אים קומט פאָר און אַ צופרידענע צוגעשטימט:

— איך דענק, אַז דיין פּלאַן איז זייער אַ גוטער. פאָר און קום וואָס שנעלער צוריק.

ער איז אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. אַ גאַנצע נאַכט געפילט פונקט ווי ער וואָלט געלעגן אַ צעשניטענער אין צווייען, אָדער גאָר ווי עפּעס אַ צוויי־טער נפש וואָלט אין אים געלעגן, זיך געהאַלטן אין איין רייצן מיט אים, זעגן עפּעס דערמאָנען און ניט דערזאָגן, אָנצופאַנגען עפּעס צו דערציילן און ניט פאַרענדיקן.

אַ פאָר מאָל דורך דער נאַכט האָט אים אַרומגעכאַפּט אַזאַ מין שטאַרקע ציטערניש, אַז ער האָט געמוזט מיט אַלע כוחות פאַרשטשימען די ציין, די פרוי זאָל, אין צווייטן בעט, ניט דערהערן זייער קלאַפּן.

און צום פרימאָרגן, ווען אים איז ענדלעך שוין געלונגען איינצושלאָפן, האָבן אַ רייע בילדער פון זיין אַמאָל, איינע נאָך דער אַנדערער, גענומען ווי אויפלויכטן אין זיין דמיון:

...אַ הייסער זומער טאָג... ער יאָגט זיך אויף זיין ברוינעם פערד איבערן שמאָלן, שטויביקן וועג פונעם „קעניאָן־דע־טשעלי“... די ריזיק־הויכע שטיינערנע ווענט פונעם שמאָלן טאָל, ווי איינגעטונקענע אין בלו־טיקן רוים און העלן געל, יאָגן זיך אים ווי נאָך פון זיינע ביידע זייטן... ער קוקט זיך אָנגעשטרענגט איין אין דער וויט און באַלד אַנטפּלעקט זיך פאַר אים אַ היפּש, מיט גראָז־באַוואָקסן בערגל, אַ טשערעדע ווייסע שאָף און אַ געדיכט וועלדל אויפן סאַמע שפּיץ פון בערגל... ער בויגט זיך אומ־געדולדיק צו צום האַלדז פון פערד, גיט אַ הילכיקן פייף און דאָס פערד, ווי עס וואָלט פאַרשטאַנען זיין ווּאונטש, גיט זיך אַ אימפּעטדיקן ריס פאָר־אויס...

...און אָט זעט ער שוין קלאָר, ווי פונעם גראָז, אונטער אַ בוים, הויבט זיך פלינק אויף אַ שלאַנקע מיידלשע פיגור און גייט אים אַנטקעגן... זיין האַרץ ברויזט אויף אין ברוסט... אָ, ווי שטאַרק ער האָט זי ליב! ווי

קלאָר ער זעט זי איצט, אַפילו פונדערווייטנס: זי איז עטוואָס העכער פון מיטעלן וואוקס, איר קיילעכדיקער פּנים איז כמעט ווי ווייס, בלויז פון אונ־טער דער הויט שיינט דורך אַ לייכטע, רויטלעכע ברוינקייט... איר שיין, גלייך נעזל פּלאַטערט און לאַכט צווישן צוויי טיפע חן־גריבלעך און דעם פינקל פון אירע שוואַרצע אויגן...

...איצט לויפט זי אים שוין אַנטקעגן: פּאַכעט אין דער לופטן מיט בײדע הענט און איר געל־ סאַמעטן קאַפּטל, צוזאַמען מיטן רויטן, געדיכט געפּאַלדעוועטן קליידל — פלאַטערן ווי צוויי העלע פאַנען... ער זעט אַפילו קלאָר אירע פינקלענדיקע האַלדז־בענדער, באַפּוצטע מיט בלוי־גרינע טויר־קויז שטיינער און העל־רויטע קאָראַלן...

...און ער טראַכט נחתדיק, אַז דאָס האָט זי זיך היינט אַזוי אויסגעפּוצט צוליב אים... צוליב זיין קומען... ער שפּרינגט אַראָפּ פונעם פערד, נאָך איידער עס שטעלט זיך איינגאַנצן אָפּ, און כאַפּט זי אַריין אין זיינע אָרעמס:

— אַ, ני־זע־ני!... טייערע מיידל מיינע!

— מיין פּאָל! — זאָגט זי שטיל, זיך טוליענדיק צו אים, — כ'האָב אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך דיר!

זייערע ליפּן גיסן זיך צוזאַמען און לאַנג נאָך שטייען זיי אַזוי, פעסט צוגעדריקטע איינער צום צווייטן. אַ פּאָר לעמעלעך טיילן זיך אָפּ פון דער סטאַדע, קומען שטיל צו צו זיי, און בלייבן שטיין באַוועגלאָז, ניט אַראָפּ־נעמענדיק פון זיי זייערע מילדע אויגן.

פּאָל שלאָפט און נאָך אַ בילד לעבט־אויף אין זיין צעהיצטן זכרון:

...אַן אָוונט אַרום אַ פייער, נעבן זייער „האָגאַן" (הייזל). זיי זיצן אין דרייען: ער, ני־זע־ני און איר פאָטער: קלע־האַ־נאַ־ני. ער, דער פאָטער אירער, איז נאָך קיין זעכציק יאָר ניט אַלט, אָבער דער טויט פון זיין פרוי מיט צוויי קינדער, וועלכע זיינען, מיט אַ יאָר צוריק, געשטאָרבן פון עפּעס אַן עפּידעמיע, האָט אים אַביסל ווי דערשלאָגן. ער שווייגט אַממערסטן, אָבער פּאָל ווייסט אויף זיכער, אַז דעם פאָטער געפעלט זייער ניט, וואָס זיין איינ־ציקע טאָכטער פירט אַ ליבע מיט אַ ווייסן מאַן. ער איז זיכער, אַז פּאָל וועט זי, פריער אָדער שפּעטער, פאַרלאָזן און חתונה האָבן מיט אַ ווייסער פרוי, פּונקט ווי אַ צאָל אַנדערע האָבן עס, פאַר אים, געטאָן. ער שווייגט אָבער, דער אַלטער, שווייגט, ניט וועלנדיק ערגערן זיין איינציקע קינד...

...עס שווייגט אויך דער שכן זייערער: נאַר־באַ־נאַ, זייער נאָענטסטער פריינט. ער האָט אויך, אין צייט פון דער לעצטער עפּידעמיע, פאַרלאָרן זיין יונגע פרוי און זייער איינציק קינד... ער האָט זייער שטאַרק ליב ני־זע־ני און ער טראַכט אָפט, אַז ווען ניט דער ווייסער, שיינער בחור, מיטן נאָמען פּאָל, וואָלט ני־זע־ני, זיכער געקענט ווערן זיין פרוי... אמת, זי איז אַ געלערנטע, האָט גאַנצע פיר יאָר באַזוכט די „איינדזשענסי" שול, זי שרייבט, רעדט און לייענט זייער פּליסיק ענגליש, בעת ער איז אַפילו קיין פולן יאָר

אין שול אַריין ניט געגאַנגען, אָבער דאָס, איז ער זיכער, וואָלט קיין אָפּשטעל ניט געווען, ווען ניט אָט דער פּאָל... אָבער קיין געדאַנק וועגן אים עפּעס שלעכטס טאָן, קומט אים קיינמאָל ניט אין מוח. פּונקט ווי ני־זע־ניס פֿאָטער, דענקט ער אויך, אַז אין איין שיינעם טאָג וועט דער ווייסער פּאָל אַוועק און זיך שוין ניט אומקערן מער צוריק... טוט אים, אין פֿאַראויס, ווי דאָס האַרץ פֿאַר ני־זע־ניס ליידן, און ער טרייסט זיך אַליין, אַז ער וועט געדולדיק וואַרטן אויפֿן סוף און וועט דערנאָך געטריי אַכטונג געבן סיי אויף איר אַליין, אַזוי אויך אויף זיין פריינט — קלע־האָ־נאַ־בין...

זיצט ער אָפט אַליין פֿאַר זיין איינזאַמען פייער און אַמאָל, אַממערסטן, ווען פּאָל איז אין פיניקס, לאַדט אים ני־זע־ני אין צו זייער „האָגאַן“. זיצט ער און רעדט שטיל מיטן פֿאָטער וועגן טאָכטער און טאָג־טעגלעכע ענינים און אין מוח פלאָנטערט זיך אים איינער און דער זעלבער געדאַנק: „איך ווינטש דיר ניט קיין שלעכטס, ני־זע־ני, טייערע... אָבער איך וועל וואַרטן... און אויב עס וועל פּאַסירן, וועסטו מיך דאַרפֿן האָבן...“

...און פּאָלן איז, געוויינלעך, אַזוי גוט, אַזוי לייכט צו פֿאַרברענגען, ניט נאָר מיט זיין געליבטער, נאָר מיט אַלע שכנים אַרום זייער „האָגאַן“. די אַרומיקע נעוואַהאָס באַציִען זיך זייער פריינטלעך צו אים: ערשטנס, איז ער אַליין אַ פריילעכער יאַט, באַהערשט, מער אָדער ווייניקער, זייער שפּראַך, קען זיך וויצלען, שוין דערציילן מעשיות און די נעוואַהאָס זיינען גרויסע ליבהאָבער פון אַזעלכע זאַכן. ער באַטייליקט זיך אויך אין אַלע זייערע פֿאַרווילונגען און טענץ, טראָגט דאַן, גלייך מיט אַלעמען, אַ פֿאַרביק טיכל אַרום זיין שטערן און די „ווייסע“ געסט פֿאַלט גאָרניט איין, אַז ער איז ניט קיין אינדיאַנער, דערצו נאָך, יעדעס מאָל ווען ער קומט צוריק פון פיניקס, ברענגט ער מיט זיך גאַנצע פּעק מיט מתנות פֿאַר די קינדער פון די אַרומיקע שכנים...

...און נאָך אַ בילד, שוין גאָר אַ פיינלעכע, וואַכט־אויף אין פּאָלס מוח: דאָס איז זיין לעצטער באַזוך אין דער רעזערוואַציע, נאָך דעם ווי נעלי איז אַוועקגעפאָרן אַהיים אָנצוזאָגן די עלטערן די פריילעכע בשורה וועגן איר געפונענעם גליק און ער איז אויפן צווייטן טאָג, צום לעצטן מאָל, אַוועק אין דער רעזערוואַציע אַ קוק צו טאָן אויף ני־זע־בין און אויף היינעם, מיט אַ וואָך צוריק, געבוירענעם זון...

..פֿאָרנדיק אַהין, האָט זיך אים די גאַנצע צייט געדאַכט, אַז אַ העלישער פייער, צוזאַמען מיט אַ גליווערנדיקער קעלט, האַלט זיך אין איין אַרומיאָגן איבער זיין קערפּער. עס האָט אים געהאַלטן אין וואַרפן פון היץ אין קעלט און צוריק אין היץ אַריין. אין אויפגערייצטן מאַרך האָבן זיך צענדליקער געדאַנקען געהאַלטן אין איין קנוילן און זיך פיינלעך איינשניידן איינער אין צווייטן. איינער האָט קלאָר און דייטלעך אים ווי דיקטירט: „ני־

זע־ני האָט זיכער ניט פאַרדינט, אַז דו זאָלסט זי נאַרן... דו מוזט איר גלייך דערציילן דעם גאַנצן אמת וועגן דיין ליבע צו נעלין, וועגן אייער פלאַנירטער חתונה... זי מוז וויסן דעם אמת, ווי שטאַרק עס זאָל איר ניט ווי טאָן... און אַ צווייטער געדאַנק, גאָר אַ שטילער, אַן אָנגעזאָפּטער מיט טרערן און חרטה, האָט זיך געהאַלטן אין איין בעטן: „צו וואָס, פּאָל, האַנדלען אַזוי גרויזאַם?... ווער ווייסט? מעגלעך, אַז טיף אין זיך האָט אויך ני־זע־ני, פּונקט ווי דער פּאָטער מיט נאַר־באָ־נאַן, געהאַט אַ שטענדיקן פאַרדאַכט, אַז אַזאַ מין שיידונג וועט מוזן, פריער אָדער שפּעטער, קומען?... פאָלג מיך, זאָג איר איצט קיין זאַך ניט... זאָל זי האָבן נאָך אַביסל רו, אָלענפאַלס, ביז דאָס ערשטע געלט וועט אָנקומען... זי וועט זיך צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז דו עקזיסטירסט שוין ניט מער פאַר איר, אַז דו ביסט טויט... פּונקט ווי טויזנטער אַנדערע פרויען געוואוינען זיך צו צום טויט פון זייערע מענער... פאָלג מיך, פּאָל, זאָג איר קיין זאַך ניט..."

און אַריינפאָרנדיק אין דער רעזערוואַציע האָט זיך אים געדאַכט, אַז די שטילע טריט פון זיין פערד הילכן־אָפּ אין אַלע „האָגאַנעו" און אַז באַלד וועלן פון דאָרטן אַרויסלויפן אַלע איינוואוינער, זיך אַרומשטעלן אַרום זיין פערד און פאַרשטנדיק, ווי אין פּנים פון אַ גנב, זיך נעמען איינקוקן אין אים...

...און אָט איז ער שוין אין זייער „האָגאַן"... זי כאַפּט אים אַרום, קושט אים, טראָגט אים צו דעם זון, איינגאַנצן אַן איינגעפּלאָכטענעם, ווי אין אַ קאָשיק. זי קוועלט זייער שטאַרק אָן פון דעם קינדס שיינקייט און פון זיין ענלעכקייט צו אים, דעם טאַטן זיינעם... דער אַלטער זיצט ביי דער זייט, אַ שווייגנדיקער, ווי שטענדיק, און קוקט אויף אים מיט זיינע פאַרשנדיקע בליקן... ער, פּאָל, ווייסט אַליין ניט אויף וואָס פאַראַ וועלט ער געפינט זיך: דער קאָפּ זיינער איז פול מיט אַ גערויש און אין די אויגן שווינדלט... ער דערציילט איר, ני־זע־נין, אַז צו זיין גרויסן באַדויער, וועט ער מוזן, טאַקע גלייך, צוריקפאָרן אין שטאָט אַריין: דער פּאָטער האָט אַריינגעקראָגן זייער אַ גרויסע און וויכטיקע דרוק־אַרבעט, צוליב וועלכער ער האָט געמוזט אָנשטעלן נאָך עטלעכע אַרבעטער .. זיי וואַרטן דאָרטן אויף אים אין דער דרוקעריי...

ער רעדט פיל מער, ווי געוויינלעך, און חדושט זיך אַליין, ווער עס האָט פאַר אים אויסגעטראַכט אָט־דעם ליגן מיט דער וויכטיקער דרוקעריי־באַשטעלונג?...

זי, ני־זע־ני, גלויבט אים און בעט אים ניט צו אַרבעטן צו שווער. און אָט גיט ער איר דעם לעצטן קוש, ער קושט אויך דאָס קינד, גיט איר איבער זיין בייטל מיט דרייסיק דאָלער, געזעגנט זיך אויך מיטן פּאָטער און גייט אַרויס...

עס דאַכט זיך אים, אַז די ערד בויגט זיך אונטער זיינע טריט. ניט

באַגרייפנדיק קלאָר וואָס ער טוט, פירט ער אַוועק דאָס פערד פונעם הויפּטוועג אויף אַ זייטיקער סטעזשקע און, איידער זיך אַרויפצוזעצן אויף דעם, קוקט ער זיך, אין שרעק, אַרום: אים דאַכט זיך נאָך אַלץ, אַז פון די אַרומיקע „האָגאַנען" וועלן באַלד אַרויסלויפן אַלע זיינע געוועזענע פריינט און אים ביים נעמען נאָכשרייען: — אַנטלויף, פּאָל! אַנטלויף, פאַררעטער! דו ביסט פיל ערגער פון אַלע אַנדערע ווייסע ברידער, וועלכע האָבן אונדז צענדליקער יאָרן געמאָרדעט, אַוועקגעריבט פון אונדז אונדזער לאַנד, אונדז פאַרוואַנדלט אין בעטלערס!... מיר האָבן זיי געצאָלט מיט האַס, אָבער דו האָסט אויסגענאַרט אונדזער פריינטשאַפט, אונדזער ליבשאַפט... זאָלסט מער ניט וואַגן אָנצוטאָן אונדזער אַ טיכל אויף דיין שטערן, צוצוקומען נאָענט צו אונדזערע פאַרוויילונגען, צו אונדזערע טענץ!... און פאַרגעס וועגן ביי־זעין, בפרט וועגן איר זון. אונדזערער וועט ער זיין, ניט דיינער!... אַנטלויף, פּאָל, אַנטלויף!...

און ער איז אַנטלאָפן. זיך איבערן קאָפּ איינגעוויקלט אין אַ געדיכטן טוך פון רייכקייט, פון פאַמיליען גליק, אָבער בשום אופן ניט געקענט מיטן גאַנצן וואָרצל אויסשניידן פון זיך דעם וואונדערלעכן, דעם נאַאיוון חלום פון אַמאָל, דעם חלום אויסגעוועבט, אַממערסטנס, אין וואונדערלעכן „קעניאָן־דע־טשעלי", מיט זיינע ריזיק־הויכע, שטיינערנע ווענט, געפאַרבט מיט בלוטיק־רויט, זוניק־געל, מיט אַלע איבערגאַנגס פאַרבן פון ראָז און ערטערווייז, ווי איבערגעשניטן מיט שטראָמען ווייס און שוואַרץ... — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָט דער זאָנדערבאַרער טאָל איז ביי די נעוועהאָס געווען פאַררעכנט פאַר אַ הייליקן אָרט, ווייל ער איז געווען ענג פאַרבונדן מיט איינער פון די בלוטיקסטע געשיכטעס אין לעבן פון זייער שבט. פאַרבונדן אויך מיטן נאָמען פונעם אַמעריקאַנער העלד, דעם „קוירנעל" קיט קאַרסאָן, וועלכער איז אין זייער זכרון געבליבן מיטן נאָמען: „אַה־די־לאָ־הי", וואָס עס מיינט: דער שטריק־פאַרוואַרפער, דער תליון, וועלכער האָט אין יאָר 1863 פאַרניכטעט כמעט ווי דריי־פערטל פון זייער שבט.

און ווען עס זיינען אָנגעקומען אַביסל בעסערע צייטן, ווען היסטאָריקער און גלאַט אינדיאַנער פריינט, ווי אויך רעגירונגס־פירער, האָבן זיך געכאַפּט, וואָס פאַר־אַ שווידערלעכע מערדערייען, אָפּנאַרערייען און רויבערייען עס ווערן באַגאַנגען קעגן דעם „רויטן מענטש", קעגן די אמתע בעלי־בתים פון דער גאַנצער אַמעריקאַנער ערד און מען האָט גענומען אָפּוועגדן דעם שאַרפן שפּיץ פון שווערד פון זייערע העלדזער, פלעגן יעדן זומער אַ צאָל אינדיאַנער פאַרלאָזן זייער רעזערוואַציע און זיך באַזעצן אין זייער באַליבטן „קעניאָן־דע־טשעלי" טאָל. דאָ פלעגן זיי אויפשטעלן „האָגאַנען", באַאַרבעטן

יעדן פיצל פּרוכטבאַרן באָדן און פירן, אינגאַנצן אומגעשטערט, זייער אייגענעם אַרט לעבן.

אָט אין יענעם היסטאָרישן „קעניאָן־דע־טשעלי" האָט אויך פּאָל פאַרבראַכט מיט ני־זע־נין צוויי אומפאַרגעסלעכע זומערן... זומערן, וועלכע ער קאָן בשום אופן ניט פאַרגעסן: שטיקלעך פון זוניקע טעג און סאַמעטפינצטערע נעכט, אָפט ענג צוזאַמענגעפּלאָכטענע מיט ני־זע־ניס פּלאַטערנדיקע אָרעמס, פלעגן זיך אַמאָל ווי דורכ׳גנב׳ענען דורך די פענצטער פון זיין רייכן שלאָפצימער, אָדער אים אַנטקעגן קומען איר גאַס, ווען ער פלעגט באַגעגענען אַ גרופּע נעוועהאָס, פאָרנדיק אין זייערע וועגענער מיט די ווייבער און קינדער...

און אַמאָל פלעגט אויך אַ געפערלעכער געדאַנק זיך, ווי פון אַ געהיימען ווינקל, אַריינגליטשן אין זיין מוח: „וואָס הערט זיך דאָרטן מיטן קליינעם, שיינעם אינגעלע, וועלכן ער האָט בלויז איין מאָל אין לעבן געזען, געזען אויף אַזאַ שווידערלעך קורצער צייט, ווען ער איז זיך געקומען געזעגענען מיט ני־זע־נין?... און יעדעס מאָל פאַרריכט ער זיך אַליין: „ניט געזעגענען זיך איז ער דאַן געקומען, נאָר אָפּנאַרן זי מיטן פאָטער... יאָ, וואָס מאַכט דער אינגל?... ער מוז שוין איצט זיין אַ היפּשלעך גרויסער בחור... און ווי זי האָט זיך עס דאַן געפרייט, וואָס ער איז, אינגאַנצן געראָטן אין אים, פּאָלן... עס וואָלט געווען זייער אינטערעסאַנט אויף אים אַ קוק צו טאָן... אפשר אים טאַקע אויך פאַרנעמען צו זיך?!..." דאָ פלעגט דער געדאַנק זיינער שטיין בלייבן אַ דערשראָקענער, און איז שוין ווייטער מער ניט געגאַנגען: ניט געווען שוין מער פאַר אים קיין וועג, סיידן... סיידן...

פּאָל האָט געהאַלטן זיין צוזאָג: אין אָנפאַנג פון יעדן ווינטער, פלעגט ער אַריינשיקן צו מיסטער גולדן, דעם אייגנטימער פונעם „טרעידינג־פּאָסט" אין דער נעוועהאָ רעזערוואַציע, הונדערט דאָלער און ער פלעגט זעלטן קריגן פון יענעם אַן ענטפער. ער איז אָבער געווען זיכער, אַז דאָס געלט ווערט יעדן יאָר איבערגעגעבן אין די ריכטיקע הענט.

בלויז צוויי מאָל אין די פאַרגאַנגענע צוואַנציק יאָר האָט גולד געענטפערט פּאָלן אויף די צוגעשיקטע געלטער. דאָס ערשטע בריוול זיינס איז געקומען גלייך נאָך די ערשטע צוגעשיקטע הונדערט דאָלער. עס האָט געלויטעט, אַז דער אַלטער קלע־האַ־נאַ־ני האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען דאָס געלט, אָבער אַז מיט פיר וואָכן שפּעטער איז ני־זע־ני אַליין געקומען אין קראָם, האַלטנדיק דאָס קינד אויף די הענט, און ווען זי האָט געקראָגן דאָס פּעקעלע מיט אַסיגנאַציעס, האָט זי עס צוערשט אויפמערקזאַם באַטראַכט, אויסגעווישט די טרערן, געוויזן דאָס געלט דעם קינד און שטיל געזאָגט צו אים: — זון מיינער, דיין טאַטע האָט דיך פאַרלאָזן... מיט אָט־דעם געלט וויל ער זיך אויסקויפן ביי דיר... איך פאַרגיב אים... — און דער קרעמער האָט צו־

געגעבן, אַז זי האָט גלייך, אויפֿן אָרט, אויסגעגעבן כמעט ווי אַ דריטל פֿונעם געלט, איינקויפֿנדיק פֿאַרשיידענע זאַכן בלויז פֿאַרן קינד.

אין זיין צווייטן בריוו, מיט אַכט יאָר שפּעטער, האָט ער אים געלאָזט וויסן, אַז דער אַלטער איז געשטאָרבן און אַז בי־זע־ני האָט חתונה געהאַט מיט זייער שכן נאַר־באַ־נאַן, וועלכער האָט זייער ליב דעם אינגל און באַהאַנדלט אים, ווי אַן אייגענער פֿאָטער.

און דאַן האָט ווידער אין פֿאַלס מוח אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק, ווי גוט עס וואָלט געווען אַרויסצוקריגן דעם זון פֿון דער רעזערוואַציע, אָבער ער האָט דעם געדאַנק גלייך פֿאַרטריבן ווי אַ צאַל ענלעכע פֿאַר אים. אָבער אַלע זומער, פֿאַרנדיק מיט דער משפּחה צום שווער און שוויגער אויף וואַקאַציע, בפֿרט פֿאַרביפֿאָרנדיק ניט ווייט פֿונעם „קעניאַן־דע־טשעלי“, פֿלעגן ענלעכע געדאַנקען אויפֿבליצן אין זיין מוח און אימיצער פֿלעגט אים ווי פֿאַרזיכערן, אַז עס וועט קומען דער טאָג, די שעה ווען ער וועט אַליין אַרונטערפֿאָרן אין דעם בלוטיק־רויטן, טיפֿן קעניאָן און וועט געפֿינען דאָרטן דאָס, וואָס ער זוכט שוין אַזוי לאַנג און אַזוי ווייטאָקדיק...

און אָט אַזוי זיינען פֿאַריבער גאַנצע צוואַנציק יאָר. און ווען דער טאָג האָט זיך ענדלעך, אומדערוואַרטעט פֿאַר אים אַליין אונטערגערוקט, ווען די אינגסטע פֿון די פֿיר טעכטער איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן און די פֿרוי מיט די איבעריקע קינדער האָבן באַשלאָסן צו בלייבן מיט דער קראַנקער, האָט זיך פֿאַר אים ענדלעך געעפֿנט אַ מעגלעכקייט צו פֿאָרן אַליין אַהיים און אויפֿן וועג אויך צו באַזוכן דעם „קעניאַן־דע־טשעלי“ —

כדי אַרונטערצוטרייבן פֿון זיך די מידקייט פֿון דער שלאָפֿלאָזער, קאַשמאַרנער נאַכט, איז פֿאַל גאַנץ־פֿרי שטיל אַרויס פֿון שלאָף־צימער, זיך אָפּגעפֿרישט אונטער אַ קאַלטן שפּריץ און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, דער ערשטער, אַלעמען באַגריסט. ער האָט זיך געצוואונגען אַראָפּצושלינגען אַ טייל פֿונעם פֿרישטיק און, צוליבן טומל אין קאָפּ, זיך זייער אויפֿמערקזאַם און מיט אַ שמייכל צוגעהערט צו אַלעמענס רייד.

אַרום עלף אַזייגער האָט ער זיך מיט אַלעמען געזעגנט, און מיט אַ געצוואונגענער לאַנגזאַמקייט זיך געזעצט אַריין אין אַטאָמאָביל. אַ מאַך מיט דער האַנט, עטלעכע לופֿט־קושן, גוטע וואונטשן פֿון דער פֿרוי מיט די קינדער און די מאַשין האָט זיך לאַנגזאַם געגומען אַרויסגליטשן פֿונעם הויף. יאָ, לאַנגזאַם, בעת אים האָט זיך געוואָלט מיט אַלע כוחות אַ דריק־טאָן אויפֿן גאַז־פּעדאַל און זיך אַ ווילדן רייס־טאָן פֿאָראויס, צום הויפּט־וועג צו. און שוין זייענדיק אויפֿן וועג, האָט ער זיך אַליין דערשראָקן, ווען ער האָט מיט עטלעכע מינוטן שפּעטער באַמערקט דאָס מיילן־צינגל ציטערן צווישן פֿינף־און־ניינציק און הונדערט מייל אַ שעה.

ער האָט איינגעהאַלטן דעם לויף פון דער מאַשין, עטלעכע מאָל טיף אַריינגעצויגן אין זיך די לופט, געפילט ווי עפעס אַ שווערקייט, וועלכע האָט אים זייער לאַנג געדריקט. הויבט אָן זיך ווי אַראָפגליטשן פון זיינע אַקסלען. אים האָט זיך פאַרוואָלט זינגען, אָדער זיך גאָר צעשרייען אויפן קול... אַן ענלעכער געפיל, אַ נאָענטער עקסטאַז, פלעגט אים אויך אַרומכאַפּן, ווען ער פלעגט, רייטנדיק אויף זיין באַליבטן ברוינעם פערדל, אַריינפאָרן אין אַ פרימאָרגן פון שטאָט, אין דער רעזערוואַציע: אַ העלע זון, אַ בלויער הימל איבער אים, פון ביידע זייטן וועג — קופּעס מדבר־פלאַנצן, אַרום וועלכע עס פלאַטערט אַ געמיש פון פאַרשיידענע מינים פייגל און אין צענטער פון אַלץ — זי — די זוניקע ני־זע־ני... דער אונטערשייד צווישן דעם אַמאָליקן ביזן איצטיקן געפיל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין צענטער פון דער איצטיקער שטימונג האָט געלויערט שרעק און פרייד, געמישט מיט שולד.

ער האָט נאָך אַביסל פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג פון דער מאַשין און גענומען אויסרעכענען, זיכער צו מאַכן די צייט, ווען די קליינע צאָל נעוועהאָ משפחות פאַרברענגען, געוויינלעך, אין זייער באַליבטן „קעניאָן־דע־טשעלי".

דער חשבון האָט געשטימט און ער האָט פעסטער אַ דריק געטאָן אויפן גאַז־פעדאַל. און פלוצלונג האָט אַ געדאַנק, ווי אַ פיינלעכע וואונד, אויפגעריסן אין אים, און אימיצער, עפעס גאָר ווי אַ זייטיקער, האָט גענומען שטעלן פראַגן: — נו, גוט, פאָל, דו וועסט איצט זיכער אַרונטערפאָרן אין „קעניאָן"... און לאָמיר זיך פאַרשטעלן, אַז דו וועסט דאָרטן טרעפן ני־זע־ני מיטן זון... וואָס וועסטו זיי ענטפערן, אויב זיי וועלן דיך פרעגן נאָך וואָס דו ביסט פלוצלונג געקומען זיי זען?... צוואַנציק יאָר זיך ניט באַוויזן פאַר זייערע אויגן און מיטאַמאָל ביסטו דערשינען?... צוליב וואָס?... זיך, אפשר, פאַרבענקט?... זיי וועלן זיך אויסלאַכן פון אַזאַ ענטפער, צי אפשר וועסטו זיי זאָגן, אַז ביסט געקומען אויסגעפינען, צי מיסטער גולד האָט זיי די אַלע יאָרן איבערגעגעבן דאָס צוגעשיקטע געלט?... דאָס איז אָבער אויך ניט קיין גענוגנדיקע אורזאַך צו קומען אַהער... צי אפשר וועסטו זיי גאָר זאָגן, אַז דו האָסט חרטה אויף דיין אַמאָליקער האַנדלונג און ביסט געקומען גוט מאַכן דאָס שלעכטע, וואָס האָסט פאַראורזאַכט סיי צו ני־זע־ני, אַזוי אויך צו דיין זון, וועמען דו האָסט בלויז איינמאָל אין דיין לעבן געזען אויף עטלעכע מינוטן און וועמענס נאָמען דו ווייסט אפילו ניט?...

פאָל האָט געפילט, אַז דער קאָפּ ווערט אים צעשפּאָלטן און ער איז שוין געווען פאַרטיק אויסצודרייען די מאַשין אויף צוריק, אָבער זיינע הענט און פיס זיינען געווען ווי פאַראַליזירט און דער מאַשין האָט זיך אַלץ נאָענטער געיאָגט צום שטעטל „טשינלי", דעם נאָענטסטן אָרט צום אַריינגאַנג אין „קעניאָן". דאָ האָט זיך אויך געפונען אַ קעמפּ, וואו מען האָט געקענט קריגן אַ מאָלצייט, אַ צימער צום איבערשלאָפן און פערד, צוזאַמען מיט וועגווייזער פאַרן „קעניאָן".

מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער איז שוין פאַל געווען אין קעמפּ.

ער איז אַריין אין עס־צימער, באַשטעלט אַ קאַווע מיט אַ „סענדוויטש״, אויך אַ פּערד, אָבער אָן אַ וועג־ווייזער. און אויף דער וואָרנונג פונעם בעל־הבית וועגן די געפערלעכע סטעזשקעס און בערגלעך, וועגן געפאַר פאַר־בלאָנדזשעט צו ווערן, האָט ער געענטפערט, מיט אַ שמייכל, אַז ער קען דעם קעניאָן אויסגעצייכנט און נויטיקט זיך ניט אין קיין וועג־ווייזער.

איידער ער האָט זיך גענומען אַראָפּלאָזן אין טאָל, איז ער אַרויפגעפאָרן אויף אַ הויכן בערגל, ביים סאַמע ראַנד און, מיט דער הילף פון אַ שטאַרקן בינאָקל, אָפּגעזוכט די גוט באַקאַנטע לאַנקע און געפונען די דריי „האָגאַנען״ אויף זייערע אַלטע פּלעצער. אים האָט זיך אפילו אויסגעדאַכט, אַז פאַר איינעם פון זיי זעט ער זיצן אַ מענטשן: אַ מאַן אָדער אַ פרוי, אין אַ רויטן רעקל. דאָס האַרץ האָט זיך אין אים אַ שטורמישן הויב־געטאָן און אַ פייער האָט זיך אַ יאָג געטאָן איבערן רוקן. ער האָט טיף אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, זיך ווידער איינגעקוקט אַ ווײַלע אין ווייטן, רויטן פלעק, אָן אָנטשלאָסענעם צי געטאָן דאָס פערד ביים צוימל און זיך געלאָזט פאָרן צום וועג אין טאָל אַריין.

אַראָפּלאָזנדיק זיך איבער די שמאָלע, אָפּט געפערלעכע סטעזשקעס, האָט ער מיט צופרידנקייט אַ טראַכט געטאָן, אַז עס איז געווען אַ גוטער גע־דאַנק יעדן יאָר, גאַנץ אָפט זיך דורכצורייטן אויסערן שטאָט, אַנדערש וואָלט ער גאַנץ מעגלעך איצט ניט איין מאָל זיך אַראָפּגעקײַקלט פונעם פערד.

נאָך אַ האַלבע שעה פאָרן, האָט זיך פאַר אים, פונדערווייטנס, אַנטפּלעקט די אַזאַ גוט באַקאַנטע לאַנקע, מיט די דריי „האָגאַנען״, מיט די שטיקלעך פאַרזייטע גרינוואַרג בייטן און מיט די צוויי קופּעס פּרוכטן־ביימער. ער האָט זיך אויך איבערצייגט, אַז זיין בינאָקל האָט אים ניט אָפּגענאַרט: פאַר איינעם פון די „האָגאַנען״ איז, אויף אַ פעל, געזעסן אַ פרוי אין אַ העל־רויטן, סאַ־מעטענעם קאָפּטל און געשיקט געפלאָכטן אַ טעפּיך. עטלעכע קנוילן פאַר־ביקע וואָל־פעדים זיינען געלעגן נעבן איר זייט. בלויז איין העלפט פון איר אַרבעט איז שוין פאַרטיק געווען און דאָס פעדעמדיקע געוועב פון דער צווייטער העלפט האָט אַראָפּגעהאַנגען פון אַ לאַנגן, קײַלעכדיקן שטעקן, וועלכער איז, מיט איין עק, געווען פאַרשטעקט צווישן צוויי צווייגן פון אַ דערבייאיקן בוים און מיטן צווייטן זיך געהאַלטן צוגעפּעסטיקט צום שפּיץ פון אַן איינ־געגראָבענעם סלופּ.

די פרוי האָט, ווייזט אויס, דערהערט דאָס אָנקומען פונעם פערד. זי האָט שנעל אויסגעדרייט דעם קאָפּ, אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויפן רייטער און צוריק זיך אָפּגעקערט.

פאַלס הענט און פיס זיינען מיטאַמאָל ווי אָפּגענומען געוואָרן: ניט קוקנדיק אויף דער פרויס גרויען קאָפּ און עטוואָס צעוואַקסענעם קערפּער, האָט ער אין איר דריי מיטן קאָפּ, בפרט אין איר פּראָפיל, גלייך דערקענט

ני־זע־ניך. עטלעכע מינוטן איז ער געזעסן אויפן פערד מיט פעסט צוגע־מאַכטע אויגן און זיך צוגעהערט צום האַסטיקן גאַנג פון זיין האַרצן. און ווען ער האָט צוריק געעפנט די אויגן האָט ער ווידער דערזען פאַר זיך דער פרויס גלייכגילטיקע פּלייצע און דעם רואיקן, שנעלן לויף פון איר שפּינדל צווישן דער געדיכטער נעץ פון איר שפּינעריי.

ער איז לאַנגזאַם אַראָפּ פון פערד, זי ווידער באַטראַכט, זי באַגריסט מיט אַ הייזעריקן קול און אַ פרעג געטאָן:

— וואָלסטו אפשר געוואָלט אַזוי גוט זיין און מיר זאָגן דיין נאָמען?

ניט אויסדרייענדיק מער דעם קאָפּ און ניט איבעררייסנדיק איר אַר־בעט, האָט זי אים, ווי צוגעוואָרפן איר קורצן ענטפער:

— „נאַ־סאַ־ווי!" (איך פאַרשטיי ניט).

ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, זיך אויסגעהוסט און אַ פרעג געטאָן, שוין אין דער נעוואַהאָ שפּראַך:

— „יאַ־הע־טע, ני־זאַ־ני? (וואָס מאַכסטו, ני־זאַ־ני?) — און שוין פאַר־ענדיקט אין ענגליש: — פון ווען אָן האָסטו אויפגעהערט צו פאַרשטיין ענגליש?

דער פרויס האַנט האָט אַ ציטער געטאָן און דאָס שפּינדל מיטן גרינעם, וואָלענעם פאָדעם, וועלכעס האָט זיך ביז דער רגע אַזוי געשווינד און זיכער געפונען דעם וועג אין דער געדיכטער נעץ פון גרויע פאָדים, איז מיטאַמאָל מאַכטלאָז געבליבן ליגן אין איר האַנט, און האָט זיך באַלד, ווי אַראָפּגע־גליטשט צו די פאַרביקע קנוילן מיט וואָל. דערנאָך האָט זי לאַנגזאַם אויס־געדרייט דעם קאָפּ, אים אַריינגעקוקט אין פּנים, איבערגעפירט איר בליק איבער זיין גאַנצן קערפּער און, ווייזט אויס, אים דערקענט.

זי האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעשטעלט, ווידער אַ קוק געטאָן אויף אים, אָטאָמאַטיש גענומען אָפּרייניקן איר געדיכט געפּאָלדעוועט קליידל, פון פאַר־ביקע שטיקלעך וואָל און ווען זי האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף אים, איז שוין געווען איר פּנים כמעט ווי רואיק, בלויז דער לינקער ווינקל פון מויל האָט נאָך געהאַלטן אין ציטערן.

— יאָ, ני־זע־ני, דאָס בין איך! — האָט ער, ווי אומדערוואַרטעט פאַר זיך אַליין, גענומען רעדן. — איך בין דיך געקומען זען נאָך צוואַנציק יאָר...

דער ציטער פונעם לינקן ווינקל פון איר מויל איז פאַרשוואונדן און קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן, האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— זאָג, צוליב וואָס ביסטו געקומען אַהער?!

ער האָט זיך באַמיט אַ שמייכל צו טאָן:

— גלאָט אַזוי... געוואָלט אַ קוק טאָן אויף דיר און אויך אויף... — ער האָט ווי ניט געוואָגט אַרויסצורעדן דאָס ביטיקע וואָרט — געוואָלט זען ווי עס לעבט זיך איך דאָ...

אירע אויגן האָבן זיך פאַרשמעלערט און פון זיי האָבן ווי אַ שפּריץ געטאָן שוואַרצע, ניט גלויביקע פונקען:

— גלאַט אַזוי קומט מען ניט אין אונדזער קעניאָן, נאָך צוואַנציק יאָר ניט זיין... מן הסתם געוואָלט אויך כאַפּן אַ קוק אויף מיין זון, ניט אמת?!

— דאָס וואָרט „מיין" האָט זי שאַרף אונטערגעשטראָכן.

— זעלבסט פאַרשטענדלעך... — האָט ער גלייך צוגעגעבן, — ווי אַזוי האָב איך אים געקענט אָנרופן, אַז איך ווייס אפילו ניט זיין נאָמען.

— וואָלסטו זיך ניט געוועוען אַזוי שטאַרק געאײַלט צו אַנטלויפן אין יענער נאַכט, וואָלסטו אויך צייט געהאַט אויף אים נאָך אַמאָל אַ קוק צו טאָן, מעגלעך אויך אַן עצה געבן ווי אַזוי זיין נאָמען זאָל זיין. — ביטערקייט און איראָניע האָבן געקלונגען אין איר קול. זי האָט זיך אָבער גלייך באַהערשט און פאָרגעזעצט: — דיין פאַרלאָזן מיך איז געקומען צו אומדערוואַרטעט און מיך כמעט ווי פון זינען געדירט... כ'האָב געמוזט געפינען אַ שטיקל טרייסט, זאָל זיין אַן אָפּגאַרעדישע פאַרזעצונג פונעם פאַרשוואונדענעם גליק... האָב איך אים אַ נאָמען געגעבן נאָך דיר: פּאָל... מיין קליינער פּאָל... און אַזוי איז שוין זיין נאָמען פאַרבליבן. נאַר־באַ־נאַ, מיין איצטיקער מאַן האָט אים דערצויגן ווי אַן אייגענער פאָטער. אונדזערע אינדיאַנער רופן אים אויך מיט אַ צווייטן נאָמען: „נאַ־טי־נעס־טאַ־ני".

— וואָס מיינט עס? — האָט ער זיך גע'חדוש'ט.

— עס מיינט: „יענער, וועלכער לערנט זיך אַליין".

— איך פאַרשטיי נאָך אַלץ ניט.

זי האָט אים צוגעפירט צו דעם אַריינגאַנג אין „האָגאַן" און ער האָט, אין אַ שאַפּקעלע, צוזאַמענגעקלאַפּט פון מאַראַנצן־קעסטלעך, דערזען צוויי פּאָליצעס אָנגעפּאַקטע מיט אויסגעשטעלטע ביכער. זי האָט מיט שטאָלץ אָנגעוויזן אויף זיי:

— לייענען ביכער איז זיין גרעסטע ליידנשאַפט. יעדעס מאָל ווען ער פאָרט אין שטאָט, ברענגט ער צוריק אַ פּעקל מיט ביכער.

פּאָל איז צוגעגאַנגען און אויפמערקזאַם זיך גענומען איינקוקן אויף די אויסגעשטעלטע ביכער רוקנס: דאָ האָבן זיך געפינען קאָפּיעס פון דזשעק לאָנדאָן, מאַרק טווען, סינקלער לואיס, אַ היפּשע צאָל פאַרשיידענע זשורנאַלן, ווי אויך דריי געשיכטע־ביכער: אַ געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן און צוויי ביכער וועגן אַמעריקאַנער אינדיאַנער. אויף אַ קליינער פּאָליצע, איבער די ביכער, איז געשטאַנען, זעט אויס, אַ קינדערישע שפּילצייג: אַ לייב, וועלכער האָט פּאָלן אויסגעזען ווי באַקאַנט. ער האָט אים גענומען אין די הענט און אויפן בויך פון לייב באַמערקט דעם צייכן פון דער פירמע, וועלכע באַזאָרגט אויך זיין אייגענע קראָם מיט שפּילצייג.

ביידע זיינען זיי שווייגנדיק אַרויס פון „האָגאַן".

— זאָג מיר, ני־זע־ני, — האָט ער, מיט ניט קיין זיכערער שטימע, אַ פרעג געטאָן, — ווי אַזוי זעט ער איצט אויס?

זי האָט נאָכגעטראַכט אַ ווײַלע און פעסט געענטפערט:

— פונקט ווי דו האָסט אויסגעזען, ווען דו ביסט צו מיר געקומען... אפילו די אויגן האָט ער אינגאַנצן דיינע: גרויסע, שיינע, טונקל־בלויע. — זי האָט אַ זיפץ געטאָן און ווייטער דערציילט: — ער האָט פּאַראַיאָרן גע־ענדיקט די שול אין בריגהעם סיטי, יוטאַ, מיט אַן אויסצייכענונג. ער וויל אָבער ווייטער ניט לערנען... כ'ווייס ניט וואָס די אורזאַכע איז... ער וויל, זאָגט ער, בלייבן צווישן אונדז און זיין אַ פשוטער אינדיאַנער... — און זי האָט שטיל צוגעגעבן: — ער האָט ניט צו שטאַרק ליב קיין ווייסע מענטשן...

— צי קומט עס ניט פון דיר? — האָט פאָל אַ פרעג געטאָן.

— ניין! — האָט זי אַן אַנטשלאָסענעם דריי־געטאָן מיטן קאָפּ, — ער ווייסט קיין זאַך ניט וועגן דיר. איך האָב אים דערציילט, אַז זיין פאָטער איז געווען אַ גוואַהאָ, וועלכער איז געשטאָרבן אין צייט פון דער עפּי־דעמיע און נאָר־באָ־נאַ, וועמען ער האָט ליב ווי אַן אייגענעם פאָטער, האָט עס באַשטעטיקט.

ביידע האָבן געשוויגן אַ ווײַלע, יעדער קוקנדיק פאַרטראַכט פאַר זיך.

— האָט מיסטער גולד דיר, יעדן אָנהויב ווינטער, איבערגעגעבן דאָס געלט, וואָס איך פלעג צושיקן?

— יאָ. דער טאַטע האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט זיך צוצורירן צו דעם און איך פלעג יעדעס מאָל מוזן פאָרן אַליין עס אָפּנעמען.

— זאָג דעם אמת, — האָט זי, נאָך אַ ווײַלע שווייגן, אַ פרעג געטאָן:

— ביסטו פאַרהייראַט? האָסטו קינדער?

— יאָ, — האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — איך האָב אַ פרוי מיט פיר קינדער — פיר טעכטער — און ער האָט, ווי קעגן זיין אייגענעם ווילן, פאַרענדיקט, — און זי, די פרוי מיינע, וועט שוין מער קיין קינדער ניט קענען האָבן...

זי האָט זיך אַ בויג געטאָן און אים אַרייגעקוקט אין פנים:

— האָט זי קיין זון קיינמאָל פריער ניט געהאַט?!

— ניין!

זי האָט טיף אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און, ווי צו זיך אַליין, אַ שטילן, אַ טריאומפירנדיקן זאָג געטאָן:

— דער איינציקער זון איז... מיינער! — דערנאָך איז זי אַ פאַרטראַכטע איבערגעגאַנגען די לאָנקע, שטיין געבליבן נעבן דעם ניט־דערוועבטן טעפּיך, זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן, אַ קוק געגעבן, צוערשט אויף דער זון, דערנאָך

צום וועג און אַ זאָג געטאָן: — שוין צייט פאַר זיי צו זיין אין דער היים, — דערנאָך צוריק צוגעגאַנגען צו פּאָלן און פעסט געזאָגט, קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן: — געדענק! מיין זון פּאָל, מיט נאַר־באַ־נאַן וועלן זיכער באַלד זיין צוריק, זיי זייַנען נעכטן אַוועק צו אונדזערן אַ טאַנץ... געדענק, אַז דו ביסט אַ פרעמדער צו אים... מיין פאָטערס אַן אַלטער, גוטער פריינט, וועלכער איז געקומען אונדז זען און פאָרט גלייך אַוועק צוריק פון וואַנען ער איז געקומען... איז עס קלאָר פאַר דיר, אַז דאָס איז דער איינציקער און בעסטער וועג פאַר אונדז אַלעמען?!

פּאָל האָט אַ לאַנגזאַמען און צושטימיקן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געפילט, אַז ער פאַרלירט דעם געפיל פון רעאַליטעט: נעלי, די קינדער, די קראָם, דער שווער מיט דער שוויגער, זיין גאַנץ לעבן פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר האָט אים גענומען אויסזען ווי אַ ווייטער חלום און די געגנוואַרט איז געווען בלויז אָט די שיינע, שטאָלצע פרוי, וועלכע איז איצט געשטאַנען פאַר אים, פינקלענדיק מיט די שוואַרצע אויגן, אַ פאַרפּוצטע אין רויטן, סאַמעטענעם רעקל מיט דער נעץ פון טוירקויז און רויטע קאַראַלנבענדער אַרום אין רונדן, זאַפטיקן האַלדז. אים האָט זיך גאָר געוואָלט צוגיין, זי אַרומנעמען און זי פאַרזיכערן, אַז קיין זאַך האָט זיך ניט געביטן, אַז דער שרעק וואָס שפּרייט זיך איצט צווישן זיי איז ניט מער ווי אַ בייזער חלום...

ווייט, אויפן וועג, האָט זיך באַוויזן אַ וואָלקן שטויב, פון וועלכן עס האָט זיך גלייך דערטראָגן דער טומפּער לויף פון פערדישע קלאָען.

ני־זע־ני האָט זיך איינגעהערט אַ ווײַלע:

— דאָס קומט פּאָל אַליין... נאַר־באַ־נאַ האָט זיך, ווייזט אויס, ערגעץ־וואו פאַרהאַלטן, — און זי האָט צו אים פעסט, כמעט ווי האַרט, אַ זאָג געטאָן: — געדענק, דו ביסט מיין פאָטערס אַן אַלטער פריינט!

אויפן וועג, אין דער רויטער טיפעניש פון קעניאָן האָט זיך טאַקע גלייך באַוויזן אַ רייטער. ני־זע־ניס פּנים האָט אויפגעלויכטן און זי האָט מיט קליינע, לאַנגזאַמע טריט גענומען אים אַנטקעגן גיין.

און אין פּאָלס מוח האָט אַ פאַרגלייך, ווי אַ בליץ געטאָן: „פּונקט אַזוי פלעגט זי אַמאָל אויך מיר אַנטקעגן גיין... מיט די זעלבע לאַנגזאַמע טריט, מיטן זעלבן באַגייסטערטן אויסדרוק אויפן פּנים...“

ווען דער רייטער האָט זיך דערנענטערט, האָט פּאָל באַמערקט, אַז ער איז געווען היפּשלעך אויסגעפּוצט, ווייזט אויס, צוליבן טאַנץ, פון וועלכן ער האָט זיך איצט צוריקגעקערט. ער האָט געטראָגן אַ בלוי סאַמעטן העמד, געלע, אויך סאַמעטענע הויזן און ווייס־גרינע מאָקאַסינס. אַרום זיין האַלדז האָבן זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזט עטלעכע שנירלעך, פאַרשיידענע מינים

קאַראַלן; אויף יעדער האַנט אַ זילבערנער בראַסלעט און אַ העלעכער גאַרטל אַרום זיין טאַליע. אַ צוזאַמענגעלייגט בלוי טיכל האָט אַרומגעכאַפּט זיין שטערן און געהאַלטן אין אָרדענונג זיינע לאַנגע שוואַרצע האָר.

ער איז אַראָפּ פון פערד, נאָך איידער עס האָט זיך אָפּגעשטעלט און, פונקט ווי ער אַמאָל, אַריינגעכאַפּט די מוטער אין זיינע אָרעמס. ער האָט, ווייזט אויס, נאָך ניט באַמערקט דעם גאַסט, ווי אויך ניט זיין פערד, אין שאָטן פון אַ בוים.

„ווי שיין ער איז!" — האָט פּאָל, מיט אַ ווייטיק, אַ טראַכט געטאָן, — „דער שענסטער בחור, וועלכן כ'האָב װען ניט איז געזען..."

ני־זע־בי האָט צוגעדריקט איר קאָפּ צום זונס ברוסט, דערנאָך אים געגעבן אַ קוש און עפּעס אַ זאָג געטאָן, אין דער ריכטונג פונעם גאַסט.

פּאָל האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און זיין בליק, צעוערשט אַ נייגעריקער, איז מיטאַמאָל געוואָרן אָנגעשטרענגט און ער האָט, כמעט ווי אין שרעק, אָפּגעטראָטן אויף אַ שפּאַן צוריק. די מוטער האָט, ניט באַמערקנדיק זיין לעצטע באַוועגונג, אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און, ווי אַ קינד, אים גענומען פירן צום פאָטער.

און אין דער האַלבער אָדער גאַנצע מינוט, וואָס זי האָט אים געפירט, האָט אין פּאָלס מוח, ווי אויפגעבליצט דאָס פאָלגנדיקע בילד:

...אַ זוניקער נאָכמיטאָג, דאַכט זיך, ניט זייער לאַנג צוריק... ער, פּאָל אַליין, געפינט זיך אין קראָם נעבן דער קאַסע... מיט אַ גלייכגילטיקן בליק באַטראַכט ער די לאַנגע רייע קונים, וועלכע קומען איינציקווייז צו צו דער קאַסירשע, באַצאָלן און קריגן, שוין פון אַנדערע צוויי מיידלעך, די איינגעפּאַקטע סחורות... און אָט באַווייזט זיך אין טיר אַ יונגער מאַן, זיכער אַ אינדיאַנער... ער טראָגט געוויינלעכע קליידער, אָבער אַ בלוי טיכל כאַפּט אַרום זיין שטערן... ער גייט לאַנגזאַם אַריין אין קראָם, קוקט זיך אַרום און זוכט ווי אימיצן... זייערע אויגן באַגעגענען זיך. דעם יונגן מאַנס בליקן שפּרינגען שנעל אָפּ און גראָבן זיך איין אין די טישן מיט פאַרשיידענע מינים צעלייגטע סחורות... ער גייט פון איין טיש צום צווייטן, באַטאַפּט אַ צאָל זאַכן און וואַרפט, פון צייט צו צייט, בליקן אויף פּאָלן...

„דער בחור, זעט אויס, באַלאַנגט צום „האָפּי" שבט... ער איז זייער אַ שיינער און געזונטער יונג", — טראַכט פּאָל. ער וויל זיך וועגן נאָך עפּעס דערמאָנען, נאָר דער קראָם־פאַרוואַלטער קומט צו און פרעגט אים עפּעס, און זיין געדאַנק פאַרשווינדט.

די אָנגעשטעלטע האָבן שוין באַמערקט דעם מאָדנעם קונה. זיי ווינקען זיך איבער און היטן זיינע באַוועגונגען און אויך זיינע הענט... און אָט שטייט שוין דער יונגער אינדיאַנער פאַר דער קאַסירשע. ער האַלט אין

האָט אַ קינדער שפּילצייג: אַ היפּשן לייב. און בעת מען נעמט ביי אים דאָס געלט און דאָס מיידל לייגט אַריין דעם לייב אין אַ בייטל, נעמט ער ניט אַראָפּ דעם בליק פון פּאָלן. פּאָל פילט אויף זיך דעם יונגן מאַנס אויגן. ער וואַרפט אויף אים אַ שנעלן בליק, וויל אים אפילו אויך עפּעס זאָגן, אָבער די קאַסירישע דערלאַנגט אים אַ טשעק, וועלכן איינע פון די קויפערינס האָט איר געגעבן און פרעגט זיך נאָך, צי זאָל זי אים אָננעמען... פּאָל הייסט אָננעמען דעם טשעק, באַגריסט זיך מיט דער קויפערין און ווען ער דרייט ווידער אויס דעם קאָפּ, וואו דער אינדיאַנער איז נאָר וואָס געשטאַנען, איז שוין יענער ניטאָ. און אין אַלגעמיינעם טומל האָט פּאָל דאַן גלייך פאַרגעסן וועגן דער באַגעגעניש מיטן יונגן אינדיאַנער, אויך וועגן יענעמס פאַרשנ־דיקע בליקן און דעם געקויפטן לייב.

און ווי מיט אַ בליץ אין אַ פינצטערער נאַכט, ווערט פאַר פּאָלן מיטאַמאָל איצט קלאָר ווער דער אינדיאַנער איז דאַן געווען און וואו ער האָט געקויפט דעם לייב, וועלכן ער האָט דאָ נאָר וואָס געזען שטיין אויף דעם ביכער־שראַנק אין בי־זע־ניס „האָגאַן".

ער האָט געפילט, ווי ווילד אויסצושרייען פון ווייטיק, ווי אַרויסצופאַלן אויף דער ערד און פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין זאַמד.

בי־זע־ני איז שוין אָבער געשטאַנען פאַר אים און ער האָט דערהערט איר, דאַכט זיך, אינגאַנצן רואיק קול:

— זון מיינער, דאָס איז מיסטער לעסער... דעם זיידנס אַן אַלטער, גוטער פריינט.

פּאָטער און זון האָבן, שווייגנדיק, געקוקט איינער אויפן צווייטן און זיך פון אָרט ניט גערירט. און ווען בי־זע־ני, אַ פאַרוואונדערטע פון זייער שווייגן, האָט זיי ביידן אַ קוק געטאָן אין די פּנימער, איז דער יונגער פּאָל דער ערשטער געקומען צו זיך און איר, כמעט ווי רואיק, געענטפערט:

— מוטער, איך קען מיסטער לעסערן.

— דו קענסט אים? — האָט זי זיך געוואונדערט, — פון וואַנען און פון ווען אָן?

— שוין אַ היפּשע צייט, — האָט דער זון געענטפערט, — ווייסט מיר אַנטשולדיקן, כ'מוז זיך איצט מודה זיין, אַז כ'בין פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר צוויי מאָל, אָן דייך וויסן, געפאָרן קיין פיניקס, כדי זיך מיט אים צו באַקענען...

זי האָט אויפגעציטערט מיטן גאַנצן קערפּער:

— כדי זיך צו באַקענען, זאָגסטו? צוליב וואָס?! — אירע אויגן האָבן זיך ווי איינגעשטאָכן אין אים און דינינקע קנייטשעלעך האָבן זיך אַ שפּרייט געטאָן איבער איר קלאָרן שטערן און אין די ווינקלען פון מויל.

ער האָט זי אַרומגענומען:

— מוטער טייערע, ווײסט מיר אַנטשולדיקן... איך קלײב זיך שוין לאַנג דיר עס צו זאָגן: איך... ווייס ווער מיסטער פאָל לענסער איז... כ׳בין צווײ מאָל געווען ביי אים אין דער גרויסער, רייכער קראָם, צווײ מאָל אים געקוקט גלייך אין די אויגן, זיך געבעטן מיך צו דערקענען, זיין האַרץ איז אָבער טויט געווען...

זי האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר די הענט:

— דו ווייסט?... ווער האָט עס דיר געזאָגט?... דער זיידע?!

— ניין, אונדזער „טשיף״: לו־קאַ־טשי־קעי...

ני־זע־ני האָט טיף אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און פעסט צוגעדריקט ביידע הענט צו איר ברוסט.

דער זון האָט זי אַרומגענומען:

— גלויב מיר, מוטער, אַז אַזוי איז בעסער. כ׳בין שוין לאַנג קיין קינד ניט און מען דאַרף שוין קיין זאַך פאַר מיר ניט באַהאַלטן. — ער האָט אָנגעוויזן אויפן פאָטער: — ער האָט זיך מיט וואָס צו שעמען, אָבער ניט דו... און מעגסט אויך זיכער זיין, אַז כ׳וועל דיך קיינמאָל ניט פאַרלאָזן און ניט מיטגיין מיט אים צו... זייניקע. אָפט, אין שלאָפלאָזע נעכט, פלעג איך טראַכטן, אַז ווען כ׳וועל זיך אַמאָל טרעפן מיט אים, וועל איך פאָדערן פון אים צענדליקע ענטפערס, אָבער איצט האָב איך בלויז איין פראַגע אים צו שטעלן: — ער האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט צום פאָטער: — זאָג מיר, כ׳וויל בלויז איין זאַך וויסן... נאָך וואָס ביסטו הײַנט אַראָפּגעקומען צו אונדז אין קעניאָן?! דו האָסט אונדז איבער גענוג שלעכטס געטאָן... האָסטו אונדז הײַנט אפשר אויך עפּעס גוטעס געבראַכט?!

פאָל האָט געפילט ווי דעם זונס יעדעס וואָרט וואָלט פון אים אַראָפּגע־ריסן איין מלבוש נאָכן צווייטן און גיך איז ער געשטאַנען, ווי אינגאַנצן אַ נאַקעטער פאַר זיי ביידן. מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן, האָט ער געקוקט אויפן זון און אָפּגעריסענע שטיקלעך געדאַנקען האָבן, ווי פאַרטריקנטע געלע בלעטער, געטריבענע פון אַן אָסיענדיקן ווינט, זיך געהויבן און צוריק געפאַלן אין זיין האַלב־פּאַראַליזירטן מאַרך.

און ווען זיין פאַרצווייפלונג האָט דערגרייכט די שטופע פון טויטלעכער גלייכגילטיקייט, האָט ניט ער, נאָר אימיצער אין אים גענומען רעדן: — ביסט גערעכט, פאָל, כ׳האָב זיכער ניט פאַרדינט פון דיר צו הערן דעם נאָמען „פאָטער״... ס׳איז אויך אמת, אַז כ׳האָב דיך, ביידע מאָל, אין קראָם ניט דערקענט... וועגן דעם האָט דער ליב, וואָס היט דײַנע ביכער, מיר אָנגעזאָגט... און זיך ניט פאַרענטפערן אַהער בין איך געקומען און קיין גוטעס האָב איך אייך אויך ניט געבראַכט... און גלויבט מיר ביידע, אַז

דאָס לעבן איז שטאַרקער פון יעדן איינעם באַזונדער און... — ער האָט הילפלאָז צענומען מיט ביידע הענט, — און קיין שום בייט אין גאַנג פון מיין איצטיקן לעבן קען איך ניט און וויל אויך ניט מאַכן. ס'וואָלט קיינעם פון אונדז קיין גוטס ניט געבראַכט און בלויז פיינלעך פאַרפלאָנטערט אַ צאָל, אינגאַנצן, אומשולדיקע מענטשן... און געקומען היינט אַהער בין איך, ווייל טיף אין מיר האָט די אַלע יאָרן געלעבט אַ געפיל פון אַ גרויסער, באַגאַנגענער אומרעכט קעגן אייךביידן...

— כדי האַלסט דערנאָך רואיקער קענען פאַרזעצן דיין רייכן אַרט לעבן?!

— האָט דער זון בייז אַ פרעג געטאָן.

— אפשר, — האָט פאָל צענומען ביידע הענט — און מעגלעך, אַז ניט... רייכקייט האָט זייער אַ שטאַרקע צוציאונגס־קראַפט פאַר אָרעמקייט, זי ווערט אָבער פאַרוואַנדלט אין אַ טעגלעכער רוטין, ווען מען איז אין איר... צווי שטאַרקע וואונטשן האָבן אַלע יאָרן טיף אין מיר געלעבט: איינער, אייך ביידן צו זען און דער צווייטער — ביי אייך, אָרעמע, אַ טובה צו בעטן.

ני־זע־ני האָט לאַנגזאַם, ווי פאַרזיכטיק, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דעם זונס בליקן האָבן אויסגעדריקט פאַרוואונדערונג.

— זאָג, וואָס ווילסטו? — האָט זי שטיל אַ פרעג געטאָן, — וואָס קענסטו ביי אונדז בעטן?

— איך וויל, אַז איר זאָלט מיר דערלויבן אייך אַרויסצוהעלפן אויף אַ פיל ברייטערן וועג, ווי ביז איצט. ערעדט זיך ביידע אויף דורך מיט נאָר־באַ־נאַן... ער איז אַ פיינער, אַ הערלעכער מאַן. אפשר וועט איר באַשליסן צו עפענען עפּעס אַ געשעפט דאָ, ביי אייך אין דער רעזערוואַציע, אָדער אין שטאָט?... אָדער אפשר גאָר קויפן אַ שטיק לאַנד?... באַשליסט און לאָזט מיר גלייך וויסן מיט אַ בריוו, אָדער זאָל איינער פון אייך אַריינקומען אין קראָם און פרעגן אויף מיר... זאָגט איר עס מיר צו?

דער יונגער פאָל האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ און געשוויגן.

ני־זע־ני האָט אַ צושטימיקן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— יאָ, פאָל, איך זאָג עס דיר צו! — זי האָט, אויף שנעל, אויסגעווישט די טרערן.

פאָל האָט דאַן, איילנדיק זיך, אַרויסגענומען פון קעשענע זיין טייסטער, אים צעעפנט, אַרויסגעכאַפּט פון דאָרטן אַלץ, וואָס עס האָט זיך אין אים געפונען און דערלאַנגט דאָס פּעקעלע אַסיגנאַציעס צו ני־זע־נין.

זי האָט, פאַרזיכטיק, אַרויסגענומען דאָס געלט פון זיין האַנט, עס אַריינגערוקט אין בוזים און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— אַ־שי־הי, פאָל! (אַ דאַנק) און צוגעגעבן: — איך בין דיר מוחל...

גיי און זיי גליקלעך אין דיין וועלט, מיט דיין משפחה.

און איר שטיל ציטערנדיק קול, אירע פּאָר מחילה ווערטער האָבן, ווי מיט אַ פּלוצלינגדיקן הייסן שטראָם אַ וואַש־געטאָן זיין פאַרגליווערטן געמיט און אַ יאָג־געטאָן אַ פייערדיקן שטראָם איבער זיינע אָדערן.

— אַ דאַנק, ני־זע־ני, אַ דאַנק, פּאָל! — האָט ער אַ זאָג געטאָן און, איילנדיק, זיך געלאָזט גיין צום פערד.

דער זון איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט אַן אָפּגעווענדטן קאָפּ.

פּאָל איז אַרויף אויפן פערד און אײדער ער האָט אַ צי־געטאָן די לייצעס, האָט ער נאָך אַמאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ: ני־זע־ני מיטן זון זיינען איצט געשטאַנען פעסט אַרומגענומען און ער האָט קלאָר געזען, אַז אין זייערע ביידנס אויגן האָבן געפינקלט טרערן.

ער האָט אַ שטאַרקן צי־געטאָן די לייצעס און דאָס פערד האָט זיך אַ ריס געטאָן פאָראויס. מיט אויגן איבערגעפילטע מיט טרערן, האָט ער זיך געיאָגט, ניט פאַנאַנדערקלייבנדיק אין וועג. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס האַרץ אין אים ווערט צעריסן אויף שטיקער און געוואָלט האָט זיך אים שרייען, וויינען, בעטן ביי אימיצן הילף. דער קאָפּ האָט זיך אים גענומען דרייען און ער האָט געפילט, אַז ער פאַלט באַלד אַראָפּ פון פערד.

ער האָט פאַרקירעוועט פונעם הויפּט־וועג אויף אַ שמאָלער סטעזשקע, באַרג אַרויף צו איינער פון די רויטע ווענט, און איז אַראָפּ פון פערד אויף אַ קלייניקער לאָנקע, אַ געדיכט פאַרוואָקסענער מיט קוסטן און הויכן גראָז. דאָ איז ער געשטאַנען אַ ווײַלע, האַלטנדיק צוגעשפּאַרט דעם קאָפּ צום פערדס האַלדז, קלאָר געזען פאַר זיך ני־זע־ני, שטייענדיק אַרומגענומען מיט „איר" זון, געהערט איר שטיל קול: „אַ־שי־הי, פּאָל... איך בין דיר מוחל..." און פון אויבן, פון דער ריזיק־הויכער, רויטער וואַנט פונעם קעניאָן, האָט זיך צו אים דערטראָגן זיין פּרוי, נעליס, קול: „פּאָרזיכטיק, פּאָל טייערער, ווי דו טרייבסט די מאַשין! יאָג זיך ניט צו שנעל!"... און אַרום איר האָט ער דערזען זיינע פיר טעכטער, וועלכע האָבן געפּאָכעט מיט די הענט און אים נאָכגעשריגן: „גוד־ביי, פּאַפּאַ!... קום וואָס שנעלער!"...

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן גראָז, פאַרדעקט דאָס פּנים מיט ביידע הענט און, ווי אַ קליין קינד, זיך צעכליפּעט.

און איבער אים איז געשטאַנען דאָס פערד, פון צייט־צו־צייט אָנגעשפּיצט ביידע אויערן, זיך ווי פויל צוגעהערט צום מענטשלעכן געוויין און צוגעשאָקלט מיטן געדיכטן, לאַנגן עק.

דער שלאַנגען־טאַנץ

עס האָט באַדאַרפט זיין אינדערמיט פון חודש אויגוסט. נאָך אין שלאָף האָב איך דערהערט דעם גאַלאָפּ פון אַ שנעל־לויפנדיקן פערד און ווען דאָס טופּען פון די פערדישע קלאָען האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט נעבן מיין טיר, בין איך שוין געווען אינגאַנצן וואַך. איך האָב שוין קלאָר געהערט, ווי אימיצער איז אַראָפּ פונעם פערד, איז פאָרזיכטיק צוגעגאַנגען צו מיין טיר און שטיל אָנגעקלאַפּט.

איך האָב זיך פלינק אויפגעזעצט אויפן דיל, אויף וועלכן איך בין געשלאָפן אָן איינגעוויקלטער אין צוויי קאָלדרעס און אַ פרעג געטאָן:

— ווער איז עס דאָרטן?

אַ באַקאַנטע מענערשע שטימע האָט גלייך אָפּגעענטפערט:

— דאָס בין איך! אָ־קאַ־וואַ.

אָ־קאַ־וואַ, מיינער אַ גוטער האָפּי פריינט, איז געשטאַנען פאַר מיר, אָן איינגעוויקלטער אין זיין קאָלדרע און אין דעם פרימאָרגנדיקן נעבל. הינטער זיינע פלייצעס האָט זיך שווער באַוועגט דער סילועט פון אַ פערד.

— וואָס איז געשען? — האָט איך אַ פרעג געטאָן, — דו ביסט, דאַכט זיך, די גאַנצע וואָך געווען אין אָראַיבי?

— ריכטיק! — האָט ער אַ צושטימיקן בויג געטאָן מיטן קאָפּ, — איך קום טאַקע איצט גלייך פון דאָרטן.

— איז וואָס־זשע געווען די איילעניש מיך אויפצואוועקן אַזוי פרי? — האָב איך זיך גע׳חדוש׳ט.

— כ׳האָב ווייער אַ נויטיקן בריוו פאַר דיר, — האָט ער אַ שמייכל געטאָן, — אַ בריוו פון דיינעם אַן אַלטן פריינט, דעם שלאַנגען פריסט׳ס זון — אָ־טאַ־קאַ׳ן. — ער האָט אַרויסגענומען פון בוזים־קעשענע אַ בריוו און מיר אים דערלאַנגט.

אָ־טאַ־קאָ איז געווען אַ יונגער אינדיאַנער מאָלער, אין וועמענס הויז איך האָב, מיט צוויי יאָר צוריק, פאַרבראַכט וואונדערלעכע פיר וואָכן און וועלכער האָט, מיט אַלע כוחות, זיך באַמיט מיך אַריינצופירן אין אינערלעכן לעבן פון זיין האָפּי שבט. זיין פאָטער, לאָ־מאַ־וואַנ־טי־וואַ איז געווען דער הויפט־פריסטער פונעם שלאַנגען־קלען, און די מוטער האָן־מאַ־נאַ האָבן מיך איינגעאָרדנט אין אַ הילצערנעם ביידל, נעבן זייער הויז, און זיך באַצויגן צו מיר מיט דער וואַרעמסטער פריינטשאַפט.

עס איז אין יענער צייט אָנגעגאַנגען אַ ביטערער קאַמף אין אָראַיבי צווישן צוויי גרופּעס איינוואוינער: „פּראָגרעסיווע״, וועלכע האָבן געוואָלט

איינשטעלן פריינטלעכע באַציאונגען מיט די ווייסע מענטשן און „טראַדיציאָנאַליסטן“, וועלכע האָבן געשטרעבט זיך אינגאַנצן אָפּצוזאָגן פון יעדער פאַרבינדונג מיט דער אַרומיקער, ווייסער וועלט. לאָ־מאַ־וואַנ־טי־וואַ איז געווען דער פירער פון די „פּראָגרעסיווע“ און זיין ברודער — סאַ־קיעס־טי־וואַ האָט אָנגעפירט מיט די פאַרביסענע געגנער.

איך האָב געגומען דעם בריוו — אַ דאַנק, אָ־קאַ־וואַ, פאַרן בריוו און... זאָג מיר, וואָס הערט זיך עפּעס אין אָראַיבי ?... וואָס מאַכט אָ־טאַ־קאָ מיט זיינע עלטערן ?... ווי גייט, אין אַלגעמיין, צו דאָס לעבן דאָרטן ?

אויף דער ערשטער טייל פון מיין פראַגע איז געקומען אַ פריילעכער ענטפער : — זיי זיינען אַלע געזונט. אָ־טאַ־קאָ האָט לעצטן יאָר חתונה געהאַט און האָט שוין אַ זון פון זעקס חדשים און אין דאָרף גופא... — ער איז אַנטשוויגן געוואָרן אויף אַ ווילע און זיין פנים האָט אָנגענומען אַ טרויעריקן אויסדרוק : — אין דאָרף גופא איז זייער, זייער ניט פריילעך... — ער האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ רגע און איבערגע׳חזר׳ט : — יאָ, זייער, זייער ניט פריילעך...

איך האָב זיך איינגעקוקט אין זיין טרויעריקן פנים, זיך שוין אפילו גענומען אָנשטויסן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, אָבער דאָך איבערגעפרעגט :

— קענסטו מיר, אפשר, זאָגן וואָס דו מיינסט ? וואָס שאַפט דאָרטן אַזאַ גרויסע מאָס, ווי דו דריקסט זיך אויס, ניט „פריילעכקייט“ ?

ער האָט טיף אָפּגעזיפצט :

— איך מיין דעם ביטערן קאַמף, וועלכער גייט אָן צווישן אונדזערע אייגענע האָפּי ברידער.

— דו מיינסט דעם קאַמף צווישן די „פּראָגרעסיווע“ מיט זייערע געגנער ? — האָב איך פרובירט, אויף זיכער, אַוועקשטעלן די פראַגע.

— יאָ, דאָס טאַקע מיין איך, — האָט ער נאָך אַמאָל טיף אָפּגעזיפצט, — אַ העלפט פון די הייזער אין אָראַיבי שטייען שוין אינגאַנצן ליידיק... סאַ־קיעס־טי־וואַ מיט זיינע פריינט, האָבן זיך באַזעצט אין אַ נייעם דאָרף — אָטעווילאַ און איינגעשטעלט ביי זיך די זעלבע פירונגען און אפילו דעם „שלאַנגען־טאַנץ“, פונקט ווי אין אָראַיבי...

פאַר מיינע אויגן האָט אַ שוועב געטאָן דער הויך־באַרגיקער דאָרף, מיט די רייען ליימיקע הייזקעס, צוגעקלעפּטע איינער איבערן צווייטן, מיט זיינע פיל־צאָליקע שפּיצן פון די הויכע לייטערס, וועלכע קוקן אַרויס פון די „הייליקע קיוואַס“ (אונטערערדישע צימערן) מיט די סילועטן פון געפאַנגענע אָדלערס אויף אַ צאָל דעכער.

איך האָב זיך אַ כאַפּ געטאָן :

— גוט, מיין פריינט. אַ דאַנק דיר פאַרן גרוס. איצט גיי, דיין ווייבל

קאַ־ראַ־מאַ־נאַ וואַרט שוין, מן הסתם, מיט אומגעדולד אויף דיר. איך וועל באַלד איבערלייענען דעם בריוו און וועל שוין געפינען אַ וועג ווי אַזוי אים צו ענטפערן.

ער איז אַרויס און איך האָב גלייך געעפנט דעם בריוו.

טייערער פריינט דיקסי, — האָט אַ־טאַ־קאַ געשריבן, — איך און מיינע עלטערן געדענקען נאָך דעם געפיל פון אמת׳דיקער פריינטשאַפט וואָס דו האָסט מיט זיך געבראַכט צו אונדז מיט צוויי יאָר צוריק... איצט, דער־וויסנדיק זיך פון אַ־קאַ־וואָן, אַז דו געפינסט זיך שוין ווידער אין מאַפּענקאַפּי, לאָדן מיר דיך ווידער איין צו זיין אונדזער גאַסט אויף אַ טאָג, אַ וואָך, אַ חודש... אויף ווי לאַנג וועסט נאָר קענען און וועלן. מיט צוויי וואָכן שפּעטער פירן מיר דורך אונדזער „שלאַנגען־טאַנץ״. קום וואָס פריער, זיי אונדזער גאַסט.

„דיין פריינט: אַ־טאַ־קאַ״.

עפּעס אַ מין געפיל פון אומרו האָט אויף מיר אַ ווייע געטאָן פון צווישן די שורות פון בריוו און אַ פראַגע צו זיך אַליין האָט זיך שאַרף אַרויסגעשטעלט אין באַוואוסטזיין: —מיט וואָס קענסטו זיי העלפן? צוויי טיילן פון אַ פיל־געליטענעם שבט ראַנגלען זיך פאַר זייער קיום, זוכן, פאַר־צווייפלט, אַ וועג ווי אַזוי ניט אונטערצוגיין... וואָס קענסטו זיי זאָגן?

אָבער אימיצער אין מיר האָט גלייך געענטפערט: — ס׳איז קיין אונ־טערשייד ציי דו וועסט זיי דאַרטן קענען העלפן אָדער ניט... דאָס וויכטיקסטע איז דער פאַקט, וואָס אַ פריינט, בפרט אַ אינדיאַנער פריינט, רופט, דאַרף מען זיך אָפּרופן און... וואָס שנעלער.

דאָס איז געווען מיין באַשלוס און, פאַרנאַכט צו, נאָך פון יענעם זעלבן טאָג, האָב איך, מיט אַ־קאַ־נאַ׳ס הילף, זיך צוזאַמענגערעדט מיט אַ יונגן האָפּי בחור, אַ טרייבער פון אַ לאַסט־וואָגן, וועלכער האָט, אויפן צווייטן פרימאָרגן, באַדאַרפט אָפּפירן אַביסל סחורה פון טיובאַ סיטי צו אַ „טרעי־דינג־פּאָסט״ ביט ווייט פון אָראַיבי.

מיר זיינען אַרויסגעפאָרן גאַנץ פרי און מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט ער מיך אַראָפּגעלאָזט אין מדבר, אין דרום זייט פון דער „מעסאַ״ (באַרג), וואו אָראַיבי האָט זיך געפונען און מיך געוואָרנט צו זיין זייער פאָרזיכטיק ביים אַרויפגיין די שמאָלע, אָפּט געפערלעכע, סטעזשקע צום דאָרף.

איך האָב אים באַדאַנקט און לאַנגזאַם זיך געלאָזט גיין אין ריכטונג צום באַרג.

דער טרוקענער רויש פון אַ קלאַפּער־שלאַנג האָט מיך אָפּגעשטעלט אינמיטן וועג. כ׳בין גלייך שטיין געבליבן, זיך גענומען אַרומקוקן און באַלד באַמערקט אַ היפּשע קלאַפּער־שלאַנג אַרום אַ צען שפּאַן פון זיך,

וועלכע האָט זיך אַרומגעוויקלט אַרום אַ טרוקענעם קוסט און מיך באַטראַכט מיט ווייט ניט קיין פריינטלעכע בליקן. האָב איך, צועדרשט, זיכער געמאַכט צי עס זיינען אַרום ניט פאַראַן קיין האָפּיס, וועלכע מיידן אויס צו באַשעדיקן שלאַנגען, דערנאָך גענומען באַמבאַדירן מיין שכנה מיט אַזאַ געדיכטן האָגל פון היפּשע שטיינער, אַז זי האָט זיך שנעל געמוזט אָפּטראָגן.

און באַלד בין איך שוין געשטאַנען פאַר דער „מעסאַ", וועלכע האָט זיך געהויבן איבער דעם מדבר זאַמד אויף אַ הויך פון אַריבער טויזנט פוס און, לאַנגזאַם, אָנגעהויבן דעם שווערן אַרויפגאַנג.

דערגרייכנדיק, כמעט ווי אַ האַלבן וועג, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט פאַר ניט קיין זייער טיפער הייל, וואו עס האָט זיך, לויטן גלויבן פון די האָפּיס, באַדאַרפט געפינען די וואוינונג פון איינער פון זייערע וואוילטעטיקע גייס־טער, פון דער „שפּינען־פרוי". אויף דער ערד און אויף אַ דערבייאיקן שטיין, אינדערמיט פון דער הייל, זיינען געשטאַנען אַ צאָל, איצט שוין ליי־דיקע, טעלער און טעפלעך, וועלכע זיינען, ווען מען האָט זיי געבראַכט, זיכער געווען פול מיט פאַרשיידענע שפּייזן; נעבן זיי זיינען געלעגן „פּאַהאָס" (הייליקע שטעקעלעך מיט צוגעפעסטיקטע פעדערן) — אַלץ מתנות פאַר דער „שפּינען־פרוי".

עס האָט זיך מיר זייער שטאַרק געוואָלט אַריינגיין אינווייניק, געוויער באַטראַכטן דעם פּלאַץ, כ'האָב אָבער מורא געהאַט עס זאָל ווער ניט אָנ־קומען און שלעכט אויסטייטשן מיין אַריינדרינגונג אין זייער הייליקטום.

אַריינקומענדיק אין דאָרף, האָב איך גלייך באַמערקט, אַז סיי די צאָל אַרומלויפנדיקע קינדער, און אויך די אַלגעמיינע צאָל איינוואוינער, איז געווען פיל קלענער ווי מיט צוויי יאָר צוריק, ווען כ'האָב דאָ פאַרבראַכט. סיי די קינדער, אַזוי אויך די עלטערע האָפּיס האָבן זייער פריינטלעך גע־ענטפערט אויף מיינע באַגריסונגען און צוויי מיטליאָריקע האָפּיס האָבן מיך אפילו גלייך דערקענט אַלס זייער פאַרצווייאָריקער גאַסט.

— לאָמאַ־דאַלאַ־וויע (גוטער מאָרגן), — האָבן זיי מיך באַגריסט און צוזאַמען מיט אַ טוץ קינדערלעך, מיך באַגלייט ביזן סאַמע אַריינגאַנג אין זייער „טשיפּס" הייזל.

אָ־טאַ־קאָ האָט, נאָך פון ווייטנס, באַמערקט מיין קומען און איז, מיט שנעלע טריט, מיר געגאַנגען אַנטקעגן. מיר האָבן צוערשט זיך געדריקט די הענט, דערנאָך זיך אַרומגעכאַפּט.

— האָט אַזוי האַנדלט אַן אמתער פריינט! — האָט ער אויסגעשריגן, — אויפן אָרט פון צו שיקן אַ בריוול, קומט ער אַליין!

איך האָב מיט פאַרגעניגן אים אַריינגעקוקט אין זיין שיינעם, טיפּיש אינדיאַנישן, פּנים:

— דו, ברודער, קענסט זיך גאָרניט פאָרשטעלן, ווי שטאַרק עס פרייט מיך דיך צו זען!

האַלטנדיק זיך אַרומגענומען, זיינען מיר אַריין אין זייער לייטנעם הייזל און דאָס ערשטע, האָט ער פאַר מיר פאָרגעשטעלט זיין שיינע, פעט־לעכע ווייבל, וועלכע האָט געוואַרט אויף אונדז נעבן דער טיר, האַלטנדיק אויף די הענט, אַ שיינעם, אויך פעטלעכן, אינגעלע.

— דאָס איז מיין פרוי, — האָט ער זי פאָרגעשטעלט, — איר נאָמען איז „מאַ־האַ“ — דאָס מיינט: דער פלאַנץ פון דער „יאַקאַ“ פאַלמע. און דאָס איז מיין זון. מיר רופן אים „קע־לע“, וואָס עס מיינט — אַדלער.

איך האָב געגעבן דער יונגער פרוי די האַנט:

— איך בין זיכער, מאַ־האַ, אַז דו ביסט פונקט אַזוי קלוג, ווי שיין דו ביסט, אַנדערש וואָלט דיין מאַן, דער קינסטלער, דיך ניט געווען אויס־געקליבן.

זי איז שטאַרק רויט געוואָרן, זיך פאַרנייגט, באַדאַנקט און, מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט, מיך איינגעלאַדן אין צווייטער צימער, וואו עס האָט, זעט אויס, אויף מיר, זיצנדיק נעבן אַ קליינעם טישל, געוואַרט דער פאָטער, דער טשיף „לאַ־מאַ־וואַב־טי־וואַ“. ביי דער טיר פון קיך איז גע־שטאַנען, ברייט שמייכלענדיק, זיין פרוי: מאַ־סע־נימ־קאַ.

דער טשיף האָט זיך אויפגעשטעלט, מיר געגעבן די האַנט און באַגריסט:

— זאָל געבענטשט זיין דיין קומען... דו ביסט ביי אונדז אַ טייערער גאַסט...

גאָר אינגיכן זיינען מיר שוין אַלע געזעסן, אויף קליינע בענקעלעך, אַרום אַ נידעריקן טישל, און געגעסן מיטאָג. די שפייזן — טיפיש האָפּישע: אויפן אָרט פון ברויט האָט מען דערלאַנגט „פיקי“ (היפּשע, פלאַכע פלעצלעך פון קאָרן־מעל), דאָס הויפּט־געקעכטס איז געווען: „פּאַ־וואַ־לאַ“ (אַ גע־שמאַקע געמישעכטס פון קאָרן־מעל מיט לעמערן פלייש) און פאַרטרונקען האָבן מיר מיט קאַווע.

גליך נאָכן עסן האָט דער פאָטער זיך אַנטשולדיקט: דער יום־טוב פונעם „שלאַנגען־טאַנץ“ רוקט זיך אָן אַלץ נאָענטער און ער מוז זיך באַלד טרעפן מיט אַ צאָל פּריסטער אין דער „קיווא“. ער האָט דערביי, נאָך אַמאָל, אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט מיט מיין קומען.

ער איז אַוועק צוזאַמען מיט דער פרוי.

מיר האָבן אַלע דריי, אַ ווײַלע, געמיטלעך געשמועסט צווישן זיך וועגן וועלט־נייעס, אָבער מיטאַמאָל האָב איך זיך דערמאָנט און אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר, אַ־טאַ־קאַ, אויף וויפל איך ביך באַקאַנט מיט אייערע גע־

זעצן, דאַכט זיך מיר, אַז דו מיט דיין מאַ־האָ האָבן זיך באַדאַרפט, גלייך נאָך אייער חתונה, באַזעצן ביי אירע עלטערן?... טאָ ווי קומט עס טאַקע, וואָס איר וואוינט באַזונדער אין אייערע צוויי צימערלעך?

אָ־טאַ־קאָ מיט דער פרוי האָבן זיך, איינציייטיק, צעלאַכט און זי האָט געענטפערט:

— מיין משפחה איז אַ גאַנץ גרויסע. פאַראַן נאָך אַ צאָל קליינע קינ־דער... ס'איז פאַר אונדז פשוט קיין פּלאַץ דאָרטן ניט געווען... האָבן מיר אַביסל איבערגעטראָטן דעם מנהג און, מיט דער דערלויבעניש פון אונדזער טשיף, וועלכער גיט אויף יעדער זאַך אין דאָרף אַכטונג, זיך באַ־זעצט אין אָט־די צוויי קליינע צימערלעך...

— און וואָס הערט זיך, ברודער אָ־טאַ־קאָ, מיט דיין מאָלן? האָסטו עפּעס נייע, גוטע זאַכן געשאַפן פאַר די צוויי יאָר, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען?

— פאַראַן נאָך גענוג צייט, — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — זאָל זיין אַ צווייטן מאָל.

אַרבעט אין סטודיאָ...

און מאַ־האָ האָט מיט שטאָלץ צוגעגעבן, אַנטוויקלענדיק אויף דער סטעליע:

— מיר האָבן דאָרטן אַ קליין צימערל, איז עס פול מיט זיינע בילדער...

— אפשר וואָלט איך געקענט כאַפּן אַ קוק אויף זיי? — האָב איך געפרעגט.

— פאַראַן נאָך גענוג צייט, — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — זאָל זיין אַ צווייטן מאָל.

— גוט, — האָב איך צוגעשטימט, — אָבער איצט דערציייל מיר, וואָס עס הערט זיך דאָ, ביי אייך, אין אַראַיבי?... לויט מיין שכן אָ־קאַ־וואַ'ס גרוס איז עס ניט זייער פריילעך.

ער האָט, שווייגנדיק, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און זיין פּנים האָט אָנ־גענומען אַ פּיינלעכן אויסדרוק.

— דערציייל, — האָב אים אונטערגעגעבן מוט, — איך בין זיכער, אַז איך קען אייך דאָ מיט קיין זאַך ניט העלפן, אָבער... ס'איז בעסער זיך דורכצושמועסן.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געגעבן אַ קוק אויף מיר, דערנאָך אויף דער פרוי, וועלכע האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען זיין בליק, זיך אויפגעהויבן און פאַרלאָזט דעם צימער.

ער האָט אַ ווײַלע זיך איינגעקוקט אין מיין פּנים און ענדלעך זיינען פון זיינע ליפּן, ווי פיר טויטע באַשעפענישן, אַרויסגעפאַלן פיר ווערטער:

— פריינט, מיר גייען אונטער.

— דו רעדסט וועגן דער צעטיילונג? — האָב איך געוואָלט קלאָר מאַכן.

ער האָט אַ צושטימיקן שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ און, מיט אַ טיפן זיפץ, גענומען דערציילן:

ס׳איז ערגער, פיל ערגער ווי די ערגסטע קראַנקהייט... מיר זיינען איצט ווי אויף צווייען אַ צעשניטענער קערפּער... מיר זיינען שוין מער ניט דאָס פאָלק פון שלום, ניט נאָר אין באַצוג צו אַנדערע פעלקער, נאָר אפילו ניט אין באַצוג צו זיך אַליין... אַרום אַ העלפט פון אונדזער דאָרף איז, אונטער דער פירערשאַפט פונעם פּאַטערס ברודער, סאַ־קיעס־טי־וואַ׳ן, אויך אַ שלאַנגען־פּריסטער, אַוועק פון אונדז און געגרינדעט זייער אַן אייגענעם דאָרף, אָ־טאַ־ווי־לאַ... משפּחות זיינען צעריסן געוואָרן, אייניקע זיינען אין שונאים פאַרוואַנדלט געוואָרן... און די הויפּט־שווערקייט פאַלט אויפן טאַטן... איך ווייס ניט ווי ער נעמט כּוחות עס אויסצוהאַלטן... זיי האָבן שוין אפילו איינגעפירט ביי זיך זייערע אייגענע „שלאַנגען־טענץ״... קאָנקורענטן געוואָרן... — ער האָט טיף אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— זאָג מיר, — האָב איך, נאָך אַ קורצן שוויגן, אָנגעפאַנגען, — מאַך פאַר מיר קלאָר אין וואָס, איגענטלעך, באַשטייען די הויפּט־שטרייט מיינונגען צווישן דעם פּאַטער מיט זיין ברודער, סאַ־קיע־טי־וואַ׳ן?... כּ׳מיין, צווישן די „פּראָגרעסיווע״ מיט די „טראַדיציאָנאַליסטן״?

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ:

— דער ענין איז זייער אַ פּשוטער, און אַט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך: דער פּאַטער, צוזאַמען מיט זיינע פּראָגרעסיווע פריינט טעוואַ׳ן, אַז אַזוי ווי די ווייסע זיינען שוין דאָ אויף צו פאַרבלייבן און זיי זיינען די בעלי־בתים פון לאַנד און אונדזערע קינדער באַזוכן זייערע, אַריבער 300 שולן און זיי, די ווייסע, לעבן טאַקע אויך פיל בעסער פון אונדז, מהין מיר זיך צופּאַסן אַביסל צו זיי, דאַרפן איבערנעמען זייערע בעסערע זיטן, ווי אויך זייער מאַטעריעלע הילף, אַלץ, אַחוץ זייער גלויבן...

— און די „טראַדיציאָנאַליסטן״, — האָב איך געוואָלט וויסן, — וואָס ווילן זיי?

— זיי ווילן זיך אינגאַנצן אָפּזונדערן פונעם ווייסן מענטשן... ווילן ניט אָנערקענען ניט זיינע שולן, ניט זיין רעגירונג, ניט זיין הילף. זיי זאָגן זיך אויך אָפּ צו גיין אין זיין מיליטער... אַ צאָל פון זיי גלויבן נאָך אַלץ, אַז די ווייסע מענטשן וועלן סוף־כּל־סוף אינגאַנצן אַוועק פון דאַנען, פּונקט ווי די שפּאַנישע זיגער זיינען אַמאָל געקומען און זיינען שפּעטער פאַרשוואונדן.

איך האָב געשפּאַנט איבערן צימער, זיך אָפּגעשטעלט פאַרן קליינעם פענצטערל און אַרויסגעקוקט אין ווייטן מדבר און ווען כ׳האָב שוין גענוג קאָנצענטרירט מיינע געדאַנקען האָב איך גענומען רעדן:

— איצט הער, אָ־טאַ־קאָ, וואָס איך וועל דיר זאָגן: דו פאַרשטייסט

אַליין, אַז מײַנע מײנונגען, פּונקט ווי דײַן פֿאָטערס, זײַנען ניט קיין געזעצן פֿאַר קײנעם, אָבער איך בין מער ווי זיכער, אַז דײַן פֿאָטער וועט בלײַבן דער געראַכטער, ווען אפילו אָט דאָ, אין אײַער אָראַיבי. וואָל פֿאַרבלײַבן וואוי־נען בלויז אײַער אײנציקע משפּחה... פּונקט ווי מען קען זיך ניט איזאָ־לירן פֿון דער לופֿט אין אַ פֿאַרהאַקטן צימער, אַזוי קען מען זיך ניט אויס־באַהאַלטן פֿונעם אַרומיקן, בפֿרט נאָך אַ בעסערן לעבן... .אין יעדער רע־ליגיע געפֿינט זיך אַ סך גוטעס, אפילו פֿאַרן פֿאַרגעשריטענעם מענטשן, צוזאַמען מיט אַ סך אַבערגלויבנס. אײַער אינדיאַנישער גלויבן, אויך וויפֿל איך קען אים, איז זייער אַ פֿײַנער גלויבן, אַ פֿאָלקס־גלויבן, וועלכער איז דורכגעזאַפּט מיט דער מוטער נאַטור. אַ גלויבן, וועלכער איז פּונקט ווי אַ צאָל אַנדערע גלויבנס, געשאַפֿן געוואָרן פֿון אײַער אַרט לעבן, פֿון אײַערע פֿריידן און לײדן. די נאַטור איז דאָך איבערגעפּאַקט מיט די גרעסטע וואונ־דער, וואונדער פֿונעם לעבן פֿונעם קלענסטן גרעזעלע ביז דעם ריזיקן „סעקוואָיאַ״ בוים, פֿון דעם מינדסטן פֿליגעלע ביזן מענטשן... זאָג מיר, וואָס נאָך פֿאַר אַ פֿאָלק, אַחוץ אײַערן, בעט מחילה אפילו בײַ דעם קלענצסטן פֿלאַנץ, אײדער מען רײַסט אים אַרויס פֿון דער ערד פֿאַר שפּײַז אָדער אַ מעדיצין?...

אַ־טאַ־קאַ האָט זיך צעלאַכט:

— דו ווייסט, דיקסי, איך דענק, אַז דו ביסט אַ בעסערער אינדיאַנער פֿון מיר!...

— מעגלעך, — האָב איך, אויך לאַכנדיק, געענטפֿערט, — אָבער איך וויל בלויז נאָך איין זאַך צוגעבן און איך וויל, אַז דו מיט דײַן פֿאָטער זאָלן עס וויסן. איך פֿאָלג פֿאַר די לעצטע צוויי יאָר נאָך אין די צײַטונגען און אין דער ליטעראַטור אַלץ, וואָס עס ווערט געשריבן וועגן אײַך און לאָמיר דיר זאָגן, אַז עס גייט איצט אָן אַ פֿײַן אָרגאַניזירטע באַוועגונג צווישן אונ־דזערע בעסטע און הערלעכסטע בירגער, אויך וויפֿל ס׳איז מעגלעך, גוט צו מאַכן די גרויסע עוולות, וועלכע זײַנען באַגאַנגען געוואָרן קעגן אַלע אינ־דיאַנער שבֿטים. אַזוי, אַז ניט באַהאַלטן דאַרפֿט איר זיך איצט, נאָר דער היפּך, אַרויסקומען אין דער עפֿנטלעכקייט און פֿאָדערן גערעכטיקייט... און איך גלויב, אַז עס וועט ניט נעמען זייער לאַנג און די אַנטלאָפֿענע, אָדער אפֿשר זייערע קינדער, וועלן זיך צוריקקערן צו אײַך...

אַ־טאַ־קאַ׳ס פּנים האָט איצט שוין געשײַנט:

— דו, דיקסי, קענסט זיך גאַרניט פֿאָרשטעלן וויפֿל פֿאַרגעניגן דײַנע רייד, ווען כ׳וועל זיי איבער׳חזר׳ן, וועלן פֿאַרשאַפֿן דעם פֿאָטער. —

עס האָבן זיך פֿאַר מיר, פּונקט ווי מיט צוויי יאָר צוריק, ווידער אַ

צוויקל־געטאָן אינטערעסאַנטע טעג און נעכט אין אַרומפֿאָרן און פֿאַרברענגען מיט אָ־טאַ־קאָ׳ן צווישן זיינע האָפּי און נעוועהאָ פֿריינט. עס זיינען אויך זייער שנעל אַנגעלאָפֿן די זייער וויכטיקע ניין טעג, אין דער צייט פֿון וועלכע די פּריסטער פֿון די אַנטילאָפּן און שלאַנגען קיוואַס הויבן אָן זיך פֿאַרטיק צו מאַכן פֿאַרן „שלאַנגען־טאַנץ“.

אַלע טאָג האָבן קיין אָראַיבי גענומען אָנקומען, צו זייערע פֿריינט און משפּחות, גאַנצע גרופּעס האָפּיס פֿון די אַרומיקע דערפֿער, כּדי צוזאַמען ביייוואוינען דעם שלאַנגען־טאַנץ. אויף די שמאָלע, זאַמדיקע געסלעך איז ווידער געוואָרן ענג און פֿרייִלעך.

איינמאָל, ווען קיינער איז אין הויז ניט געווען, האָט אָ־טאַ־קאָ מיר געוויזן דעם פּאָטערס קאָסטיום, וועלכן ער, ווי אויך אַנדערע שלאַנגען־פּריסטער, וועלן טראָגן אין צייט פֿונעם שלאַנגען־טאַנץ.

— אָט דער קלאַפּער, — האָט ער מיר אָנגעוויזן, — איז געמאַכט פֿון די צוויי פֿאַנצער־דעקלעך פֿון אַ טשערעפּאַכע און איז צוזאַמענגעשלאָסן מיט נעגל פֿון אַ שאָף. צוויי אַזעלכע קלאַפּערס ווערן צוגעבונדן צו ביידע פֿיס. אָט דער רימען מיט די גלעקלעך ווערט געטראָגן איבערן רעכטן אַקסל און די קליינע פֿוקסן־פֿעל איז צוגעפּעסטיקט צום הינטערשטן טייל קאָפּ. דאָס קורצע, ראָז־רויטע, געפֿאַרבטע קליידל, ווי אויך די רויטע מאָקאַסינס, מיט די איבערהענגענדיקע לאַנגע פֿרינדזן, זיינען געמאַכט פֿון הירשן־פֿעל און באַפּוצט מיט פֿאַרביקע פֿאַסן. אָט־די בינטלעך העל־רויטע פֿעדערן זיינען צוגעפּעסטיקט צו דער מיט פֿון יעדנס קאָפּ.

— זייער אינטערעסאַנט! — האָב איך באַמערקט, — וואָס ווייטער?

— די פּנים׳ער מוזן זיין קויל־שוואַרץ, — האָט ער פֿאָרגעזעצט, — ווייסע פֿאַסן אַרום שטערן און מויל, מיט ווייסן זיינען אויך באַשמירט די אויבערשטע טיילן פֿון די אַקסלען, הענט און פֿיס... פֿאַרשטענדלעך, אַז אויף די הענט טראָגט מען בראַסלעטן און שנורן קרעלן אַרום האַלדז...

— אַ דאַנק, — האָב איך אים אָפּגעשטעלט, — וואָלסט מיר אפֿשר אויך, אין קירצן, איבערגעגעבן דעם היסטאָרישן הינטערגרונט, אויף וועלכן עס איז געבויט די שלאַנגען לעגענדע? איך מיין, דעם קנופּ, וואָס פֿאַרבינדט די שלאַנגען מיטן רעגן?

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט און ער האָט שטיל גענומען דערציילן:

— דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך אַליין קיינמאָל ניט גענוג טיף איינגעטראַכט אין גאַנצן ענין. ס׳איז מיר עטלעכע מאָל אויסגעקומען צו הערן אַ צאָל מעשיות פֿון די אַרומיקע... איינע, געדענק איך, האָט געהאַט צו טאָן מיט אַ ריזיקער, מיט פֿעדערן־באַפּוצטער שלאַנג, וועלכע לעבט ערגעץ־וואו אין אַ רויטן לאַנד אין דרום־אַמעריקע. אָט־די שלאַנג זאָל געווען האָבן

די אויבערזיכט איבער די וואַסערן פון דער אונטערוועלט און דערפאַר טאַקע שיקן מיר צו איר שלאַנגען אין געבעט פאַר רעגנס... די צווייטע לעגענדע דערציילט אַ געשיכטע וועגן אַ יונגן אינדיאַנער מיטן נאָמען „טיי־האָ“, וועלכער האָט געוואָלט אויסגעפינען וואוהין עס גיסן זיך אַריין די וואַסערן פונעם קאָלאָראַדאָ טייך. ער האָט זיך באַוואָרנט מיט פאַרשיידענע מינים „פּאהאָס“ (אייליקע שטעקעלעך, באַפּוצטע מיט פעדערן) און אַנדערע הייליקע מתנות פאַר דער „שפּינען־פרוי“ און אַנדערע גייסטער און, אין אַ שיפל, זיך געלאָזט אין וועג אַריין. די „שפּינען־פרוי“, וועמען טיי־האָ'ס מתנות זיינען שטאַרק געפעלן, האָט אים גענומען אונטער איר שוץ. זי האָט אים אַרונטערגעפירט אין דעם אונטערשטן טייל פון דער וועלט, אים פאַרבייגעפירט אַ ריזיקן שלאַנג, מיטן נאָמען „גאַ־טאָ־יאַ“, אויך אומגעשטערט פאַרבייגעפירט אַ צאָל ווילדע, ריזיקע חיות און אים ענדלעך געבראַכט צו דער זון. אויך דער זון איז „טיי־האָ“ שטאַרק געפעלן און אַלס אַ צייכן פון פריינטשאַפט, האָט זי אים אַרויפגעזעצט צו זיך אויפן אַקסל און איז איבערגעשוואומען, מיט אים, דעם הימל, באַקענענדיק אים מיט דער גאַנצער וועלט. ווייטער ווערט דערציילט אין דער מעשה, אַז „טיי־האָ“ האָט זיך צוריקגעקערט צו דער „קיווא“ פון דער שלאַנג, וואו ער האָט זיך באַקענט מיט שלאַנגען און אַנטילאָפּן פריסטער, וועלכע האָבן אים אויסגעלערנט אַלע לידער און תפילות, אים אויך געוויזן ווי אַזוי צו פאַרבן דעם קערפער און וואָס פאַר אַ קליידער צו טראָגן ביי דעם שלאַנגען־טאַנץ, כדי צו ברענגען די וואָלקנס און ראַטעווען די פאַרזייטע פעלדער פון אומקום. זיי האָבן אים אויך מיטגעגעבן צוויי זייער שיינע מיידלעך, וועלכע האָבן געוואוסט דעם סוד, ווי אַזוי צו ראַטעווען פון אַ ביס פון קלאַפּער־שלאַנגען.

— זייער אַ אינטערעסאַנטע מעשה, ברודער! — האָב איך באַמערקט,
— זעץ־פאָר!

און ער האָט ווייטער דערציילט:

— ווען דער יונגער „טיי־האָ“ איז אַהיימגעקומען, האָט ער חתונה געהאַט מיט איינער פון די צוויי מיידלעך און די צווייטע געגעבן זיין יונגן ברודער פאַר אַ ווייב. זיי האָבן זיך באַזעצט אין צוויי, באַזונדערע „קיוואַס“ און געפירט אַ גליקלעכן לעבן... מיט אַ צייט שפּעטער, ווען אַ שרעקלעכע טרוקעניש האָט אַלעמען געדראָט מיט הונגער־טויט, האָבן, איינמאָל, שפּעט אין דער נאַכט, געדיכטע וואָלקנס באַדעקט דעם גאַנצן הימל, אָבער אויפן אָרט פון שטראָמען, זייער נויטיקן וואַסער, האָבן פון די וואָלקנס זיך אַראָפּגעלאָזט אַ צאָל שלאַנגען־מענטשן פון דער אונטערוועלט. זיי זיינען גלייך אַריין אין די ביידע „קיוואַס“ און פאַרשוואונדן. אין דער פרי האָבן די ברידער אויסגעפונען, אַז די מענטשן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שלאַנגען

און זיי געפינען זיך אויף די אַרומיקע פעלדער... פיר מאָל, נאַכט נאָך נאַכט, האָט זיך דאָס לעצטע איבערגע׳חזר׳ט, ביז די צוויי שוועסטער האָבן זיך אָנגעשטויסן וואָס דאָס קען מיינען. האָבן זיי דאַן געזאָגט צו זייערע מענער: אַט־די שלאַנגען זיינען אייערע עלטערע ברידער, וועלכע זיינען פיר מאָל געקומען ראַטעווען אייערע פאַרטרוקנטע פעלדער. גייט אַרויס, זאַמלט זיי צוזאַמען, ברענגט זיי אַהער, וועלן מיר זיי וואַשן, געבן עסן און טאַנצן מיט זיי און דערנאָך זיי פרייַלאָזן. וועלן זיי צוריקקומען אין זייער אונטערערדישער „קיווא" און ברענגען אַהין אונדזער בקשה פאַר אַ רעגן...

און אַ־טאַ־קאָ האָט פאַרענדיקט, מיט אַ לייכטן זיפץ און אַ שמייכל:

— די מענער האָבן געפאָלגט זייערע פרויענס קלוגער עצה און אַ שטאַרקער רעגן האָט געראַטעוועט די פעלדער און אויך די באַפעלקערונג פון אַ הונגער־טויט.

— זייער אַ שיינע און אינטערעסאַנטע מעשה, — האָב איך באַמערקט, — פונקט אַזוי שיין ווי די גריכישע, רוימישע העלדן לעגענדעס, אָבער אויך אַ דורכגעזאַפטע מיטן גייסט פון שלום.

— די מעשה ווייזט אויך אָן אויף אַ היפּשן וואַנדערונגס פּראָצעס, וואָס מיר, האָפּיס, און זיכער אויך אַנדערע אינדיאַנישע שבטים, האָבן דורכגעמאַכט, איידער זיי זיינען אָנגעקומען אַהער אין לאַנד, — האָט אָ־טאַ־קאָ שטיל צוגעגעבן.

— גאַנץ ריכטיק! — האָב איך צוגעשטימט. — — — — — — — — — —

— —

די טעג האָבן זיך געיאָגט מיט אַן אומגעהויער שנעלקייט און מיט זייער לויף איז אויך געוואַקסן די צאָל געסט. די שלאַנגען און אנטילאָפּן פריסטער האָבן גאַנצע טעג פאַרבראַכט אין זייערע קיוואַס, איינזינגענדיק יעדן טאָג, לויט אָ־טאַ־קאָ׳ס רייד, ביט ווייניקער פון זעכצן לידער, מאַכנדיק פאַרטיק זייערע „פּאַהאָס", ברענגענדיק אין אָרדענונג זייערע טאַנץ־קאָסטיומען און רויכערנדיק פון דער הייליקער ליולקע, וועמענס רויך האָט באַדאַרפט דער־גיין ביזן הימל און העלפן אַרויסצורופן דעם נויטיקן רעגן.

אָט־טאַ־קאָ האָט מיר אויך דערציילט, אַז אין ביידע „קיוואַס" ווערן איצט אויפגעשטעלט אַלטאַרן, עס ווערן אויך פאַרטיק געמאַכט לעדערנע בייטלען, וואו־הין אַריינצולייגן די געכאַפּטע שלאַנגען נאָך אויפן פעלד; עס ווערן אויך אָנגעגרייט הויכע שיסלען, וואו זיי צו האַלטן אין דער „קיווא". די דילן פון ביידע „קיוואַס" ווערן אויך באַפּוצט מיט סימבאָלישע צייכענונגען, געמאַכט פון פיל־פאַרביקע זאַמדן.

ניין טעג דויערן, געווייַנלעך, די פאַרבערייטונגען צום שלאַנגען־טאַנץ. פון זיי זיינען פיר גאַנצע טעג געווידמעט דעם כאַפּן פון די שלאַנגען. פיר

פּרימאָרגנס האָב איך געזען ווי אַ גרופּע אויסגעפּוצטע שלאַנגען־פּריסטער לאָזן זיך, פלינק, אַרונטער פון אונדזער „מעסאַ“ אין די אַרומיקע מדבר־געגנטן אין זוכעניש נאָך שלאַנגען. יעדער האָט, אַחוץ דעם לעדערנעם בייטל פאַר די געכאַפּטע שלאַנגען, אויך געטראָגן מיט זיך אַ ספּעציעלע „באַהאָ“ און אויך אַ ביסל הייליקן קאָרן־מעל, צו באַשיטן און באַרויִקן די געכאַפּטע שלאַנג. דעם ערשטן טאָג האָט מען געזוכט שלאַנגען גייענדיק בלויז אין דער צפון ריכטונג, דעם צווייטן — אין מזרח, דעם דריטן — אין דרום און דעם לעצטן טאָג — אין מערב זייט.

אויפן אַכטן טאָג, אין דער צייט פון זונען־אונטערגאַנג, האָבן די אַנטילאָפּן פּריסטער דורכגעפירט, אויף דער פּלאַזאַ, זייער ערשטן טאַנץ. אין אַלגעמיין איז אָט־דער טאַנץ אַ ביסל ענלעך געווען צום שלאַנגען־טאַנץ, וועלכער האָט באַדאַרפט דורכגעפירט ווערן פון די שלאַנגען־פּריסטער אויפן צווייטן טאָג. דער אונטערשיד איז בלויז געווען, וואָס אויפן אָרט פון לעבעדיקע שלאַנגען האָבן זיי געהאַלטן אין זייערע הענט קאָרן־שטענגלעך, מיט וועלכע זיי האָבן, טאַנצנדיק, געמאַכט פאַרשיידענע באַוועגונגען, פּונקט ווי אין זייערע הענט וואָלטן זיך געפונען שלאַנגען.

דער עולם האָט זיי אויפגענומען מיט אַפּלאָדיסמענטן און זיי זיינען, זעט אויס, צופרידענע, אַוועק צו זיך אין דער „קיוואַ“.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער לאַנג דערוואַרטעטער, דער ניינטער טאָג, דער טאָג פון אמת'ן שלאַנגען־טאַנץ.

אין יענעם טאָג, גאַנץ פרי, נאָך איידער די זון איז אויפגעגאַנגען, זיינען שוין אויף אַ הויכן אָפּרייס פונעם באַרג געשטאַנען אַרום אַ הונדערט מענטשן, אַריינגערעכנט גאָר אַ היפּשע צאָל ווייסע געסט, און געשפּאַנט נאָכגעפאָלגט אַ געלויף פאַרמעסט, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן מיט עטלעכע מייל פון אונדזער דאָרף, נעבן אַ וואַסער־קוואַל.

מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס זיינען מיר געשטאַנען און געהיט די פאָר צענדליק לויפערס, וועלכע האָבן זיך געיאָגט איבערן זאַמדיקן מדבר, טיף אונטער אונדז. די קלאַנגען פון די גלעקלעך, צוגעבונדענע צו זייערע פיס, האָבן זיך דערטראָגן פון דער ווייט און מיר האָבן ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון די מיניאַטורנע פיגורלעך, וועלכע האָבן זיך באַמיט איבערצויאָגן איינער דעם צווייטן.

מען האָט אונדז אָנגעזאָגט, אַז יעדער לויפער טראָגט מיט זיך אַ בינטל פרישע בליטן פון קירבעס אָדער אַנדערע גאָרטן־פלאַנצן, אַלס אַ סימבאָל פון פרישן וואוקס און בליענדיקן לעבן.

ווען די לויפערס האָבן זיך גענומען דערנענטערן, האָבן מיר זיי באַגריסט מיט הילכיקע געשרייען און אָנגעשטרענגט געהיט זייער קונציקן

אַרויפשטייגן איבער די שמאָלע, אָפּט געפּערלעכע, סטעזשקעס באַרג אַרויף.

אַ פּריסט, מיט אַ צאָל געהויבענע געסט, האָבן באַגעגנט דעם ערשטן געווינער, שוין ביים סאַמע אַרויפגאַנג פון דער פּלאַזאַ. מען האָט אים באַשאָטן מיט אַביסל קאָרן־מעל, אַלע האָבן אים גראַטולירט און דער פּריסט האָט אים, אונטער אַ שטראָם פון אונדזערע אויסגעשרייען און אַפּלאָדיסמענטן, אַוועקגעפירט אין דער אַנטיילאָפּן „קיווא״, וואו ער האָט געקראָגן זיין באַלוינונג, געווינלעך — אַן אמולעט (אַ קמיע) מיט אַ פּאַר׳כישוף׳טער קראַפט.

אָ־טאַ־קאָ מיט זיין פרוי מאָ־האָ׳ן זיינען געשטאַנען נעבן מיר און ער האָט מיר געניי באַשריבן דעם פּראָצעס פון וואַשן, אין הייליקער וואַסער, און דערנאָך פון טרוקענען די שלאַנגען, אויף ספּעציעל אָנגעגרייטן ריינעם זאַמד. עס פירט זיך, געווינלעך, אַז אויף ביינאַכט לאָזט מען ניט די שלאַנגען אַליין, נאָר מיט עטלעכע אינגלעך אַלס היטערס, היטערס מיט באָרזשעסע פּיס. אים אַליין איז, אין זיין יוגנט, צוויי מאָל אויסגעפאַלן דער כבוד צו פּאַרברענגען אַ פּאָר נעכט אין קיוואַס, איבערגעפילטע מיט שלאַנגען, אַ היפּשע צאָל פון זיי — קלאַפּער־שלאַנגען. און ער האָט באַמערקט דערביי, מיט אַ ניט זיכערן שמייכל:

— העמאָלט האָב איך פאַר זיי, לחלוטין, קיין מורא ניט געהאַט, אָבער איצט... איצט ווייס איך שוין אַליין ניט...

אינדערמיט פון דער פּלאַזאַ האָט מען אויסגעגראָבן אַ גרוב פון דער זעלבער טיפקייט, ער זאָל קאָנען אַריינעמען אין זיך דעם גרויסן, ליימענעם טאָפּ מיט שלאַנגען. „קיסי״ — האָט געהייסן דער גרוב. איבער אים האָט מען באַפּעסטיקט אַ צאָל פרישע, העל־גרינע צווייגן פון אַ פּאַפּעל בוים. פאַרן גרוב האָט מען אויך אויסגעגראָבן אַ קליין גריבל און עס פאַרדעקט מיט אַ ברעט. דאָס גריבל האָט געהייסן: „סי־אַ־פּאַ־פּו״ און האָט באַדאַרפט מיט זיך פאָרשטעלן דעם אַריינגאַנג צו דער אונטערוועלט, וואו עס האָט זיך געפונען די היים פון די הויפּט־גייסטער.

די זון האָט זיך גענומען זעצן און די פּלאַזאַ איז שוין געווען איבערגעפילט מיט האָפּיס, מיט ווייסע און מיט אַ היפּשער צאָל אינדיאַנער פון דערבייאיקע שבטים. סיי קינדער, אַזוי אויך דערוואָקסענע, האָבן, אין געדיכטע רייען, באַזעצט אַלע דעכער פון די אַרומיקער הייזער. און וואָס נידעריקער די זון האָט זיך געזעצט, אַלץ גרעסער איז די שפּאַנונג געוואָקסן.

ענדלעך איז דער צייכן געגעבן געוואָרן און פון דער אַנטילאָפּן קיוואַ זיינען, איינער נאָכן צווייטן, דערשינען די אַנטילאָפּן פּריסטער. אין קורצע קליידלעך, אויף די אַנטבלויזטע ברוסטן און הענט — ווייסע בליץ־זיגזאַגן און שנורן מיט קרעלן אויף די העלדזער. איבער די אויבערשטע ליפּן און באַקן

ווייסן פּאַסן. די האָר, ביי אַלעמען, גלאַט פאַרקעמפּט אין בײדע זייטן, בלויז ביים פּירעך — אַ פּעדער אין די האָר. דאַכט זיך, אַז זייער צאָל איז געווען זיבן, אָבער נאָך זיי זיינען אין די זעלבע, אָדער ענלעכע קאָסטיומען, נאָכגעגאַנגען עט־לעכע יוגנטלעכע. די קלאַפּערס אויף זייערע פּיס האָבן די גאַנצע צייט אָנגעהאַלטן דעם ריטמישן טאַקט פאַר אַלע טענצער.

פיר מאָל האָבן זיי, זינגענדיקע, אַרומגעטאַנצט אַרום דער פּלאַזאַ און יעדעס מאָל, פאַרבייגייענדיק די „קיסי״, האָט יעדער איינער פון זיי, צו־ערשט, אַ וואָרף געטאָן אין דער ריכטונג צו איר אַביסל קאָרן־מעל און אָנגעקלאַפּט מיטן פוס אין דער „סי־אַ־פּאַ־פּו״, אָנזאָגנדיק מיט דעם די אונטערערדישע געטער, אַז דער טאַנץ פאַר רעגן האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

און אָט ווי אָט־טאַ־קאָ האָט איבערזעצט פאַר מיר זייער איינטאָניקן, שטייגנדיקן און פאַלנדיקן, געזאַנג:

„הערט זיך צו, אונדזערע פאָטערס! אָט שטיי איך דאָ פאַר אייך!
פאַרוואָס זיינען די וואָלקנס נאָך ניטאָ,
די וואָלקנס פון מזרח, מערב, צפון און דרום?
פאַרוואָס ברענגען זיי קיין רעגן ניט?
דער קאָרן איז אָפּגעשוואַכט און האָט אויפגעהערט צו וואַקסן...
איך האָב שוין פאַרטיק געמאַכט מיינע תפילות שטעקלעך,
טאָ פאַרוואָס קומט נאָך אַלץ ניט דער רעגן?!
פאַרוואָס הער איך ניט דעם דונער אין די כמאַרעס —
און דעם רויש פון די פאַלנדיקע וואַסער־שטראָמען?
די זשאַבעס וויינען, אָבער דער רעגן קומט נאָך אַלץ ניט...
טאָ פאַרוואָס, פאַרוואָס קומען ניט די כמאַרעס און דער רעגן?!״

ענדיקנדיק דעם פערטן מאָל זייער טאַנץ אַרום דער פּלאַזאַ, האָבן די אַנטילאָפּן פּריסטער זיך אויסגעשטעלט אין איין שורה פון איין זייט „קיסי״ און ניט אויפגעהערט צו זינגען און צו קלאַפּן אין טאַקט מיט די קלאַפּערס. דאָן האָבן זיך די שלאַנגען פּריסטער ממש אַרויסגעריסן פון זייער קיווא, זיך אַרויסגעריסן אין אַ ווילד־פאַרביקן שטראָם מיט אויסטערלישע אויס־געשריייען. ווי אַ וויכער האָבן זיי אויך, זינגענדיק, פיר מאָל אַרומגעטאַנצט אַרום דער פּלאַזאַ, צוואַרפנדיק יעדעס מאָל צו דער „קיסי״ אַביסל קאָרן און אָנקלאַפּנדיק מיט די פּיס אין דער „סי־אַ־פּאַ־פּו״.

דערנאָך האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט אין אַ שורה, אַנטקעגן די אַנטי־לאָפּן פּריסטער. דאָן איז אַרויסגעקומען דער הויפּט שלאַנגען־פּריסט: לאַ־מאַ־וואַנ־טי־וואַ. זיין קליידל און גאַרטל זיינען געווען פון ריין ווייסן שטאָף און ווי באַשטריקט מיט געלע בליצן. די פוקסן־פעל, וועלכע האָט אַראָפּ־

געהאַנגען פון זיין הינטערשטן טייל קאָפּ איז געווען ניט ברוין, ווי ביי אַלע אַנדערע, נאָר געל.

ער איז לאַנגזאַם פאַרבייגעגאַנגען צווישע ביידע רייען פּריסטער, זיי באַשפּריצט מיט אַ הייליקער פליסיקייט און זיך געווענדעט מיט אַ תּפילה צו דער „קיסי״ מיט די שלאַנגען:

„מיר ווילן אַ שטורעם און רעגן פון אַלע זייטן...
אַזוי, אַז אונדזערע קוואַלן זאָלן פול ווערן,
און דער קאָרן, וועלכער גיט אונדז לעבן זאָל קאָנען וואַקסן,
און מיר זאָלן האָבן גענוג שפּייז פאַר אונדזערע קינדער.
דערנאָך, ווען אונדזערע קינדער וועלן זאַט ווערן,
זאָל נאָך בלייבן גענוג שפּייז פאַר אַלעמען..."

דאַן האָט ער געגעבן אַ צייכן און די שלאַנגען־פּריסטער האָבן זיך צעטיילט אין גרופּעס צו דריי: דער שלאַנגען־טרעגער, דער היטער פון דער שלאַנג, און, צולעצט, דער שלאַנגען־זאַמלער. דאַן האָט ער זיך צוגעזעצט צו דער „קיסי״, אַראָפּגענומען דעם צודעק פון דער, מיט שלאַנגען, פולער כלי, אַריינגערוקט אַהין זיין האַנט, אַרויסגענומען די ערשטע, זיך וואַרפנדיקע, שלאַנג און זי איבערגעגעבן דעם ערשטן שלאַנגען־טרעגער, וועלכער האָט זי איבערגענומען מיט ביידע הענט. שטייענדיק אויף איין קני, זי לאַנגזאַם, אָבער זיכער, אַריינגענומען אין מויל, עטוואָס נאָענטער צום קעפּל, זיך אויפגעשטעלט און גענומען, טאַנצנדיק, אַוועקגיין. דער היטער, מיט זיין „פּאַהאָ״ (אַ לאַנגן שטעקל, מיט צוויי פעדערן ביים עק) איז אים נאָכגעגאַנגען, האַלטנדיק זיין לינקע האַנט אויפן טרעגערס לינקן אַקסל, און זיך באַמיט אָפּצואווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון דער שלאַנג פונעם פּנים פון איר טרעגער. דער שלאַנגען־זאַמלער האָט זיי ביידן געהיט, האַלטנדיק זיין אייגענע „פּאַהאָ״ אין האַנט.

און אין פאַל, ווען אַ שלאַנג פלעגט, אַדאַנק איר צו שטאַרקן וואַרפן זיך, אָדער איר שווערקייט אַרויספאַלן פונעם טרעגערס מויל, פלעגט שוין דער זאַמלער זי גלייך אויפהויבן און צוריק אַריינוואַרפן אין דער „קיסי״.

און אָט־די פּראָצעדור פון טאַנצן מיט, אָפט גיפטיקע, קלאַפּער־שלאַנגען אין די מיילער אַרום דער פּלאַזאַ, איז אָנגעגאַנגען, ביז אַלע שלאַנגען זיינען אַרויסגענומען געוואָרן פון דער „קיסי״. דאַן האָט דער הויפּט־פּריסט אָפּגעצייכנט אַ שטיקל פּלאַץ, אַרום אַ צען פוס די לענג און ברייט, עס, מיט דער הילף פון אַ צאָל האָפּי פרויען, באַזוימט מיט קאָרן־מעל און אַלע שלאַנגען־פּריסטער האָבן גענומען אַריינוואַרפן זייערע שלאַנגען אין אָפּגעטיילטן פּלאַץ׳

דערנאָך האָבן זיי אַלע, ווידער אַ כאָפּ געטאָן די שלאַנגען אין די הענט, צו איינער, צו צוויי אין יעדער האַנט, און אַלע האָבן זיי זיך גענומען יאָגן, באַרג אַראָפּ אין מדבר, כדי צו לאָזן די שלאַנגען פריי.

די שלאַנגען, זיינען זיי געווען זיכער, וועלן שוין איצט איבערגעבן די אונטערערדישע געטער זייערע תפילות פאַר אַ רעגן.

אַביסל שפּעטער בין איך געשטאַנען, אַ באַהאַלטענער אונטער אַ שטיין און צוגעקוקט, ווי די צוריקגעקומענע פּריסטער האָבן זיך אויסגעשטעלט נעבן איינעם פון די באַרג־אַפּרייסן, געטרונקען עפּעס אַ פליסיקייט און גלייך עס אַרויסגעגעבן אויף צוריק. דערנאָך זיינען זיי אַריין אין זייערע „קיוואַס", וואו ס'האָט אויף זיי געוואַרט אַ גוטער מאָלצייט, און גענומען וואַרטן אויפן געבעטענעם רעגן. —

איך מיט אַ־טאַ־קאַ'ן, מיט זיין פרוי מאַ־האַ'ן האָבן אויך געוואַרט אויפן רעגן, זיצנדיק אויף אַ שטיין, ביים סאַמע אָפּרייס פון דער פּלאַזאַ. מאַ־האַ איז געווען זייער אומרואיק און ניט אַראָפּגעלאָזט אירע בליקן פונעם וויטן, דערוויל זייער קלאָרן האָריזאָנט. אַ־טאַ־קאַ'ס פּנים איז געווען פאַרטראַכט, טיילווייז אויך גלייכגילטיק. איך האָב, אין זיך, באַדויערט זיי ביידן.

די לופט אַרום איז געווען פול מיטן ספּעציפישן ריח פון געזעגענונגס־שטימען און מיטן ריח פון אָפּפאָרנדיקע אַטאָמאָבילן. און גאָר אינגיכן האָט אַ פולקאָמענע שטילקייט און פינצטערניש איינגעהילט דאָס גאַנצע דאָרף.

איך האָב געשוויגן און געטראַכט, אַז דאָס האָבן זיך אַלע איינוואוינער פון דאָרף באַהאַלטן אין דער פינצטערניש, דערשראָקענע פאַרן דורכפאַל פון זייערע תפילות, פאַר דער געפאַלנקייט פון זייערע אַלטע געטער.

דערנאָך האָב איך פאַרפירט אַ געשפּרעך וועגן קונסט, וועגן מאָלערייען און מיט אַלע כוחות זיך באַמיט אָפּצואווישן יעדע דערינערונג פונעם נאָר־וואָס דורכגעפירטן טאַנץ.

אַרום עלף אַזייגער, ווען מיר זיינען שוין פאַרטיק געווען אַהיים צוגיין, האָט מאַ־האַ אָנגעוויזן אין דער מזרח זייט און, מיט אַ ציטערנדיקן קול, אַ פרעג געטאָן:

— גיט נאָר אַ קוק!... וואָס זעט איר דאָרטן?

מיר האָבן זיך ביידע איינגעקוקט.

— איך זע גאָרניט! — האָט אַ־טאַ־קאַ באַמערקט.

— און איך זע אַ קליין שוואַרץ פאָלקנדל, — האָב איך אונטערגעהאַלטן מאַ־האַ'ן.

— פילט איר ניט, אַז עס האָט פון דאָרטן גענומען בלאָזן אַ קיל ווינטל?

— האָט זי זיך, ווי גענומען בעטן ביי אונדז.

— איך פיל גאָרניט! — האָט אַ־טאַ־קאַ קאַלטבלוטיק געענטפערט.

— און איך פיל עס! — האָב איך באַשטעטיקט, — און דאַכט זיך, אַז עס ווערט מיט יעדער מינוט אַלץ שטאַרקער.

זי האָט אַנגעכאַפּט מיין האַנט מיט איר׳ער און מיר האָבן זיך ביידע גע־נומען איינקוקן אין ווייטן מזרחדיקן טייל פון הימל, וואו דאָס באַר־וואָס קליינע וואָלקנדל האָט באמת גענומען וואַקסן.

— זיי ניט אַזוי סקעפּטיש, אַ־טאַ־קאַ, — האָב איך אַ זאָג געטאָן, — כאַפּ אַ קוק: דאָס וואָלקנדל וואַקסט און רוקט זיך אַלץ נאָענטער צו אונדז.

ער האָט, ווי געצוואונגענערהייט, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו מזרח צו און נאָך אַ ווײַלע זיך איינקוקן אין דעם אַלץ מער וואַקסנדיקן וואָלקן, איך, לאַנגזאַם, אויסגעדרייט זיין גאַנצן קערפּער אין יענער ריכטונג און גע־בליבן זיצן באַוועגלאָז.

— ער רוקט זיך, דער וואָלקן! — האָב איך, אַביסל שפּעטער, אַ זאָג געטאָן.

— ווער ווייסט וואוהין? — האָט אַ־טאַ־קאַ שטיל באַמערקט.

— אַהער, צו אונדז! — האָט מאַ־הא פּעסט געענטפערט, — ס׳איז אונדזער רעגן... פאַר אונדזערע פעלדער...

— מיר׳ן צוואַרטן?!... — האָב איך פאַרגעלייגט.

— מיר׳ן ניט אוועקגיין... — האָט מאַ־האַ גלייך צוגעשטימט.

אַ־טאַ־קאַ האָט בלויז אַ צושטימיקן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — — —

— —

און אָט אַזוי, אַממערסטן — שווייגנדיק, זיינען מיר אַלע דריי געזעסן, און געוואַרט, ניט אַפּווענדנדיק אונדזערע בליקן פון די שוואַרץ־גרויע, שווערע וואָלקנס, וועלכע האָבן זיך, אין אויסזען פון דראַענדיקע קנוילן, גערוקט אַלץ נאָענטער צו אונדז, פאַרכאַפּנדיק, מיט יעדער מינוט, אַלץ גרעסערע שטיקער הימל.

און אין אונדזערע קעפּ, און ווער ווייסט אין וויפל נאָך הונדערטער אַנדערע, אין דער פינצטערניש, אַרום אונדז האָבן זיך, מעגלעך, געדרייט, און ווי געבריט איין־און־די־זעלבע געדאַנקען:

„וואו, וואו וועלן זיי זיך, אָט־די כמאַרעס, פּאַרט אָפּשטעלן?... וועט זיי היינט רעגענען צי ניט?... יאָ, צי ניין?! — — — — — — — — —

— —

אַרום איינס אַזייגער ביינאַכט האָט אויסגעבראָכן אַ שלאַקס־רעגן מיט דונערן און בליצן און, דאַכט זיך, ווי אַבזיכטלעך, גענומען פאַרפלייצן אונ־דזער באַרגיקן דאַרף מער, ווי דעם גאַנצן אַרומיקן געגנט.

און מיטאַמאָל האָבן מיר דערפילט און דערהערט, אַז דאָס גאַנצע דאָרף אַרום אונדז האָט, ווי דורך אַ כשוף, אויפגעלעבט: אין צענדליקער פענצטער האָבן אויפגעבליצט העלע פייערלעך און שטימעס, דערפרייטע, טריאומפירנ־

דיקע, האָבן זיך אַ טראָג געטאָן דורך די שטראָמען פּאַלנדיקן וואַסער.

און מענטשלעכע קשאָטנס האָבן זיך באַוויזן אין די געסלעך און אויף די דעכער און פריידיקע באַגריסונגען האָבן זיך געטראָגן פון איינעם צום צווייטן.

און אַ גרויסע פרייד האָט אויך אויפגעוויכטן אין אונדזערע אייגענע דריי הערצער און געקוקט האָבן מיר איינער אויפן צווייטן מיט פריידיקע בליקן און קינדעריש, כמעט ווי הילפלאָז, געשמייכלט.

— קומט! — האָט אַ־טאַ־קאַ, ענדלעך אַ זאָג געטאָן דער ערשטער, — קומט אַהיים, מיר זיינען שוין גענוג דורכגעווייקט.

— איצט קאָן מען שוין גיין אַהיים, — האָט מאַ־האַ באַשטעטיקט, אַרומ־גענעמענדיק און זיך צודריקנדיק צו אונדז ביידן.

— יאָ, — האָב איך צוגעשטימט, — כ'האָב שוין פון זייער לאַנג ניט געהאַט אַזאַ קאַלטע, דערפרישנדיקע באָד. — — — — — — — — — — — — —

— —

דער טשיף לאַ־מאַ־וואַנ־טי־וואַ האָט, צוזאַמען מיט דער פרוי, אונדז באַ־געגנט ביי דער טיר. אויף ביידנס פּנים'ער — אַ גליקלעכער שמייכל.

— אַ פיינער רעגן! — האָט ער, מיט אַ שטילן טריאומף אין קול, אַ זאָג געטאָן.

— יאָ, פאָטער, זייער אַ פיינער רעגן! — האָט אַ־טאַ־קאַ באַשטעטיקט.

— עס גיסט, ווי מיט צעבערס! — האָט מאַ־האַ פריילעך אויסגעשריגן.

— אַזוי דאַרף עס זיין! — האָט די מוטער, זיכער, באַשטעטיקט, — אַ שטאַרקער רעגן נאָך אונדזער שלאַנגען־טאַנץ!

— יאָ, טשיף לאַ־מאַ־וואַנ־טי־וואַ, — האָב איך צוגעגעבן, — איך בין אַ גוטער עדות, אַז עס גיסט אַ וואונדערלעכער רעגן מיט אמתער וואַסער, וועלכע וועט מאַכן די קערנער פון קאָרן גרויס און געשמאַק, אַזוי, אַז עס וועט זיין איבערגענוג שפּייז אי פאַר די קינדער אי פאַר די עלטערן.

ער האָט, ווייזט אויס, זיך אַנגעשטויסן, אַז דאָס ציטיר איך די ווער־טער פון זיין פריערדיקער תּפילה צו די שלאַנגען. ער האָט זיך, נחת'דיק, צעשמייכלט:

— יאָ, יאָ, לאָמיר האָפן!

מאַ־האַ איז צוגעלאָפן צום פענצטערל, אַרויסגעקוקט און פריילעך אויס־געשריגן:

— עס רעגנט!... עס פאַלן גאַנצע שטראָמען!...

— איך האָף, אַז עס וועט אַזוי אָנהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט! — האָט דער טשיף זיכער באַמערקט.

מיר האָבן אַלע, צושטימיק, אָנגעבויגן די קעפּ.

מײַן אינדיאַנישע מוטער

דאָרטן — אין דער ריזן־שטאָט, פֿונוואַנען איך בין אַהער ניט לאַנג צוריק געקומען — זעט מען װעלטן דעם אמתן פּנים פֿונעם הימל... דאָרטן האָבן אַריבער אַכט מיליאָן נפֿשות זיך צוזאַמענגעדריקט אין שטיינערנע גאַסן, וואו די לופֿט איז אַממערסטן פֿאַרפּעסטעט מיטן ריח פֿון גאַזאָלין, מיטן רויך פֿון אומצאָליקע קוימענס פֿון הײַזער און פֿאַבריקן... דאָרטן איז דאָס וואַסער אין די צוויי ריזן־טײַכן „האָדסאָן" און „איסט־ריווער" שטענדיק גרוי און שוואַרץ פֿון אָפּפֿאַל. אָט־די טײַכן שפּיגלען זעלטן אָפּ דעם שמייכל פֿון הימל, דעם לײַכטן לויף פֿון די ווײַס־ראָזעווע װאָלקנדלעך, די צויבערנדיקע פֿאַרבן־שפּיל פֿון דער אויפֿגייענדיקער און פֿאַרגייענדיקער זון...

פֿון דאָרטן בין איך, איין מאָל אין אַ פֿרילינג, אַנטלאָפֿן. אַנטלאָפֿן צום בלויען זוים פֿון הימל, וואָס דרימלט ווײַט־ווײַט אויף די גרינע פּרעריס... איך בין אַנטלאָפֿן צו דער זאַמדיקער וויסטעניש, צו די מאַסיווע, שטיינערנע, קערפּערס און שנייאיקע שפּיצן פֿון די הויכע בערג.

וואָכן־לאַנג, מיטן פּאַק אויף די פּלייצעס, האָב איך געוואַנדערט איבער די וועגן און שטעגן פֿון מײַן שײנעם, רײַכן לאַנד — אַמעריקע; ניט געטאָגט וואו כ'האָב גענעכטיקט; גוטע מענטשן פֿלעגן מיך אַרײַנבעמען אין זייערע אויטאָמאָבילן, און שלעכטע אָדער שרעקעדיקע האָבן, אויף מײַן האַנט־צייכן וועגן אַ „ליפֿט", בײַז אָפּגעקערט זייערע בליקן און פֿלעגן פֿעסטער אַ דריק טאָן דעם פֿוס אויפֿן „גאַז־שפּייזער" פֿון זייערע אויטאָמאָבילן.

אַרעמעלײַט פֿלעגן, אַממערסטן, אַליין אָפּשטעלן פֿאַר מיר זייערע קוים־נאָך־זשיפּענדיקע, פֿון־זון־אָפּגעשיילטע, אויטאָמאָבילן, און מיט אַ שמייכל מיר אָפּטרעטן אַ שטיקל פּלאַץ צום זיצן נעבן זיך.

און פֿאַר זייער גוטסקייט האָב איך זיי אַלעמען אָפּגעצאָלט מיט מעשׂיות וועגן מײַנע וואַנדערונגען אין קליין־אַזיע, געפֿלאַכטן פֿאַר זיי ענדלאָזע סטעג־געס פֿון וואונדער־פּאַסירונגען; אַ צאָל אמתע און אַ צאָל גלײַך אויפֿן־אָרט באַשאַפֿענע.

**
*

אָט איצט איז נאַכט, אַ פֿינצטערע נאַכט, אין דעם אַריזאָנער מדבר. דער טיף־בלויער, כמעט שוואַרצער, הימל איבער מיר איז געדיכט באַדעקט מיט טויזנטער גרויסע, העל־פֿינקלענדיקע שטערן. אָט־די שטערן זײַנען אַזוי גאָל־דיק־העל, אַזוי פֿלאַטערנדיק און גרויס, אַז ווען איך צי צוזאַמען די וויִעס, דאַכט זיך מיר, אַז דער גאַנצער הימל הויבט זיך און לאָזט זיך אַראָפּ אין אַ ריזיקער, פֿלאַמיקער נעץ.

און די שטילקייט אַרום איז אויך אַזאַ מאָדנע; זי פֿאַרטויבט אין זיך

יעדן קלאַנג, וואָס שטערט איר רו. קיין אונטערשיד, צי עס זיינען די שטימען פון די „נעוועהאָ״־אינדיאַנער, וואָס געפינען זיך ניט ווייט, צי דער געוואָי פון „קאַיאָטן״, אָדער דאָס הירזשען פון אַ צאָל פערד, וואָס פאַשען זיך אויף אַ לאַנקע דערביי.

אויף אַ פלאַכן שטיין, אונטערגעבעט מיט אונדזערע קאָלדרעס, ליג איך מיט מיין אינדיאַנער פריינט, פון „האָפּי״ שבט — אַ־טאָ־קאָ. ער איז אַ יונגער בחור, מיט וועלכן איך האָב זיך באַקענט, און זיך טאַקע גלייך באַפריינדעט, מיט צוויי וואָכן צוריק אין אינדיאַנישן דאָרף אָראַיבי, אין צייט פון דעם „שלאַנגען־טאַנץ״.

אָראַיבי געפינט זיך אויפן דרומדיקן טייל פון אַ פלאַכן, שטיינערנעם באַרג (מעסאַ), אַריבער הונדערט פוס די הויך, אין סאַמע האַרץ פון אַריזאָנער וויסטעניש. דאָס דאָרף איז פון די עלטסטע, און איז ביז מיט אַ צייט צוריק געווען פאַררעכנט אין די אַרומיקע „האָפּי״־דערפער פאַר אַן הייליקן אָרט. פאַרשטייט זיך, אַז צום יום־טוב פון „שלאַנגען־טאַנץ״, וועלכער קומט־פאָר אין געוויסע, גראָד־צאָליקע יאָרן, פאָרן זיך צוזאַמען אַהין ניט נאָר „האָפּי״־אינדיאַנער, נאָר אויך אינדיאַנער פון אַנדערע, אַרומיקע שבטים, ווי אויך אַ גאָר היפּשע צאָל ווייסע געסט פון די נאָענטע און ווייטע שטעט.

אין יענער צייט האָב איך זיך געפונען אין אינדיאַנישן דאָרף „מו־ען־קאָפּי״. דערוויסנדיק זיך, אַז עס וועט אין צוויי וואָכן אַרום פאָרקומען אַ שלאַנגען־טאַנץ אין אָראַיבי, האָב איך זיך גענומען קלייבן אין וועג אַריין און אָנגעקומען בין איך צום באַרג, אויף וועלכן אָראַיבי געפינט זיך, מיט אַ טאָג פאַרן טאַנץ.

אַן אָפּגעשוואַכטער פון דער היץ און לאַנגן גאַנג, האָב איך זיך קוים אַרויפגעשלעפּט מיט מיין פּאַק איבער די שמאָלע, קרומע, שטיינערנע סטעזשקעס צום סאַמע דאָרף, און זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען אויף אַ שטיין, צווישן צוויי ליימענע הייזקעס.

אין מידן מוח האָט איינגעקשנט זיך געפלאָנטערט בלויז איין־איינציקער געדאַנק: וואו געפינט מען עפּעס אַן אָרט זיך אויסצוטאָן, אַרומוואַשן, איבערשלאָפן ביז מאָרגן, ביז דער טאַנץ וועט פאָריבער?

אַ יונגער, אויסערגעוויינלעך־שלאַנקער בחור פון אַ יאָר עטלעכע־און־צוואַנציק איז פאַרבייגעגאַנגען, אויספייפנדיק דעם אַמעריקאַנער מיליטערישן ניגון: „אָווער דעיר״.

נאָך אַ רגע פון ישובן זיך, האָב איך אים אַ רוף געטאָן:

— האַלאָ, ברודער, קען איך דיך עפּעס פרעגן?

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, מיך אויפמערקזאַם באַטראַכט, פאַרהאַלטנדיק זיין בליק אויף מיין פּעקל און איז צוגעגאַנגען אַביסל נעענטער:

— זיכער, מעגסטו. וואָס ווילסטו?

— זאג מיר, איז דא ביי אייך ניט פאראן עפעס א הויז, נו... ענלעך צו א האטעל, וואו אזא מידער טייוול, ווי איך, וואלט זיך געקענט ארומ־וואשן, אויסרוען און צוואווארטן ביזן מארגנדיקן „שלאנגען־טאנץ״?

ער האט א שמייכל געטאן און מיך ווידער באטראכט:

— פונוואנען קומסטו?

— פון מו־ענ־קא־פי. ס׳איז, דאכט זיך, ארום פערציק מייל פון דאנען. כ׳בין ארויס פון דארטן פינף אזייגער אינדערפרי. געקראגן א „ליפט״ אויף א האלבן וועג.

— וואס האסטו געטאן אין מו־ענ־קא־פי? — האט ער זיך געחידושט, ווארפנדיק נאך אמאל א בליק אויף מיין פאק, — פארקויפט עפעס?

איך האב זיך צעלאכט:

— ניין! איך בין ניט קיין סוחר. איך שטיי שוין דארטן ארום פיר וואכן... כ׳האב דארטן א צאל פריינט. ביי איינעם פון זיי בין איך טאקע איינגעשטאנען.

— ביי וועמען, צום ביישפיל? — האט ער מיט א קינדערשער נייגע־ריקייט זיך נאכגעפרעגט.

— ביי נעיסינען. כ׳בין געשלאפן אין זיין האלב־איינגעפאלענער, אל־טער הויז, נעבן זיין קרעמל.

ער האט זיך דערפרייט:

— א, נעיסינען קען איך זייער גוט, אבער צוליב וואס ביזטו איינגע־שטאנען אין מא־ענ־קא־פי?

— איך בין א שרייבער און קיין מו־ענ־קא־פי בין איך געקומען גלייך פון ניו־יארק...

— פון ניו־יארק? — האט ער שטיל און ווי פארחידושט איבערגעפרעגט.

— יא, פון ניו־יארק, — האב איך אונטערגעשטראכן, — איך וויל זיך באקענען מיטן אינדיאנישן לעבן, כדי כ׳זאל קענען דערנאך אנשרייבן וועגן דעם א ריי דערציילונגען... דו פארשטייסט מיך?

— יא, איך פארשטיי! — האט ער שטיל געענטפערט, און, זעט אויס, מיט עפעס א פארכאפטער, האט ער זיך גאר נאענט צוגעבויגן צו מיר: — צוליב וואס דארפסטו עס? כ׳מיין, דאס שרייבן וועגן אונדז?

— ווייל כ׳העגק, אז א שוידערלעכער אומרעכט איז באגאנגען געווארן דורכן ווייסן מענטשן קעגן זיין רויט־הויטיקן ברודער... און שרייבער קענען אמאל א סך העלפן...

ער האט א ווילע געקוקט אויף מיר מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, דער־נאך זיך אויסגעגלייכט, טיף אפגעכאפט דעם אטעם, און א פרייד, א קינ־דערשע, א העלע, האט מיטאמאל פארגאסן זיין פנים. ער האט מיר א פריינט־לעכן קלאפ געטאן מיט דער האנט איבערן אקסל און א זאג געטאן:

— גוט, וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן. מיין נאָמען איז אַ־טאַ־קאַ. מיין טאַטנס נאָמען איז לאָ־מאַ־וואַנ־טי־וואַ. ער איז איינער פון די פּריסטער וואָס וועלן דורכפירן דעם מאָרגנדיקן טאַנץ. איצט הער: נעבן אונדזער שטוב געפינט זיך אַ קליין, אָבער ריין, הילצערן שטיבל. דו קענסט דאָרטן פאַרבלייבן ביז איבערן טאַנץ און איך אויך וויפל וועסט נאָר אַליין וועלן... אָבער, כ׳מוז אויף דעם האָבן דעם טאַטנס דערלויבעניש... ער איז אַ וואונ־דערלעכער מענטש, דער פאָטער מיינער, און כ׳בין זיכער, אַז ער וועט מיר ניט אָפּזאָגן... איך אַליין האָב געענדיקט די שול אין טיובאַ־סיטי און אויך די שול אין ריווערסאַיד, קאַליפאָרניע. איך אַליין בין אויך אַ... — ער האָט זיך פאַרהאַלטן אויף אַ רגע, — איך בין אַ מאָלער... איך מאָל פאַרשיי־דענע בילדער און... — ער האָט ניט פאַרענדיקט: — איצט וואַרט־צו דאָ אַ ווײַלע: כ׳וועל באַלד זיין צוריק...

ער האָט מיר ווידער אַ קלאַפּ געטאָן איבערן אַקסל און גענומען שנעל אַוועקגיין, אָבער זיך מיטאָמאָל אָפּגעשטעלט:

— ווי רופט מען דיך?

— רוף מיך ברודער! — דאָס איבעריקע וועל איך דיר שפּעטער זאָגן.

ער איז אַוועק און מיט אַ צען מינוט שפּעטער געקומען צו לויפן אַ פאַר־סאָפּעטער, אַ ברויזנדיקער מיט פרייד:

— קום, ברודער! דער פאָטער וואַרט שוין אויף דיר... די מוטער שפּרייט שוין אויס קאָלדרעס, זאָלסט האָבן אויף וואָס צו שלאָפן... כ׳האָב דיר דאָך געזאָגט, אַז מיינע עלטערן זיינען וואונדערלעכע מענטשן!...

און שוין גייענדיק מיט מיר, האָט ער האַסטיק, כמעט ווי פיבעריש, גערעדט:

— וועסט מיר, ברודער, מוזן אַ סך דערציילן וועגן אייער ניו־יאָרק מיט זיינע הימל־קראַצערס, אויך וועגן אייערע שרייבער, בפרט וועגן אייערע מאָלער מיט זייערע קונסט־גאַלערייען...

און אָט אַזוי זיינען, ווי אין אַ חלום, פאַריבער צוויי וואונדערלעכע וואָכן. גאַנצע טעג פלעג איך פאַרברענגען מיט אַ־טאַ־קאָן אויפן פלאַכן דאַך פון זייער שטוב, פאַרטיפטע אין לאַנגע שמועסן וועגן טויזנט־און־איין זאַכן, אָדער מיר פלעגן זיך אַרומיאָגן אויף פערד איבערן מדבר. ער פלעגט גאַרניט מיד ווערן מיר צו דערציילן וועגן זיין אייגענעם לעבן, אַזוי אויך וועגן דעם אָרט לעבן און מנהגים פון זיינע לאַנדסלייט. ער איז געווען אַ געבוירענער קינסטלער, און די פילע צייכענונגען, וואָס ער האָט מיר געוויזן, האָבן אייב־פאַך געאָטעמט מיטן שטייגער לעבן פון זיין דאָרף. פראַכטפולע זיינען אויך געווען זיינע בילדער פון מדבר אין פרילינג, ווען די מרה־שחורהדיקע, שטע־כעדיקע קאַקטוסן צעבליען זיך מיט צענדליקער זאַפטיקע פאַרבן און דער גאַנצער מדבר ווערט, אויף אַ קורצער צייט, פאַרוואַנדלט אין איין בליענ־דיקן גאָרטן.

לאַ־מאַ־וואַנ־טי־וואַ, אַ־טאַ־קאַס פֿאָטער, האָט ווייזט־אויס, ווייניק וואָס געהאַט, אין זין פֿון אַ לעבן צו מאַכן, פֿון זיין פּריסטנטום און געצויגן זיין חיונה פֿון אַ שטיקל פֿעלד אין מדבר, און פֿון אַ צען־צוועלף פֿערד, וועלכע ער פֿלעגט פֿאַרדינגען צו שכנים פֿון דאָרף.

דריי מאָל אין די צוויי וואָכן איז מיר מיט אַ־טאַ־קאַן שוין אויסגעקומען צו פֿאַרברענגען די נעכט אין מדבר און היטן די פֿערד, וועלכע האָבן זיך געפּאַשעט אויף אַן אָרעם־גראָזיק שטיקל לאַנד.

היינט איז שוין געווען די פֿערטע נאַכט אין מדבר און אויך די לעצטע נאַכט, וואָס מיר האָבן פֿאַרבראַכט צוזאַמען: מאָרגן גאַנץ פֿרי, האָט אַ שכן, לויט מיין אָפּמאַך מיט אים, באַדאַרפֿט מיך נעמען פֿון דאַנען אויף זיין לאַסט־וואַגן, און מיך אַראָפּלאָזן אויף איינעם פֿון די הויפּט־וועגן, וואָס לויפֿט אין דער ריכטונג פֿון לאָס־אַנדזשעלעס.

און אָט אַזוי זיינען מיר ביידע געלעגן אויף אונדזער שטענדיקן, פֿלאַכן שטיין, געהיט די פֿערד, געקוקט אויף די שטערן, און אַ טיפֿער טרויער האָט געהערשט אין אונדזערע ביידנס הערצער. אַ טרויער פֿון צוויי אמתע פֿריינט, וועלכע האָבן זיך געפֿונען און מוזן זיך אַזוי גיך צעשיידן, און... ווער ווייסט? מעגלעך זיך שוין קיינמאָל מער ניט צו טרעפֿן.

— הייסט עס... דו פֿאָרסט טאַקע גאַנץ פֿרי אַוועק?

— יאָ, ברודער. גלויב מיר, אַז עס ווילט זיך ניט, אָבער... כ'בין אַהער געקומען בלויז אויף איין טאָג און זיך דאָ, אַדאַנק דיין פֿריינטשאַפֿט, פֿאַרהאַלטן אויף גאַנצע צוויי וואונדערלעכע וואָכן.

— יאָ, כ'ווייס... כ'ווייס... אַ שאָד... אַ גרויסער שאָד, — זיפֿצט ער שווער אָפּ.

איך וויל אים צעשטרייען און פֿרעג:

— זאָג, פֿאַרוואָס האָט מען דיר אַ נאָמען געגעבן אַ־טאַ־קאַ?

ער גיט אַ שמייכל:

— ווייל אַ־טאַ־קאַ מיינט אויף אונדזער לשון אַ פֿויגל אַזאַ... אַ בושל: אַ הויכער, מיט לאַנגע, דאַרע פֿיס. און איך בין אַזאַ מין געבוירן געוואָרן. — ער לאָזט זיך אָבער ניט פֿאַררעדן: — זאָג מיר, וואו וועט זיין דיין צווייטער אָפּשטעל?

— צוערשט, בלויז אויף עטלעכע טעג, אין לאָס־אַנדזשעלעס, וואו צענד־ליקער פֿריינט וואַרטן שוין חדשים אויף מיין קומען. דערנאָך וועל איך זיך אַריינכאַפּן אין דעם וואונדער־שיינעם „יעסעמיטי״־טאָל. ס'וואָלט זיך מיר זייער געוואָלט באַקענען אַביסל מיטן לעבן פֿון די דאָרטיקע אינדיאַנער.

— וואַרט־צו אַ ווײַלע, — האָט ער זיך מיטאַמאָל אויפֿגעזעצט, — אין אַזאַ פֿאַל וואָלט איך דיר געקענט אַ היפּש ביסל אַרויסהעלפֿן.

איך האָב זיך אויך אויפֿגעזעצט, און מיט נייגער אים אַריינגעקוקט אין

די אויגן:

— צום ביישפּיל?

— אין מיין שול, אין ריווערסאַיד, איז מיין בעסטער חבר געווען אַן אינדיאַנער פון יעסעמיטי, אַ גוטער בחור מיטן נאָמען ווי־פּאַ־יאַק. אויף זייער שפּראַך מיינט עס: אַן אָדלער. ער האָט מיר איין מאָל דערציילט, אַז זייער משפּחה שטאַמט פונעם העלדישן טשיף טע־נאַ־יאַ, וועלכער האָט לאַנגע יאָרן געקעמפט מיט די ווייסע אַריינדרינגער אין זייער יעסעמיטי־טאָל. ער האָט מיר אויך דערציילט וועגן זיין קראַנקער, דאַכט זיך, פּאַראַליזירטער מוטער, וועלכע איז נאָך ביז איצט פאַרבליבן אַ בלוטיקער שונא פון די ווייסע און זאָגט זיך נאָך אפילו איצט אינגאַנצן אָפּ צו באַנוצן די ענגלישע שפּראַך.

— אויסגעצייכנט! — האָב איך זיך דערפרייט, — נאַ דיר שוין אַ פען מיט פּאַפּיר און שרייב מיר אַן אַ פּאָר ווערטער צו דיין פריינט ווי־פּאַ־יאַקן.

— וואַרט־צו ביז עס וועט ליכטיק ווערן. — ער האָט זיך ווידער אוועקגעלייגט און אָפּגעזיפצט, — אַ שאָד, ברודער, אַ גרויסער שאָד, וואָס דו פאַרסט אוועק... היט־אָפּ מיינע צייכענונגען, וואָס כ'האָב דיר געגעבן. ווייז זיי צו מאָלער... שרייב מיר אָן, וואָס זיי דענקען וועגן מיין אַרבעט.

— ניט געזאָרגט: כ'וועל זיי אפילו אַריינטראָגן צום דירעקטאָר פון נעם לאָס־אַנדזשעלעסער קונסט־מוזיי און זיי אים וויזן... כ'וועל דיר באַלד לאָזן וויסן זיין מיינונג... ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועל איך זיך ווידער אַריינכאַפּן אַהער, אין אייער אַלטער אַראַיבי.

— געדענק, ס'איז אַ צוזאָג!

— כ'וועל עס ניט פאַרגעסן. זיי רואיק!

— —

מיט צוויי וואָכן שפּעטער, אין אַ פאַרנאַכט, בין איך, אין אַ פרעמדן „ביואיק" אַריינגעפאָרן דורך די שמאָלע, שטיינערנע, געדיכט־פאַרוואַקסענע, ווענט אין יעסעמיטי טאָל.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים אַריינגאַנג פון איינעם פון די רייכע האָטעלן. איך בין אַרויסגעשפּרונגען דער ערשטער, שטאַרק באַדאַנקט דעם מיטל־יאָריקן פאַר־פּאָלק, וואָס האָט מיך אַרויפגענומען מיט אַ דרייסיק מייל פאַרן טאָל.

— און וואו וועסטו איינשטיין? — האָט דער מאַן געוואָלט וויסן.

— אין איינעם פון גאָטס האָטעלן! — האָב איך לאַכנדיק געענטפערט.

— מיר וואָלטן אַ בעלן געווען צו הערן דעם סוף פון דיין שיינער אַפּיום־מעשה, — האָט די פרוי באַמערקט.

— אויסגעצייכנט. ווי לאַנג וועט איר דאָ פאַרבלייבן?

— פונקט צוויי וואָכן פון מאָרגן־אָן, — האָט זיך דער מאַן אָפּגערופן,

— אויב וועסט קומען אין צייט, וועלן מיר דיך ברענגען קיין לאס־אנדזשעלעס.

— א שיינעם דאנק! ס׳איז זייער פיין פון אייך.

— דענקסטו ניט, בחור, אז א צען־דאלאר־ביל וואלט דיך דא געקענט גוט צוניץ קומען? — האט דער מאן מיך שטיל א פרעג געטאן.

—א שיינעם דאנק! ניין, כ׳דארף עס ניט. ס׳וועט אבער גוט זיין צו געדענקען, אז עס זיינען פאראן אזעלכע פיינע מענטשן ווי איר. נאך אמאל — א דאנק. — כ׳האב א נעם געטאן מיין פעקל און בין אוועק.

אין מערב, הינטער איינער פון די הויכע, שטיינערנע ווענט, האט זיך גע־זעצט א בלוטיק־רויטע זון, און אירע רויטלעכע שטראלן האבן לאנגזאם, ווי ניט ווילנדיק, איינער נאכן צווייטן, גענומען אפמעקן די גאלדענע פלעקן און פאסן פון די ארומיקע ווענט און הויכע און נידעריקע בארג־שפיצן. די לופט איז געווען אנגעזאפט מיט א שמעקנדיקער פייכטקייט.

א פארגאפטער, בין איך לאנגזאם געגאנגען, און ענדלעך אפגעשטעלט א פארבייגייענדיק, יונג מיידל:

— אנטשולדיק, קענסטו מיר אפשר זאגן, וואו עס געפינט זיך דא דאס אינדיאנישע דארף?

זי האט מיך אויפמערקזאם באטראכט:

— ביסטו אויך אליין א אינדיאנער? — האט זי געוואלט טרעפן.

— מעגלעך, אבער וואו געפינט זיך דאס דארף?

זי האט מיר אנגעוויזן אויף לינקס:

— זעסטו אט דעם גרויסן בוים? גלייך פון הינטער אים הויבט זיך אן א שמאלע סטעזשקע, וועלכע וועט דיך גלייך ברענגען צו זייערע געצעלטן. זאג מיר נאר, — האט זי נאך געוואלט וויסן, — וועסטו זיך אויך באטייליקן קומענדיקן פרייטיק אין זייערע טענץ?

— איך האף אזוי. א דאנק!

***

אויף א היפשער לאנקע האבן זיך אין צוויי רייען געצויגן א פאר צענדליק לייוונטענע און הילצערנע געצעלטן. איינער פון זיי, א לייוונטענער און א פיל גרעסערער פון די איבעריקע, און א קיילעכדיקער האט זיך גע־פונען אינדערמיט פון דער לאנקע, און ביידע פאראנגעגן פון זיין אריינגאנג זיינען געווען, ווי אומישנע, ברייט־צעגומען. א מעכטיקער העמב האט צע־שפרייט זיינע לאנגע געדיכטע צווייגן סיי איבערן געצעלט גופא, אזוי אויך איבער א היפשן שטח ארום אים.

אויפן גראז, מיט די פיס אונטער זיך, זיינען געזעסן צוויי פארלעך. א מיטל־יאריקס און א יונגס מיט דריי קליינע קינדער. אלע — מיט ברויך־רויטלעכע פנימער, מיט שארפע נעז און שארפע, שווארצע אויגן. פאר זיי האט געברענט, א קליין, לעבעדיק פייערל, איבער וועלכן ס׳האט געשווארצט

אַ קליינער קעסל. די פונקען פונעם פייער און די פּאָרע פונעם קעסל האָבן זיך איינציייטיק געהויבן צו די געדיכטע צווייגן און זיך דאָרטן ווי צעגאַנגען.

איך בין געשטאַנען פון ווייטנס, אַראָפּגענומען דעם פּאַק פון דער פּלייצע, אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים, און זיי באַגריסט אין ענגליש:

— זייט געגריסט, מיינע פריינט!

קיינער פון זיי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, מיר קיין וואָרט ניט גע־ענטפערט, אָבער זייערע בליקן האָבן זיך שאַרף און פרעגנדיק ווי איינגע־שטאָכן אין מיר. איך האָב געוואַרט אויף אַן ענטפער.

פון דער פינצטערניש פונעם אָפּענעם געצעלט האָט זיך מיטאַמאָל דער־טראָגן אַן אַלטע פרויען־שטים, מן־הסתם, מיט אַ פראַגע, אויף זייער לשון, ווער עס איז געקומען.

ניט אָפּוואַרטנדיק די אויגן פון מיר, האָט די ייִנגערע פון די צוויי פרויען, ווי אַ וואָרף־געטאָן עטלעכע שווערע, קורצע ווערטער אין געצעלט אַריין.

איך האָב אַרויסגענומען פון קעשענע אַ־טאַ־קאָס בריוו און אַ פראַגע געטאָן:

— קענט איר מיר, אפשר, זאָגן, וואו איך קען געפינען ווי־פּאַ־יאָקן?

אַלע האָבן זיך שנעל איבערגעקוקט, און דער ייִנגערער מאַן האָט זיך אויפגעשטעלט:

— איך בין ווי־פּאַ־יאָק. וואָס קען איך טאָן פאַר דיר?

— איך קום איצט פון אָראַיבי, און כ'האָב אַ בריוו צו דיר פון מיין בעסטן פריינט, אַ־טאַ־קאָן.

אַלע האָבן זיך ווידער שנעל איבערגעקוקט. אַ פריידיק פייערל אין די אויגן, צוזאַמען מיט עפּעס אַ ניט־גלויביקן שמייכל, האָבן, איינציייטיק, באַ־לויכטן ווי־פּאַ־יאָקס פּנים. מיר האָבן ביידע געמאַכט צו צוויי שפּאַן איינער צום צווייטן, און איך האָב אים איבערגעגעבן דעם בריוו.

לייענענדיק דעם בריוו, האָט ער אַ פּאָר מאָל געוואָרפן אויף מיר, ווי ניט קיין גלויביקע בליקן. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום, ווייזט אויס, עלטערן ברודער און אים איבערגעגעבן דעם בריוו. און בעת יענער האָט אים אויפמערקזאַם געלייענט, האָב איך אבזיכטלעך, גאַנץ הויך, אַזוי, אַז די קראַנקע מוטער אין געצעלט זאָל מיך קענען גוט הערן, אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב אויך געבראַכט אַ פּערזענלעכן גרוס צו אייער מוטער נאָ־ווים פון אָראַיבי, פונעם טשיף לאָ־מאַ־וואַנ־טי־וואַ מיט זיין פרוי. צוויי וואָכן צייט האָב איך געוואוינט מיט זיי צוזאַמען. זיי ווינטשן אייער מוטער אַ סך געזונט און גליק!

ביידע פרויען האָבן זיך איבערגעקוקט, זיך איינציייטיק אַ הויב געטאָן פון זייערע ערטער און אַריין צו דער מוטער אין געצעלט. ענדיקנדיק לייענען דעם בריוו, האָט זיך דער עלטערער ברודער אויך אויפגעהויבן, איז צוגע־

גאַנגען, מיר געגעבן די האַנט און זיך אַליין פאָרגעשטעלט:

— מיין נאָמען איז לע־מע.

ער האָט מיר געבעטן זיך אַוועקזעצן און טיילן מיט זיי זייער אָרעמע וועטשערע.

דער ייִנגערער האָט מיר געדריקט ביידע הענט:

— אַ־טאַ־קאָ איז מיין בעסטער פריינט. קום, זעץ זיך נעבן אונדזער פייער; זיי אונדזער גאַסט.

ביידע פרויען זיינען אַרויס פונעם געצעלט און זיך פאַרנייגט פאַר מיר. די עלטערע האָט אָנגעוויזן אויף זיך און שטיל, ווי באַמערקט:

— מיין נאָמען איז טע־ווע־יע־נאַ.

און די ייִנגערע האָט צוגעגעבן:

— און מיינער איז לאָ־יאַ.

מיר האָבן זיך אַלע אַוועקגעזעצט אַרום קעסל און נאָך אַ פּאָר מינוטן עסן און שווייגן, האָט דער עלטערער אָנגעהויבן:

— אונדזער פריינט אַ־טאַ־קאָ בעט אין זיין בריוו, אַז מיר זאָלן דיר אַרויסהעלפן אין דיין אַרבעט... קענסטו אונדז אפשר גליקלעך מאַכן און זאָגן, אין וואָס דאַרף באַשטיין אונדזער הילף?

— מיר וועלן זיך זיכער ניט אָפּזאָגן דיר צו העלפן, — האָט דער ייִנגערער צוגעגעבן, — אָבער מאַך קלאָר, וואָס דאַרפן מיר טאָן?

— קיין זאַך ניט. איר דאַרפט מיר בלויז דערלויבן צו זיין מיט אייך עטלעכע וואָכן, און מיר געבן אַ פּלאַץ וואו צו שלאָפן. דאָס אַלץ. איר דאַרפט זיך אויך ניט זאָרגן פאַר מיין שפּייז; איך קען עס לייכט קריגן אין דער קאַ־פּעטעריע פון איינעם פון די האָטעלן.

די אַלטע פרויען־שטימע האָט זיך ווידער אַרויסגעריסן פונעם געצעלט. איצט זיינען אָבער אירע זאַצן געווען פיל לענגערע ווי פריער, און דער טאָן פּשוט אַ באַפעלנדיקער.

ווי־פּאַ־יאַק האָט פאַר מיר איבערזעצט דער מוטערס ווערטער:

— די מאַמע זאָגט, אַז דער ווער עס איז טשיף לאָ־מאַ־וואַנ־טי־וואַ׳ס פריינט איז אויך אונדזער פריינט, און מיר שיקן אַזעלכע ניט אַוועק צו אונדזערע שונאים נאָך וואָס עס זאָל ניט זיין, בפרט ניט נאָך קיין שפּייז. מיר טיילן זיך מיט אונדזערע געסט מיט אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן. — און ער האָט צוגעגעבן גאַנץ שטיל: — די מוטער פאַרשטייט אויסגעצייכנט ענגליש, זי וויל אָבער ניט נוצן די שפּראַך... זי וויל ניט קיין שלום מיט זיי... מיט די ווייסע... — ער האָט געשוויגן אַ וויילע און צוגעגעבן: — זי וויל דיך זען נאָכן עסן.

אַ צאָל שכנים: מענער, פרויען און קינדער זיינען אַרויס פון זייערע

געצעלטן, זיך פון ווייטנס צוגעקוקט צו מיר און עפּעס שטיל גערעדט צווישן זיך.

— וואָס איז, איינגנטלעך, מיט אייער מוטער ? — האָב איך אַביסל שפּע־טער, ניט הויך, אַ פרעג געטאָן ביים עלטערן ברודער, — איז זי פּאַראַליזירט ? ווי לאַנג ליגט זי אין בעט ? האָט זי ווען אַ דאָקטאָר באַזוכט ?

— שוין אַ זעקס חדשים, אַז זי גייט אינגאַנצן ניט אַראָפּ פון בעט. זי איז ניט פּאַראַליזירט, לײַדט אָבער שטאַרקע ווייטאָקן אין רוקן און אין די פיס. מיט אַ חודש צוריק האָב איך, קוים מיט צרות, אַראָפּגעבראַכט צו איר אַ דאָקטאָר פון אַן האָטעל. האָט ער בלויז אַ קוק געטאָן אויף איר, געפרעגט ווי אַלט זי איז, דערנאָך האָט ער אַ טאַפּ געטאָן מיט דער האַנט איר פּלייצע, זיך פאַרקרימט ווען זיין האַנט איז, אַפּנים, נאַס געוואָרן פון איר שווייס. אויפן דריטן טאָג האָט ער, מיט אַן אָנגעשטעלטן פון האָטעל, איר צוגעשיקט אַ קעסטעלע מיט פּילן... די פּילן, פאַרשטייסטו, מן־הסתם, אַליין, האָט זי אַרויסגעוואָרפן, און איר האָס צו זיי... — ער האָט אויסגעלאָזט דאָס וואָרט „ווייסע" — איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן.

— זאָג, לע־מע, ווי דענקסטו, וואָלט די מוטער מיר דערלויבט זי צו באַטראַכטן ?

אַלע האָבן אויף מיר אַ פאַרוואונדערטן קוק געטאָן.

— ביסטו אַ דאָקטאָר ?

— ניין, ניט אין דעם זין, ווי עס איז, געוויינלעך, אָנגענומען. איך פאַרשרייב ניט קיין מעדיצינען, אָבער איך האָב געלערנט און ווייס ווי זיך צו באַגיין מיט קראַנקע מוסקולן פונעם מענטשלעכן קערפּער. גאַנץ מעגלעך, אַז כ'וואָלט געקענט אַביסל פאַרלייכטערן אירע ווייטאָקן. אָבער אין איין זאַך קען איך אייך פאַרזיכערן: ערגער וועל איך איר ניט מאַכן. וועגן דעם מעגט איר זיין רואיק.

— כ'ווייס ניט, — האָט ווי־פּאַ־יאַק אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען, — קום, מיר'ן דיך פאָרשטעלן פאַר דער מוטער, און דו פרעג זי אַליין.

מיר זיינען אַלע אַריין אין דער אַלטערס געצעלט. לאַ־יאַ איז געגאַנגען פאַראויס מיט אַ לאָמטערן אין האַנט און איז שטיין געבליבן לעבן דער שוויגערס קאָפּ. די אַלטע איז געלעגן אויף איר בעטל, צוגעדעקט מיט אַ קאָלדרע. איר פּנים — אַ נעץ פון קנייטשן, פון וועלכע ס'האָט שאַרף אַרויס־געשטעקט איר נאָז. אירע אויגן, אומנאַטירלעך־גרויסע און שאַרף־שוואַרצע, האָבן זיך ווי איינגעשטאָכן אין מיין פּנים.

מיין האַרץ איז פאַרגאַנגען פון ווייטאָק, געמישט מיט עפּעס אַזאַ מאָדנע געפיל פון שרעק און רחמנות.

זי האָט אויסגעשטרעקט צו מיר איר האַנט, וועלכע איך האָב אָנגענו־מען מיט מיינע ביידע הענט, זי צוגעטראָגן צום מויל און אַ קוש געטאָן.

אַ שמייכל האָט זיך ווי צעגאָסן איבער אירע ליפּן, און אַ ווייכער שיין האָט ווי אַ שפּריץ געטאָן פון אירע אויגן און זיך אָפּגעשפּיגלט אויף די קנייטשן פון איר פּנים. זי האָט אַ גלעט געטאָן מיין האַנט און עפּעס גענומען רעדן צו מיר אויף איר שפּראַך.

לע־מע, דער עלטערער זון, האָט פאַר מיר שנעל גענומען איבערזעצן אירע ווערטער:

— די מוטער באַגריסט דיין קומען צו אונדז, און דאַנקט דיר פאַר די טייערע גרוסן, וואָס דו האָסט איר געבראַכט. זי האָפט, אַז דו וועסט זיך דאָ אויסרוען און אויך אָפּטאָן די אַרבעט, נאָך וועלכער ביסט אַהער געקומען.

און איך האָב איר דירעקט געענטפערט:

— איך דאַנק דיר, טייערער פריינט, און כ׳בין זיכער, אַז די צייט, וואָס כ׳וועל דאָ פאַרברענגען, וועט זיין די בעסטע אין מיין לעבן. אָבער איך וויל אויפנעמען מיט דיר אַ זאַך, וואָס האָט צו טאָן אויב ניט מיין דיין פאָלקאָמענעם געזונט־ווערן, איז מיט אַ קליינער פאַרלייכטערונג פון דיינע ליידן. איך וואָלט געוואָלט...

זי האָט מיך אָפּגעשטעלט מיט אַ הויב פון האַנט און עפּעס אַ זאָג געטאָן צום עלטערן זון. און יענער האָט, מיט אַ שוואַכן שמייכל, מיר געלאָזט וויסן, אַז די מוטער האָט געהערט מיין פאָרשלאָג וועגן באַטראַכטן זי, און זי שטימט־צו. און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל זען די קראַנקע מאָרגן, אַרום צען אַזייגער אינדערפרי.

דעם אָוונט האָבן מיר פאַרבראַכט, מיט אַ צאָל שכנים, אַרום אַ פייער. צו ערשט האָב איך זיי דערציילט מעשיות וועגן ניו־יאָרקער לעבן, דערנאָך האָט אַ גרופּע מענער, צעטיילטע אויף צוויי טיילן, זיך פאַרטיפט אין אַ שפּיל, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט געזאַנג און מיט ביינערנע שטעקעלעך. אַ שפּיל, אין וועלכער כ׳האָב זיך, אפילו שפּעטער, בשום אופן ניט געקענט פאַנאַנדערקלייבן.

ווען כ׳בין אויפן צווייטן פרימאָרגן, צוזאַמען מיט ביידע זין און זייערע ווייבער, אַריינגעקומען צו דער אַלטער אין געצעלט, האָב איך שוין פריער געהאַט איינגעהאַנדלט אין דער קראָם, ניט ווייט, אַ פלעשל מיט אַלקאָהאָל, אַ סלאָי מיט וואַזעלין און אַ פונט וואַטע.

— גוט מאָרגן, מוטער יאָ־ווים! ווי אַזוי איז די נאַכט פאַריבער?

טע־ווע־יע־גאָ, די עלטערע שנור, האָט געענטפערט, אַז די קראַנקע האָט געהאַט גרויסע ווייטאָקן און איז אפילו אויף קיין מינוט ניט איינגעשלאָפן.

לויט מיינע אָנווייזונגען, האָבן ביידע ברידער פאָרזיכטיק אויפגעהויבן די קרעכצנדיקע מוטער און זי אַוועקגעלייגט מיטן פּנים אַראָפּ. איך האָב מיט אַלקאָהאָל, געמישט מיט וואַרעמער וואַסער, איר גוט אָפּגעוואַשן די גאַנצע פלייצע, אָנגעטאַפּט דערביי עטלעכע פלעצער, וואו די מוסקולן זיינען געווען

שטיף און צוזאַמענגעצויגן. אַט יענע ערטער האָב איך דערנאָך אָנגעשמירט מיט וואַזעלין און אַרום צוואַנציק מינוט געהאַלטן זיי אין אַ לייכטן מאַסאַזשירן און פּרובירט צו באַוועגן די צוזאַמענגעצויגענע מוסקולן צו זייערע נאָרמאַלע ערטער. די אַלטע האָט געקרעכצט און שטיל עפּעס גערעדט צו זיך אַליין. אפשר האָט זי תפילה געטאָן צו איר „גרויסן גייסט".

מיטאַמאָל האָט לאָ־יאַ מיך אַ ריר געטאָן ביים אַקסל, אָנגעוויזן אויף דער אַלטער און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— ש־ש־ש... זי איז איינגעשלאָפן.

און אַלע האָבן איבערגעחזרט:

— ש־ש־ש... זי איז איינגעשלאָפן.

צוויי מאָל אַ טאָג האָב איך, פון יענעם פרימאָרגן אָן, אין משך פון צוויי וואָכן, געוואַשן דער מוטער די פּלייצע און מאַסאַזשירט אירע פאַרשטייפטע מוסקולן. אירע ווייטאָקן זיינען פיל לייכטער געוואָרן, און זי האָט גענומען ביסלעכווייז אויך שלאָפן ביינאַכט. און די שטימונג האָט זיך געביטן ניט נאָר ביי דער מוטער מיט דער משפחה, נאָר ביים גאַנצן דערפל. צום סוף פון דער דריטער וואָך האָבן ביידע זין שוין אַרויסגעפירט די מוטער, אונטער די הענט, און זי אַוועקגעזעצט אויף אַ ווייכן, אויסגעריבענעם האָטעל־שטול, ביים פייער, וואו ס'האָט זיך געקאָכט זייער וועטשערע.

גאַנצע טעג פלעג איך פאַרברענגען מיט ווי־פּאַ־יאַקן, באַוואונדערנדיק דעם צויבער־טאָל. מיר האָבן געקלעטערט אויף אַלע בערג, ניט דורכגעלאָזט קיין איינציקן וואַסערפאַל, געשפּאַנט אַרום די ריזיקע „סעקוואָיאַ"־ביימער, און זיינען דריי מאָל דורכגעלאָפן דעם צען־פוסיקן אויטאָמאָביל־וועג, וועלכן מען האָט דורכגעהאַקט דורכן סאַמע האַרץ פון דעם ריזיקן „וואַוואָנאַ"־בוים.

— אַ גרויסער שאָד, וואָס אונדזער פריינט אַ־טאַ־קאָ איז מיט אונדז ניטאָ, — האָט ווי־פּאַ־יאַק עטלעכע מאָל דערמאָנט. און איין מאָל, קוקנדיק אַראָפּ פון אַ באַרג אין דער לענג פון טאָל, האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן אַ ווייטאָקדיקער אויסגעשריי: — מען קען דאָך פון זינען אַראָפּ, צוקוקנדיק וואָס זיי האָבן ביי אונדז אַוועקגערויבט!... דעם שענסטן טאָל אין דער וועלט! און גלויב מיר, אויב זיי דערלויבן אונדז נאָך צו אָטעמען אַביסל אָט־דאָרטן, אין ווינקל, אין אונדזער אָרעמען דערפל, איז עס זיכער ניט צוליב זייער מענטשלעכקייט, נאָר בלויז צוליב רעקלאַמע, צוליב אונדזערע טענץ, מיט וועלכע מיר פאַרווײַלן יעדן פרייטיק זייערע געסט.

און די טעג זיינען געלאָפן...

און דער מוטערס ווייטאָקן אין דער פּלייצע און אין די פיס זיינען אַלץ מילדער געוואָרן, און ביידע שנורן האָבן מיך אויסגעלערנט ווי אַזוי, איצט שוין בלויז איין מאָל אַ טאָג, צו טאָן מיין אַרבעט, און אויך ווי אַזוי צו מאַכן

מיט איר לייכטע, פיזישע איבונגען.

ס׳האָט זיך שוין אָנגערוקט פּאַוואָליטשקע די זעקסטע וואָך, און כ׳האָב ענדלעך באַשטימט דעם פרימאָרגן פון מיין אָפּפאָר. דעם לעצטן פאַרנאַכט האָבן מיר — איך, די מוטער און ביידע זין מיט זייערע פרויען — פאַרבראַכט אויף אַ הויכן פלאַך־קעפּיקן, בערגל, הינטערן דערפל, — אויף אַ בערגל, פון וועלכן ס׳האָט זיך געעפנט אַ פּראַכטפולער אויסקוק אויף אַ היבשן טייל פון טאָל. די מוטער איז געזעסן אויף איר ווייכן שטול, און מיר — אויף קעסטלעך, אַרום.

די זון האָט זיך געהאַלטן אין זעצן, און פּונקט ווי אין דעם פאַרנאַכט פון מיין אָנקומען אַהער, האָבן די רויט־גאָלדענע זונען־שטראַלן נאָך געהערשט אויף די גאָר הויכע טיילן פון די שטיינערנע ווענט און אויף די שפּיצן פון די אַרומיקע בערג, און די שאָטנס האָבן אָנגעווענדעט אַלע זייערע כּוחות פון דאָרטן זיי צו פאַריאָגן. די לופט איז אויך ווי דאַן געווען זאַפטיקקיל און פול מיט די צאַרטסטע ריחות.

אַ היפּשע צייט האָבן מיר אַלע געשוויגן. אַ טרויער האָט געדריקט יעדן איינעם און ס׳האָט זיך ניט געוואָלט רעדן. די מוטער האָט פאַרטראַכט געקוקט פאַר זיך און איין מאָל, שנעל, אָפּגעווישט די טרערן. מיר האָבן זיך אַלע געמאַכט ניט זעענדיק. און באַלד האָט זי שטיל גענומען רעדן, און צו אַלעמענס דערשטוינונג, גענומען רעדן אויף ענגליש, אויף גאָר אַ פיינעם ענגליש. מיר האָבן אַלע פאַרשטאַנען, אַז דאָס טוט זי צוליב מיר. און זי האָט טאַקע גערעדט, קוקנדיק מיר גלייך אין פּנים אַריין.

— דו ביסט געקומען צו אונדז אַ פרעמדער, אַ פרעמדער, ווייסער מענטש, אָבער איך בין זיכער, אַז געשיקט האָט דיך אַהער דער „גרויסער גייסט“, וועלכער האָט שוין, ווייזט אויס, ניט געקענט מער איבערטראָגן מיינע ליידן, ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז מיין האַס צו זיי זאָל מיך אַליין אינגאַנצן אויפעסן, זאָל מיך אַליין פאַרגיפטן... כ׳האָב אַ סך געטראַכט און קען ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס ער האָט גראַדע דיך אויסגעקליבן... — זי האָט זיך אויפמערקזאַם איינגעקוקט אין מיין פּנים: — כ׳ווייס ניט... עפּעס איז פאַראַן אין דיין פּנים אַזעלכעס... עפּעס אייגנס... אפשר שטאַמסטו אַליין אויך פון אונדזערן אַ וויטן שטאַם... ווער ווייסט?... — זי האָט טיף אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם: — יעדן ווינטער לייען איך אַ סך ענגלישע ביכער... יאָ, ענגלישע, — האָט זי אונטערגעשטראָכן, ווי זיך אַליין אויף צו־להכעיס, — ניטאָ נאָך, דערווייל, קיין אינדיאַנישע. נו, איז מיר, איין מאָל, אַריינגעפאַלן אין די הענט די ביבל מיט דער מעשה, ווי אַזוי גאָט האָט אין זעקס טעג באַשאַפן די וועלט, און דעם זיבעטן טאָג גערוט... און אויך ווי אַזוי ער האָט דערנאָך באַזעצט אָדמ׳ען מיט חוה׳ן אין גן־עדן, ווי אַזוי זיי האָבן זיך שפּעטער פאַרזינדיקט און ער האָט געשיקט אַ מלאך מיט אַ שווערד

זיי פון דאָרטן אַרויסצוטרייבן... זייער אַ פיינע מעשה, און אַ גערעכטע אויך דערצו: פאַר זינד קומט אַ שטראָף. אָבער מיר, די יעסעמיטער אינדיאַנער, זיינען דאָך קיין זינד נישט באַגאַנגען, טאָ פאַרוואָס־זשע האָט דער גאָט פון די ווייסע מענטשן אַנגעשיקט אויף אונדז — אַפילו ניט קיין מלאכים — נאָר בלוטדורשטיקע גאָלד־זוכער, וועלכע האָבן אונדז אַרויסגעטריבן פון אונדזער גן־עדן?!... און שפּעטער, ווען מיר האָבן, אונטער דער פירערשאַפט פון אונדזער גרויסן טשיף טע־נאַ־יאַ, זיך גענומען קעגנשטעלן, האָבן זיי, שוין אויסגעפּוצטע אין מיליטערישע אוניפאָרמען, טויזנטער פון אונדז אויסגע־שלאָכטעט, און די לעבן־געבליבענע, ווי ווילדע חיות, פאַרשפּאַרט אין אַ רעזערוואַציע, געבן טייך פרעשנאָ... טאָ וואו, פרעג איך דיך, איז גערעכטי־קייט?... אמת, אייער גאָט איז שטאַרקער, אָבער בלויז ווייל ער איז גרוי־זאַמער. אונדזער „גרויסער גייסט" איז גערעכטער, מענטשלעכער... — זי האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ ווייל און גאָר שטיל באַמערקט: — אונדזער משפּחה איז, דאַכט זיך, די איינציקע, וואָס שטאַמט דירעקט פון טשיף טע־נאַ־יאַ...

פון דער זייט, וואו עס האָבן זיך געפונען די האָטעלן, האָבן מיטאַמאָל זיך דערטראָגן קלאַנגען פון פאַרשייטער מוזיק און אַן הילכיקער אויפברויז פון צעיושעטן געזאַנג.

זי האָט אָנגעוויזן, מיטן קאָפּ, אין יענער ריכטונג:

— דו הערסט? אין אַ מאָרק האָבן זיי פאַרוואַנדלט אונדזער שטילן, הייליקן טאָל, און פונקט ווי אין די צייטן פון די אַמאָליקע מיינערס, אַזוי זוכט מען נאָך אויך איצט דאָ גאָלד... בלויז גאָלד... אָבער שוין ניט פון דער ערד, נאָר פון אַ צווייטנס קעשענעס... גאָלד... גאָלד...

זי האָט אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן ווייטן אַרום:

— זאָג, וואו נאָך אויף דער וועלט קען מען, אויף אַ שטח פון אַ פּאָר צענדליק מייל, זען אַזוי פיל גראַנדיעזע, אַזוי פיל הייליקע נאַטור־שיינקייטן? וואו קען מען טרעפן אַזעלכע וואונדער־בערג, ווי: „על־קאַפּיטאַן", ווי „קאַ־טעדראַלע שפּיצן", „גלייזשער און אינספּיראַציע־פּונקטן?"... אַזעלכע מאָ־נומענטן, ווי די „דריי ברידער", „וואַלקן־רו" און „וואַטקינס באַרג"?... וואו נאָך קען מען זען אַזעלכע אומבאַשרייבלעכע וואַסערפאַלן, ווי: „וואָורנאַל", „יעסעמיטי", „בעוואַדע" און אַנדערע?... און די עלטסטע, העכסטע און דיקסטע ביימער אויף דער וועלט, די „סעקוואָזיעס", וואַקסן בלויז אין אונדזער טאָל, און פאַרוואָס זאָלן די צוויי מערקווירדיקסטע פון זיי טראָגן די נעמען פון צוויי אַמעריקאַנער גענעראַלן: גרענט און שערמאַן, און ניט פון צוויי אונדזערע אינדיאַנישע טשיפס?...

זי האָט אויסגעווישט די טרערן.

— איך בעט דיך, מוטער, באַרואיק זיך! — האָט טע־זוע־יע־נאַ, די

עלטסטע שנור, שטיל אַ בעט געטאָן.

— דו טאָרסט זיך ניט אויפרעגן, — האָט לאַ־יאַ, די צווייטע שנור, צו־געגעבן.

די מוטער האָט אָנגעוויזן מיטן קאָפּ אויף מיר:

— ער פאַרט שוין אָבער מאָרגן גאַנץ פרי אַוועק, און איך האָב שוין אַזוי לאַנג געשטיקט אַט די רייד אין זיך... — זי האָט מיטאַמאָל צוזאַמענ־געדריקט די פויסטן, און אַ געדיכטער שטראָם, ווייזט אויס, קללות, אויף איר אייגענער שפּראַך, האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון איר מויל.

ביידע זין האָבן איינצייטיק אַרויפגעלייגט זייערע הענט אויף אירע אַקסלען:

— רואיק, מוטער! — האָט לע־מע פעסט באַטאָנט.

— גענוג... כ'בעט דיך! — האָט ווי־פּאַ־יאַק צוגעגעבן.

איך האָב אָנגענומען אירע ביידע הענט אין מיינע:

— גענוג, מוטער, צו רעדן וועגן דעם: קיין רייד, קיין זאַך אויף דער וועלט, קען שוין סיי־ווי ניט העלפן. דאָס לעבן גייט אָפּט אויף גרויזאַמע וועגן, און די איינציקע האָפענונג איירע, פּונקט ווי פון אַלע אַנדערע באַ'עוולה'טע איז, אַז די צוקונפט וועט בייטן די אומשטענדן, און דאָס גאַנצע לעבן וועט אָנבעמען גאָר אַן אַנדער אויסזען: עס וועט אויפקומען גאָר אַ נייע וועלט — אַ שיינע, אַ ברידערלעכע, און דער גאָלדענער טייוול וועט פאַרלירן זיין גאַנצן גלאַנץ... איך בין גליקלעך, וואָס כ'האָב געקענט אַביסל שטילן דיינע פיזישע לײַדן, און האָף צו קריגן בריוו, אַז דו ביסט אינגאַנצן געזונט געוואָרן. קומענדיק צו אייך, האָב איך דערוואַרט צו קריגן בלויז אַביסל פריינטשאַפט, כ'האָב אָבער געקראָגן פיל, פיל מער... שוין לאַנגע, לאַנגע יאָרן, נאָך קינד־ווייז, האָב איך פאַרלוירן מיין מוטער, אָבער אפילו דער שטאַרקסטער און העלדישסטער מאַן נויטיקט זיך, ציטנווייז, אין דער הילף פון אַ מאַמען, פון אַן איינפאַכער, ליבנדיקער מאַמען... און אַט־די הילף האָב איך דאָ, אין דיר, מוטער, געפונען...

ס'האָט מיר מיטאַמאָל פאַרכאַפּט דעם אָטעם, און טרערן האָבן אַ ברי געטאָן מיינע אויגן. כ'האָב צוגעדריקט אירע הענט צו מיין פּנים.

און זי, די מוטער, יאָ־ווים — אַ פרוי פון אַ „יעסעמיטי״־אינדיאַנישן טשיף, האָט זיך צוגעבויגן און מיר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ.

— אַ דאַנק דיר, זון מיינער, פאַר אַלץ! טראָג מיך אַוועק אין דיין האַרצן, פּונקט ווי דיין פּנים וועט בלייבן אין מיינעם. און זאָל גליק און רו שטענדיק היטן דיין וועג... און זע, זע פאַרגעס אונדז ניט...

אַט אַזאַ מעשה האָט איין מאָל פּאַסירט אין אַ זוניקן פאַרנאַכט אין איב־דיאַנישן דערפל, אין „יעסעמיטי־טאָל״.

יוני, 1955.

מיין ערשטער אַריינפאָר אין דעם לאַנד פון די „האָפּיס"

אין לאָס־אַנדזשעלעס איז עס געשען, אין דער צייט פון מיין צוויי־יאָריקן וואַנדערן איבערן לאַנד. אָנגעקומען אַהין בין איך דאַן מיט אַ חודש פריער, אַ שטאַרק פאַרקילטער, מיט אַ שווערן הוסט. געקומען בין איך פון דער שטאָט פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן שטאַט, וואו עס האָט נאָך אין יענער צייט פון יאָר, געהערשט כמעט ווי אַ פולער ווינטער.

און די שולד פון מיין געפערלעכער פאַרקילונג איז געווען אויסשליסלעך מיין אייגענע. נאָך זייענדיק אין פּאָרטלאַנד, האָב איך געהערט און געלייענט אין די צייטונגען, אַז אַדאַנק די שטאַרקע רעגנס און ווינטן, איז דער טייך ווילאַמעט, אין אַ צאָל ערטער, אַרויס פון די ברעגן, פאַרטונקען גאַנצע געגנטן און פאַרשלעפּט, אין זיין גאַנג, מיט זיך אַ היפּשע צאָל הייזער, דערטרונקענע פי און אין איניקע פלעצער אויך אונטערגעשווענקט די אויטאָמאָבילן־וועגן און די אייזנבאַן־רעלסן.

מען האָט מיך געראָטן איבערצוואַרטן ביז נאָרמאַלע וועג־פאַרבינדונגען וועלן זיך איינשטעלן און ערשט דאַן זיך לאָזן אין ווייטערדיקן וועג. אָבער מיר האָט זיך געוואָלט, וואָס שנעלער אָנצוקומען קיין קאַליפאָרניע און איבערוואַרטנדיק בלויז אַ פּאָר טעג, האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט צופוס אין וועג, פאַרלאָזנדיק זיך, דעם מאָל, שוין אַביסל צופיל אויף מיין שטענדיקן מזל.

און מיין מזל האָט, דעם מאָל, ניט אויסגעהאַלטן מיין גלויבן. אַרויס פון פּאָרטלאַנד בין איך גאַנץ פרי און פאַרנאַכט־צו האָב איך זיך אַראָפּגעגלישט, צוזאַמען מיט אַן היפּשן אונטערגעשווענקטן באַרג, אין די אייזיקע וואַסערן פונעם ווילאַמעט טייך.

זייער גענוי צו באַשרייבן די איבערלעבונגען פון דער, כמעט ווי גאַנצער שעה צייט, ווען כ'האָב זיך, ביז איבערן גאַרטל, געפונען אין דער בלאָטיקער וואַסער, ביז כ'האָב, מיט דער הילף פון פאַרביישווימענדיקע ברעטער און קלעצלעך, צוריק זיך אַרויפגעקראַבקעט אויפן ברעג — איז אוממעגלעך. אָבער שוין זייענדיק אויפן ברעג, האָב איך מיטן לעצטן ביסל כוחות און געטריבן פונעם לעצטן פונק פון מיין באַוואוסטזיין, גענומען לויפן פאָראויס, וואו אָונטיקע הויז־פייערלעך האָבן זיך שוין גענומען צינדן. איך בין דערלאָפן צום ערשטן שטיבל, וואו גוטע מענטשן האָבן מיך דערוואַרעמט, מיך אָנגעפויעט מיט הייסער קאַווע און וועך ווייס מיט וואָס נאָך און מיך אַוועקגעלייגט שלאָפן.

אַזוי, אַז ווען כ'האָב מיט אַ וואָך שפּעטער, פאַרשטעטנדלעך, שוין מיט אַ „באָס", דערגרייכט לאָס־אַנדזשעלעס, איז אַ גוטער אָפּרו אונטער די הייסע זונען־שטראַלן געווען פאַר מיר, פּשוט, אַ לעבנס־נויטווענדיקייט. אָבער, ווי

לאַנג קאָן מען עס רוען, ווען מען איז אין וועג?!

לויטן פריער אויסגעאַרבעטן פּלאַן, האָט מיין קומענדיקער אָפּשטעל באַדאַרפט זיין ביי די אַריזאָנער אינדיאַנער. און ווען כ'בין שוין אינגאַנצן געקומען צו זיך, האָב איך מיט אומגעדולד גענומען וואַרטן אויף דער ערשטער געלעגנהייט, מיט אימיצנס אַן אויטאָמאָביל, זיך צו דערקלייבן ביז אַריזאָנאַ.

„האָרטן וועל איך זיך שוין אַן עצה געבן", — האָב איך געטראַכט און, ווי עס זעט אויס, שוין ווידער גענומען גלויבן אין מיין מזל.

און ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז צוויי באַקאַנטע שיקאַגער פאַמיליעס, וועלכע האָבן אין יענער צייט זיך געפונען אין לאָס־אַנדזשעלעס, קלייבן זיך גאָר אינגיכן אַהיימצופאָרן, בין איך גלייך אַוועק צו זיי. זיי האָבן, מיט פרייד, צוגעשטימט מיך אַריינצופירן קיין אַריזאָנאַ, אָבער אַזוי ווי זייער אייגן געזינדל איז באַשטאַנען פון פיר דערוואַקסענע און פינף קינדער און אַריינצוושפּאַרן מיך אין זייער אַלטן „דאָדזש" איז געווען אוממעגלעך, האָב איך אָנגענומען זייער פאָרשלאַג צו פאָרן אין זייער „טרעילער", צווישן די פּעק מיט זייערע זאַכן.

אמת, דער „טרעילער" איז מיר שטאַרק ניט געפעלן. ער איז געווען זייער אַ פלאַכער און זיינע צוויי הויכע, הילצערנע, גאָר דינע רעדער זיינען געווען באַקלעפּט בלויז מיט אַ דינעם שיכט גומע. כ'האָב זייער געצווייפלט, צי ער וועט אויסהאַלטן דעם וועג ניט נאָר ביז שיקאַגאָ, נאָר אפילו ביז מיין אָפּשטעל אין אַריזאָנאַ, אָבער כ'האָב באַשלאָסן מיטצופאָרן מיט זיי.

אויף זייער פראַגע, וואָס כ'וועל טאָן אין מדבר, האָב איך זיי פאַרזיכערט, אַז זיי האָבן זיך לחלוטין ניט וואָס צו זאָרגן פאַר מיר: פונעם ערשטן „טרעידינג פּאָסט" וועל איך אָפּרופן מיינעם אַ גוטן אינדיאַנער פריינט, וועלכער וואוינט אין דאָרף „מאָענקאָפּי" און וועלכער וועט גלייך קומען נאָך מיר.

פאַרשטענדלעך, אַז איך האָב קיינע אינדיאַנער פריינט ניט פאַרמאָגט. איך האָב אָבער, ווייזט אויס, שוין ווידער גענומען גלויבן אין מיין מזל און בין געווען זיכער, אַז זייענדיק אין יענעם טייל פון אַריזאָנאַ, וואו עס זיינען קאָנצענטרירט די „האָפּי" און די „נעוועהאָ" אינדיאַנער, וועל איך שוין געפינען אַ וועג ווי אַזוי זיך צו דערקלייבן צו זיי.

און מיט עטלעכע טעג שפּעטער, אין אַ זונטיק בייטאָג, אַרומגערינגלטע מיט אַ היפּשער צאָל פריינט, וועלכע זיינען געקומען זיך געזעגענען מיט אונדז, האָט דער אַלטער „דאָדזש", שווער זיפּצנדיק, זיך אַ לאָז געטאָן אין ווייטן וועג און נאָך אים איז, ווי קינדעריש, נאָכגעשפּרונגען דער אָנגעלאָדענער טרעילער און איך האָב, שטייענדיק אויף אים צווישן די פּעק, פאַרצויגן מיין באַליבט לידל:

„לאָמיר מאַכן פון מיטוואָך שבת,
טראַ־לאַ־לאַ... לאַ־לאַ־לאַ...

און ניט זיין ווי אלטע באבעס,
טרא־לא־לא... לא־לא־לא..."

און דער ארומיקער עולם האט פריילעך אונטערגעכאפט:

„לאמיר אלע פריילעך זיין,
קומט מיט מיר אין שענק אריין:
טרינקען בראנפן, טרינקען וויין...
טרא־לא־לא... לא־לא־לא..."

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

און איך בין געווען גערעכט: נאך אידער מיר זיינען אפילו אריינגע־פארן אין אריזאנא, האט דער גאנצער טרעילער זיך גענומען פאנאנדער־פאלן. צוויי מאל האבן מיר אים פארריכט ביי די וועג קאוואלן, אבער גיך אים געמוזט איננאנצן אוועקווארפן. מיך האט מען דאן אריינגעשפארט צווישן די צוויי משפחות, אוועקגעזעצט צוויי קינדערלעך אויף מיין שויס און מיט די פעק ארומגעגארטלט דעם גאנצן אויטאמאביל.

אויב דאס איז נאך געווען ווייניק, האט מיט א טאג שפעטער, פונקט אין צייט, ווען מיר האבן געהאלטן, זייער פארזיכטיק, אין אראפלאזן זיך פון א הויכן בארג, האט געפלאצט איינע פון די הינטערשטע טיילן, וועלכע קאנטראלירט דעם גאנג פון דער מאשין און אונזער „דאדזש" האט זיך גענומען ווילד יאגן בארג אראפ.

און דער וועג איז געווען זייער א שמאלער, א פארצאמטער, פון לינקס, מיט א הויכער שטיינערנער וואנט, מיט שארפע שפיצן און פון רעכטס האט דער מלאך־המות אונדז באגריסט מיט צענדליקער אויגן פון זייער א טיפן טאל. די מאשין איז, ממש, געפלויגן בארג אראפ און פון איר האבן זיך גע־ריסן דערשראקענע קולות פון די פרויען מיט די קינדער. און ווער געדענקט עס?... אפשר איך פון די מענער?

גליקלעכערווייזע זיינען אונדז קיינע מאשינען ניט אנטקעגן געקומען און, אפלויפנדיק, שוין אין טאל, א פאר מייל, האט דער אויטאמאביל זיך אליין אפגעשטעלט.

א האלבע נאכט האבן צוויי מעכאניקער, ביי דער שיין פון זייערע איי־גענע אויטאמאביל־לאמפן געארבעט, ביז זיי האבן צוריק אויפגעלעבט אונ־דזער היפשלעך צעקנייטשטן „דאדזש" און גאנץ פרי האבן מיר זיך ווידער א לאז געטאן אין וועג. מיטאג־צייט זיינען מיר צוגעקומען צום הויפט־וועג, וועלכער איז געלאפן פון פלעגסטעף אין סאמע הארץ פון די „האפי"־דערפער.

דאס איז געווען מיין שיידונגס־פונקט. מיר זיינען אלע ארויס פון דער מאשין און זיך גענומען געזעגענען. זיי האבן בשום אופן ניט געוואלט

מיך איבערצולאָזן אַליין אין דער וויסטעניש, בעת גאָר נאָענט האָט זיך געפונען אַ „טרעידינג־פּאָסט". איך, פון מיין זייט, האָב ניט געוואָלט זיי זאָלן מיך צופירן צו דער קראָם און דאָרטן מעגלעך זיך איבערצייגן, אַז איך האָב ניט קיינע פריינט, וועמען אָפּצורופן.

ענדלעך האָבן מיר זיך געזעגנט און זיי האָבן גענומען אָפּפאָרן. צוויי מאָל האָבן זיי, שוין אָפּפאָרנדיק קליינע שטרעקעס, זיך אָפּגעשטעלט, זיך נאָך אַמאָל געזעגנט און מיר פאַרגעלייגט צו פאַרגעסן וועגן די אינדיאַנער און מיטפאָרן מיט זיי קיין שיקאַגאָ.

ענדלעך זיינען זיי אַוועק און איך האָב, מיט בענקשאַפט, זיי נאָכגעקוקט. ווען זיי זיינען פאַרשוואונדן, האָב איך זיך גענומען אַרומקוקן און פּלאַנירן וואָס וויטער צו טאָן. כ'האָב שוין געהאַט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך מיינע וועג־פּעקלעך און זיך געוואָלט לאָזן גיין אין ריכטונג צום „טרעידינג־פּאָסט", ווען כ'האָב באַמערקט אַן אַלטן אינדיאַנער, זעט אויס אַ „נעוועהאָ", מיט אַ גרינער סטענגע ארום זיין שטערן און צוויי שנירלעך קרעלן אַרום דעם האַלדז, וועלכער איז אַרויסגעקומען אויפן הויפּט־וועג פון עפּעס אַ זייטיקער סטעזשקע און וועלכער האָט זיך, וויזט אויס, געלאָזט גיין אין ריכטונג צו דער קראָם.

„וואָס פאַראַ פּראַכטפולער טיפּ!" — האָט איך אַ טראַכט געטאָן און אויף שנעל פאַרטיק געמאַכט מיין קאַמערע. און ווען ער איז צוגעקומען גאָר נאָענט, האָב איך, אים, פאַרשטענדלעך, אויף ענגליש, באַגריסט, אָנגעוויזן אויף מיין קאַמערע און אים געבעטן זיך צו לאָזן פאָטאָגראַפירן.

דער אַלטער, וועלכער האָט צוערשט אַ פריינטלעכן שמייכל געטאָן, האָט, באַמערקנדיק די קאַמערע, געמאַכט אַ בייזן פנים, עפּעס אַ שנעלן זאַג געטאָן און ניט נאָר זיך אויסגעדרייט צו מיר מיט די פּלייצעס, נאָר זיך אויך גאַנץ פּלינק איינגעבויגן און מיר אַרויסגעשטעלט זיין הינטער־חלק. און אויב דאָס אַליין איז אים נאָך געווען וויניק, האָט ער, מיט דער רעכטער האַנט, נאָך געגומען פּאַטשן אויפן זיץ־פּלאַץ, ווי וועלנדיק זאָגן: — נאָ, פון אים קענסטו אַראָפּנעמען אַ בילד!

איך האָב פּרובירט אים זאָגן אַ פּאָר באַרואיקנדיקע ווערטער, אים אַפילו פאַרגעלייגט אַ האַלבן דאָלער, אָבער ער האָט זיך פון אָרט ניט גערירט.

דאַן בין איך שוין אַליין אויך בייז געוואָרן, פאַרהאַקט די קאַמערע, זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ פּאָזיציע, זייער אַן ענלעכער צו זיינער און עטלעכע מאָל איבערגעג'חזר'ט:

— נאָדיר, דו אַלטער נאַר!... נאַ דיר דאָס זעלבע!

ווען ער האָט ענדלעך באַמערקט מיין פּאָזיציע, האָט ער זיך אויסגעגליכט, זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו מיר, זיך צעלאַכט, עפּעס אַ זאַג געטאָן און רואיק פאַרגעזעצט זיין וועג.

איך האָב זיך אויך אויסגעגלייכט, אים נאָכגעוואָרפן עטלעכע בייזע ווער־

טער און אַ טראַכט געטאָן, אַז ס'איז נאָך אַ גליק וואָס עס איז דאָ פריער ניט געווען קיין דריטער פּערזאָן, וועלכער זאָל געווען אונדז ביידן פאָטאָגראַפירן אין אונדזערע פּאָזעס. איצט האָב איך אַליין זיך שוין אויך צעלאַכט.

אין גיכן האָב איך באַמערקט אַ לאַסט־וואָגן, וועלכער האָט זיך באַוועגט אויפן וועג פון פלעגסטעף. איך האָב זיך דערפרייט, ווען דער וואָגן איז צוגעקומען גאָר נאָענט, האָב איך אויפגעהויבן די האַנט און ער האָט זיך גלייך אָפּגעשטעלט.

אויף דער קעלנע איז געזעסן אַ קליין געוויקסיקער, דאַרער, זיכער אינ־דיאַנער, מיט אַ שאַרפער נאָז און שטאַלינקע אייגעלעך. זיין שטערן איז געווען אינגאַנצן פאַרדעקט מיט אַ קאָו־באָי" הוט, מיט זייער ברייטע ראַנדן.

איך האָב אים באַגריסט און גלייך אַ פרעג געטאָן:

— פאַרשטייסטו ענגליש ?

ער האָט מיט אַ צופרידענעם שמייכל געענטפערט:

— איך פאַרשטיי: פיר ווינטערס אין שול אַריין געגאַנגען.

— דו האָסט טאַקע אַ אינטעליגענטן פּנים, — האָב איך אים אַ לויב געטאָן, זאָג מיר, וואוהין פאָרסטו ?

— צו זיך אַהיים: אין דאָרף מאָענקאָפּי.

— וואוינען אויך דאָרטן ווייסע מענטשן ? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— ניין. בלויז מיר, האָפּי אינדיאַנער. — און ער האָט צוגעגעבן: — אין טויבא סיטי, צוויי מייל פון אונדז, זיינען פאַראַן אַ סך ווייסע... אויב דו ווילסט, וועל איך דיך צופירן אַהין.

— ניין, אַ דאַנק! — האָב איך געענטפערט און גלייך צוגעטראָטן צום ענין: — זאָג מיר, וואָלט איך געקענט קריגן ביי אייך אין דאָרף אַ פּלאַץ וואו איבערצושלאָפן ?

— אַוודאי, — האָט ער אַ זיכערן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — פאַראַן ביי אונדז איבער גענוג פרייען פּלאַץ. אויב דו ווילסט, וועל איך דיך מיטנעמען מיט זיך, — און ער האָט, גאַסט־פריינטלעך, מיר אָנגעוויזן אויפן ליידיקן פּלאַץ, נעבן זיך.

אַ צווייטן מאָל איבערצו'חזר'ן זיין איינלאַדונג האָט ער זיכער ניט באַ־דאַרפט. כ'האָב שנעל פאַרנומען דעם אָנגעוויזענעם אָרט, ער האָט אַ דרוק־געטאָן מיטן פוס אויפן גאַז־קנאָפּ און דער לאַסט־וואָגן האָט זיך אַ ריס גע־טאָן פאָראויס.

אַ פּאָר מינוטן האָבן מיר ביידע געשוויגן. איך האָב אָנגעשטרענגט געטראַכט וועגן וואָס צו פאַרפירן מיט אים אַ געשפּרעך און ער האָט געהיט דעם וועג און אָפּט געגענעצט.

— דו זעסט אויס צו זיין אַ גוטער בחור, — האָב איך אים געמאַכט דעם צווייטן קאָמפּלימענט, — זאָג מיר, ווי אַזוי הייסטו ?

— נאַ־קווי־מאַ — איז מיין אמת'ער נאָמען, — האָט ער געענטפערט,

— אָבער אין שול האָט דער לערער מיר אַ נאָמען געגעבן דזשאָו. און אַלע רופן מיך שוין אַזוי.

— און מיין נאָמען איז: דייקס, — האָב איך זיך אַליין פאָרגעשטעלט און באַטראַכטנדיק די אַרומיקע געגנט. האָב איך זיך אויך דערמאָנט וועגן אַן ענלעכער געגנט אין טורקעסטאַן, וואו איך האָב אַמאָל פאַרבראַכט אַ פּאָר יאָר. און אָט דער פאַרגלייך האָט מיר געגעבן די טעמע, וועגן וועלכער צו רעדן. כ׳האָב אים גלייך געגומען דערציילן אַ געשיכטע וועגן אַ ריזיקן טיגער, מיט וועלכן כ׳האָב זיך איין מאָל געטראָפן, פּנים צו פּנים, באָדנדיק זיך אין אַ טייכל.

ער האָט אויפגעלעבט, אויפגעהערט צו היטן דעם וועג און אפילו צו גענעצן.

ווען כ׳האָב געענדיקט די מעשה, האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן:

— זאָג, ביסטו געווען אַמאָל אין מצרים?

אין מצרים בין איך קיינמאָל ניט געווען, אָבער אים האָב איך געענט־פערט, אַז כ׳האָב פאַרבראַכט דאָרטן גאָר אַ היפּשע צייט און אים טאַקע גלייך גענומען באַשרייבן, מיט אַלע איינצעלהייטן, סיי דאָס לאַנד גופא, אַזוי אויך די פּיראַמידן מיט די רייכע קעניגלעכע קברים, ווי אויך דעם ריזיקן טייך נילוס מיט זיינע יערלעכע פאַרפלייצונגען, וועלכע ברענגען פרוכט־באַרקייט צום לאַנד.

ער האָט זיך צוגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, און צום שלוס באַ־מערקט, מיט אַ טיפן זיפץ:

— אָט אַזאַ טייערן טייך וואָלטן מיר שטאַרק באַדאַרפט האָבן דאָ, ביי אונדז, אין אַריזאָנאַ.

אין גיכן האָבן זיך, פון ביידע זייטן וועג באַוויזן, ניט קיין הויכע, רויט־געלע בערג און מיר זיינען מיטאַמאָל ווי אַריינגעפאָרן אין אַ שטיינערנעם, האַלב־צעשטערטן זאָאָלאָגישן גאָרטן: אויף די זייטן פון די בערג זיינען פון ווינט, זון און רעגן אויסגעקאַרבט געוואָרן גאַנצע און האַלבע בילדער פון פאַרשיידענע מינים חיות און פייגל.

דערנאָך האָט די מאַשין, מיט איין פלינקן דריי אויף רעכטס, זיך ווי אַרויסגעריסן פון צווישן די בערג און מיר זיינען אַריינגעפאָרן אין אַ גע־דיכט פאַרוואַקסענעם ברייטן טאָל. די לופט איז דאָ געווען געדיכט אָנגעזאַפּט מיטן לעבעדיקן ריח פון פלאַנצן,ביימער און פרישער ערד.

דער גאַנצער נידעריקער טייל פון טאָל איז געווען צעטיילט אין פיר־עקן פון פאַרשיידענע מאָסן, געדיכט באַדעקטע מיט גרינוואַרג פלאַנצן. קליינע הייזקעס האָבן זיך ווי געטוליעט אין די שאָטנס פון געדיכטע ביימער און קינדער און פרויען, אין פאַרביקע קליידער, האָבן זיך באַוועגט אַרום די הייזקעס.

— זאָג, נאַ־קווי־מאַ, — האָב איך אַ פרעג געטאָן, — פאַרמאָגסטו דאָ אויך אַ שטיקל קאָרן־פעלד מיט אַ צאָל פרוכטן ביימער?

ער האָט אַ צופרידענעם לאַך געטאָן:

— איך האָב אויך אַ קליין שטיקל פעלד מיט דריי פרוכטן ביימער, אָבער עס געפינט זיך ניט דאָ, נאָר אַביסל וויטער אין מדבר... מיין אינ־גערער ברודער גיט אויף דעם אַכטונג. איך אַליין בין באַשעפטיקט אין מיינעם אַ קרעמל אין אונדזער דאָרף.

— ווער זיינען דיינע קונים?

— עס קומען פאַרשיידענע: שכנים פון דאָרף, אויך טוריסטן שטעלן זיך אָמאָל אָפּ... עס קומען אויך אייניקע נעוועהאָס, — ער האָט אַ זיפץ געטאָן, — אָבער אַמעריקאַנער טוריסטן גייען זיי קיין טיובאַ סיטי צום גרויסן „טרעידינג־פּאָסט", וואָס צווי ווייסע האַלטן דאָרט... כדי צו האַנדלען מיט די נעווע־האָס, מוז מען האָבן אַ סך געלט: זיי צאָלן, זייער אָפט, ניט מיט קיין געלט, נאָר זיי פאַרזעצן זייערע טעפּיכער און צירונג, וועלכעס מען מוז אויס־האַלטן ביז עס קומען אָן בעסערע צייטן...

— קריגט איר זיך אָפּט מיט אייערע שכנים?

— זייער זעלטן. מיר, האָפּיס, זיינען אַ פרידלעך פאָלק. „האָפּיטאָה־שינומאָ" הייסן מיר, וואָס עס מיינט: „דאָס פאָלק פון שלום".

דער אָוונט האָט גענומען לאַנגזאַם צופאַלן. די זון, אַ בלוטיק־רויטע, האָט זיך לאַנגזאַם גענומען זעצן, ווי אין אַ גאָלדענעם טייך מיט ליכטיק־ברוינע ברעגן. וואָלקנס, גרויסע און קליינע, מיט זילבער־גרויע, פיאָלעט און ראָזעווע זוימען האָבן זיך לאַנגזאַם און ווי פאַרזיכטיק געררוקט איבערן טיף־בלויען הימל.

— אָט איז שוין אונדזער דאָרף! — האָט נאַ־קווי־קאַ, שמייכלענדיק, מיר אָנגעוויזן אויף אַ ניט הויכן, פלאַכן באַרג, וואו עס זיינען געלעגן צע־וואָרפן פיר־עקיקע הייזקעס.

ער האָט שנעלער אַ טרייב געטאָן דעם לאַסט־וואָגן און עפּעס אַ גוט־מוטיקן געשריי געטאָן צו עטלעכע הינט, וועלכע זיינען באַפאַלן דעם וואָגן. איך האָב מיט דער האַנט באַגריסט אַ צאָל פרויען, וועלכע זיינען געשטאַנען נעבן די הייזקעס און זיי האָבן מיר געענטפערט מיט שמייכלען און מיט אַ פריינטלעכער באַוועגונג פון זייערע הענט.

מיר זיינען אַרויף אויפן באַרג און אַריינגעפאָרן אין דאָרף גופא. אין דעמערונג שיין האָב איך קלאָר געזען ווי לעבן די אָפענע טירן פון זייערע היימען זיינען אויף דער ערד און אויף קעסטלעך געזעסן האָפּי־פאַמיליעס און געגעסן זייער אָוונט־ברויט.

נאַ־קווי־מאַ האָט, פאַרבייפאָרנדיק, צוגעוואָרפן עטלעכע ווערטער צו אייניקע פון זיי, אָנווייזנדיק אויף מיר. יענע האָבן געענטפערט מיט אַ שמייכל און מיט אַ פריינטלעכן בויג מיט זייערע קעפּ.

— דאָס זאָג איך זיי אָן, אַז איך האָב געבראַכט מיט זיך אונדזערן אַ פריינט, — האָט ער מיר צו פֿאַרשטיין געגעבן זיינע באַמערקונגען צו די שכנים.

ער האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין נעבן אַ נידעריק הייזל, וועלכעס איז אַרויסגעקומען אויף אַ ברייטן, פרייען פּלאַץ, אַרומגערינגלט מיט אַ רייע אַנ־דערע ענלעכע היזקעס. איבער דער טיר פון זיין הייזקע האָב איך איבער־געלייענט, זעט אויס, אַ היימיש געמאַכטע ענגלישע שילד: „נאָ־קוי־מאָס טרעידינג־פּאָסט, דאָרף מאָענקאָפּי".

כ'האָב אַוועקגעלייגט אַ טייל פון מיינע זאַכן ביי אים אין קרעמל און, עטוואָס שפּעטער, אים אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר, ברודער, וואו אַשטייגער וועל איך היינט קאָנען איבער־שלאָפן?

— וואָס מיינסטו וואו? — האָט ער זיך ווי גע'חידוש'ט, — קענסט שלאָפן וואו נאָר דו ווילסט אַליין, — און ער האָט מיט דער האַנט, ברייטהאַרציק, מיר אָנגעוויזן, צוערשט אויף דער ליימענער פּריזבע, נעבן דער טיר פון זיין קרעמל, דערנאָך אויפן דאַך פון זיין הויז, און צום לעצט — אויפן גאַנצן אַרום.

פאַר מיר איז שוין איצט קלאָר געוואָרן, אַז איך האָב אים פריער שלעכט פאַרשטאַנען, און אַז מיט זיין ענטפער, אַז איך קען שלאָפן וואו נאָר עס גע־פעלט מיר, האָט ער קיין בייזעס ניט געמיינט.

יענע נאַכט איז פאַר מיר געווען זייער אַ שווערע: די פּריזבע, נעבן דער קראָם, אויף וועלכער כ'האָב צוערשט איינגעאָרדנט מיין געלעגער, האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אי צו שמאָל, אי צו האַרט. האָב איך אינמיטן נאַכט געמוזט איבערטראָגן מיינע צוויי קאָלדרעס מיטן צוקאָפּנס בינטל אויף אַ באַגראָזטן שטיקל אָרט, ניט וויט. און ווען כ'האָב שוין ענדלעך געקומען איינשלאָפן, האָב איך צוערשט דערשפּירט און טאַקע באַלד אויך דערזען אַרום זיך עטלעכע הינט, די גרויס ווי די וועלף, וועלכע האָבן מיך געהאַלטן אין איין אַרומשמעקן.

האָב איך, צוערשט, געשוויגן, זיך געמאַכט ניט זעענדיק און ניט הערנ־דיק, מיט דער האָפענונג, אַז זיי וועלן זיך באַקענען מיט מיין ריח און אַוועק צום טייוול. אָביסל שפּעטער, זעענדיק, אַז זיי טרעטן פאַרט פון מיר ניט אָפּ, האָב איך מיט אַ געמאַכטן רואיקן טאָן, עטלעכע מאָל איבערגע'חזר'ט: „גערארי!... געט עוועי!"...

זיי האָבן אָבער, ווי ס'ווייזט אויס, ניט פאַרשטאַנען מיין ענגליש און פאָרגעזעצט דאָס אַרומשמעקן מיך, צוזאַמען מיט אַ שטילן, אָבער ווייט ניט קיין פריינטלעכן ברומען.

איך האָב אויך אַ טראַכט געטאָן וועגן אויפזעצן זיך און אַ רוף טאָן

אימיצן צו הילף, אָבער, דעם אמת געזאָגט, פשוט מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן פון אָרט: ווער ווייסט זיי, די האָפּישע הינט? ביי זיי קען עס מיינען, אַז דאָס איז פונקט די צייט זיך איינצובייסן אין זייער קרבן מיט די ציין?...

בין איך געלעגן און געשוויגן, ביז כ'האָב באַמערקט, אַז איינער פון די הינט, אַ ווייסער און אַ גרויסער, האָט נאָכן גוט באַשמעקן מיינע פיס, זיך אויסגעדרייט צו מיר מיטן הינטן, אויפגעהויבן איינע פון זיינע הינטערשטע פיס און זיך פאַרמאָסטן מיר עפּעס אָפּצוטאָן. דאַן האָב איך שוין פאַרגעסן אין מיין שרעק, כ'האָב שנעל אַ הויב געטאָן מיין לינקן פוס און מיט אַלע מיינע כוחות אַ זעץ געטאָן דעם כלב אין זיין הינטער חלק.

און אַזוי ווי ער איז, אין יענעם מאָמענט, געשטאַנען בלויז אויף דריי פיס, האָט ער פון מיין אומדערוואַרטעטן קלאַפּ פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט און איז מיט אַ דערשראָקענעם געוואַי אָפּגעפלויגן אויף אַ פּאָר טריט, זיך איבערגעקוליעט און גענומען אַנטלויפן. די איבעריקע הינט זיינען אים גלייך נאָכגעלאָפן.

אַ בייזער, ווי צען רוחות, האָב איך דאַן אַ כאַפּ געטאָן מיינע צווי קאָלדרעס מיטן צוקאָפּנס־פּעקל, בין, מיט דער הילף פון אַ לייטער, אַרויף אויפן באָעגנטסטן דאַך, וואו עס זיינען שוין געשלאָפן אַ צאָל אינדיאַנער, איינ־געוויקלטע אין זייערע קאָלדרעס, און זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן צווישן זיי.

אינדערפרי האָט נאַ־קווי־מאַ שטאַרק געלאַכט, ווען כ'האָב אים דער־ציילט וועגן די באַנאַכטיקע פּאַסירונגען און, אויף מיין בקשה צו געפינען פאַר מיר אַ צימער אָדער עפּעס אַ ביידל וואו איינצושטיין, האָט ער מיר דער־קלערט, אַז דער איינציקער ליידיקער צימער אין גאַנצן דאָרף איז זיין פריי־ערדיקע, איצט, פוסטע קראָם, טאַקע די צווייטע טיר פון אים. און ווען איך האָב זיך שטאַרק דערפרייט, האָט ער מיר געראָטן ניט צו פרייען זיך צו פרי, ווייל דער פּלאַץ איז דאָרט אַ געפערלעכער. קיינער גייט די לעצטע צייט אפילו ניט אַריין אַהין.

און זיינער אַ שכן, וועלכער איז געקומען עפּעס קויפן, האָט באַשטעטיקט זיינע רייד, אַז אַריינצוגיין אין יענעם צימער קען מיינען — טויט־געפאַר.

און ווען כ'האָב גענומען בעטן מען זאָל מיר זאָגן די סיבה פון דער טויט־געפאַר, האָט מיר נאַ־קווי־מאַ דערקלערט, אַז אַ האַלבע סטעליע איז דאָרטן ניט לאַנג צוריק איינגעפאַלן און אַז די סלופּעס פון דער צווייטער העלפט האַלטן זיך קוים, און אַז די זיכערסטע זאַך פאַר מיר וועט זיין צו שלאָפן, מיט אים צוזאַמען, אויפן דאַך.

איך בין גלייך אַריין אין יענעם צימער, געפּרוּאווט, אויף וויפל ס'איז מעגלעך געווען, אויסצורעכענען אויף וואָס פאַר־אַ ערטער די צווי שווערע סלופּעס, וועלכע האָבן נאָך אונטערגעהאַלטן די העלפט פון דער סטעליע, וואָלטן אין פאַל פון אומגליק אַראָפּגעקראַכט און וואָס פאַר־אַ מיטלען מען וועט קענען אָננעמען, אַז זיי זאָלן בלייבן הענגען אויף זייערע איצטיקע

ערטער? כ'האָב אויך באַשטימט, אַז דער זיכערסטער פּלאַץ פֿאַר מיר צום שלאָפֿן וועט זיין נעבן קליינעם פֿענצטערל, דורך וועלכן ס'וועט, אין פֿאַל פֿון אַ נויט, מיר לייכטער זיין אַרויסצוקריכן אין גאַס.

פֿאַרטיק ווערנדיק מיט אַט די אַלע חשבונות, בין איך צוריק אַריין צו נאַ־קווי־מאַן און סיי אים, אַזוי אויך דעם שכן זיינעם, דערקלערט, אַז ס'איז שוין אַ באַשטימטע זאַך, אַז כ'האָב זיך שוין אפֿילו אַן עצה געהאַלטן מיט מיין גוטן גייסט, וועלכער היט מיך מיין גאַנצן לעבן אויס פֿון אַלע געפֿאַרן, אַז איך באַזעץ זיך אין צימער און אַז קיין בייז וועט מיט מיר דאַרטן ניט געשען.

ביידע האָבן איינגעשטימט, אַז די געפֿאַר וועט זיכער זיין אַביסל קלע־נער, אַזוי לאַנג ווי מיין גוטער גייסט וועט מיך אָפּהיטן, אָבער מיר דאַרף געראָטן צו זיין זייער פּראַקטיש, בפֿרט ביים עפֿענען און פֿאַרמאַכן די טיר...

און דער שכן מיינער האָט צוגעגעבן:

— ס'וואָלט געווען נאָך אַביסל זיכערער, ווען דו, זון, וואָלסט זיך גע־מאַכט אַ געוואוינהייט צו שלאָפֿן מיטן קאָפּ אינגאַנצן אַרויסגערוקט פֿון פֿענצטער...

כ'האָב זיי עס צוגעזאָגט און זיך טאַקע גלייך גענומען צו דער אַרבעט. כ'האָב אויסגערייניקט דעם צימער פֿון אַ היפּש ביסל שמוץ, פֿון צוויי קעסטלעך האָב איך צוזאַמענגעקלאַפּט אַ טישל, אַ דריט קעסטל האָט באַדאַרפֿט מיר דינען אַלס אַ בענקל. כ'האָב אויך באַשלאָסן, וואָס שנעלער אָפּצוזוכן צוויי לאַנגע שטעקנס אָדער ברעטער און מיט זיי אונטערשפּאַרן מיינע צוויי סטעליע סלופּעס.

...און אָט אַזוי האָב איך זיך איינגעאָרדנט און פֿאַרבראַכט אין דאָרף מאַגעגקאָפּי כמעט ווי אַ גאַנצן זומער...

מיט איניקע האָפּיס בין איך געוואָרן זייער גוטע פֿריינט, ביי אַנדערע איז מיר ניט געלונגען דורכצוברעכן דעם געפֿיל פֿון פֿרעמדקייט, אָבער אַלעמען איז זייער געפֿעלן מיין געוואַגט באַזעצן זיך אין נאַ־קווי־מאַס צימער, מיט דער געפֿערלעכער, הענגענדיקער סטעליע איבער מיין קאָפּ.

און אַ צאָל פֿריינטלעכע פּעדים, פֿאַרקניפּטע אין אָט־דעם דאָרף, האָבן מיך, מיט דער צייט, פֿאַרבונדן מיט אינדיאַנער אויך פֿון אַנדערע האָפּי דערפֿער און אַזוי אַרום מיר געהאָלפֿן צוקומען, זאָל זיין אפֿילו בלויז מיט איין פֿינטעלע, נאָענטער צו דער נשמה פֿון אַ פֿאָלק, וועלכעס איז קיין מאָל קיינעם ניט באַפֿאַלן, וועלכעס האָט זיך אָבער שטענדיק העלדיש פֿאַרטיי־דיקט קעגן זיינע אָנפֿאַלער: פֿון אַ פֿאָלק, וועלכעס האָט נאָך, ווער ווייסט מיט וויפֿל הונדערטער יאָרן צוריק, אין אַ וועלט פֿול מיט שנאה, מיט אכזריות און באַטרוג, שטאָלץ אָנגעצייכנט אויף זיין פֿאָן די צוויי ווערטער: „האָ־פּיטוה־שינומאָ" — דאָס פֿאָלק פֿון שלום.

אויפן וועג צו די ווייסע זאַמדן

פאַסירט האָט עס אין שטאָט ניו־מעקסיקאָ, אין דער צייט פון מיין צוויי־יאָריקן וואַנדערן איבער אונדזער וואונדער שיינעם לאַנד אַמעריקע. ס׳איז מיר אין יעבער צייט ניט איין מאָל אויסגעקומען, אין פאַרשיידענע פלעצער, צו הערן באַגייסטערטע אָפרופן וועגן אַ נאַציאָנאַלן מאָנומענט אין ניו־מעקסיקאָ מיטן נאָמען „די ווייסע זאַמדן". איך האָב שוין צו יענער צייט געהאַט געזען די גרעסטע צאָל נאַטור וואונדער אין לאַנד און זיך בשום־אופן ניט געקענט פאָרשטעלן וואָס אַזוינס האָט אפילו די אַלמעכטיקע נאַטור געקאָנט באַשאַפן פון בלויז ווייסן זאַמד?

און טאַקע דערפאַר האָב איך פעסט באַשלאָסן, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, זיך אַריינצוכאַפן קיין ניו־מעקסיקאָ און אַ קוק טאָן, וואָס די „ווייסע זאַמדן" שטעלן מיט זיך פאָר.

און די צייט איז געקומען, ווען אַ מיטליאָריק פאָר פאָלק האָט מיך איין מאָל, אין אַ יולי פרימאָרגן, נעבן אַריזאָנער שטעטל ספּרינגערוויל, אַריינגענומען צו זיך אין זייער נייעם, שוואַרץ־פינקלענדיקן אויטאָמאָביל. כ׳האָב זיך זייער דערפרייט, דערוויסנדיק זיך, אַז זיי פאָרן צו גאַסט צו זייערער אַ טאַנטע קיין סאַן־אַנטאָניאָ, אין ניו־מעקסיקאָ.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דער מאַפּע און אויף שנעל אויסגערעכנט, אַז פון סאַן־אַנטאָניאָ ביז די געווינטשטע „ווייסע זאַמדן" דאַרף זיך געפינען אַ שטרעקע, זיכער ניט מער ווי אַרום אַ הונדערט און פופציק מייל, אָדער אפשר נאָך ווייניקער, און פעסט באַשלאָסן זיך ניט צו רירן פון שטאָט ניו־מעקסיקאָ ביז כ׳וועל גוט ניט באַטראַכטן זיין „ווייס־זאַמדיקן" נאַטור־וואונדער.

פאַרשטענדלעך, אַז כ׳האָב דעם גאַנצן טאָג געהאַלטן דאָס מויל געשפאַנט מיט מיינע מעשיות און ווען מיר האָבן שוין פאַרנאַכט צו, זיך צעשיידט, האָבן זיי זייער באַדויערט וואָס זיי קענען ניט פאָרן ווייטער און ניט הערן מער מיינע שפאַנענדיקע מעשיות.

איך בין איבערגעשלאָפן די נאַכט אין אַ מעבלירטן צימער און זיבן אַזייגער אינדערפרי בין איך שוין געשטאַנען אויפן הויפט־וועג, נעבן אַ גאַזאָלין־סטאַנציע, און זיך נאָכגעפרעגט ביים אייגנטימער, אַן אַלטן, הויכן מאַן, ווי אַזוי לייכטער זיך צו דערקלייבן צו די „ווייסע זאַמדן".

דער אַלטער, זעט אויס אַ סימפּאַטישער מענטש, מיט גרויע אויגן, אונטער געדיכטע, זייער שוואַרצע ברעמען און אַ מילדן שמייכל, האָט מיך אויפמערקזאַם באַטראַכט, ניט איילנדיק זיך, פאַררויכערט זיין ליולקע, מיך ווידער אָפגעמאָסטן מיטן בליק און אַ פרעג געטאָן:

— זאג מיר נאר, ווי לאנג שפאנסטו עס ארום איבערן לאנד?

זיין וועג פון פרעגן איז געווען אזא צוטרוילעכער, אזא געמיטלעכער, אז עס האט זיך געוואלט אים ענטפערן, פונקט ווי אן אלטן באקאנטן:

— שוין אריבער א יאר, — האב איך אים געענטפערט.

ער האט זיך שטארק דערפרייט:

— גוט אזוי!... אז מען איז יונג און שטארק טאר מען זיך ניט באַגראבן אויף קיין שום ארט... ארומגיין דארף מען... גאטס וועלט באַטראכטן... — ער האט זיך פארטראכט אויף א רגע און א זיפץ געטאן:
— איך בין אויך אמאל אזוי ארומגעאנגען... כמעט דאס גאנצע לאנד באטראכט... — ער האט ארויסגענומען פון זיין קעשענע א מאפע און זארגפעלטיק, מיטן פינגער, מיך גענומען פירן איבער די שורות: — גיב א גוטן קוק, בחור, אט דער וועג, וואו מיר שטייען איצט, וועט דיך ברענגען צוערשט צום שטעטל בינגהאם — ניין און צוואנציק מייל... פון דארטן ביז קאריזאזא איז פינף און דרייסיק מייל... דערנאך... אט גיב נאר א גוטן קוק אויף דער מאפע.. דערנאך פארנעמסטו זיך צו דרום צו. גייסט פארביי דריי שטעטלעך: אסקורא, טרי ריווערס און טולאראסא... און פון דארטן וועט דיר בלייבן צוועלף מייל ביז דער גרויסער שטאט אלאמאגארדא און פון דארטן ביז די „ווייסע זאמדן" איז בלויז איין שפרונג: ניט מער ווי דרייצן אדער פערצן מייל...

— זאג מיר, — האב איך א פרעג געטאן, — אין וואס באשטייט, אייגנטלעך, דער גרויסער וואונדער פון די זאמדן? זאמד איז דאך אומעטום זאמד?

ער האט זיך צעלאכט:

— דו רעדסט ווי א קינד. אומעטום זאגסטו איז זאמד — זאמד? דאס איז ריכטיק, אבער אונדזער זאמד איז קיין זאמד ניט, ס'איז ריינער גיפס, ווייס ווי שניי, ווייך ווי זייד און דער ווינט באוועגט אים ווי לעבעדיקע ים כוואליעס... האסט נאך אזעלכעס אין דיין לעבן זיכער ניט געזען...

מער האב איך אים שוין קיין זאך ניט געפרעגט. כ'האב אים באדאנקט און שוין פארטיק געווען ארעקצוגיין, אבער ער האט מיך אפגעשטעלט:

— דו זעסט אויס צו זיין א פיינער בחור. ווי אזוי איז דיין נאמען? ווער ווייסט? אפשר וועלן מיר זיך נאך טרעפן אמאל אויף דער אדער יענער וועלט.

— מעגלעך! — האב איך זיך צעלאכט, — דיקסי איז מיין נאמען.

— דיקסי? — האט ער איבערגע'חזר'ט, — אזא נאמען איז לייכט צו געדענקען. און מיין נאמען איז טאמסאן, דזשעק טאמסאן. דארטן, ביי די זאמדן, ארבעט מיינער א גוטער פריינט, א לאנדסמאן. מעק'קערי איז זיין נאמען. גיב אים איבער א גרוס פון מיר. זאג אים, אז איך לעב נאך, האלט

זיך נאָך אַלץ אין איין ווייקן אין גאַזאָלין. זאָג אים, אַז איך האָב געהייסן ער זאָל דיך אַרומפירן אין זיין מאַשינדל און דיך באַקענען מיטן גאַנצן פלאַץ.

— אַ דאַנק, — האָב איך געענטפערט, זיך שוין לאָזנדיק אין וועג, — כ׳וועל אים אויף זיכער אָפזוכן און איבערגעבן דיין גרוס. בלייב געזונט!

— אַ גליקלעכן וועג, דיקסי! — האָט ער מיר נאָכגעשריגן — און פאַרגעס ניט אַריינצוגיין אין אונדזער קרעמל און איינקויפן אַביסל שפייז. דאָרטן קאָסט אַלץ זייער טייער.

— אַ דאַנק! כ׳וועל עס טאַקע גלייך טאָן!

און כ׳האָב אים געפאָלגט: כ׳בין אַריין אין ערשטן קרעמל, איינגעקויפט אַ ברויטל, אַ האַלב פונט קעז, אַ שטיק וואורשט און עטלעכע עפל.

אַרויפקומענדיק ווידער אויפן וועג, האָב איך נאָך אַמאָל באַטראַכט די מאַפע, ווידער איבערגערעכנט די צאָל מיילן פון איין שטעטל צום צווייטן, זיי צוזאַמענגעלייגט און אַ טראַכט געטאָן, אַז אפשר וואָלט גלייכער געווען, אויפן אָרט פון זיך צו שלעפן איבערן וועג אַרום און אַרום, פון שטעטל צו שטעטל, וואָלט איך דערפאַר געמאַכט אַ גלייכן שניט דורך דער וויסטעניש, אָט גלייך פון סאַן־אַנטאָניע ביז אַלאַמאַגאָרדאָ?... שוין ניט איין מאָל באַווויזן אַזעלכע קונצן...

כ׳האָב זיך ווידער גענומען איינקוקן אין דער מאַפע, מעסטן און וועגן די מיילן און גאַנץ וויניק וואָס געצאָלט אויפמערקזאַמקייט צו קוים באַמערקבאַרע, קיילעכדיקע, רויט־ברוינלעכע פינטעלעך און רעדעלעך, וועלכע האָבן זיך, אין עטלעכע ערטער, צעשפרייט אין לאַנגע שורות איבערן ווייסן פאַפיר פון דער מאַפע, פונקט איבערן און אַרום, פון מיר אַליין, געשאַפענעם קורצן מדבר וועג.

און ענדלעך, אָנגעמענדיק דעם באַשלוס צו קירצן מיין נסיעה, בין איך אַראָפ פונעם גלאַטן, מיט אַספאַלט געגאָסענעם וועג, וועלכער האָט געטראָגן דעם נומער „380“. כ׳האָב דערביי אויך פאַרצויגן מיין באַליבט וועג־לידל וועגן די „דריי ציגיינעריינס“ און מונטער גענומען שפאַנען איבער זאַמד, שטיינער, גריבער און פאַרשיידענע מדבר פלאַנצן.

דער זייגער האָט געוויזן פונקט ניין. דער טאָג האָט צוגעזאָגט צו זיין זייער אַ הייסער, דער הימל איז געווען אַ ריין בלויער און די זון עפעס אַ וויס־געלע. די לופט אַזאַ שווערע, אַ באַוועגלאָזע און אַלץ אַרום איז געווען ווי פאַרטייעט. זעלטן ווען אפילו אַ פייגעלע האָט זיך דורכגעטראָגן דורך דער לופט.

גיין איז, וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ שווערער. די היץ האָט, ווי מיט קליינע העמערלעך גענומען קלאַפן פון ביידע זייטן קאָפ. ס׳האָט זיך זייער שטאַרק געוואָלט אָפפרישן דאָס פנים מיט אַביסל וואַסער, אָבער דאָס ביסל

וואַסער איז דאָ צו טייער געווען, עס צו נוצן פֿאַר אַזעלכע זאַכן.

צוועלף אַזייגער האָב איך זיך פֿאַררוקט אונטער אַ גרופּע קוסטן, זיך געצוואונגען אויפֿצועסן אַ שטיקל קעז מיט ברויט, פֿאַרביסן מיט אַן עפּל, פֿאַרטרינקען מיט אַביסל וואַסער און כּדי ניט איינצושלאָפֿן ווי אַלץ אַרום מיר, האָב איך זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין.

דעם אמת געזאָגט, האָט מיר שוין גענומען אַביסל באַנג טאָן, וואָס כ'בין אַראָפּ פֿונעם הויפּט־וועג און זיך אונטערגענומען איינצושפּאָרן אַ פּאָר צענדליק מײַלן... ווער ווייסט? אפֿשר וואָלט איך, פֿאַר דער צייט פֿון מײַן שפּאַנען דאָ, שוין געווען געקראָגן אימיצנס אַן אויטאָמאָביל און וואָלט שוין געווען איצט גאַנץ היפּשלעך ווייט?... — האָט אַ געדאַנק זיך ווי גענומען רייצן מיט מיר. איך האָב אים אָבער געטריבן פֿון זיך און איינגעשפּאַרט געשפּאַנט אַלץ ווייטער.

גייענדיק האָב איך אויף שטיינער און זאַמדן באַמערקט אַ היפּשע צאָל גרויסע און קליינע פֿאַרשיידענע מינים יאַטשערקעס, וועלכע זײַנען געלעגן באַוועגלאָז און זיך געבראָטן אויף דער זון. אייניקע האָבן, ווי פֿויל, פּרובירט אַנטלויפֿן, אַנדערע האָבן זיך אפֿילו פֿון אָרט ניט גערירט. גרויסע, עקלהאַפֿטע שוואַרצע שפּינען האָבן איך, שאָטן פֿון אונטער שטיינער, גערדולדיק געוואַרט אויף זייערע קרבנות.

איך בין אַנטשלאָסן געגאַנגען פֿאָראויס, ווי ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אויף אַ גלייכער ליניע פֿון סאַן־אַנטאָניע קיין אַלאַמאַגאָרדאָ, און גיין איז וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ שווערער און די צאָל בערגלעך אויף מײַן וועג האָבן זיך, ווי גענומען מערן און זיך אַלץ ענגער פֿאַרבינדן איינער מיטן צווייטן.

עס האָט באַדאַרפֿט זײַן אַרום דריי אַזייגער, ווען אַריבערשפּרינגענדיק פֿון איין בערגל אויפֿן צווייטן, האָט דער שטיין, אויף וועלכן כ'בין אַרויפֿגעשפּרונגען, זיך אַ גליטש געטאָן אונטער מײַן פֿוס און מיר האָבן זיך ביידע אַראָפּגעקייקלט אַרום אַ דריי, פֿיר יאַרד אין טאָל אַרײַן. דער פֿיזישער שאָדן איז ניט געווען קיין צו גרויסער: דער שטיין האָט זיך צעבראָכן אויף צווייען, איך האָב זיך גאַנץ היפּשלעך צעקראַצט דעם שטערן. די הויפּט־צרה איז אָבער באַשטאַנדען אין דעם, וואָס פֿאַלנדיק איז דאָס, ווייזט אויס, שוואַך פֿאַרדרייטע פּיסקל פֿון מײַן וואַסער־פֿלעשל אָפּגעשפּרונגען און ביז כ'האָב זיך צוריק אויפֿגעשטעלט אויף די פֿיס, איז דאָס לעצטע ביסל וואַסער אינגאַנצן אַרויסגערונען.

דאָס איז געווען פֿיל ערגער פֿונעם פֿאַלן גופֿא. האָב איך אַ טיפֿן זיפֿץ געטאָן, אָפּגעטרייסלט פֿון זיך דאָס זאַמד, אַ לעק געטאָן, מיט דער פֿאַרטרוקנטער צונג, די ליפּן און זיך ווידער אַ לאָז געטאָן אין וועג אַרײַן.

אַרום פֿינף אַזייגער האָב איך געפֿונען אַ גאַנץ היפּשע זאַמדיקע לאָנקע,

פון איין זייט אַ געדיכט פּאַרוואַקסענע, מיט ברוין־גרינע קוסטן, פון צווישן וועלכע עס האָבן אַזוי סאָלידנע און זיכער אַרויסגעקוקט צוויי „פּעסל־קאַקטוסן״, געדיכט באַדעקטע מיט שאַרפע נאָדלען און עטלעכע „מעסקיט״ ביימלעך. פון דער צווייטער זייט לאַנקע האָט זיך געהויבן אַ היפּשער באַרג מיט, ווי אומישנע, אָנגעוואָרפענע שטיינער, פאַרצויגענע צווישן זיך מיט מדבר גראָזן.

אין דער טיפענישׁ פון דער לאַנקע האָט זיך געפונען גאָר אַ הויכער שטיין און אונטער אים, אין זיין שאָטן — אַ צווייטער, אַ גלאַטער, אַ פּיל נידעריקער, זייער אַ באַקוועמער זיך אָוועקצוזעצן און אָפּרוען אַביסל.

האָב איך טאַקע גלייך אַראָפּגעוואָרפן דעם פּאַק פון דעם אַקסל, אויס־געטאָן דאָס פון שווייס־דורכגעווייקטע העמדל, עס אויסגעשפּרייט אויף איינעם פון די קוסטן, אומזיסט פּרובירט צו געפינען כאָטש נאָך איין טראָפּן וואַסער אין ליידיקן פלעשל, דערנאָך זיך אַוועקגעזעצט אויפן שטיין און כ׳בין, ווייזט אויס, איינגעשלאָפן.

כ׳ווייס ניט ווי לאַנג מיין דרימל האָט געדויערט, אָבער מיטאַמאָל האָב איך דערפילט און אויך דערהערט, ווי עפּעס וואָלט זיך גענומען רייבן אין מיין לינקן שטיוול. כ׳האָב אויפגעציטערט, אָבער זיך פון אָרט ניט גערירט, אפילו ניט אַוועקגענומען מיינע ביידע הענט, וועלכע כ׳האָב די גאַנצע צייט געהאַלטן אויף די קני. לאַנגזאַם האָב איך געעפנט די אויגן, עטוואָס אַ דריי־געטאָן דעם קאָפּ אויף לינקס און, ניט קוקנדיק אויף דער היץ, איז מיר מיטאַמאָל אייז־קאַלט געוואָרן.

אַ גרויסע, היפּשלעך גראָבע קלאַפּער־שלאַנג, אַ שיין באַצירטע מיט ווייסע, ליכטיק און טונקל־ברוינע פיר־עקן, האָט זיך לאַנגזאַם, ווי פויל, באַוועגט צווישן מיינע ברייט־צעשפּרייטע פיס. אָטאָמאַטיש, האָב איך איבער־געציילט זעקס קלאַפּערס אויף איר עק און אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס מיינט — זעקס יאָר שלאַנגיש לעבן. זי האָט זיך, כ׳ווייס ניט צוליב וואָס, געהאַלטן אין איין רייבן מיט די קלאַפּערס אין מיין לינקן שטיוול, בעת זי אַליין איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט באַשמעקן דעם רעכטן.

„רואיק, דייקסעל!״... — האָב איך, אין געדאַנק, צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן, — געדענק. דו טאָרסט זיך אפילו קיין מינדסטן ריר ניט טאָן... דערמאָן זיך וועגן טיגער, וועלכער האָט דיך איין מאָל געפּאַקט אָן דיין ביקס, אַ האַלב נאַקעטן, אין אַ טייכל... דיין ניט רירן זיך האָט דיך דאַן גערא־טעוועט... טאָ ריר זיך אויך איצט ניט... נאָר רואיק... זי וועט זיכער באַלד אַוועקקריכן... נאָר רואיק...

כ׳האָב מיט אַלע מיינע כוחות צוגעפּרעסט ביידע הענט צו די קני, געפילט דעם ציטער פון די פינגער און דעם וואַנזיניק שטאַרקן וואונטש אַ ריס צו

טאָן די הענט אויף צוריק, וואָס ווייטער פון דעם בייזן, דריי־עקיקן שלאַנגען־קאָפּ, מיט די שוואַרצע, ממש בריענדיקע, אייגעלעך.

פאַרענדיקנדיק דאָס באַשמעקן פון מיין רעכטן שטיוול, האָט די שלאַנג זיך לאַנגזאַם גענומען הויבן, איבער דער כאָליעווע, אַלץ נאָענטער צו דער קני, נאָענטער צו דער ליגנדיקער פאַר׳חלש׳טער האַנט. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן און מיר האָט זיך גענומען דאַכטן, אַז ניט דאָס האַרץ קלאַפּט אַזוי שטאַרק אין מיין ברוסט, נאָר די מעכטיקע קלעפּ קומען אָן פון דרויסן און זעצן מיר אין ברוסט־קאַסטן.

ווען כ׳האָב ווידער, דעם מאָל, האַלב געעפנט די אויגן, איז שוין דער שלאַנגען־קאָפּ געווען האַרט נעבן מיין האַנט, דאָס מויל אירע איז געווען אָפן און דאָס צעצווייגטע צינגל האָט אַ פּאָר מאָל אַ לעק געטאָן דעם נאָגל פון מיין גראָבן פינגער. איך האָב, דאַכט זיך, גאַנץ קלאָר געהערט ווי אימיצער אין מיר האָט אַ פאַרצווייפלטן געשריי געטאָן, אָבער איך האָב געשוויגן, געשוויגן און מיט קיין אײנציקן אבר זיך קיין ריר ניט געטאָן.

ווי עס ווייזט אויס, איז דער טעם פון מיין נאָגל ניט זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן דער שלאַנג, ווייל זי האָט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ, מיר גלייך אַ קוק געטאָן אין פּנים, אָבער אין דער רגע זיינען מיט אַ פריילעכן צוויטשערן אָנגעפלויגן צוויי „פּיק־פייגל״, איינע פון זיי איז ווי אַראָפּגעפאַלן אין דער מיט פון דער לאָנקע, גענומען עפּעס זוכן מיטן שנאָבעלע אין זאַמד, און די צווייטע האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף איינעם פון די „פּעסל־קאַקטוסן״ און אויך ווי גענומען עפּעס זוכן צווישן די שאַרפע נאָדלען.

די שלאַנג האָט אויסגעדרייט צו זיי דעם קאָפּ, איז זייער וויך, ווי אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און זיך לאַנגזאַם גענומען גליטשן אין ריכטונג פונעם פויגל, וועלכער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער לאָנקע. ביידע פייגל האָבן זי אָבער גלייך באַמערקט, זיך איינצייטיק, ווי מיט אַ וואָרנונג, צעשריגן, זיך אַ הויב געטאָן אין דער לופט און פאַרשוואונדן.

די שלאַנג איז אַן אויסגעצויגענע, אַן ענלעכע צו אַ פאַרביקער בייטש, באַוועגלאָז, געבליבן ליגן אויפן ברוין־געלן זאַמד פון דער לאָנקע און איך האָב געפילט, ווי דאָס אייז אין מיר נעמט לאַנגזאַם זיך צעגיין, ווי מיינע הענט הויבן אָן, ווי אַליין, זייער. זייער לאַנגזאַם זיך אָפּצורוקן פון די קני.

מיטאַמאָל האָט די שלאַנג אויפגעציטערט מיטן גאַנצן קערפּער און דער קאָפּ אירער האָט זיך אַ פלינקן דריי־געטאָן אויף רעכטס, אין דער זייט פון דער רייע געדיכטע קוסטן. עפּעס איז, ווייזט אויס, איר דאָרטן ניט געפעלן געוואָרן, ווייל זי האָט זיך גלייך עטוואָס אָפּגערוקט אויף צוריק, זיך אַ הויב געטאָן אויף אירע רינגען און דער טרוקענער רויש פון אירע קלאַפּערס האָט ווי אָנגעפילט די אַרומיקע לופט.

„וואָס איז געשען ?" — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אָבער אין דער זעלבער צייט, זיך זייער, זייער פֿאָרזיכטיק אויפֿגעשטעלט, זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט און פֿאַרנומען אַ שטיקל אָרט פֿון דער צווייטער זייט שטיין, אויף וועלכן כ'בין נאָר וואָס געזעסן. איך האָב אויפֿמערקזאַם גענומען היטן סיי די שלאַנג, אַזוי אויך דעם גרין־ברוינעם קוסט, פֿון וועלכן זי האָט אירע שוואַרץ־ברענענדיקע אויגן ניט אַראָפּגענומען. איך האָב, לחלוטין, ניט פֿאַרשטאַנען וואָס עס קומט דאָ פֿאָר, וואָס עס רעגט אַזוי שטאַרק אויף מיין, נאָרוואָס געוועזענע גיפֿטיקע שכנה.

מיטאַמאָל האָב איך באַמערקט, ווי פֿון אונטער אַ געדיכט קופּקעלע בלעטער, האָט זיך אויפֿן זאַמד, לאַנגזאַם גענומען אַרויסרוקן אַ קיילעכדיק, זעט אויס, אויך שלאַנגען־קעפּל, ניט גרעבער פֿונעם דיקן פֿינגער פֿון מיין האַנט. און די באַוועגונגען פֿון אָט־דעם פֿאַרהעלטעניסמעסיק דינעם שלענגל זיינען אויך געווען זייער מאָדנע: עס האָט, איינציייטיק, אי זיך ווי אָפּגערוקט פֿון דער קלאַפּער־שלאַנג, אי זיך צוגערוקט עטוואָס נאָענטער צו איר. אָט־די קליינע, אַזוי אומשולדיק אויסזעענדיקע שלאַנג, האָט ווי געוואָלט פֿאַרזיכערן די גרויסע געפֿערלעכע שכנה, אַז זי מיינט קיין שלעכטס ניט, אַז זי גליטשט זיך איר אייגענעם וועג, און יענע בייזערט זיך אומזיסט: קיינער קלייבט זיך איר ניט צו טאָן קיין בייז.

אָבער די קלאַפּער־שלאַנג האָט ווי פֿאַרשטאַנען די שפּיל, זיך ניט געלאָזט נאַרן און דער רויש פֿון אירע קלאַפּערס איז וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ בייזער און דאָס הייבן זיך אויף אירע רינגען אַלץ דראָענדיקער.

און איך האָב שוין גענומען זיך אָנשטויסן וואָס דאָ קומט איצט פֿאָר, בפֿרט ווען כ'האָב דערצו נאָך באַמערקט אַ רויטלעך פּאַסיקל אויפֿן העלדזל פֿונעם דינעם שלענגל.

„דאָס מוז זיין אַ „קינג־שלענגל", — האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק, — אַ „קינג־שלאַנג", וועלכע לאָזט זעלטן ווען דורך די מעגלעכקייט זיך צו פֿאַרמעסטן מיט דער אַפֿילו געפֿערלעכסטער קלאַפּער־שלאַנג. כ'האָב זיך פֿון אָרט ניט גערירט און מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם געוואַרט, וואָס עס וועט ווייטער פּאַסירן.

און ווען די גאַנצע קינג־שלאַנג, זיכער ניט לענגער פֿון איין יאַרד, איז שוין געווען אויסערן קוסט, האָב איך באַמערקט, אַז זי האָט זיך גענומען ווי צוזאַמענציען, ווערן קירצער, און ווען די קלאַפּער־שלאַנג האָט עס, ווייזט אויס, אויך באַמערקט, האָט זי זיך שוין ניט געקאָנט קאָנטראָלירן מער: די קלאַנגען פֿון אירע קלאַפּערס זיינען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בייזן געוואוי און זי האָט זיך, מיט אַ ברייט־צעעפֿנטן מויל, אַ וואָרף געטאָן אויף איר געגנערין.

אָבער אויך די קינג־שלאַנג איז געווען פֿאַרטיק פֿאַרן אָנפֿאַל: זי האָט,

איינציייטיק מיט דער קלאַפּער־שלאַנג, זיך אַ הויב געטאָן אין דער לופטן, וואו זיי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן, ביידע זייענדיק זיי שווען אַראָפּגעפאַלן צו דער ערד און, קעמפנדיק, זיך איינגעוויקלט אין אַ געדיכטן וואָלקן שטויב.

מיט אַ שטאַרק קלאַפּנדיקן האַרץ, האָב איך געוואָרפן אַ שנעלן בליק אויפן האַנט־זייגער, און גענומען היטן דעם קאַמף. לויטן אַנוהאַקס און אָפּ־פאַל פון די קלאַפּער־קלאַנגען, האָב איך שוין געקענט, מער אָדער ווייניקער, טרעפן דעם אויסגאַנג פון דער שלאַכט. אַרום צען מינוטן האָט דער קאַמף גע־דויערט. ווען דער שטויב האָט זיך ענדלעך איינגאַנצן אַראָפּגעזעצט, האָב איך דערזען ביידע שלאַנגען ליגן אָן דער מינדסטער באַוועגונג: די קלאַפּער־שלאַנג — אויסגעצויגן אין איר פולער לענג און די קינג־שלאַנג — ענג אַרומ־געוויקלט אַרום איר האַלדז.

איך האָב זיך נאָך אַלץ פון אָרט ניט גערירט, ניט אַראָפּגענומען מיינע בליקן פון ביידע שלאַנגען. צוויי מאָל, האָב איך באַמערקט, האָט די זי־געריין לאַנגזאַם באַגעלאָזט אירע פעסט־איינגעצויגענע שלייפן און זיי גלייך ווידער פאַרשטייפט. זי האָט מיט דעם, ווי געוואָלט אויספּרובירן צי אין דער קלאַפּער־שלאַנג געפינט זיך נאָך אַ טראָפּן לעבן.

ענדלעך, זעט אויס, אַ זיכערע, אַז די געגנערין איז טויט, האָט די קינג־שלאַנג לאַנגזאַם זיך אָפּגעוויקלט אַרום יענעס האַלדז, זי זייער אויפמערקזאַם באַטראַכט, און גענומען לאַנגזאַם אַרומקריכן אַרום איר.

איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטן מער און אויסגעשריגן!

— בראַוואָ, קעניג שלאַנג! האָסט אָפּגעטאָן אַ פּראַכטפול שטיקל אַרבעט!

די שלאַנג האָט אַ דריי געטאָן איר קעפּל אין מיין זייט און איז גלייך פאַרשוואונדן אונטער איר קוסט.

איך בין אַרויס פון הינטער מיין שטיין, צוגעגאַנגען, אויפמערקזאַם באַ־טראַכט די טויטע שלאַנג, אָפּגעשניטן מיט מיין שאַרפן מעסער אירע קלאַ־פּערס, און מיט באַדויער אַ טראַכט געטאָן, אַז ביי אַנדערע אומשטאַנדן וואָלט איך אויך אָפּגעשניטן איר פעל און זי אויסגעטריקנט.

כ׳האָב מיט אַ צוויג אָפּגעשאַרט די שלאַנג אין אַ זייט, זיך אַוועקגעזעצט אויפן פריערדיקן שטיין און גענומען פּלאַנירן וואָס ווייטער צו טאָן. איין זאַך איז איצט פאַר מיר קלאָר געווען, אַז כ׳האָב געמאַכט אַ גרויסן טעות, וועלנ־דיק איינשפּאָרן די צאָל מיילן, אַז וואָס ווייטער ווערן די בערג אַלץ העכער און, אַז דאָס זיכערסטע פאַר מיר וועט זיין זיך, וואָס שנעלער צו דערשלאָגן צוריק קיין סאַן־אַנטאָניאָ, אָדער, אַלענפאַלס, צו איינעם פון די הויפּט־וועגן.

ס׳איז אויך קלאָר געווען, אַז אַרויסלאָזן זיך איצט צוריק איז צו שפּעט, אַז כ׳וועל מוזן דאָ געפינען אַ פּלאַץ און איבערנעכטיקן. אָננעמענדיק אָט־דעם באַשלוס, האָב איך געעפנט מיין וועג־בייטל, געפּרוווט עפּעס עסן, אָבער

די פאַרטריקנטע ליפּן און די, ווי געשוואָלענע צונג האָבן זיך איינפאַך אָפּגע־זאָגט דורכצולאָזן די שפּייז אין האַלדז אַריין. כ׳האָב זיך געמוזט באַנוגענען בלויז מיט איינעם פון די צוויי נאָך איבערגעבליבענע עפּל. זיין פייכטקייט האָט מיר געהאָלפן אַרונטערצושלינגען אַ העלפט פון אים.

זיצנדיק אַזוי אויפן שטיין, האָב איך באַמערקט צוויי היפּשע, גרינג־רויטלעכע טשערעפּאַכעס, וועלכע זיינען אַרויסגעקראָכן פון אונטערן באַרג מיט שטיינער, לינקס, און נאָך זיי זיינען אויף דער לאָנקע דערשינען דריי מדבר־ראַצן און עטלעכע טשיפּ־מאָנקס. אַלע האָבן זיי באַשמעקט די טויטע שלאַנג. די טשערעפּאַכעס זיינען באַלד אַוועק און די קליינינקע, בליץ־שנעלע טשיפּ־מאָנקס זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון די ראַצן, וועלכע האָבן גענומען רייסן שטיקער פון דער שלאַנגס עק, פון וואַנען כ׳האָב אָפּגעשניטן די קלאַ־פּערס. גרויסע, שוואַרצע מוראַשקעס און גאָלדיק־גרינע פליגן האָבן זיך אויך אָנגעיאָגט אָנטייל צו נעמען אין דער סעודה.

און ס׳איז געווען מערקווירדיק, ווי אָט די אַלע באַשעפענישן האָבן זיך באַמיט וואָס וויטער צו האַלטן פון דער שלאַנגס גיפטיקן קאָפּ.

די זון האָט זיך גענומען זעצן, אַ געדיכט אַרומגערינגלטע מיט ווייסע וואָלקנדלעך, באַפּוצטע מיט רויטע, ווי פלאַמענדיקע זוימען. איך בין אַרויפ־געקראָכן אויפן הויכן שטיין, אין וועמענס שאָטן כ׳בין ביז איצט געזעסן, און גענומען באַטראַכטן די אַרומיקע געגנט, בפרט דעם וועג, מיט וועלכן כ׳בין אַהער געקומען. מיין געניט, אין דעם היגזיכט, געבענטשט, כמעט ווי פאָטאָגראַפיש אויג, האָט שנעל אויפגעכאַפּט אַ היפּשע צאָל וועג־סימנים: ווי שטיינער, גרופּעס קוסטן, איינצלנע ביימלעך, פאַרביקע בערגלעך, און ווי צוגעזאָגט מיך, בשלום אַרויסצופירן מאָרגן פונעם פריייווייליק אַריינגע־קראָכענעם פלאָנטער.

אָט אַזוי, שטייענדיק אין דער הויך, האָב איך, ניט ווייט אין פעלד, אונ־טער זיך, באַמערקט אַ ווייסע, שנעל־לויפנדיקע מאַמע האָז, מיט צוויי העזע־לעך, נאָך וועלכע׳ עס האָט זיך נאָכגעיאָגט אַ לאַנגע, גראָבע, שוואַרץ־גרויע שלאַנג. די מאַמע האָז אַליין וואָלט זיכער לייכט געקאָנט אַנטרינען פון דער שלאַנג, אָבער די צוויי איבערגעשראָקענע העזעלעך, אויפן אָרט פון צו אַנטלויפן אין אַ גלייכער ליניע, האָבן זיך געוואָרפן אין פאַרשיידענע זייטן און די מוטער האָט זיי עטלעכע מאָל געמוזט פאַרלויפן און אויסגלייכן זייער וועג.

און ווען, ענדלעך, האָט זיך איינס פון די העזעלעך אַזוי שטאַרק צע־טומלט, אַז עס איז אויף אַ רגע אינגאַנצן שטיין געבליבן, האָט די שלאַנג עס אַ כאַפּ געטאָן און קנוילנדיק זיך אַרום דעם, האָט זי אויפגעהויבן אַזאַ געדיכטע וואָלקן־שטויב, אַז כ׳האָב מער קיין זאַך ניט געקאָנט זען. כ׳האָב אָבער קלאָר באַמערקט, ווי אַנטלויפנדיק מיטן לעבן־געבליבענעם העזעלע, האָט די צעווייטיקטע האָז־מוטער זיך צוויי מאָל אָפּגעשטעלט, אויסגעדרייט

דעם קאָפּ אויף צוריק, צום אָרט, וואו איר קינד איז אומגעקומען.

צוויי פּיק־האַלצער פייגל, מעגלעך די זעלבע, וועלכע האָבן דאָ פריער באַזוכט די לאַנקע, זיינען פאַרבייגעפלויגן און מיט אַ צוויטשעריי זיך גע־נומען דרייען איבער דער רייע קוסטן. איך האָב זיי נאָכגעפאָלגט מיטן בליק און באַמערקט, אַז זיי האָבן זיך ביידע אַוועקגעשטעלט אויף די צוויי „פעסל־קאַקטוסן" און גענומען פלייסיק פּיקן.

„וואָס זוכן זיי דאָרטן צווישן די שטעכערס ? — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, און מיטאַמאָל באַמערקט, אַז ביידע פייגל האָבן איצט, נאָך יעדן פּיק, אָפּגעוואָרפן די קעפּלעך אויף צוריק, מיט אַ באַוועגונג, פּונקט ווי זיי וואָלטן עפּעס געטרונקען.

ווי אַ בליץ האָט אַ געדאַנק אַ פינקל געטאָן : „עס זעט אויס, פּונקט ווי זיי וואָלטן עפּעס געטרונקען". איך בין שנעל אַראָפּ פון מיין שטיין, צוגע־לאָפן צום ערשטן פון די „קאַקטוס־פלאַנצן", מיט דריי באַוועגונגען פון מיין שאַרפן מעסער אויפגעשניטן דריי זייטן פון אַ פיר־עק אין פלאַנץ, אַריינגע־שטופּט אַהין מיין ציטערנדיקע האַנט און זי גלייך צוריק אַרויסגענומען אַ פולע מיט אַ וואַרעמער, וואַסערדיקער, געדיכטער מאַסע.

— האַ, ווי גוט... ווי גוט!... — האָב איך גערעדט צו זיך אַליין, עסנדיק און טרינקענדיק די געדיכטע פלייסיקייט און צעשמירנדיק זי איבערן גאַנצן פּנים, — האַ, ווי גוט... ווי גוט!...

איידער איך בין אַוועק פונעם וואונדערלעכן קאַקטוס, האָב איך זאָרג־פעלטיק צוריק אַריינגעשטעלט דאָס אויפגעשניטענע שטיק קאָרע אויפן פריי־ערדיקן אָרט און פאָרזיכטיק צוגעפלעטשט די שניטן. אַרויפקומענדיק, שוין אַ שמייכלענדיקער, צוריק אויפן שטיין, האָב איך נעבן מיין פאַרמאַכטן וועג־בייטל, שוין געפונען אַ האַלבן טוץ פיר־פיסיקע מדבר באַשעפענישן, וועלכע האָבן, ווייזט אויס, דערפילט דעם ריח פון מיין שטיקל וואורשט מיט קעז, און וועלכע האָבן זיך זייער שטאַרק באַמיט אויפצועפענען דעם בייטל. — —

— —

די נאַכט איז פאַריבער אָן אומרואיקע, זייער אַ שווערע און אַ שלאָפ־לאָזע. איבער מיר אַ שטילער, אַ רואיק־סאַמעטענער הימל, אָן אָנגעזאַפּטער מיט גרויסע, העלע שטערן, אָבער אַרום מיר אַן ענדלאָזער געלויף פון טויזנ־טער פאַרשיידענע מינים טריט און טריטעלעך, אַ גערויש, אַ געמורמל און געוואוי פון הונדערטער מינים הונגעריקע באַשעפענישן, פאַרנומענע אין געיעג איינער נאָכן צווייטן. קליינע און גרעסערע סאָרטן און אפשר אויך פאַרשיידענע אַנדערע נאַכט־פויגל, האָבן זיך געהאַלטן אין איין דרייען אי־בער מיר און, ווי עס ווייזט אויס, שטאַרק געוואָלט אויסגעפינען, וואָס פאַר־אַ נייער מין באַשעפעניש האָט זיך עס היינט איינגעאָרדנט אויפן שטענדיק ליידיקן הויכן שטיין.

איינגעשלאָפן בין איך ערשט אינדערפרי און ווען די זונען־שטראַלן, צוזאַמען מיט פייגל־געשרייען, האָבן מיך אויפגעוועקט, האָט שוין דער זייגער געוויזן צען. די זון האָט אַראָפּגעלאַכט צו מיר פון אַ ריין בלויען הימל און דער מדבר אַרום איז געווען אַזוי רואיק, איינזאַם און שטיל, אַז עס האָט זיך איינפאַך ניט געגלויבט אין ביינאַכטיקן רויש און לויפעריי.

איך בין, דאָס ערשטע, אַראָפּ צו מיין רעטונגס־קאַקטוס, פאָרזיכטיק אויפגעעפנט די נעכטיקע אויפגעשניטענע זייטן און מיט פרייד דערפילט, אַז דער שטאַם איז ווידער פול מיט אַ געדיכטער פליסיקייט, וועלכע איז איצט, נאָך דער נאַכט, געווען פיל קעלטער ווי נעכטן.

כ'האָב זיך נאָך אַמאָל, אויף וויפל מעגלעך, אָנגעטרונקען, אָפּגעוואַשן דאָס פנים, און ווידער מיט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט, פאָרזיכטיק פאַרקלעפּט די שניטן.

— אַ דאַנק דיר, טייערער קאַקטוס־פלאַנץ! — האָב איך געזאָגט, — דו האָסט מיך געראַטעוועט!

איך בין, צום לעצטן מאָל, אַרויף אויפן הויכן שטיין, באַטראַכט די געגנט, ווידער געפרואווט אויפצולעבן און פאַרקריצן אין זכרון אַלע וועג־צייכנס, וועלכע כ'בין נעכטן פאַרבייגעגאַנגען. דערנאָך בין איך אַראָפּ אויף דער לאָנקע, געוואָרפן אַ בליק אויפן שטיין, וואו כ'האָב זיך נעכטן מיט דער קלאַפּער־שלאַנג צוזאַמענגעטראָפן און דערביי אויך באַמערקט, אַז פון איר אַליין איז בלויז געבליבן איר ביינער, גיפטיקער דריי־עקיקער קאָפּ.

און איך האָב זיך גאַנץ מונטער געלאָזט גיין אויפן וועג, צוריק צום אָרט, פון וואַנען איך בין ערשט נעכטן געקומען; צוריק צום שטעטל סאַן־אַנטאָניאָ. — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די זון האָט זיך שוין געהאַלטן אין זעצן, ווען דער אַלטער דזשעק טאָמסאָן האָט, שטייענדיק נעבן זיין גאַזאָלין־סטאַנציע, דערזען מיך אָנקומען פון דער מדבר־זייט. איך האָב קוים געשלעפּט די פיס און מיט אַלע כוחות זיך באַמיט אַרויסצוקוועטשן אַ שמייכל אויף מיין פאַרשוואַרצטן און פאַרשמאַכטן פנים.

ער האָט מיך פאַרוואונדערט אָנגעקוקט:

— וואָס איז געשען מיט דיר, דיקסי?!... פון וואַנען קומסטו עס איצט אָן?... שוין אַזוי שנעל באַטראַכט די „ווייסן זאַמדן“?

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט, אויסגעטרונקען אַ פאָר גלעזער קאַלטע וואַסער, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און אין קורצן אים איבערגעגעבן, וואָס מיט מיר האָט פאַסירט.

ער האָט, שמייכלענדיק, מיך אויסגעהערט און, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, מיך געענטפערט:

— איצט פאַרשטיי איך שוין פאַרוואָס דו ביסט מיר, נעכטן אינדערפרי, אַזוי שטאַרק געפעלן: ווייל כ׳האָב אַפּנים גלייך דערפילט, אַז דו ביסט פונקט אַזאַ גאָט־פאַרדאַמטער נאַר, ווי איך אַליין בין אַמאָל געווען...

— וואָס מיינסטו? — האָב איך אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— ווייל, זייענדיק אין דיינע יאָרן, האָב איך ניט איין מאָל אָפּגעטאָן פונקט אַזעלכע אידיאָטישע זאַכן... — ער האָט זיך אַזש פאַרקייכט פון אַ לאַנגן געלעכטער. דערנאָך, שוין ערנסט, אַ פרעג געטאָן: — נו און וואָס דענקסטו איצט צו טאָן?

— דאָס ערשטע וועל איך פּרובירן צו קריגן מיין נעכטיקן צימער. די באַלעבאָסטע האָט אויסגעזען צו זיין זייער אַ פיינע פרוי. דאָס צווייטע, וועל איך זיך אַוועקשטעלן אונטער אַ קאַלטן שפּריץ און וועל שטיין אונטער אים אַ גאַנצע נאַכט מיט אַן אָפענעם מויל... און מיין דריטע אויפגאַבע וועט זיין — מאָרגן אינדערפרי זיך ווידער לאָזן גיין צו די „ווייסע זאַמדן", אָבער שוין מיטן וועג 380.

— אויסגעצייכנטע פּלענער! — האָט ער זיך צעלאַכט, — דערווייל גיי רו זיך אויס אַביסל... — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— —

אויפן צווייטן פרימאָרגן, אַרום ניין אַזייגער אינדערפרי, בין איך שוין ווידער צוגעקומען צו טאָמסאָנס גאַזאָלין־סטאַנציע זיך צו געזעגענען מיט אים.

ער האָט מיך באַגעגנט מיט אַ פריילעכן „גוט־מאָרגן": — נו, וואָס, זיך שוין אויסגעשלאָפן?!... אויסגערוט זיך?!

— יאָ, מיסטער טאָמסאָן, — האָב איך געלאַכט, — כ׳בין היינטיקע נאַכט אַפילו געשלאָפן אין אַ פולער וואַנע קאַלטער וואַסער.

— איך האָף, אַז דו וועסט שוין היינט ניט פּרובירן מער צו פאַרקירצן אַביסל די מיילן? — האָט ער געלאַכט.

— דאָס זיכער ניט. כ׳וועל אַפילו אויף קיין אײנציקן שפּאַן ניט אָפּ־טרעטן, צוערשט פונעם וועג נומער 380... דערנאָך פון וועג 54... כ׳וועל אַפילו ניט קוקן אין דער זייט פון מדבר.

ער האָט מיר פריינטלעך געדריקט די האַנט:

— גיי, דיקסי, און זאָל זיין מיט מזל... ווייסט, עס זיינען פאַראַן מענטשן אויף דער וועלט, מיט וועלכע עס איז זיך גוט צו טרעפן און שפּעטער, אַמאָל אַפילו זיך דערמאָנען וועגן זיי...

— ריכטיק! — האָב איך צוגעשטימט און פאַרכאַפּט אים דעם וועג: — און דו, דזשעק טאָמסאָן, ביסט זיכער איינער פון זיי...

ער האָט מיר אַ פריינטלעכן קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט איבערן אַקסל:

— גיי און פאַרגעס ניט איינצוקויפן אַביסל שפּייז און אָפּזוכן צווישן די „ווייסע זאַמדן" מיין פריינט מעק קערן. ער וועט דיר ווייזן דעם אמתן

פּנים פון די זאַמדן.

— אַ דאַנק. איך וועל אים שוין אָפּזוכן. — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— —

יענער טאָג איז געווען זייער אַ געלונגענער פאַר מיר: דריי מאָל האָבן פאַרבייפאָרער מיך אַריינגענומען אין זייערע אויטאָמאָבילן און די לעצטע, אַ יונג פּאָרל מיט אַ אינגעלע, האָבן מיך טאַקע געבראַכט צו די „ווייסע זאַמדן" און מיך אַראָפּגעלאָזט ביים סאַמע אַריינגאַנג צום מוזייאום, וועלכער איז געווען געבויט פון ליימענע וועגט, זייער ענלעך צום וועג, ווי אַזוי די „האָפּי"־אינדיאַנער בויען זייערע הייזער.

אַ לאַנגע רייע מיט טוריסטן האָבן געוואַרט ביי דער טיר כדי צו פאַר־צייכענען זייערע נעמען. אַ צאָל פון זיי שוין איבערגעטאָנענע אין לייכטע, היימישע קליידער, די קינדער מיט באָרוועסע פיסלעך, פאַרטיקע אַ לאָז צו טאָן זיך שפּילן אין ווייסן, ווייכן זאַמד.

גאַנצע דריי מעת־לעת האָב איך דאָרטן פאַרבראַכט און איך מוז זיך מודה זיין, אַז דזשעק טאָמסאָן איז געווען פאָלקאָמען גערעכט: די „ווייסע זאַמדן" זיינען ווירקלעך אַ גרויסער נאַטור־וואונדער, מעגלעך, דער איינצי־קער פון דעם מין אויף דער וועלט.

שטעלט זיך פאָר אַ בלוי־גרינעם האָריזאָנט, אונטער וועלכן עס ציען זיך אַ לאַנגע רייע זייער מאַסיווע, ניט קיין צו הויכע, פיאָלעט־גרינע „סען־אַנדרעס" בערג און אונטער זיי אַ ריזיק פעלד, פון אַרום 140,247 אַקער, איינ־גאַנצן אַ באַדעקטס מיט פעלדער, בערג און בערגלעך מיט ווייסן, זילבער־פינקלענדיקן שניי.

אין צייט פון מיין אָנקומען, האָט פאַר אַ קורצער צייט געבלאָזן אַ היפּשער ווינט און איך האָב, צו מיין גרויס באַוואונדערונג, באַמערקט ווי אַ צאָל פון די ווייסע בערג און בערגלעך האָבן זיך גענומען איבערררוקן פון איין אָרט אויפן צווייטן, אָדער ריכטיקער, גליטשן זיך, זיך אפילו הויבן אין דער לופטן, אָבער אָן אַ סימן פון שטויב. און ווען איך האָב אַביסל שפּעטער אַ נעם געטאָן צווויי פולע הענט מיט אָט־דעם זאָנדערבאַרן „זאַמד", האָב איך אויסגעפונען, אַז דאָס איז ניט קיין זאַמד, נאָר שניי־ווייסער גיפּס, ווייך ווי זייד, פינקלענדיק און גליטשיק.

צענדליקער קינדער און אויך דערוואַקסענע, האָבן זיך מיט פריילעכע אויסגעשרייען געוואַלגערט אין זאַמד, און זיך געקייקלט פון די בערגלעך.

איך האָב גלייך אָפּגעזוכט טאָמסאָנס פריינט, מעק קערין, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַן אַלטער, גוטמוטיקער יאָט, אַ גרויסער ליבהאָבער פון דער נאַטור, וועלכער האָט שוין אַ היפּשע צאָל יאָרן געאַרבעט אַלס אַן אָנגעשטעלטער ביי די „זאַמדן".

ער האָט זיך זייער שטאַרק דערפרייט מיטן גרוס. איך בין אים, ווייזט

אויס, אויך שטאַרק געפעלן, און כמעט די גאַנצע דריי טעג, וואָס איך האָב דאָרטן פאַרבראַכט, האָט ער מיך אַרומגעפירט אין זיין קליינעם לאַסט־וואָגן און מיך געגעבן באַקענט מיט אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו די „זאַמדן“.

ער האָט געכאַפּט און מיר געוויזן אַ פּאָר מייז און יאַשטשערקעס, וועלכע האָבן אין לויף פון, ווער ווייסט וויפל הונדערטער יאָרן, זיך אַזוי צוגעפּאַסט צום לעבן צווישן ווייסן זאַמד, אַז זייערע פעלעכלעך זיינען געוואָרן אינגאַנצן ווייס, וואָס האָט פאַר זיי געמיינט די זיכערסטע באַשיצונג קעגן אַלע זייערע שונאים.

ער האָט מיך צוגעפירט צו זייער אַ שלאַנקער, דינער פּאַלמע, וועלכע האָט זיך שטאָלץ געהויבן פון דער מיט פון אַ ווייסער, זאַמדיקער לאָנקע, אַן איינגעטונקענע אין גאָלדענע שטייפע בלומען, אַ באַשיצטע, אַרום די וואָרצלען, מיט הויכע, העל־גרינע, שאַרפע, ווי שווערדן־בלעטלעך.

— כאַפּ אַ גוטן קוק, דיקסי, אויף אָט־דער פּאַלמע! — האָט ער מיט אַ נחתדיקן קול גענומען רעדן: — „יאָקאָ־פּאַלמע“, אַזוי הייסט אָט־דער פלאַנץ... זע מיט וואָס פאַר־אַ שיינע, גאָלדענע בלומען זי האָט זיך עס באַצירט און כדי צו בלייבן לעבן, האָט זי זיך געמוזט אויסלערנען איינצוגראָבן טיף, טיף אונטערן זאַמד, וואו עס געפינט זיך שטענדיק איבער גענוג וואַסער... מען רופט זי אויך „גאָטס ליכט“, ווייל זי זעט אויס ווי אַ ליכט אין אַ לייכטער. און כדי אָט־די ליכט זאָל ניט פאַרשווינדן, האָט, ווייזט אויס, טאַקע גאָט אַליין באַשאַפן אַ ספּעציעלן מין פּיצינקע פליגעלעך, וועלכע לעבן און באַפרוכפּערן בלויז אָט דעם פלאַנץ... די אינדיאַנער מאַכן די בעסטע זייף פון די וואָרצלען פון אָט־דער „יאָקאָ־פּאַלמע“, זיי עסן די צאַרטע טיילן פון איר צוויט און פון די בלעטער מאַכן זיי פאַרשיידענע, נוצלעכע זאַכן... ער האָט מיט שטאָלץ אָנגעוויזן אויפן גאַנצן אַרום — אַחוץ דער פּאַלמע וואַקסן דאָ אַרום אַ הונדערט אַנדערע, פאַרשיידענע מינים, שיינע, פיל־פאַרביקע בלומען...

אין צייט פון זונען־אונטערגאַנג, ווערט דער ווייסער זאַמדיקער מדבר אינגאַנצן פאַרגאָסן מיט אַ רויט־פיאָלעטענעם ליכט און די צעלייגטע פייערן מיט די צענדליקער מענער, פרויען און קינדער אַרום זיי, זעען אויס ווי באַשעפענישן, אַריבערגעקומענע עפּעס פון אַן אַנדער וועלט. און אַלע פילן זיך דאָ ווי דערהויבן, ווי נייע און זייערע ביז־איצטיקע טאָג־טעגלעכע לעבנס, אָפט פולע מיט קליינלעכקייט און זאָרגן, שווימען ערגעץ־וואו ווייט אַוועק און די אייגענע פרויען, מענער און אפילו קינדער, נעמען אויסזען שענער, פאַרביקער, צאַרטער און זיי זאָגן ווי צו, אָן ווערטער, צו געבן מער גליק איינער דעם צווייטן...

יאָ, שיין און זאָנדערבאַר זיינען די „ווייסע זאַמדן“ אין שטאַט ניו־מעקסיקאָ!

מעשהלעך

אין לאַנד פון צען טויזנט אָזערעס

אין אַ זוניקן פֿאַרנאַכט האָט עס פּאַסירט, אין שטאַט: „מינעסאָטאַ‟.

די זון האָט זיך שוין גענומען זעצן און איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען, אָדער האָב, אומרואיק, געשפּאַנט ביי דער זייט פון אַ ברייטן שליאַך, געהאַלטן אין איין הויבן די האַנט אַנטקעגן די אַנלויפנדיקע אָטאָמאָבילן, אָבער קיין איינציקער פון זיי האָט זיך ניט געוואָלט אָפּשטעלן און מיך אַרויפנעמען. און געוואָלט האָב איך, יענעם פֿאַרנאַכט, זיך בלויז דערקלייבן צו דער „רעד לעיק‟, צו דער „רויטער אָזערע — אינדיאַנער רעזערוואַציע‟, צו וועלכער עס האָט באַדאַרפט זיין ניט מער, ווי אַ צען אָדער פופצן מייל.

פֿאַראַנען פֿאַרשיידענע טעג אין לעבן פון „היִיקערס‟ (וועג־גייער): טעג, ווען כמעט, ווי יעדער אָטאָמאָביל שטעלט זיך פֿאַר זיי אָפּ און טעג, ווען קיינער וויל זיך אויף זיי אפילו ניט אומקוקן. פונקט ווי זיי וואָלטן אינגאַנצן אויפן וועג ניט געשטאַנען. אָט אַזאַ מין טאָג — איז יענער געווען.

גיין צוריק צום נאָענטסטן שטעטל, וועלכעס איז ביז, מיט אַ פּאָר שעה צוריק, דורכגעגאַנגען, און זוכן דאָרטן אַ צימער איבערצושלאָפן, האָב איך ניט געהאַט קיין שום חשק און טאַקע דערפֿאַר באַשלאָסן צו פֿאַרברענגען די נאַכט אין דעם געדיכטן וועלדל, וועלכעס האָט זיך אַזוי גאַסטפריינטלעך צעשפרייט אויף דער רעכטער זייט פון וועג.

און מיט אַ צען מינוטן שפּעטער האָב איך שוין, פֿאַרזיכטיק, געשפּאַנט צווישן די געדיכטע ביימער: אַ געמישעכץ פון סאָסנעס, דעמבן און קליאָן, וואו ניט־וואו צוגעמישט מיט צאַרטע עש־ביימלעך.

אונטער אַ יונגע, געדיכט־צעוואָקסענעם דעמב, וועלכער איז געשטאַנען אינדערמיט פון אַ היפשער לאָנקע, האָב איך אַוועקגעלייגט מיינע וועג־זאַכן. אויסגעקליבן אָט־דעם פּלאַץ אויף איבערצושלאָפן האָב איך צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, איז די לאָנקע געווען אַ היפשלעך באַגראָזטע, און צווייטנס, ווייל דער גאַנצער אַרום פון בוים איז געווען אַן אָפענער, ווי אַן אַרומגעזוימטער מיט שטרעקעס בלויען הימל, יאָו רייען ווייסע וואָלקנדלעך האָבן זיך געצירט אין ראָז און אין צונטער־רויטע שטראַלן פון דער פֿאַרגייענדיקער זון.

כ׳האָב אויסגעשפּרייט מיין קאָלדערע און, מיט אַ לידל אויף די ליפּן, גענומען צונויפקלייבן טרוקענע צווייגן פֿאַר אַ פייערל. און ווען דאָס פייערל האָט זיך שוין גענומען עטוואָס צעברענען, האָב איך אַרויסגענומען

פון מיין וועג־בייטל אַ שוואַרץ ברויטל, קעז, אַ פּאָר עפּל און, אַ צופרידענער, זיך שוין געוואָלט נעמען צום עסן, ווען מיין אויער האָט אויפגעכאַפּט, ניט אַזוי קיין טריט, ווי אַ רויש פון קוסטן, דורך וועלכע עמיצער האָט זיך ווי־ גענומען דורכשפּאַרן.

כ׳האָב זיך פלינק אויפגעהויבן, אַטאָמאַטיש אַ טאַפּ־געטאָן דעם היפּשן וועג־מעסער, וועלכער איז געהאַנגען, אין אַ לעדערנעם שיידל, אויף דער רעכטער זייט פון מיין גאַרטל, אויך אָפּגעטראָטן אונטערן שוץ פונעם דעמבן־ בוים און, באַמיענדיק זיך צו זיין וואָס רואיקערער, אַ פרעג געטאָן, מיט אַ גאַנץ הויכן קול:

— האַלאָ!... ווער קומט עס דאָרטן?!

דער רויש אין די קוסטן האָט זיך גלייך איינגעשטילט און אַן אַלטע שטימע האָט באַלד געענטפערט:

— דאָס בין איך — דזשאָן!... דער אַלט־יונגער דזשאָן!...

דער טאָן פון דעם ענטפער איז געווען אַזאַ געמיטלעכער, אַזאַ פּאַר־ טרוילעכער, אַז מיין אומרו איז גלייך פאַרשוואונדן און איך האָב אים, דאַכט זיך, אפילו, מיט אַ טאָן פון פריילעכקייט, גלייך געענטפערט:

— אייל זיך צו, דזשאָן, וועלן מיר צובייסן צוזאַמען!

— איך קום!... איך קום! — האָט זיך דערטראָגן אַן ענטפער, — כ׳האָב דאָ עפּעס היינט מיין שטענדיקע סטעזשקע פאַרלוירן.

איך האָב אונטערגעוואָרפן אַ פּאָר צווייגן אויפן פייער און מיט אַ פינף מינוטן שפּעטער איז אויף דער לאָנקע אַרויסגעקומען דער אַלט־יונגער דזשאָן, טראָגנדיק אַ היפּשן זאַק אויף די פּלייצעס.

ס׳איז לייכט געווען צו באַמערקן, אַז ער איז אַ אינדיאַנער. און דאָס האָט מיך זייער שטאַרק דערפרייט.

ער איז געווען הויך געוואָקסן, פון זיין טונקל־ברוינעם, שטאַרק צע־ קנייטשטן פּנים האָבן גוטמוטיק, כמעט פריילעך, אַרויסגעקוקט צוויי שמאָלע, שוואַרצע, שטאַרק פינקלענדיקע, אויגן. זיין שאַרפע נאָז האָט זיך פלינק באַוועגט איבער זיין היפּשלעך איינגעפאַלענעם מויל און געמאַכט דעם איינ־ דרוק, פונקט ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט אַרום זיך.

ער האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם, זעט אויס, שווערן זאַק פון די פּלייצעס, מיט אַ לייכטן קרעכץ אויסגעגלייכט די ביינער, און, ווי וועלנדיק זיך פאַר־ ענטפערן פאַר מיר, אַ זאָג געטאָן:

— אַמאָל האָב איך מיט מיין מינדסטן פינגער געקענט אויפהויבן אַ פיל שווערערן זאַק, ווי אָט־דער, — ער האָט, מיט שפּאָט, אָנגעוויזן אויפן זאַק פאַר אים, און ער האָט שוין מיט אַ שמייכל צוגעגעבן, — עך, אַלטקייט, עס

קאָך דעם שטאַרקסטן מענטשן אין קבר אַריין פאַריאָגן...

— דאָס איז אָן שום צווייפל! — האָב איך אים, שמייכלענדיק, געענטפערט.

דערנאָך האָט ער אונטערגעשפּאַרט זיינע זייטן מיט ביידע הענט, אַ היפּשע ווײַלע מיך אויפמערקזאַם באַטראַכט פון קאָפּ ביז צו די פיס און, ענדלעך, אַרויסגעגעבן זיין אורטייל:

— איך דענק, אַז דו ביסט אַ גאַנץ פיינער בחור!

— פון וואַנען ווייסטו עס? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— ווען אַ אינדיאַנער ווערט געבוירן ביט קיין נאַר, — האָט ער געענטפערט, — און מאַטערט זיך דורך זעכציק זומערס און שטאַרבט ניט פון הונגער און קעלט זעכציק ווינטערס און קוקט זיך צו, מיט אָפענע אויגן, אַט־די אַלע יאָרן סיי צו די ווייסע מענטשן, אַזוי אויך צו די אינדיאַנער — מוז ער זיך אויסלערנען צו דערקענען ווער ס'איז גוט און ווער שלעכט, ווער ס'איז אַ גנב און ווער — אַן ערלעכער מענטש...

— אַ דאַנק, דזשאַן, פאַר דער גוטער מיינונג וועגן מיר, — האָב איך אַ לאַך געטאָן, — כ'וועל זיך באַמיען דיך ניט צו אַנטוישן. און איצט, — איך האָב אָנגעוויזן אויף מיינע צעלייגטע שפּיז, — זיי מיין גאַסט. און אַ שאָד, וואָס איך קען דיר פאַרלייגן בלויז ברויט, קעז און אַ פּאָר עפּל. דאָס איז אַלץ וואָס איך פאַרמאָג.

— אַ דאַנק! — האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — איך וועל צו דעם צוגעבן אַ האַלבע וואורשט, וואָס כ'האָב אין שטעטל געקויפט. אָבער עסן, ברודער, וועלן מיר ניט דאָ, אין וואַלד, נאָר אויף אונדזער פעלד, נעבן מיין בײַדל.

— פאַרוואָס? — האָב איך זיך געוואונדערט.

— ווייל דאָ, אין וואַלד, איז אין די אָוונטן, בפרט ביינאַכט, זייער שלעכט צו פאַרבלייבן: די ערד איז דאָ זייער פייכט און בײַם וואַלד וועט זיך אָנרוקן אַ געדיכטער נעפּל. ניט נאָר אין קאָלדרע דיינע, נאָר אפילו אַ האַלבער טוץ פון זיי, וועלן דיך דאָ, ביינאַכט, ניט דערוואַרעמען. מיין בײַדל געפינט זיך ניט ווייט, ניט מער ווי אַ צען מינוטן גאַנג. מיר'ן דאַרטן אויך קענען אויפזידן אַ טעפּעלע קאַווע.

— דו וואוינסט אַליין אין דיין בײַדל? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— ניין, צוזאַמען מיט מיין אייניקל. פּיטער איז זיין נאָמען. מיר אַרבעטן דאָרטן אויף אַ פאַרם. ער איז אַ מאַשיניסט און איך אַרבעט אין קיך. ער איז היינט אין דער פרי אַוועקגעפאָרן קיין דולוט, וועסטו קענען שלאָפן אויף זיין בעטל.

— וואָס טוט ער אין דולוט? — האָב איך געוואָלט וויסן, שוין צוזאַמענבלייגנדיק מיינע זאַכן.

— אונדזער דרעש־מאַשין האָט נעכטן אויפגעהערט צו אַרבעטן. עפּעס האָט זיך אין איר צעבראָכן. איז ער אַוועקגעפאָרן קויפן די נויטיקע טיילן, — און ער האָט צוגעגעבן, מיט שטאָלץ: — ער איז קוים צוואַנציק יאָר אַלט, מיין פּיטער און ער איז שוין אַן אויסגעצייכנטער מעכאַניקער... ער האָט עס ליב געהאַט פון קינדהייט אָן... שטענדיק געקראָכן און זיך צו־געקוקט ווי אַלע מינים מאַשינען אַרבעטן...

דזשאַנס ענגלישער אַקצענט איז געווען אַ טיפּיש אינדיאַנישער, אָבער די שפּראַך גופא אַ גאַנץ שיינע און קאָרעקטע.

— דו רעדסט אַ פיינעם ענגליש, — האָב איך אים געמאַכט אַ קאָמפּ־לימענט, — האָסט, ווייזט אויס, אַ היפּשע צאָל יאָרן באַזוכט אַ ענגלישע שול?

— קיין מאָל נית! — האָט ער זיך צופרידן צעלאַכט, — מיין פּיטער איז געווען מיין שול.

— וואָס מיינסטו? — האָב איך ניט פאַרשטאַנען, — דו ווילסט זאָגן, אַז ער איז געווען דיין לערער?

— ריכטיק! — האָט ער אַ שמייכל געטאָן, — צוויי זיינען מיר פון אונדזער משפּחה געבליבן: איך און פּיטער און מיר צעשיידן זיך קיינמאָל ניט. אָט־די אַלע יאָרן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין זיינע שולן, בין איך שטענדיק געווען מיט אים: ער בייטאָג אין די קלאַס־צימערן און איך אַלס אַן אַרבעטער אין קיך, אָדער גאָרטן... און די אָוונטן — צוזאַמען... ער דער לערער און איך דער שילער... איצט פאַרשטייסטו שוין פון וועמען עס קומט מיין ענגליש? — זיין פּנים האָט געשיינט.

— יאָ, איך פאַרשטיי! — האָב איך מיטגעשמייכלט, — און עס געפעלט מיר זייער. און אַנטשולדיק, וואָס איך פרעג זיך אַזוי נאָך: איר האָט טאַקע אינגאַנצן קיין משפּחה ניט?

— ניין! — האָט ער אַן אַנטשלאָסענעם דריי־געטאָן מיטן קאָפּ, — בלויז איך מיט פּיטערן זיינען פאַרבליבן... דער זון מיט דער פרוי זיינען גע־שטאָרבן פון שווינדזיכט, ווען דער קליינער איז בלויז פינף יאָר אַלט געווען, נו... זיינען מיר צוזאַמען, אַחוץ צוויי חדשים, ווען ער איז אַליין אין שול געגאַנגען... זומער צייט אַרבעטן מיר, געווינלעך, אויף פאַרמס און ווינטער צייט — וואו עס לאָזט זיך. ער וויל צוריקגיין, דער בחור מיינער, אין שול, ער וויל זיך לערנען אויף... — ער האָט זיך באַמיט צו דער־מאָנען דאָס נויטיקע וואָרט, אָבער בשום אופן ניט געקענט, — כ'האָב פאַר־געסן אויף וואָס ער וויל זיך לערנען, — האָט ער זיך אַנטשולדיקט, — כ'וועל זיך שפּעטער דערמאָנען און דיר עס זאָגן, — און ער האָט צוגעגעבן, מיט פאַרדרוס: — אפילו דער זכרון ווערט שוואַך, ווען די, גאָט פאַרדאַמטע, עלטער, קומט! — ער האָט טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

מיר האָבן ביידע געשוויגן אַ ווײַלע, דערנאָך האָב איך באַמערקט:

— מינעסאָטאַ, זעט אויס צו זײַן, ניט נאָר קיין שיינער, נאָר אויך זייער אַ רײַכער שטאַט.

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— זיכער! אונדזער מינעסאָטאַ! — דאָס וואָרט „אונדזער" האָט ער שטאַרק אונטערגעשטראָכן, — איז דער שענסטער און רײַכסטער שטאַט אין אַמעריקע. אַלץ בליט און לעבט: די האָלץ, פּאַפּיר און אײַזן־פֿאַבריקן, פֿאַרמס און קראָמען... אונדזערע וועלדער זײַנען באַוואוסט איבערן גאַנצן לאַנד!... אַלע: סײַ די ווײַסע, אַזוי אויך די אינדיאַנער, אַרבעטן דאָ זייער שווער, אָבער מיט איין אונטערשיד: זיי, די ווײַסע, מאַכן פֿון זייער אַרבעט אַ פֿײַנעם לעבן און מיר — אַ קלאָגעדיקן... — ער האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויף מײַנע, שוין צוזאַמענגעקלײַבטע זאַכן: — נו, לאָמיר גיין!

איך האָב אים געהאָלפֿן אַרויפֿלייגן דעם שווערן זאַק אויף די פּלייצעס, געוואָלט אפֿילו אים העלפֿן טראָגן, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט.

ער איז אַוועק פֿאָראויס און איך נאָך אים.

גייענדיק האָב איך אים אַ פֿרעג געטאָן:

— זאָג מיר, דזשאָן, צו וואָס פֿאַר־אַ שבט באַלאַנגסטו?

— „טשיפּעוואַ אינדיאַנער" הייסן מיר... דאָ, ניט ווײַט, בײַ דער רויטער אָזערע געפֿינט זיך אונדזער רעזערוואַציע.

— אַ סך פֿון אײַערע געפֿינען זיך דאָרטן? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— ווער ווייסט זיי? — האָט ער אַ הויב געטאָן מיטן רעכטן אַקסל, — כ'דענק, אַרום אַ צוויי טויזנט... און אפֿשר מער אָדער ווייניקער... כ'האָב אַמאָל אויך געהאַט דאָרטן אַ שטיקל לאַנד, שווער געאַרבעט און ניט גרינג געלעבט, אָבער... ווען דער זון מיט דער שנור זײַנען אַוועק, האָב איך אַלץ פֿאַרקויפֿט און אַרבעט אַלע יאָרן אַרום דער רעזערוואַציע, פּונקט ווי אַ צאָל אַנדערע פֿון אונדז... און דו פֿון וואַנען קומסטו און וואוהין שפּאַנסטו עס?

— האָט ער שוין, פֿון זײַן זײַט, געוואָלט וויסן.

— פֿון ניו־יאָרק, און איך גיי קיין קאַליפֿאָרניע.

ער איז שטיין געבליבן און מיך, פֿאַרוואונדערט, אָנגעקוקט:

— אַזש — פֿון ניו־יאָרק?!

— יאָ, אַזש פֿון ניו־יאָרק! — האָב איך איבערגע'חזר'ט זײַנע פּאָר ווערטער.

ער איז ווידער אין כעס געוואָרן אויף זײַנע יאָרן:

— ווען ניט די, פֿאַרשאָלטענע, עלטער מײַנע, וואָלט איך פֿאַרנומען מיט זיך פּיטערן און אַוועק מיט אים קיין ניו־יאָרק. דאָרטן וואָלט ער זיך, זיכער, גיכער דערשלאָגן צו דעם וואָס ער וויל... כ'האָב אַ סך געהערט

וועגן אייער ניו־יאָרק און דעם גאַנצן לעבן טרוים איך נאָך צו זיין אַמאָל דאָרטן... — ער האָט זיך, מיט אַן אומצופרידענעם טראָט, געלאָזט גיין פּאַראויס.

נאָך אַ צען מינוטן גאַנג, האָט זיך דער וואַלד געענדיקט און פּאַר די אויגן האָבן זיך אַ שפּרייט־געטאָן פעלדער פּאַרזייטע מיט ווייץ און קאָרן. איבערגייענדיק אַ פּאָר שמאָלינקע בריקלעך איבער עטלעכע באַוואַסערונג־טייכלעך, זיינען מיר צוגעקומען צו גאָר אַ היפּשן ביידל.

דזשאָן האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם זאַק פון די פּלייצעס און, שוין מיט אַ צופרידענעם טאָן, אַ זאָג געטאָן:

— אָט דאָ איז מיין און פּיטערס זומער־היים — טראָג אַריין דיינע זאַכן אין ביידל און לייג זיי אַרונטער אונטערן בעטל, רעכטס, וואו דו וועסט היינט שלאָפן.

ער האָט זיך, געשיקט, אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט און מיט אַ פּופצן מינוטן שפּעטער האָט שוין אַ קעסעלע מיט וואַסער געזאָטן איבער אַ לע־בעדיקן פייערל און מיר ביידע האָבן, שווייגנדיק, און מיט אַ היפּשן אַפּע־טיט, געגעסן אונדזער וועטשערע און פּאַרטרונקען מיט אַ פּאָר טעפּעלעך, זייער שיטערע, אָבער, דערפּאַר, זייער הייסער קאַווע.

עסנדיק, האָב איך אים אַ זאָג געטאָן:

— כ'בין זיכער, אַז דזשאָן איז דיין אַמעריקאַנער נאָמען. זאָג מיר, ווי אַזוי איז דיין ריכטיקער, דער אינדיאַנער, נאָמען?

— מאַ־נאַ־נאַ — איז מיין אינדיאַנער נאָמען, — האָט ער, שמייכלענדיק, געענטפערט.

— וואָס מיינט עס אויף אייער שפּראַך?

ער האָט זיך צעלאַכט:

— עס מיינט: „אין אַן אַנדער צייט"...

— איך פאַרשטיי ניט. מאַך עס קלאָרער.

און ער האָט, קוים איינהאַלטנדיק דעם געלעכטער, מיר געענטפערט:

— פאַרשטייסט? מיט יאָרן צוריק, יעדעס מאָל, ווען די מיסיאָנערן פלעגן קומען צו מיר, מיט דעם זון מיינעם, און בעמען אונדז איינרעדן צו ווערן קריסטן, פלעג איך זיי ענטפערן: „מאַ־נאַ־נאַ", דאָס האָט געמיינט: „קומט אין אַן אַנדער צייט"... און אַזוי איז שוין מיין נאָמען פאַרבליבן: דזשאָן — אויף ענגליש און „מאַ־נאַ־נאַ" אויף אונדזער „טשיפּעוואַ" לשון...

— ער האָט, זעט אויס, מיט גרויס פאַרגעניגן, גענומען לאַכן.

— נו און דער זון דיינער, — האָב איך געוואָלט וויסן, — האָט ער אָנ־גענומען קריסטנטום?

דזשאָן האָט זייער צופרידן גענומען דרייען מיטן קאָפּ אויף ניין:

— ניין... זיין ענטפער פלעגט שטענדיק זיין: „באַן־ע־מאַ״, וואָס עס מיינט: „שפּעטער צו״ און אַזוי אַרום זיינען מיר ביידע געבליבן ביי אונדזער אַלטן גלויבן...

אַ ווײַלע זיינען מיר ביידע געזעסן שוויַיגנדיק און צופרידן געשמייכלט. דערנאָך האָב איך, ניט זיכער, אַ פרעג געטאָן:

— נו און ווי איז מכוח פּיטערן, דעם אייניקל דיינעם?... דענקסטו, אַז ער וועט אויך בלייבן ביי אייער אַלטן גלויבן?

דער שמייכל האָט זיך, לאַנגזאַם, ווי אַראָפּגעגליטשט פון הזשאַנס פּנים און, נאָך אַ ווײַלע שוויַיגן, האָט ער שטיל געענטפערט:

— פאַר זיכער — קען איך דיר גאָרניט זאָגן, אָבער איך דענק... איך פּיל, אַז... צוליב מיר, דעם זיידן זיינעם, אויך צוליב זיינע יונג־געשטאָרבענע שווינדזיכטיקע עלטערן, ווי אויך צוליבן גאַנצן שבט אונדזערן — וועט ער קיין קריסט ניט ווערן אפילו דאָן, ווען ער זאָל פאַרלירן זיין גלויבן אין אונדזער „גרויסן גייסט״... — ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, דערנאָך אַ פּאָזיטיוון שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — יאָ, אַזוי פּיל איך...

— און איך בין זיכער, אַז דיין געדאַנק איז אַ ריכטיקער, — האָב איך אים פאַרזיכערט.

מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— הער, איך האָב שוין אַזוי פּיל דערציילט וועגן זיך און איך ווייס נאָך אפילו ניט דיין נאָמען!

— שין — איז מיין נאָמען, — האָב איך, לאַכנדיק, געענטפערט.

ער האָט זיך אַ קנייטש געטאָן:

— בלויז „שין״, דאָס אַלץ?... עס פעלט אָבער עפּעס, עס פילט זיך ווי בלויז אַ טייל, אַן אָנפאַנג פון אַ נאָמען... נו, פּונקט ווי איך וואָלט געהייסן „מאַ״ און ניט „מאַ־נאַ־נאַ״.

— נו, און „שין־דייק־סעל״, געפעלט דיר בעסער? — האָב איך זיך צעלאַכט.

— זיכער! — האָט ער ערנסט געענטפערט, — דאָס קלינגט ווי אַ ריכטיקער נאָמען. „שין״ — איז ווי דער קאָפּ, „דייק״ — איז ווי דער מיטלסטער טייל פון קערפּער און „סעל״ — איז ווי די פּיס. אַזאַ נאָמען קען שפּאַנען וואוהין ער וויל נאָר.

ווען מיר האָבן שוין געהאַט פאַרענדיקט די דריטע טעפּעלעך מיט קאַווע, האָט ער אַ בעט געטאָן:

— און איצט דערצייל מיר עפּעס וועגן דיין ניו־יאָרק.

— מיט פאַרגעניגן, — האָב איך צוגעשטימט, — אָבער דו וועסט מיר מוזן אָפּצאָלן מיט אַ שיין מעשהלע וועגן דיין שבט. איבערהויפּט וואָלט

איך געוואָלט וויסן, פאַרוואָס דו באַקעמפסט אַזוי ביטער, און זיכער אָן דערפאָלג, דיין עלטער... דו ווייסט זייער גוט, אַז קיינער אין דער וועלט, סיי אָרעם אָדער רייך, סיי ווייסער מענטש אָדער אינדיאַנער — קענען דאָס ניט אויסמיידן... טאָ, צו וואָס די נוצלאָזע ביטערקייט?

ער האָט ניט געענטפערט, בלויז, איינגעשפאַרט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

מיר האָבן ביידע געהאַלטן וואָרט: איך האָב אים, מיט אַ צאָל איינצל־הייטן, באַשריבן אַלע ניו־יאָרקער וואונדער, אים פאַרזיכערט, אַז, מיט פּי־טערס הילף, וועט ער נאָך דערלעבן אַמאָל אַלץ צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן — און אָט ווי אַזוי עס האָט זיך געפלאָכטן דאָס מעשהלע, וועלכעס ער, מאַ־נאַ־נאַ, האָט מיר שפּעטער דערציילט. און לויט זיין טאָן און דער שאַרפקייט פון זיינע איבערלעבונגען, בעת׳ן דערציילן, קען איך נאָך, ביז היינט־צו־טאָג, ניט באַשטימען, צי איז דאָס מעשהלע געווען אַ מין פּראָ־טעסט פון זיין אייגענער אָנגעוויטיקטער פאַנטאַזיע, צי אַ געמישעכץ מיטן פאָלקלאָר פון זיין גאַנצן טשיפּאַוועער שבט?...

און אָט ווי מאַ־נאַ־נאַס האָט אָנגעפאַנגען זיין מעשה:

...אַ שטאַרקער שבט, מעגלעך דער שטאַרקסטער און העלדישסטער, זיינען מיר, טשיפּעוואַ־אינדיאַנער אַמאָל געווען... און געגלויבט האָבן מיר אין שלום און געווען צווישן די ערשטע שבטים צו שליסן שלום מיט די ווייסע מענטשן און זיך באַמיט איבערצונעמען זייערע קלוגע לעבנס־וועגן... מלחמה געפירט האָבן מיר בלויז מיט אונדזערע שטענדיקע שונאים: די „סיו״ און די „קראָו״ אינדיאַנער און זיי, ניט איין מאָל, באַזיגט... — ער האָט מיטאַמאָל אַ הויב געטאָן די רעכטע האַנט און אַ לעבעדיקן דריי געטאָן מיט קאָפּ, — איך געדענק אויסגעצייכנט אונדזער לעצטע שלאַכט מיט די „סיו״־אינדיאַנער אויפן „בעטל־לעיק״ (שלאַכט־אָזערע) טאַקע דאָ, ניט ווייט פון דאַנען, נעבן איצטיקן שטעטל „וואַדינאַ״. אויף „קענוס״ (שיפלעך) האָבן מיר זיך דאַן געשלאָגן... אָבער, ניט קוקנדיק אויף זייער העלדישן ווידער־שטאַנד, האָבן מיר זיי דאָך צעשלאָגן און פאַרטריבן... — ער האָט טיף, זעט אויס, מיט בענקשאַפט, אָפּגעזיפצט, —- דאָס איז שוין אָבער אונדזער לעצטע שלאַכט געווען...

ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, דערנאָך ווידער גענומען דערציילן:

— גרויסע, קלוגע „טשיפס״ (פירער) האָבן מיר אַמאָל געהאַט: „בע־מידזשי״, „סליפּי־איי״ און אַ צאָל אַנדערע. איניקע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין פירן קריג, אַנדערע אין אָנהאַלטן דעם שלום, סיי מיטן ווייסן מענטשן, ווען זיי האָבן איינגעזען, אַז זיי וועלן אים קיינמאָל ניט באַזיגן, אַזוי אויך מיט אַ צאָל שכני׳שע, אינדיאַנער שבטים... יאָ, און אָט אַזאַ מין קלוגער „טשיף״ איז געווען „פּאָ־קאַ־ניז״... — ער האָט אַ פיר געטאָן מיט ביידע

הענט אין אַ ראָד אַרום זיך — און דאָס גאַנצע לאַנד אַרום, וואָס טראָגט איצט דעם נאָמען „מינעסאָטא“, אָדער דאָס לאַנד פון „צען טויזנט אָזערעס“, — האָט דאַן געהייסן: דאָס לאַנד פון „פּאָ־קאָ־ניז“... און איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון אירע פעלדער און וועלדער, האָט זיך, אין יענער צייט, אפילו קיין איינציקע אָזערע ניט געפונען, בלויז צענדליקער און הונדערטער פּליבקע, מיט זילבער באַשפּריצטע, טייכלעך, האָבן געקעמט די הויכע גראָזן און שטענדיק ווי אַרומגעזוכט אַ בעסערן וועג צום ים...

— אין די יאָרן פון „טשיף“ פּאָ־קאָ־ניזעס פירערשאַפט האָט גליק און שלום ניט פאַרלאָזן אונדזער לאַנד און די ברוין־הויטיקע קינדער פונעם „גרויסן גייסט“ האָבן רואיק געאַרבעט אויף זייערע פעלדער, פיש געפאַנגען אין די שנעלע טייכלעך און נאָך ווילדע חיות, אין די געדיכטע וועלדער, זיך געיאָגט.

געמערט האָט זיך דער שבט, געוואָקסן איז די צאָל געצעלטן און אַלע נאַכט האָבן ניי־געבוירענע קינדער די וועלט באַגריסט. און העלע פרייד האָט איבער די זאַטע פעלדער זיך געגאָסן, איבער די טייכלעך געשוואומען און צום בלויען הימל, צום טראָן פונעם „גרויסן גייסט“ זיך געהויבן.

דזשאַן איז אַנטשוויגן געוואָרן, צוגעמאַכט די אויגן, אַ ווײַלע זיך, ווי אין טיפן טרויער, געשאָקלט פאָראויס און צוריק, דערנאָך האַלב־צעעפנט די אויגן, זיך איינגעקוקט אַ ווײַלע אויף מיר און ווייטער גענומען דערציילן:

אַלע אַרום דעם גרויסן „טשיף“ זיינען גליקלעך געווען, אַלע — אַחוץ אים, אים אַליין... אַ טיפער טרויער האָט זיין ברוסט געדריקט, דעם גלאַנץ פון זיינע אויגן געשלונגען. אַ שאַרפע בענקשאַפט, געמישט מיט צאָרן, האָט אָפט זיין געמיט געפייניקט און אים טיף צו דער ערד געבויגן.

זיינע נאָענטסטע פריינט האָבן שוין ניט איין מאָל באַמערקט זיין צו־שטאַנד, געפרואווט פון אים אויסגעפינען דעם סוד פון זיין טרויער, אָבער קיין דערפאָלג ניט געהאַט.

— וואָס איז געשען מיט אונדזער פירער ?! — האָבן זיי, צווישן זיך, גערעדט, אָבער קיינער האָט קיין ענטפער ניט געקענט געפינען.

גאַנצע טעג פלעגט פּאָ־קאָ־ניז אָפּזיצן, באַוועגלאָז, אין שאָטן פונעם אַלטן דעמב, פאַר זיין געצעלט, זיך זשעדנע צוקוקן ווי די יוגנט שאַלט אין פעלד, ווי דאָס לעבן האַלט ברייט פאַר זיי צעפּראַלט אַלע טירן און טויערן פון פרייד און גליק און נאָך שטאַרקער געפילט דערביי זיין אַלטקייט, דאָס לאַנגזאַמע אָפּשטאַרבונג פון אַלע זיינע גלידער.

דער „גרויסער גייסט“ האָט גוט געקענט און שטאַרק ליב געהאַט דעם קלוגן „טשיף“ און אים געהאַלטן פאַר איינעם פון זיינע געלונגסטע ווערק און זיך, ניט איין מאָל, באַרימט מיט אים פאַר אַנדערע געטער. און ווען

ער האָט שוין, ענדלעך, אויך אַליין דערשפּירט דעם אַלטנס טרויער, האָט ער פעסט באַשלאָסן אויסצוגעפינען די סיבה פון דעם.

און איין מאָל, אין אַ פאַרנאַכט, האָט ער, אין דער באַגלייטונג פון צוויי קלענערע געטער, זיך אַראָפּגעלאָזט, אין אַ וואָלקן, צו פּאַ־קאַ־ני־זיס געצעלט.

דערזענדיק פון דערווייטנס די דריי אָנקומענדיקע געסט, איז דער אַלטער זיי אַנטקעגנגעגאַנגען, פריינטלעך באַגריסט און פאַרבעטן צו זיך אין געצעלט.

און די זון האָט יענעם פאַרנאַכט, אַ מידע, נאָך זייער אַ הייסן טאָג, זיך טיף איינגעגראָבן אין אַ גאָלדענעם, צעכוואַליעטן טייך, מיט די שטראַלן זיך אָנגעכאַפּט אין די ראָזע און רויטע זוימען פון די ווייסע וואָלקנדלעך און זיך ווי באַמיט זיי מיטצושלעפּן מיט זיך.

געקומען איז דער „גרויסער גייסט" אין אויסזען פון אַ סוחר און אין סוחרים אויך זיינע באַגלייטער פאַרוואַנדלט.

און דער „טשיף" האָט זיינע בעסטע מאכלים פאַר די געסט אַוועקגע־שטעלט, און ווען זיי האָבן זיך אָנגעזעטיקט, האָט ער זיי גענומען אויס־פרעגן וועגן די ווייטע לענדער, וועלכע זיי האָבן אויף זייערע וועגן באַזוכט.

און ווען אַלע געשיכטעס האָבן זיך שוין אויסגעלאָזט, האָט איינער פון די קלענערע געטער אָנגעוויזן אויף דער איינדרימלענדיקער ערד, אויפן פורפור־רויטן אָפּשיין פון דער פאַרגאַנגענער זון און שטיל געזאָגט:

— ווי שיין די וועלט איז, טשיף „פּאַ־קאַ־ניז"!

און דער „טשיף" האָט, מיט אַ טיפן זיפץ, געענטפערט:

— יאָ, ליבער גאַסט, די וועלט איז זייער שיין...

האָט דער צווייטער פון די געטער האָן אונטערגעכאַפּט:

— ווי קלוג און מענטשיק עס דאַרף זיין יענער, ווער עס האָט אָט דאָס אַלץ אַרום באַשאַפן...

— יאָ, מענטשיק, אָבער... ניט אינגאַנצן קלוג... — האָט דער טשיף שטיל געענטפערט.

האָבןביידע סוחרים זיך דערשראָקן איבערגעקוקט און דער „גרויסער־גייסט" האָט דעם אַלטן „טשיף" טיף אין די אויגן אַריינגעקוקט און שטיל געזאָגט:

— ווי שטאַרק, טייערער פריינט, עס דאַרף זיין דיין אומגליק, וואָס קען דיך צווינגען, אויף דער עלטער, אַזוי שאַרף אַרויסצוטרעטן קעגן באַ־שאַפער פון דער וועלט...

— ביסט גערעכט, קלוגער גאַסט, — האָט פּאַ־קאַ־ניז געענטפערט, — דער טרויער פון מיין עלטער איז פּונקט אַזוי גרויס, ווי עס איז געווען די פריידן פון מיין יוגנט.

און דאָס פּנים פונעם „גרויסן־גייסט" איז דאַן ווי מיט אַ שוואַרצן וואָלקן

פאַרצויגן געוואָרן און זייַנע אויגן האָבן, ווי צוויי בליצן אויפגעלויכטן. אַ ווײַלע האָט ער, שווייַגנדיק, זיך שאַרף אײַנגעקוקט אין „טשיפּס" טיף־אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ, אָבער זיך, ווייַזט אויס, באַהערשט און, מיט אַ טיפן טרויער אין קול, ווידער שטיל געפרעגט:

— זאָג מיר,פּאָ־קאַ־ניז, וואָס צווינגט דיך אַזוי שאַרף אַרויסצוטרעטן קעגן דעם הערשער פון דער וועלט, קעגן דעם „גרויסן־גייסט", וועמענס מאַכט און קלוגשאַפט דו האָסט, ביז איצט, אַזוי געטריי און אויפריכטיק ענערקענט ? !

און פּאָ־קאַ־ניז האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און שטיל, נאָר פעסט, געענטפערט:

— זיין אײַנציקע נאַרישקייט, וועלכע פאַרטונקלט אַ היפּשן טייל פון זייַנע חכמות.

— ווי אַזוי איז דער נאָמען פון אָט־דער נאַרישקייט ? — איז געקומען אַ שטרענגע פראַגע.

— אַלטקייט ! — האָט אָפּגעקלונגען אַ פעסטער ענטפער.

— ווילסטו אייביק לעבן ?

— ניין ! כ'וויל אָבער ניט פוילן לעבעדיקערהייט !

— מאַך קלערער דיין געדאַנק !

— אַלטקייט איז דעם באַשאַפערס שאַנד ! — האָט פּאָ־קאַ־ניז פעסט געענטפערט, — עס מוז זיין אַן אויפגיין, אָבער עס טאָר ניט זיין קיין פאַר־גיין... אַלענפאַלס ניט פאַרן באַוואוסטזיניקן מענטשלעכן מין... עס מוז זיין אַ בליען, אָבער ניט קיין פוילן...

— בליען אָן שום פוילן ?... אויפגיין אָן פאַרגיין ?... — האָט דער „גרויסער גייסט" שטיל, ווי פאַר זיך, איבערגע'חזר'ט און אומצופרידן גע־שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— יאָ ! — האָט פּאָ־קאַ־ניז געענטפערט, — דעם מענטשנס עקזיסטענץ וואָלט אויף אַזאַ אופן גערעכטער און שענער געווען. אַזוי לאַנג ווי דער „גרוי־סער גייסט" האָט אונדז, מענטשן, לויט זיין אייגענעם אויסזען באַשאַפן און אונדז מיט טיילן פון זיין אייגענער חכמה באַשאָנקען... אָט נעם, צום ביישפּיל, מיין אייגענעם נאָמען „פּאָ־קאַ־ניז". אויף אונדזער שפראַך מיינט עס: „אַ פונק פון פייער"... און ווי אַ העלער פונק פון אַ פייער וואָלט איך אויך באַדאַרפט מיין לעבן פאַרענדיקן און ניט אויסגיין אין אַ לאַנגזאַמען פראָצעס פון טאָג־טעגלעכן לעשן זיך, אין אַ באַליידנדיקן פראָצעס פון צו־קוקן מיט די אייגענע אויגן ווי מיין אַמאָליקער, שיינער, שטאַרקער און פלינקער קערפער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ חורבה, אין אַ לאַסט אפילו פאַר די אייגענע, ווי מיין זכרון און מיין ראיה הויבן אָן אָפּצולאַכן פון מיר...

— ער האָט אַן אַנטשלאָסענעם דריי־געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין: — ניין, מיינע פריינט, אַ העלער פונק, אַ בליץ און — אויס!... אַזוי איז פיל לייכטער, פיל שענער, פיל גערעכטער...

בלייכע, מיט טיף־געבויגענע קעפּ, זיינען געזעסן די צוויי געטער. דעם „גרויסן־גייסטס" אויגן האָבן געברענט:

— ווי אַזוי וואָלסטו, אַשטייגער, די וועלט באַשאַפן, ווען דו וואָלסט אויף מיין אָרט געווען?! — האָט אַ דונער־געטאָן דעם באַשאַפערס פראַגע.

און פאַ־קאַ־ניז האָט אויפגעציטערט און איז, אין שרעק, פון זיין אָרט אויפגעשפרונגען. ער האָט איצט שוין דערקענט דעם „גרויסן־גייסט". עטלעכע מינוטן האָט ער געשוויגן, דערנאָך פּעסט געענטפערט:

— מיינע מענטשן, אַלמעכטיקער הערשער, וואָלטן קיינמאָל ניט אַלט געוואָרן: זיי וואָלטן פאַרבליבן יונג און שיין און קרעפטיק ביז זייער לעצטער שעה...

— און ווער וואָלט זיך גענומען דאָס רעכט צו באַשטימען די צאָל יאָרן, וואָס יעדער איינער וואָלט באַדאַרפט לעבן?! — האָט דער „גרויסער־גייסט" געפאָדערט אַן ענטפער — און וואָלטן די יונגע און שטאַרקע צופרידן געווען זיך צו שיידן מיטן לעבן אין סאַמע בלי פון זייערע יאָרן?!... און וואָלטן זיי, פונקט ווי דו, איצט אַליין, מיך ניט באַשולדיקט שוין אין אַ פאַרברעכן?!...

אָבער פאַ־קאַ־ניז האָט שוין ניט געקענט הערן דעם „גרויסן גייסטס" ריידן און אים, אַוודאי, ניט געקענט ענטפערן. זיין האַרץ האָט ניט אויסגעהאַלטן די צו גרויסע אויפרעגונג און ער איז, אַ טויטער, געפאַלן צום הערשערס פיס.

און דער „גרויסער־גייסט" האָט אים פון דיל אויפגעהויבן, זיך איינגעקוקט אַ ווײַלע אין זיין פּנים, אַ קוש געטאָן אין שטערן, און אים אַוועקגעלייגט אויף זיין געלעגער.

טרויעריקע, מיט טיף געבויגענע קעפּ, זיינען די געטער אַרויס פונעם „טשיפּס" געצעלט און צוריק, צום הימל, זיך גענומען הויבן. און הייסע טרערן האָבן פון זייערע אויגן גענומען פאַלן און יעדע טרער איז אין אַן אַזערע פאַרוואַנדלט געוואָרן.

און אַן אַזערע פון געטלעכן צער און ערדישן טרויער.

צען טויזנט אַזערעס, און אפשר מער, פאַרמאָגט איצט דער שטאָט מינעסאָטאַ, דאָס געוועזענע לאַנד פונעם אַלטן הערשער... פאַ־קאַ־ניז... — —

— —

מיר האָבן ביידע געשוויגן אַ ווײַלע, און אַ פראַגע האָט פּלוצלונג אַ בליץ געטאָן אין מיין מוח: „צי איז אָט דאָס, נאָר־וואָס דערציילטע שיינע מעשה'לע,

ניט געווען קיין פּראָדוקט פונעם אַלטנס אייגענע, אויפגעברויזטע פאַנ־טאַזיע?... זיינער אַן אייגענער רעוואָלט אַנטקעגן דעם „גרויסן גייסטס" לעבנס־איינשטעלונג?..."

— זאָג מיר, דזשאָן, — האָב איך אים, פאָרזיכטיק, אַ פרעג געטאָן, — אָבער איך בעט דיך זיך ניט צו באַליידיקן אויף מיר... איז אַט דאָס זייער שיינע מעשה׳לע דיינס גענומען פון אייער „טשיפּאַוואַ" פאָלקסלאָר, צי עס איז אַ פּראָדוקט פון דיין אייגענער פאַנטאַזיע?

ער האָט ניט גלייך געענטפערט. איז געזעסן אַ ווײַלע מיט אַ שטאַרק אָנגעשטרענגטן פּנים און, ווי געזוכט אין זיך אַליין אַן ענטפער אויף מיין פראַגע. ענדלעך האָט ער, זייער שטיל, אַ זאָג געטאָן:

— איך ווייס אַליין ניט... זאָג מיר, וואָס אייגנטלעך מיינט „פאָלקס־לאָר"?... דאָס מיינט דאָך, אַז ניט קיין ביימער, בערג, טייכן אָדער חיות האָבן באַשאַפן די מעשיות פון דעם וואָס עס פרייט, אָדער טוט אונדז ווי... ניט אמת?

— אמת! — האָב איך באַשטעטיקט.

— אויב אַזוי... בין איך דאָך אויך איינער פון אונדזער פאָלק... פאַרוואָס־זשע טאָר איך ניט דערציילן וועגן דעם וואָס איך פיל, וואָס איך לעב דורך?... און פאַרוואָס האָט דער „גרויסער גייסט" באַדאַרפט מיך אַזוי גרויזאַם באַשטראָפן, צונעמענדיק מיין גאַנצע משפחה? שוין ניט רעדנדיק פון דער טרויעריקער לאַגע פון אונדזער גאַנצן שבט...

— ער האָט דיר אָבער איבערגעלאָזט אַ וואונדערלעכן, אַ געטרייען, איי־ניקל... דיין פּיטערן! — האָב איך אים דערמאָנט, ניט אָנרירנדיק די פראַגע וועגן דער לאַגע פון גאַנצן שבט.

ער האָט פאַרטראַכט געקוקט אויף מיר אַ ווײַלע און אַ צושטימיקן שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ:

— ביסט גערעכט!

דערנאָך זיינען מיר ביידע, שווייגנדיק, געזעסן אַ היפּשע צייט און פאַר־טראַכט זיך איינגעקוקט אין ברענענדיקן פייערל. — — — — — — — —
— —

ס׳איז שוין געווען היפּשלעך שפּעט, ווען מיר האָבן אויסגעלאָשן דעם פייער און זיך געלייגט שלאָפן. די נאַכט איז געווען אַ קילע און זייער אַ פייכטע און כ׳האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז עס קומט דזשאָנען אַ גרויסן דאַנק, וואָס ער האָט מיך אַרויסגענומען פונעם וועלדל, וואו כ׳וואָלט זיך, זיכער, געווען שטאַרק פאַרקילט.

— אַ דאַנק, דזשאָני, פאַרן געלעגער, — האָב איך אַ זאָג געטאָן, — אין וועלדל דאַרף איצט זיין גאָר היפּשלעך קאַלט און נאַס...

ער האָט ניט געענטפערט, אָבער מיט אַ צען מינוטן שפּעטער, ווען כ'האָב שוין גענומען איינשלאָפן, מיך אַ שטילן רוף געטאָן:

— דו שלאָפסט שוין?

— ניין... וואָס איז?

— כ'האָב זיך דערמאָנט דאָס וואָרט ווי אַזוי די אַרבעט הייסט, וועל־כעס מיין פאָטער וויל זיך אויסלערנען אין דער גרויסער שול אין מינעאַפּאָליס.

— וואָס איז עס פאַר־אַ וואָרט?

— אינזשענער... ער וויל ווערן אַ אינזשענער... מאַשינען, זאָגט ער, וויל ער אַליין בויען...

— אויסגעצייכנט, דזשאָן, — האָב איך אים פאַרזיכערט, — ס'איז זייער אַ וויכטיקע אַרבעט... אינזשענערן קענען אַלץ אויפטאָן... קענסט רואיק זיין: ס'וועט דיר זיין גוט ביי אים.

ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, דערנאָך, ווי מיט אַ געפאַלענער שטימע, געענטפערט:

— ניט אין דעם גייט עס... דענקסטו ניט, אַז... אַז אָט־די נייע אַר־בעט זיינע וועט אים אָפּשטויסן פון אונדזער... כ'מיין, פון אונדזער אינ־דיאַנער גלויבן?... — ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין ריכטונג צו מיר.

— איך דענק, אַז ניט, — האָב איך אים באַרואיקט, — אַזוי לאַנג ווי ער איז ביז איצט געבליבן מיט דיר, מיטן גלויבן פון זיינע טויטע עלטערן, וועט ער שוין אויך ווייטער בלייבן אַ אינדיאַנער, אַ אינזשענער — אַ אינ־דיאַנער.

אַ טיפער זיפץ האָט זיך דערטראָגן צו מיר:

— זאָג דעם אמת, שין־דייק־סעל, זאָג, דיר וועל איך גלויבן... — ער האָט האַסטיק אָפּגעוואָרפן פון זיך די קאָלדרע, זיך אויפגעשטעלט און באַלד איז ער שוין געזעסן אויף מיין בעטל. איך האָב זיך אויך אויפגעזעצט און גלייך דערפילט אויף מיין פנים זיין אַנגעשטרענגטן בליק.

— זאָג מיר דעם גאַנצן אמת, — האָט ער זיך געבעטן, — האָב ניט קיין רחמנות אויף מיר... דענקסטו טאַקע, אַז ווערנדיק אַ גרויסער מענטש צווישן די ווייסע, וועט ער נאָך אַלץ אָנהאַלטן אונדזער פשוטן, אונדזער אינ־דיאַנישן גלויבן?!...

איך האָב אים, מיטביידע הענט, אָנגענומען פאַר זיינע אַקסלען און אים אַ גוטן טרייסל געטאָן:

— הער, מאַ־נאַ־נאַ, דו ווייסט וואָס עס מיינט הונדערט פּראָצענט?

ער האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ ווײַלע:

— הונדערט פּראָצענט מיינט אַ סך... מיינט אַלץ... ניט אמת?

— יאָ, — האָב איך באַשטעטיקט, — הונדערט פּראָצענט קען מיינען

אַלץ... און אויב אַזוי, וועסטו שוין פאַרשטיין, אַז ניין־און־ניינציק פּראָצענט — מיינט אַ קליין... — כ'האָב, אין דער פינצטער, אים אָנגעוויזן אויפן שפּיץ פונעם מיטלסטן פינגער, — מיינט מיט אַ פיצינקע שטיקעלע ווייניקער... און אויב דו גלויבסט מיר טאַקע, וועסטו פאַרשטיין, אַז איך קען דיך ניט פאַרזיכערן אויף אַלע הונדערט פּראָצענט, כ'בין אָבער נאָך מער ווי זיכער, אויף גאַנצע ניין־און־ניינציק פּראָצענט, אַז ער וועט בלייבן אַ אינדיאַנער, אַז די מיסיאָנערן וועלן אים ניט קריגן...

ער האָט טיף און מיט באַלייכטערונג אָפּגעזיפצט, איז צוריקגעגאַנגען צו זיין געלעגער, זיך אַוועקגעלייגט, איינגעוויקלט אין דער קאָלדרע און, נאָך אַ פּאַוזע, שטיל אַ זאָג געטאָן:

— כ'האָב אויך אַזוי געדענקט... אָבער איצט איז מיר פיל גרינגער...

— שלאָף איין און זיי רואיק, — האָב איך אים געראַטן.

נאָך אַ ווײַלע שווייגן, האָט ער זיך ווידער אָפּגערופן:

— ווען דו וועסט זיך אויפכאַפּן איבערפרי, וועל איך שוין זיין ביי דער אַרבעט. וואַרעם זיך אָן אַ פּאָר טעפּעלעך קאַווע און אין דער שאַפקע, נעבן דיין בעטל, וועסטו געפינען גענוג שפּייז פאַר פרישטיק. נעם אויך מיט אַביסל אויפן וועג... מיר'ן דאָ שוין קריגן, אויב מיר'ן עפּעס דאַרפן.

— אַ דאַנק, ברודער! — האָב איך אים געענטפערט, — איך וועל עס, זיכער, טאָן. און גיב איבער מיין האַרציקן גרוס און בעסטע וואונטשן צו דיין פּיטערן... זאָג אים, אַז ער גייט אויפן ריכטיקן וועג... און איך וועל אויך, איבערפרי, איידער כ'וועל אַוועקגיין, אָנשרייבן און איבערלאָזן אויף מיין בעטל מיין ניו־יאָרקער אַדרעס... אויב עס וועט עמיצן פון אייך אויסקומען אַמאָל צו זיין אין ניו־יאָרק, לאָזט מיר פריער וויסן און כ'וועל שוין זען צו אַראַנזשירן, אַז מיר זאָלן זיך טרעפן...

כ'האָב באַמערקט, אין דער פינצטערניש, ווי דזשאַן האָט זיך האַסטיק אויפגעזעצט, זיך איינגעקוקט אין מיין זייט און אויך, אָנגעשטרענגט, זיך ווי איינגעהערט אין מיינע ווערטער. דערנאָך האָט ער זיך, פּונקט אַזוי שנעל, צוריקגעלייגט און איבערגעדעקט דעם קאָפּ מיט דער קאָלדרע.

— האָסטו, דזשאַן, געהערט, וואָס איך האָב דיר געזאָגט? — האָב איך איבערגעפרעגט.

— געהערט! — האָט ער, נאָך אַ קורצער שוויגעניש, געענטפערט און איך האָב געקענט שווערן, אַז כ'האָב געהערט טרערן אין זיין קול.

— אַ גוטע נאַכט, מאַ־נאַ־נאַ!

ער האָט ניט געענטפערט.

נאָוועמבער, 1958.

די פאַרלוירענע פייל

(אַ יאָסעמיטי מעשהלע)

דער פרימאָרגן האָט געשיינט צו זיין זייער אַ קלאָרער און די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט די ריחות פון די הונדערטער מינים בלומען און צענדליקע מינים ביימער, מיט וועלכע עס צייכנט זיך אַזוי אויס דער „יאָ־סעמיטי־טאָל" (יאָסעמיטי־וועלי) אין קאַליפאָרניע.

דער הימל — אַ פיאָלעט־בלויער, וואַר־ביט־וואו אַ באַשפּרינקלטער מיט גרופּעס קלאָר־ווייסע וואָלקנדלעך. די זון האָט זיך נאָך ניט געהאַט באַוויזן, אָבער אירע זאַפטיק־גאָלדענע שטראַלן האָבן זיך ברייט צעשפּרייט איבערן מעכטיקן רוקן פונעם „על־קאַפּיטאַן" באַרג און זיך ווי באַמיט אַריינצוקוקן אין דעם, נאָך פאַרשאָטנטן „יאָסעמיטי־טאָל".

און דער שטרענגער, גראַניטענער גיגאַנט „על־קאַפּיטאַן", אָדער ווי די אינדיאַנער פלעגן אים רופן „טו־טאַק־אַ־נו־לאַ", וואָס מיינט „שטיין־טשיף", וועלכער האָט זיך אַזוי מאַיעסטעטיש געהויבן פונעם טייכל „מערסעד" צום הימל אויף אַריבער זיבן טויזנט און פינף הונדערט פוס, האָט איצט, ווי ביט ווילנדיק, געשמייכלט אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער זון און פיל מילדער, ווי אַ גאַנצן טאָג, אַראָפּגעקוקט סיי אויפן טייך, אַזוי אויך אויף דער גע־דיכטער נעץ הויכע סאָסנעס אויף זיינע ברעגן.

איך האָב יענעם זומער פאַרבראַכט אין אַביידל אין יאָסעמיטי טאָל, קאַליפאָרניע, אַלס אַ גאַסט ביי מיין „אינדיאַנער מוטער" מיט אירע צוויי זין און זייערע פרויען.

געקומען צו זיי בין איך מיט דריי וואָכן צוריק מיט אַ פערזענלעכן גרוס צו דער מוטער „נאָ־וויס" פון אירן אַן אַלטן האָפּי פריינט, פון איינעם פון די שלאַנגען־פּריסטער פונעם דאָרף אָראַיבי אין אַריזאָנאַ. צוזאַמען מיטן גרוס האָב איך אויך געבראַכט אַ בריוו פונעם פּריסטס זון — אָ־טאַ־קאָ צו נאָ־וויס׳עס יינגערן זון ווי־פאַ־יאָקן, מיט וועמען יענער האָט פאַרבראַכט פיר יאָר אין אַ רעגירונגס שול.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז סיי דער גרוס, אַזוי אויך דער בריוו געווען זייער אַ גינסטיקער פּאַר מיר, ווייל מען האָט מיך אויפגענומען מיט דער האַרציקסטער פריינטשאַט. מען האָט מיך באַזעצט אין אַ באַזונדער ביידל, אין שכנות מיט ווי־פאַ־יאָקן און זיין פרוי לאָ־יאַן, און די שיינקייט און רייכקייט פונעם טאָל, צוזאַמען מיט דער האַרציקייט סיי פון דער מו־טער נאָ־וויס מיט אירע קינדער, אַזוי אויך פון די איינוואוינער פונעם גאַנצן דערפל — האָבן פאַרוואַנדלט מיינע טעג אין איין לאַנגן, צויבערנ־דיקן חלום.

אמת, היפּשלעך געשטערט האָט דער אָפט ווילדער רויש און געלויף פון די פילצאָליקע געסט פון די אַרומיקע, רייכע האָטעלן, דער געשטאַנק

פון גאַזאָלין פון זייערע אָטאָמאָבילן, דער טומל פון זייערע בייגאַכטע פאַר־ווײלונגען, אָבער דער טאָל האָט פאַרמאָגט הונדערטער ווייט־פאַרוואָרפענע ווינקלען, וואו זיך צו באַהאַלטן: סיי צווישן די בערג, אַזוי אויך אין די וועלדער, וואוהין קיין שום האָטעל־טומל האָט ניט געקענט דערגרייכן.

און ווי־פּאַ־יאָק פלעגט מיך, אַ טאָג איבער אַ טאָג, אַרומפירן איבער אַלע וואונדערלעכע פלעצער און אָפט מיר דערציילט שפּאַנענדיקע מעשה׳לעך פונעם לעבן פון זיין שבט.

און אין יענעם לויטערן פרימאָרגן האָט ער מיך, צוזאַמען מיטן זונען־אויפגאַנג, אויך אַ רוף געטאָן:

— האַלאָ, דיקסי!... דו שלאָפסט נאָך?

— גוטער מאָרגן, ווי־פּאַ־יאָק! וואָס פאַראַ שלאָפן? ווי אַזוי האָסטו פאַרבראַכט די היינטיקע נאַכט?

— אויסגעצייכנט! — האָט ער לאַכנדיק געענטפערט, — מיר, אינדיאַנער, ליידן ניט פון קיין שלאָפלאָזיקייט. זאָג, האָסטו באַמערקט, וואָס פאַראַ וואונדערלעכער פרימאָרגן עס איז היינט?

— זיכער. איך פיל אים ניט נאָר מיט דער נאָז, נאָר אויך מיט יעדן אבר.

— דאָס קלינגט זייער שיין! — האָט לאָ־יאַ, די פרוי זיינע, זיך צעלאַכט.

— איך בין היינט פריי, דיקסי, — האָט ער פאָרגעזעצט, — וואוהין גייען מיר היינט?

— וואוהין דו ווילסט, — האָב איך זיך דערפרייט, — כ׳בין פאַרטיק אפילו גלייך אַרויסשפּאַנען. — כ׳בין געשווינד אַראָפּ פונעם לייווענטענעם בעטל און זיך גענומען אָנטאָן.

— ווי איז וועגן אַ שפּאַציר צו דער „פאַרלוירענער פּייל“? — האָט ער פאָרגעלייגט.

— עס קען ניט זיין בעסער! — האָב איך זיך דערפרייט, — אָבער דו וועסט מיר אויך מוזן דערציילן די לעגענדע וועגן „דער פּייל“.

— דער וועג איז אָבער אַ שווערער, — האָט ער מיך געוואָרנט, — ס׳איז כמעט ווי קיין סטעזשקע אַהין ניט פאַראַן. מען מוז די גאַנצע צייט קריכן באַרג־אַרויף.

— עס מאַכט ניט, — האָב איך אַ לאַך געטאָן, — אָבער געדענק: וועסט מיר מוזן דערציילן די מעשה...

אַ קורצער געלעכטער איז געווען זיין ענטפער —

אַרום צען אַזייגער, גלייך נאָכן פרישטיק, האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין, מיטנעמענדיק מיט זיך אונדזערע שטעקנס, צו ביסלעך שפּייז און מעטאַלענע שענקלעך מיט וואַסער.

די מוטער, צוזאַמען מיט לאָ־יאַ׳ן, זיינען געשטאַנען ביים וועג און אונדז באַגלייט מיט זייערע שמייכלען.

— זייט פאָרזיכטיק! — האָבן זיי ביידע אונדז געוואָרנט, — די סטעזשקע

איז ניט קיין געגוצטע, מעגלעך אַ פּאַרוואַקסענע און זיכער אַ פּאַרוואָרפּענע מיט שטיינער... פּאַלגט ניט נאָך „קאַ־סו־קאַ׳ס ביישפּיל.

— אַ דאַנק מוטער! אַ דאַנק, לאַ־יאַ!... — האָבן מיר זיי געענטפערט, — מיר׳ן זיין פּאַרזיכטיק.

פאַרבייגייענדיק די געביידע פון דעם מוזייאום, זיינען מיר ביידע מיט־אַמאָל אינגאַנצן ווי איינגעהילט געוואָרן אינעם רויש און, ערטערווייז, אויך אין אַ דריבנעם רעגנדל פונעם יאָסעמיטע וואַסער־פאַל, וועלכער אַנטפּלעקט זיך אין דער הויך, ווי אַ מעכטיקע, זילבערנע סטענגע און ווערט באַלד פאַר־שווינדן אין אַ געדיכטער נעץ פון סאָסנעס און ספּריוסן ביימער.

— הויב אויף דעם קאָפּ און כאַפּ אַ קוק אויפן אויבערשטן טייל פונעם זעלבן „טשו־לוק״ (וואַסער־פאַל), — האָט מיר מיין חבר אַ זאָג געטאָן, — יענער איז מיט דריי־פערטל מייל ווייטער און פאַלט פון אַ הויך פון אַרי־בער פערצן הונדערט פוס...

איך האָב געשוויגן, זיך זשעדנע איינגעקוקט אין די רוישיק־פאַלנדיקע וואַסער־שטראָמען און געטראַכט וויפל שיינקייט אונדזער וועלטל, בפרט אָט־דער פּאַרק, פאַרמאָגט עס און ווי, פאַרהעלטנמעסיק, קליין איז די צאָל מענטשן, וועלכע געוויינען פון דעם. און איך האָב זיך אויך דערמאָנט וועגן אַ בילד, וועלכע שטייט ביי מיר אין דער היים, אויף מיין ביכער־שראַנק, וואו דער נאָך יונגער קאָמפּאָזיטאָר דזשין סיבעליאוס שטייט איינער אַליין און שפּילט אויף זיין פידל, אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פון די פאַלנדיקע וואַ־סערן. ער שטייט, דאַכט זיך, אויפן זעלבן אָרט וואו איך שטיי איצט, ביים וואַסער־פאַל.

— ריר זיך! — האָט מיין וועג־ווייזער מיך דערמאָנט, — אָט דאָ, טאַקע ניט זייער ווייט, רעכטס פונעם וואַסער־פאַל, הויבט זיך אָן אונדזער סטעזשקע... ס׳וועט זיכער נעמען אַ צוויי שעה, ביז מיר׳ן זיך דערקלייבן צו אונדזער אָפּרו־פּלאַץ, וואו...

איך האָב אים איבערגעשלאָגן:

— וואו דו וועסט מיר דערציילן אייער שיינע לעגענדע פון דער פאַרלוי־רענער פייל.

ער האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט:

— ביסט אַ מאָדנער מענטש, דיקסי. אַזוי, אַז מען גיט אַ קוק אויף דיר, ביסטו, דאַכט זיך, אַ גרויסער ,אַ דערוואַקסענער מענטש. ווען עס קומט אָבער צו הערן מעשיות, ווערסטו פאַרוואַנדלט אין אַ קינד...

איך האָב זיך צעלאַכט:

— ווייל דאָס גאַנצע לעבן, ברודער, איז ניט מער ווי אַ מעשה. פאַר איי־ניקע אַ פריילעכע, פאַר אַנדערע — אַ טרויעריקע.

ער איז שטיין געבליבן, זיך געגומען אַרומקוקן, שפּאַנען פאַראויס און צוריק, און ענדלעך צעשפּאַרט עטלעכע קוסטן און, ניט אויפהויבנדיק די

בליקן פון דער ערד, געגומען לאנגזאם גיין פאראויס.

איך האב אים, פארזיכטיק, געגומען נאכגיין, באמיענדיק זיך אוועקצו־שטעלן מיינע טריט ניט זייער ווייט פון זיינע.

גיך האט לינקס פון מיר געגומען, ווי אויסוואקסן דער מאסיווער הינ־טערשטער טייל פון דער „פייל" און ס'איז פאר מיר קלאר געווארן, אז מיר דראפען זיך אויף דער זייט פון א בארג. רעכטס פון איר און אויף א פאר־וואקסענער, ווילדער סטעזשקע, אויף וועלכער קיין מענטשלעכער פוס האט שוין, ווער ווייסט וויפל יארן, ניט געטראטן. מיר האבן זיך ביידע געמוזט, פון צייט צו צייט, אפשטעלן, אפכאפן דעם אטעם, זיך אנהאלטן אן קוסטן און אראפשליידערן פון וועג אראפגעפאלענע שטיינער.

און וואס העכער מיר האבן זיך געהויבן, אלץ טיפער האט דער טאל, צווישן אונדזער בארג און דער „פייל" זיך אראפגעלאזט און איז איינגיכן פארוואנדלט געווארן ווי אין אן אפגרונט. די איינציקע פאר ווערטער, וועלכע ווי־פא־יאק האט עטלעכע מאל איבערגע'חזר'ט, זיינען געווען:

— דיקסי, האלט זיך וואס נאענטער צו דער זייט פון בארג!

— איך פארשטיי... זיי רואיק! — איז יעדעס מאל געווען מיין ענטפער.

ענדלעך, נאך אריבער א שעה זיך הויבן, האבן מיר דערגרייכט זייער א קליינע, אבער א גאנץ באקוועמע, גראזיקע לאנקע, מיט א קליינער הייל אויסגעקארבט אין בארג. אויף א צאל טרעפ ארום דער לאנקע האבן זיך אפילו צעוואקסן פארשיידענע מינים קוסטן און געמאכט דעם איינדרוק פון א באקוועם איינגעארדנטער, באוואוינטער טעראסע.

— זע נאר, זע נאר! — האב איך זיך צעלאכט, — ווער וואלט עס גע־קענט פארדעכטיקן, אז אט אויף דעם, דאכטן זיך, טויטן בארג, זאל זיך געפינען אזא ווינקל?!

מיין חבר האט, צופרידן, געשמייכלט און האלב אין שפאס, האלב ערנסט, געענטפערט:

— אונדזערע גוטהארציקע גייסטער זארגן זיך שוין, אז די וואס וואגן צו קריכן אין אזוינע ערטער, זאלן מיט עפעס באלוינט ווערן.

— קומען אמאל אהער אויף די האטעל־געסט? — האב איך געוואלט וויסן.

— קיינמאל ניט! — איז ער זיכער געווען, — זיי פירט מען ווייזן די „פייל" פון אנדערע פלעצער.

מיט גאר א היפשן אפעטיט האבן מיר אויפגעגעסן דאס ביסל געבראכטע שפייז און שטארק באדויערט וואס מיר האבן געגומען אזוי ווייניק.

— און איצט, ברודער, קומט די מעשה, — האב איך אים דערמאנט, — אבער איידער נאך דו הויבסט זי אן צו דערציילן, מוז איך דיר זאגן, אז דו דערציילסט דיינע מעשיות ווי אן אמת'ער דיכטער... לאך נישט, איך מיין עס ערנסט. גאנץ מעגלעך, אז דו באזיצט א גרויסן טאלאנט פון אן אראטאר, אדער אפשר גאר פון א פאעט... אבער דיין וועג פון דערציילן איז באמת

גאָר אַ פיינער...

ווי־פּאַ־יאָק האָט האַלב ניט גלויביק, האַלב צופרידן געשמייכלט. דערנאָך האָט ער אויף אַ ווײַלע פאַרמאַכט די אויגן, זיי באַלד עטוואָס צעעפנט, זיך אײַנגעקוקט אין דעם ריזיקן שטיין, מיטן שפּיץ געווענדט צום הימל און לאַנגזאַם, שטיל, גענומען דערציילן:

—...שטאַרק און הויך געוואָקסן, פּונקט ווי די גראַניטענע ווענט און בערג פון אונדזער „אָ־וואַ־ני" (טיף גראָזיקן טאָל), ווען די ווײַסע מענטשן האָבן שפּעטער אַ נאָמען געגעבן „יאָסעמיטי טאָל", שיין און פריילעך, ווי דער לויף פון אונדזערע וואַסער־פאַלן — איז אַמאָל געווען אונדזער „אָ־וואַ־ניט־שי" שבט...

—...אָבער ניט געקוקט אויף אונדזער שטאַרקייט, האָבן מיר געלעבט אין שלום מיט אַלע אַרומיקע אינדיאַנישע שבטים, זיך געביטן מיט שפּייז, ווי אויך מיט היימיש־אויסגעאַרבעטע זאַכן און געגאַנגען צו גאַסט אײנער צום צווייטן... — ער האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן, — קיין ווײַסן מענטשן האָבן מיר נאָך דאַן קיינמאָל פאַר אונדזערע אויגן ניט געזען און, ווי אין אַ זיסן חלום, זײַנען געלאָפן אונדזערע טעג און נעכט אין אָט־דעם טאָל אונדזערן, וועלכער האָט אונדז באַזאָרגט מיט אַלע מינים שפּייזן און וועלכן דער „גרויסער גייסט" האָט אויסגעצירט מיט די שענסטע בלומען, ביימער און אָנגעפילט מיטן צויבער־געזאַנג פון אומצאָליקע מינים פייגל און מיטן שטילן געלויף פון פאַרשיידענע מינים חיות... כמעט יעדן טאָג פון יאָר האָט די העלע זון זיך געשפּיגלט אין אונדזערע טײַכלעך און אָזערעס און יעדע נאַכט האָבן זיך אין די וואַסערן געשפּילט און זיך געבאָדן די שטערן... און קיינעם פון אונדז איז אין יענע גליקלעכע צײַטן אפילו אויפן זינען ניט געקומען, אַז ערגעץ־וואו אויף דער וועלט זײַנען פאַראַנען „בלייך־פּנים־דיקע", צוויי־פוסיקע באַשעפענישן, זייער ענלעכע, אַחוץ דער פאַרב פון דער הויט, צו אונדז; באַשעפענישן, וועלכע באַזיצן „פייער־שטעקנס" און „פייער־וועגענער", וועלכע זײַנען כיטרע, זשעדנע, גרויזאַם און פאַלש; וועלכע קענען רעדן גוטע, שיינע רייד און אין דער זעלבער צײַט פּלאַנירן מיאוס'ע, פאַררעטערישע טאַטן...

און ווען אָט־די „ווײַסע מענטשן" זײַנען פּלוצלונג אָנגעקומען אין אונדזער לאַנד, האָבן מיר, ניט קענענדיק זיי, זיי אויפגענומען ווי ברידער און זיי געהאָלפן זיך אײַנאָרדענען אויף אונדזער ערד; און מיט זיי זײַנען אויך געקומען זייערע פּריסטער, וועלכע האָבן גענומען אויפשטעלן ווײַסע, הויכע קלויסטערס, מיט צלמים אויף זייערע שפּיצן... און זיי האָבן אונדז גענומען דערציילן מעשיות וועגן זייער באַרמהאַרציקן גאָט מיט זײַן זון — יעזוסן, וועלכער האָט אָפּגעגעבן זײַן לעבן פאַר דער זינדיקער מענטשהייט. און אין דער צײַט וואָס די ווײַסע מענטשן האָבן געהאַלטן אין אַוועקנעמען פון אונדז אונדזער לאַנד, האָבן זייערע פּריסטער זיך באַמיט, מיט גוטן און בייזן, באַרויבן אונדז פון אונדזער גלויבן, פון אונדזער „גרויסן־גייסט", פון אונ־

דזערע אַלטע מנהגים...

און ווען מיר האָבן זיך געגומען קעגנשטעלן אַנטקעגן דער צווייענדי־קער רויבערייַ, האָבן זיי אָן רחמנות, ווייזט אויס, אויך מיט דער הילף פון זייער בערעמהאַרציקן גאָט מיט זיין גאָבעלן זון, גענומען אונדז אויסמאָרדן און... די לעבן־געבליבענע האָבן זיי, שפּעטער, אין רעזערוואַציעס, ווי ווילדע חיות, פאַרשפּאַרט...

ווי אַ פאַרגאַפטער האָב איך זיך צוגעהערט צום שטראָם שיינע ווערטער און פיין צונויפגעשטעלטע זאַצן, איבערגעפילטע מיט פייער און ווייטאָק און זיך ניט געקענט איינהאַלטן פון אַ זאָג צו טאָן:

— ווי איך זע, ברודער ווי־פּאַ־יאַק, האָסטו זיך אין שול אויסגעלערנט צו נוצן אַ גאַנץ פיינעם ענגליש... און איך מוז דיר נאָך אַמאָל זאָגן, אַז איך דענק, אַז אויב וועסט עס נאָר ניט פאַרנאַכלעסיקן קען פון דיר מעג־לעך אין דער צוקונפט אַרויסקומען אַ גאַנץ פיינער דיכטער, אָדער שרייבער.

ער האָט ניט געענטפערט, בלויז אַ שוואַכן שמייכל געטאָן, זיך איינגע־קוקט אַ ווײַלע אין שפּיץ פון דער שטיינערנער „פּייל" און ווייטער גענומען דערציילן:

— געהאַט האָבן מיר, אין יענער צייט, אַ יונגן „טשיף" מיטן נאָמען „קאַ־סו־קאַ", וועלכער האָט ניט געהאַט קיין גלייכן צו זיך אין גאַנצן שבט: ניט אין שכל, קראַפט, אָדער פלינקייט. זיין אויג איז פּונקט אַזוי שאַרף געווען, ווי דער שפּיץ פון זיין מעסער און זיין פייל האָט שטענדיק געפונען דעם שונאס ברוסט.

די אַלטע האָבן באַוואונדערט זיין חכמה און העלדישקייט און די יונגע זיינען געגאַנגען אין זיינע וועגן.

און פּונקט ווי קאַ־סו־קאַ צווישן מענער, אַזוי איז אויך געווען באַליבט און געאַכטעט די צויבער־שיינע טי־ווי־נעי צווישן אונדזערע פרויען. ווי אַ יונגע סאַסנע איז זי געווען מיט די באַוועגונגען פון אַ צאַרטער סערנע. קיין פויגל פלעגט ניט איבערררייסן זיין ליד, ווען זי פלעגט פאַרבייגיין אין וואַלד און אירע לידער האָבן נאָכגעזונגען אַלע מיידלעך, דערוואַרטנדיק זייערע געליבטע. איר שמייכל און פינקל פון אירע גרויסע בלויע אויגן — זיינען געווען אַ צוזאָג אויף אייביקן גליק...

קיינער אין שבט האָט ניט געקענט פלעכטן אַזעלכע קאָשעלקעס און טע־לערלעך ווי זי; קיינעמס געבעקסן זיינען ניט געווען אַזוי געשמאַק ווי אירע און קיינעמס פעל ניט אַזוי ווייך אויסגעאַרבעט און אַזוי שיין באַצירט... און יעדער איינער, וועלכער האָט אפילו בלויז איין מאָל באַמערקט די העלע פרייד, וועלכע פלעגט יעדעס מאָל אויפלויכטן סיי אין קאַ־סו־קאַס, אַזוי אויך אין טי־הי־נעיס אויגן, ווען זיי פלעגן זיך באַגעגענען, האָט שוין אויף זיכער געקענט פאָראויסזאָגן, אַז מען וועט אינגיכן שוין אָנזאָגן דעם שבט וועגן זייער חתונה...

און יוען קאַ־סו־קאַ האָט אין איין שיינעם פרימאָרגן, געבראַכט צום וויג־וואס (געצעלט) פון טי־הי־נעיס עלטערן אַ גאַנצן באַרג מיט פעלן פון בערן, הירשן, באַג־לייבן, וועווערקעס, שנירלעך בערן־ציינער, אַ גרויסן פאַק מיט ווייכע, וואָלענע קאָלדרעס, און רייכע צירונג, געמאַכט פונעם נעוועהאָ שבט, וואו זילבער האָט זיך וואונדערלעך־שיין באַהעפט מיט בלוט־רויטע קרעלן און מיט הימל־גרין־בלויע טוירקויז שטיינער, האָבן די אַלטע טאַטע־מאַמע זיך אפילו ניט באַמיט צו ציילן די פרעזענטן, ווייל זייער גרעסטע מתנה איז געווען זייער בייער זון — קאָ־סו־קאַ.

און גרויס איז אויך געווען די פרייד פונעם גאַנצן שבט, ווען מען האָט זיך דערוואוסט וועגן די געבראַכטע מתנות און אַלע האָבן זיך גענומען גרייטן צו דער חתונה. די עלטערע פרויען האָבן זייער פלייסיק גענומען רייבן אויף פלאַכע שטיינער, אייכלען־ניס אויף מעל־ברויט צו באַקן; די יונגע זיינען צו־זאַמען מיט דער כלה אַוועק אין די פעלדער און אין נאָענטן וואַלד צו זאַמלען פרוכטן, ווילדן האָניק, יאַגעדעס, געשמאַקן וואָרצלען און פאַרשיידענע קריי־טעכער...

די יונגע מענער האָבן אין דער זעלבער צייט, אונטער דער פירערשאַפט פון קאָ־סו־קאַ׳ן, זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין צום אורוואַלטן וואַלד, וועלכער האָט זיך געפונען אויף די גאָר הויכע בערג, צו באַזאָרגן גענוג פרישע פלייש פאַר דער קומענדיקער שמחה...

קאָ־סו־קאַ האָט זיך געזעגנט מיט זיין געליבטער און ביידע האָבן זיי צווישן זיך אָפגעמאַכט, אַז צום מאָרגנדיקן זונען־אונטערגאַנג, ווען די יאַגד וועט שוין זיין געענדיקט, זאָל ער פונעם באַרג שפּיץ, וועלכער געפינט זיך צו מזרח פונעם הויכן „טשאַ־לאַק" (דעם אויבערשטן יעסעמיטי וואַסער־פאַל) אַראָפּשיסן זיינע אַ פייל אין טאָל אַריין. און צום סאַמע עק פון זיין פייל זאָל ער צובינדן פונקט אַזוי פיל פעדערן, וויפל הירשן און בערן זיי וועלן יענעם טאָג דערשיסן. זי וועט וואַרטן אונטן אויף דער פייל: זי וויל זיין די ערשטע אָט־די פריילעכע בשורה דעם שבט צו ברענגען...

די ביינאַכטיקע שאָטנס, געמישט מיט די פרימאָרגן נעפּלען, האָבן נאָך גערוט אויף די באַרג־שפּיצן און די הויכע ווענט פון טאָל, ווען קאָ־סו־קאַ, מיט זיינע חברים, האָבן אָנגעהויבן אַרויפצוקלעטערן די שמאָלע סטעזשקע צו די הויכע בערג, וואו עס האָט געוואַרט אויף זיי דער אורוואַלטער וואַלד.

טי־הי־נעי איז געשטאַנען אַ באַהאַלטענע צווישן געדיכטע קוסטן, גע־היט פון ווייטנס קאָ־סו־קאַ׳ס שאָטן און געבעטן דעם „גרויסן, ווייסן גייסט" און אַלע אַנדערע וויכטיקע גייסטער אָפּצוהיטן איר געליבטן פון אַלע געפאַרן און אים אַנטקעגן שיקן וואָס מער שנעל־פוסיקע הירשן און אַנדערע באַרג־חיות.

אַ גאַנצן טאָג האָט קאָ־סו־קאַ, צוזאַמען מיט אַלע זיינע יעגערס, זיך אַרומגעטראָגן איבערן וואַלד און פריילעכע אויסגעשרייען האָבן באַגריסט

דאָס פּאַלן פון יעדער חיה פון גרעסערן מין. אויפן ערשטן בער האָט קאָ־סו־קאָ זיך אַ וואָרף געטאָן איינער אַליין, בלויז מיט זיין לאַנגן, שאַרפן מעסער אין האַנט. נאָך אַ צען מינוטיקן קאַמף איז די גרויסע, מעכטיקע חיה געלעגן אַ טויטע מיט אַן איבערגעשניטענעם האַלדז... און פאַרנאַכט צו זיינען שוין צוויי בערן, אַכט הירשן און אַ גרויסע צאָל האָזן און ווילדע הינער געלעגן אויסגעלייגט אויף אַ לאָנקע און די יעגער האָבן זיך געגרייט זיי אַראָפּצוטראָגן אין טאָל אַריין.

קאָ־סו־קאָ איז געזעסן ביי דער זייט און שנעל געבונדן איין פעדער נאָכן צווייטן צום עק פון זיין לאַנגער פייל. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעגנבֿ'עט פון זיינע חברים און זיך גענומען איילן צום אָפּגערעדטן אָרט, אַרונטערצושיסן די גוטע בשורה צו זיין געליבטער... אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז די זון זעצט זיך צו גיך און ער האָט אַלץ מער פאַרשנעלערט זיין לויף...

עס האָט שוין גענומען עטוואָס טונקל ווערן, ווען ער האָט ענדלעך דערגריכט דעם באַרג שפּיץ, צו מזרח פונעם וואַסער־פאַל. אָבער אַ גליקלעכער, האָט ער אָנגעצויגן זיין בויגן און שוין פאַרטיק געווען אַ שליידער צו טאָן די פייל אין טאָל אַריין, אָבער אין דער זעלבער רגע האָט זיך דער שטיין, אויף וועלכן ער איז געשטאַנען, אָפּגעריסן און ער איז, צוזאַמען מיט אים, אַראָפּגעפאַלן אויף די שפּיציקע שטיינער, טיף אונטערן באַרג...

אַ גאַנצן טאָג האָט טי־הי־נעי געאַרבעט צוזאַמען מיט די איבעריקע פרויען, און מיט אומרו און פרייד געהיט דעם גאַנג פון דער זון. און ווען די צייט איז געקומען האָט זי זיך, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, אַוועקגעגנבֿ'עט פון אירע חבֿר'טעס און שנעל, ווי אַ זונען־שטראַל, זיך גענומען יאָגן, איבערן פעלד, צום אָפּגערעדטן אָרט.

און אָנקומענדיק אַהין, האָט זי פאַרריסן דעם קאָפּ צום הויכן באַרג־שפּיץ און גענומען מיט די בליקן אַרומזוכן דעם געליבטן... געזוכט, געפּראָוועט אפילו רופן, אָבער אומזיסט: קיינער איז אויפן באַרג־שפּיץ ניט געשטאַנען, קיינער האָט אויף אירע רופן ניט געענטפערט...

האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין און גענומען וואַרטן. זיינען רגע'ס, צערשט, לייכט געפלויגן, דערנאָך האָבן מינוטן גענומען, שוין שווער, שטויסן איינע די צווייטע און דער אַזוי־שטאַרק געוואונטשטער סילועט איז אויפן באַרג־שפּיץ אַלץ ניט דערשינען און קיין פייל איז אין טאָל אַריין אַלץ ניט געפאַלן. און די נאַכט־שאָטנס אין טאָל האָבן שוין גענומען אַלץ געדיכטער ווערן און אַלץ העכער זיך הויבן צו די בערג. און יעדער שאָטן האָט גענומען זי פּייניקן, איר אָנזאָגן בייזע בשורות, מאָלן שרעקלעכע בילדער... האָט זי מיט אַלע אירע כוחות געקעמפט קעגן זיי, זיך אַליין געפּראָוועט פאַרזיכערן, אַז די יעגער זיינען פאַרגאַנגען צו ווייט, אַז קאָ־סו־קאָ האָט, איילנדיק זיך צום באַרג־שפּיץ, פאַרלוירן דעם וועג און מוז ערגעץ־וואו איבערוואַרטן די נאַכט, אָדער ער קען נאָך, צו יעדע מינוט, דערשיינען

אויפן אָפּגערעדטן אָרט...

און זי האָט זיך אויך איינגעקוקט אין דער שמאָלער סטעזשקע, וואָס איז געלאָפן פון די בערג אין טאָל אַריין, און יעדער נאַכט־רוף פון אַ חיה אָדער פויגל האָט זי געוואָרפן אין אַ ציטער... און ווען די דערוואַרטונג האָט זיך שוין גענומען גרענעצן מיט וואַנזין, האָט זי גענומען, האַלב־גייק, האַלב־קלעטערן אויף דער שמאָלער סטעזשקע צום באַרג־שפּיץ, צום אַלטן וואַלד.

און ביי יעדן אָפּשטעל, ווען זי האָט געמוזט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, האָט זי געוואָרפן אין דער געדיכטער פינצטערניש, איר פאַרצווייפלטן רוף:

— קאַ־סו־קאַ!... קאַ־סו־קאַ!... ליבסטער מיינער! . . .

אָבער ניט קריגנדיקן קיין ענטפער, האָט זי זיך אַלץ העכער געהויבן און ווידער געוואָרפן אין דער נאַכט אירע האַרץ־רייסנדיקע רופן:

— קאַ־סו־קאַ!...

ענדלעך האָט סי־הי־נעי דערגרייכט דעם באַרג־שפּיץ, פון וועלכן די פייל האָט באַדאַרפט אַראָפּגעשאָסן ווערן. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און גענומען באַטאַפּן די ערד און די אַרומיקע שטיינער. אויפן בויך האָט זי זיך געגלישט פון איין אָרט צום צווייטן, ביז זי איז צוגעקומען צום סאַמע אָפּרייס. דאָ האָט זי דערשפּירט זיין פרישקייט, דערפילט ווי פון אונטער איר קערפער האָבן זיך גענומען קייקלען שטיינער און פאַלן אין דער טיפעניש. און אַ געדאַנק האָט שאַרף, ווי אַ בליץ, אַ פינקל געטאָן אין מוח: „אָט דאָ איז ער מעגלעך געשטאַנען און... און איז צוזאַמען מיטן שטיין אַראָפּגעפאַלן...״

— קאַ־סו־קאַ! — האָט זי שוין איצט גענומען שרייען אין טאָל אַריין.

— קאַ־סו־קאַ, רוף זיך אָפּ!... איך בין עס, דיין טי־הי־נעי... ענטפער, קאַ־סו־קאַ, ענטפער!...

קיין ענטפער, אַחוץ דעם רויש פון די ביימער און דעם מורמל פונעם ניט וויטן וואַסער־פאַל. — — — — — — — — — — — — — — — —
— —

ווי־פאַ־יאַק איז אַנטשוויגן געוואָרן און איז געזעסן אַ ווײַלע מיט פאַרמאַכטע אויגן. אויך איך האָב געשוויגן אָן אויפגעטרייסלטער, סיי פונעם אינהאַלט פון דער מעשה, אַזוי אויך פונעם דראַמאַטישן טאָן פונעם דערציילער. איך האָב ווי מורא געהאַט עפּעס קאַליע צו מאַכן מיט ניט קיין געלונגענעם וואָרט.

מיט אַ פּאָר מינוטן שפּעטער האָט ווי־פאַ־יאַק, זייער שטיל, ווייטער גענומען דערציילן:

אַ גאַנצע נאַכט איז טי־הי־נעי געזעסן אויפן אָפּרייס פון באַרג און געוואַרט אויפן פרימאָרגן. פון צייט צו צייט האָט זי זיך ווי אויפגעכאַפּט פון איר פאַרגליווערטקייט און געהופן דעם געליבטן פון טאָל. ווען עס האָט

געבומען טאָגן זײנען שוין פון וואַלד אָנגעקומען די איבעריקע יעגער, וועלכע האָבן אויך אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעזוכט זײער פירער. און ווען די ערשטע זונען־שטראַלן האָבן פאַריאָגט די שאָטנס און נעפלען פון די טאָלן טיפקייטן, האָבן אַלע דערזען קאָ־סו־קאָ׳ס טויטן קערפּער, ליגנדיק אויף די שאַרפע שטיינער טיף אין טאָל... אין זיין לינקער האַנט האָט ער נאָך געהאַלטן צוזאַמענגעדריקט זיין בויגן. די פייל איז ניט געווען.

און די אַרומיקע בערג האָבן אויפגעציטערט פון טי־הי־ניעס פאַרצווייפלטן אויסגעשריי און די נאָענטע ביימער האָבן ווי אויפגעהערט צו רוישן. און ווען די יעגער האָבן אויף אַ לאַנגן שטריק געוואָלט אַראָפּלאָזן איינעם פון זיי, כדי אַרויפצוברענגען דעם קערפּער, האָט אים טי־הי־נעי אָפּגעשטויסן: זי וועט זיך אַראָפּלאָזן, זי וויל זיין די ערשטע זיך צוצורירן צו אים, אים אַרומנעמען, אים אַ קוש טאָן... און קיינער האָט ניט געוואַגט זיך קעגנשטעלן און מען האָט זי, פאָרזיכטיק, אַראָפּגעלאָזט אין טיפן אָפּגרונט.

אונטן — איז זי צוערשט, אָן דעם מינדסטן קלאַנג, צוגעפאַלן צו זיין קערפּער, דערנאָך אים אַ קוש געטאָן, אָפּגעבונדן פון זיך דעם שטריק, און אים באַפעסטיקט אַרום דעם געליבטנס ברוסט. צוערשט האָט מען אים אַרויפגעצויגן, דערנאָך זי.

מער האָט זי ניט געוויינט, מען קיין וואָרט ניט גערעדט, נאָר ווען מען איז שוין כמעט ווי פאַרטיק געווען אַראָפּצוטראָגן דעם טויטן קערפּער אין טאָל אַריין, איז זי ווידער צוגעפאַלן צו אים, מיט היסטעריש־פאַרשטיקטע קרעכצן אים אַרומגעכאַפּט, זיך אַ ווײלע געטוליעט צו אים און איז מיטאַמאָל שטיל געבליבן, שטיל און באַוועגלאָז. צוערשט האָט זי קיינער ניט געוואַגט אָנצורירן, ווען אָבער איר שטילקייט און באַוועגלאָזיקייט איז געוואָרן פאַרדעכטיקט און מען האָט זי אויפגעהויבן, איז זי שוין געווען טויט... איר יונג האַרץ האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם שרעקלעכן פאַרלוסט... און אפשר, אפשר... — האָט מיין דערציילער, ווי פאַר זיך און צו זיך, גאָר שטיל, באַמערקט: — אפשר האָט דער „גרויסער גייסט" גאָר באַשלאָסן זיי ניט צוצעטיילן און זיי ביידן האָבן געבן זיך אין זיין לאַנד פון אייביקן לעבן, אין לאַנד וואָס הייסט „ע־לאָ־ווים", וואָס ליגט אויף דער צווייטער זייט פון דער פאַרגייענדיקער זון... ווער ווייסט? אפשר?... — און ווי־פאַ־יאָק האָט שנעל אויסגעווישט זיינע טרערן.

און אַביסל שפּעטער האָט ער, מיט אַ טיפן זיפץ, פאַרענדיקט דאָס מעשהלע:

— און אָט אַזוי, אין אָנדענק פון די פאַרליבטע: „קאָ־סו־קאַ און טי־הי־נעי — האָט אונדזער אָ־וואַ־ניט־שי שבט אָנגערופן דעם שאַרף שפּיציקן, גראַניט שטיין, נעבן וועלכן די פּאַסירונג איז געשען, מיטן נאָמען „האָם־מו", וואָס עס מיינט אויף אונדזער לשון: „די פאַרלוירענע פּייל".

דעצעמבער, 1958.

דער קליינער קוואהו

קוואהו האָט געוויינט, זייער, זייער ביטער געוויינט.

ווער איז קוואהו און וואָס איז מיט אים געשען?

קוואהו איז אַ קליינער, ברוינהויטיקער אינדיאַנער פונעם האָפּי שבט און אַלט איז ער ניט מער, ווי צען יאָר. ער איז געווען מיין נאָענטסטער פריינט יענעם גאַנצן זומער, וועלכן כ'האָב פאַרבראַכט אין זיין דאָרף, אויף דער הויכער, שטיינערנער „מעסאַ“ (באַרג) אין אַריזאָנאַ.

און פאַרבונדן אַזוי שטאַרק מיך מיט אים האָט זיין אומגליק: בעת אַלע אַנדערע קינדער אין דאָרף זיינען געווען שלאַנקע, שטענדיק פריילעכע, מיט פיסלעך וואָס האָבן געקענט שפרינגען און לויפן ניט ערגער פון יונגע הירשן, האָט אים, קוואַהון, דער „גרויסער גייסט“ באַשטראָפט מיט אַ קליי־נעם וואוקס, דאַרע פיסלעך און אַ היפּשן האָרב, צווישן די ברייטלעכע פּלייצקעס. ווער ווייסט פאַר וועמענס זינד פון זיינע טאַטעס, מאַמעס, אַנקלס און טאַנטעס ער האָט געמוזט אָפּקומען. אָבער געטראָגן זיין שטראָף האָט ער מיט אַ מין פאַרביטערטער ווירדע: זיך געהיט פון אַלעמענס רחמנות, זיך אָפּגערוקט פון לאַסקעס און ס'איז מיר ניט גרינג אָנגעקומען צו געווינען זיין פריינטשאַפט.

איך פלעג זיך טרעפן מיט אים כמעט יעדן אָוונט אין צייט פון זונען־אונטערגאַנג. ער פלעגט גאָר, גאָר שטילנקערהייט צוקומען צו מיין שטיבל, זיך אַוועקזעצן אויף אַ ווייסן שטיין, וועלכער איז געלעגן נעבן מיין טיר און... שווייגן. ער האָט מיך קיינמאָל קיין רוף ניט געטאָן, נאָר פלעגט זיצן, וואַרטן און שווייגן.

אינווייניק, אין מיין קליינעם, ליימענעם שטיבל, ווי שטאַרק איך זאָל ניט געווען זיין פאַרנומען, פלעג איך גלייך דערפילן, אַז מיין יונגער פריינט זיצט שוין אויף זיין אָרט און וואַרט אויף מיר. איך פלעג אַרויסקומען, מיט־ברענגענדיק מיט זיך מיין שטול, געמאַכט פון אַ מאַראַנצן־קעסטל, זיך אַוועק־זעצן ביי זיין זייט, אים אַריינקוקן אין די אויגן און אַמאָל אויך אַ גלעט טאָן זיינע קויל־שוואַרצע האָר. ער פלעגט אַ צופרידענעם שמייכל טאָן און צו־זאַמען פלעגן מיר, שווייגנדיק, פאַרברענגען אַ ווילע, נאָכפאָלגנדיק דעם צויבערנדיקן פאַרבן־שפּיל פון די אַריזאָנער זונען־אונטערגאַנגען.

דערנאָך פלעג איך זיך נאָכפרעגן וואָס זיינע עלטערן מאַכן, ווי אַזוי ער האָט פאַרבראַכט דעם גאַנצן טאָג און ווען די דעמערונג שאָטנס פלעגן אָנפאַנגען זייער קלעטערן איבער די שטיינערנע זייטן פון אונדזער „מעסאַ“ פלעג איך, געוויינלעך, אויך אָנהויבן אים צו דערציילן מיין מעשהלע...

און מיינע, אַממערסטן, פּרייז־אויסגעטראַכטע מעשהלעך האָט ער זייער ליב געהאַט און מיך, זעט אויס, אויך און איך אים — אַוודאי.

די קינדער פון דאָרף פּלעגן זיך זייער זעלטן שפּילן מיט אים. טיילוויז, מעגלעך, אויך דערפאַר, וואָס ער פּלעגט זיך האַלטן פונדערווייטנס און זיי פּלעגן אים קיינמאָל ניט מיטנעמען מיט זיך אין מדבר אָנטייל צו נעמען אין זייערע לויף־פאַרמעסטונגען, אין אויסגראָבן ווילדע האָזן און אַנדערע באַשעפעניש פון זייערע טיפע, בייטאָגיקע באַהעלטענישן, אָדער אין קלעטערן אויף די אַרומיקע בערג אין זוכעניש נאָך אָדלער־פעדערן.

בלויז קאָראַ (דער בלויער פויגל), זיין עלטערע שוועסטער, פלעגט, אין איר פרייער צייט, זיך שפּילן מיט אים, און אָפט אויסקושן די שטילע טרערן פון זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן.

זי פלעגט אים אויך אָפט דערציילן וואונדער מעשיות וועגן דעם „גרויסן גייסט“, דעם מעכטיקסטן הערשער איבער אַלע אַנדערע אינדיאַנער געטער, וועלכער קען טאָן אַלץ אין דער וועלט, אַלץ, וואָס אים ווילט זיך נאָר...

יאָ, יאָ, אַלץ! — פלעגט זי אים פאַרזיכערן, באַמערקנדיק זיינע פרעגנדיקע בליקן, — ער קאָן אפילו, אויב ער זאָל נאָר ווען, פון קראַנק געזונט מאַכן און פון טויט — צוריק לעבעדיק...

און, ווי אָנשטויסנדיק זיך וועגן דער וויכטיקער פראַגע, וועלכע פלעגט אויפציטערן אין ברודערס האַרץ און אויפבליצן אין זיינע אויגן, פלעגט זי אים פאַרזיכערן: — יאָ, קוואַהו, ער קען אַלץ טאָן, דער „גרויסער־גייסט“, אַלץ!... אפילו מיט איין מאָל שטאַרק מאַכן דיינע שוואַכע פיס און פאַרטרייבן דעם האָרב פון צווישן דיינע פּלייצעס.

און ווען קוואהו האָט איין מאָל געוואַגט און זי, מיט אַ ציטערנדיק קול, אַ פרעג געטאָן: „טאָ פאַרוואָס טוט ער עס ניט?!... מיט וואָס האָט ער, דער קליינער קוואהו זיך אַזוי שטאַרק פאַרזינדיקט פאַר אים“, — האָט זי, ניט האָבנדיק קיין ענטפער, זיך בלויז שטאַרק צעוויינט.

יאָ, מיין קליינער פריינט קוואהו האָט זייער ליב געהאַט מיינע מעשהלעך, אָבער אַמאָל, אמת, ניט זייער אָפט, פלעגט ער אויף מיין פראַגע, צי איך קען שוין אָנהויבן מיין מעשהלע, מיר ענטפערן מיט אַ פאַרטראַכטן דריי מיטן קאָפּ אויף „ניין“. און דאַן האָב איך שוין געוואוסט, אַז היינט וויל ער זינגען. היינט ווילט זיך אים אַליין עפּעס דערציילן סיי מיר, אַזוי אויך דער אַרומיקער וועלט, דערציילן וועגן זיך, וועגן די געדאַנקען וואָס מאַטערן אים אין לויף פון זיינע שלאָפלאָזע נעכט, ווען ער ליגט אויפן דאַך פון זיין הויז און הערט זיך איין אין ווייספער פונעם מדבר און קוקט זיך צו צום העלן פלאַטער פון די זייער גרויסע אַריזאָנער שטערן.

שוויגנדיק, פלעג איך דאַן וואַרטן, ניט אָפּווענדנדיק מיינע בליקן פון

זיינע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן און טיף פאַרטראַכטן פּנים. ער האָט געהאַט אַ צאַרטע, אַלטאַ שטימע, אַ פולע מיט וויברירנדיקן געוויין, וועלכע פלעגט מיך אָפט רירן ביז טרערן. ער פלעגט אַממערסטן זינגען דאָס ליד וועגן פאַרביקע שמעטערלינגען, אָדער אַ צווייט ליד וועגן שטאָלצע אָדלערס, וועמענס נאָמען „קוואהו", ער האָט אַליין געטראָגן. ער פלעגט דערביי מישן די ווערטער, וועלכע ער האָט געהערט פון די גרויסע, מיט זיינע אייגענע אימפּראָוויזאַציעס:

„פּאַלעינאַ, פּאַלעינאַ, העי־קע־האַ־טזי־אַ־נאַ־האַ...

קאַהאַטשינישי, קאַעשקאַסי, קאַקאַנישי, קאַשעשי..."

„שמעטערלינגען, שמעטערלינגען, פליט איצט גלייך אַוועק צו די בליאונגען...

פליט, שמעטערלינגען, מיט די געלע, בלויע, רויטע און ווייסע פלי־געלעך..."

אָבער די צאַרטקייט פון זיין קול פלעגט אינגאַנצן פאַרשווינדן, ווען ער פלעגט בעמען זינגען אַ ליד וועגן אַן אָדלער. דאַ האָט זיך אין זיין שטימע געפילט אַ ביטערקייט, אַ פאָדערונג פאַר גערעכטיקייט טאַקע צו זיך אַליין, אַ פּראָטעסט פאַר זיין פאַרביטערטן, יונגן לעבן, פאַר זיין צעקאַליעטשעטן קערפּער...

אָבער אין יענעם פאַרנאַכט, ווען וועלכן כ'וויל דאָ דערציילן, האָט קוואהו געוויינט, זייער ביטער געוויינט, ליגנדיק אויף דער ערד און האַלטנ־דיק זיין קאָפּ צוגעדריקט צו מיינע הענט. ער האָט זיך שוין איצט ניט פּרו־בירט מער, ווי עטוואָס פריער, אַרויסצורייסן פון מיינע הענט און זיין געוויין איז געוועזן אַזאַ ביטערער, אַזאַ האָפענונגסלאָזער, אַז טרערן האָבן אויך געזאָטן אין מיין אייגענער ברוסט.

און געשען איז אָט וואָס: מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, מיט עטלעכע טעג פאַרן „שלאַנגען־טאַנץ", וועלכער פלעגט פאָרקומען יעדן צווייטן יאָר אין זייער דאָרף, האָט אים קאַראַ, די עלטערע שוועסטער זיינע, איין מאָל איינ־געטרוימט אַ סוד, אַז דער פאָטער זייערער, מאַן־סאַ־ווי־מאַ, איז שוין אַ פּאָר מאָל געווען ביים הויפּט פון די שלאַנגען פּריסטער און יענער האָט אים צו־געזאָגט אַריינצונעמען קוואהון אין דער פּראָצעסיע פון די שלאַנגען־טרעגער. און קאַראַ האָט אים באַשוואוירן זיך צו שטאַרקן, זיך ניט צו שרעקן פאַר די גיפטיקע שלאַנגען און ניט אַרויסלאָזן קיין אײנע פון זיי פון זיינע הענט.

זי, קאַראַ, האָט איצט גאַרניט געצווייפלט, אַז ווען דער „גרויסער גייסט" וועט אים, קוואהון, דערזען צווישן די טאַנצנדיקע טרעגער פון די שלאַנגען, וועט זיין האַרץ ווייכער ווערן און ער וועט אַראָפּנעמען די קללה פון איר טייערן, אָרעמען ברודערל, און אָפּווישן דעם מיאוסן האָרב פון זיינע פּלייצעס.

און קוואהו האָט געגלויבט איר יעדן וואָרט און איר געשוואוירן ניט צו שרעקן זיך אפילו פאַר די גרעסטע, גיפטיקסטע קלאַפּער־שלאַנגען.

נאָך דעם זעלבן אָוונט האָט קוואהו געבראַכט צו מיר די גליקלעכע ידיעה. ער האָט מיר אויך איבערגעגעבן קאַראַס מיינונג וועגן צוקונפטיקן נס און מיט האָפענונג געקוקט מיר אין די אויגן, דערוואַרטנדיק אויך מיין ענטפער, מיין באַשטעטיקונג.

איך האָב געשוויגן, זיך אויסגעדרייט פון אַ דירעקטן ענטפער און מיט ווייטיק זיך איינגעהערט אין זיינע חלומות, ווי אַזוי ער וועט גוט זיין צו אַלע ייִנגלעך פון דאָרף, וועט זיי וועלן גוט ווערן צו אים; ווי אַזוי ער וועט צוזאַמען מיט זיי לויפן פון באַרג אין דער וויסטעניש קלייבן יאַגאַדעס, כאַפּן האָזן... בפרט האָט אים געפרייט דער געדאַנק פון העלפן דעם פאָטער צו באַאַרבעטן זייער שטיקל קאָרן־פעלד און גאָרטן, וואָס האָט זיך געפונען היפּשלעך ווייט אין מדבר.

מיט אַ וואָך שפּעטער האָב איך אים געזען צווישן די שלאַנגען פריסטער, טאַנצנדיק מיט צוויי היפּשע, גראָדע ניט קיין גיפטיקע שלאַנגען אין זיינע בײדע הענט. זיינע אויגן זיינען געווען האַלב פאַרמאַכט, דאָס מויל — ברייט אָפן, דאָס מיט פאַרבן־באַשמירטע פּנים עקזאַלטירט און געהויבן האָט ער די פיס, פּונקט ווי ער וואָלט געגאַנגען אין דער לופטן.

צוערשט האָב איך זיך געהיט, אַז ער זאָל מיך ניט באַמערקן, אָבער זיך גיך איבערצייגט, אַז ער זעט קיינעם ניט. קאַראַ מיטן פאָטער זיינען געשטאַנען צוזעשפאַרט צו אַ וואַנט פון אַ דערבייאיקן הויז, דעם פאָטערס אָנגעשטרענגטע בליקן געווענדט צום זון און אירע, פולע מיט בקשה, האָבן זיך ווי איינגעשטאָכן אין איינעם פון די ווייס־ראָזעווע וואָלקנס, וועלכער האָט זיך פאַרהאַלטן איבער די זינגענדיקע שלאַנגען־טענצער.

נאָך דעם זעלבן אָוונט בין איך עטלעכע מאָל פאַרבייגעגאַנגען קוואהוס הויז, אָבער אים ניט געקענט געפינען. ניט געזען האָב איך אים אויך דעם גאַנצן צווייטן טאָג און ער איז אויך פאַרנאַכט ניט געקומען אויסהערן מיין מעשהלע. ס'איז אויך דער צווייטער טאָג פאַריבער אָן אים. מער האָב איך שוין ניט געקענט אויסהאַלטן, כ'בין אַריין צו זיינע עלטערן אין הויז און זיי געבעטן מיר צו זאָגן, וואוהין ער איז אַהינגעקומען.

דער פאָטער האָט געהויבן מיט די פּלייצעס:

— ער ווייסט ניט... ער איז, מן־הסתם, אַוועק צו איינער פון די טאַנטעס אין אַ צווייטן דאָרף... ער וועט שפּעטער אַליין צוריקקומען...

די מוטער האָט, שוויַגנדיק, געווישט די טרערן.

קאַראַ האָט מיך אָנגעיאָגט פאַר דער טיר פון מיין שטיבל און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— איך בין ניט זיכער, נאָר... איך דענק, אַז ער דאַרף זיין ביי אונדז אויפן קאָרן־פעלד... דער טאַטע האָט אים נעכטן, רייטנדיק, געבראַכט שפּייז... איך דענק, אַז ער שעמט זיך אַהיים צו קומען מיטן... — טרערן האָבן אַ קלונג געטאָן אין איר קול, — מיטן האָרב... דער „גרויסער גייסט" האָט אים, ווייזט אויס, ניט באַמערקט צווישן די טענצער, אָדער אפשר וויל ער אים גאָר אינגאַנצן ניט העלפן?... — זי האָט אויסגעווישט די טרערן: — דו נעם גלייך איינע פון אונדזערע פערד און פאָר צו אונדזער קאָרן־פעלד... דו ביסט זיינער אַ פריינט, איך ווייס עס... ער האָט דיך ליב און דו וועסט אים זיכער קענען העלפן... אים צוריקברענגען אַהיים...

— שוין אָפּגייענדיק אַ פּאָר טריט, האָט זי זיך דערמאָנט: — אונדזער שטיקל פעלד איז דאָס ערשטע, אויף דער לינקער זייט פון וועג, אונדזער פערד וועט דיך שוין אַליין אַריינפירן אַהין...

און טאַקע באַלד האָב איך זיך שוין געיאָגט אויף אַ פערד איבער דעם מדבר און נאָך אַ צוואַנציק מינוט רייטן, האָבן פונדערווייטנס פאַר מיר אַ טונקל געטאָן די קופּקעס ביימער און די געלע שטיקלעך מדברדיקע קאָרן־פעלדער, וועלכע בלויז די איינגעשפּאַרטע און טיף־גלויביקע האָפּיס האָבן באַוויזן צו שאַפן אין דער וויסטעניש.

קוואהו האָט, נאָך פון ווייטנס, דערהערט מיין קומען און מיך אויך דערקענט. ער האָט זיך פאַרגראָבן אונטער אַ געדיכטן קוסט און כ'האָב אים געמוזט פון דאָרטן, מיט כוח, אַרויסשלעפּן. ער האָט זיך, צוערשט, געווערט... ר פון מיינע הענט, אָבער דערנאָך אינגאַנצן, ווי צוזאַמענגעבראָכן, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און, אַרומכאַפּנדיק מיינע קני, גענומען כליפּען און רעדן:

— איך וויל שטאַרבן... איך שעם זיך, ניט נאָר פאַר אַלע מענטשן, נאָר אויך פאַר אַלע לעבעדיקע און טויטע זאַכן אַרום... אַלץ לאַכט איצט פון מיר... זאָגט מיר, אַז איך וועל שוין מוזן אַזוי אויף שטענדיק פאַרבלייבן... אַז די יינגלעך אין דאָרף וועלן שוין ניט וועלן ניט נאָר רעדן, נאָר, אפילו, ניט קוקן אויף מיר, ווייל ער, דער „גרויסער־גייסט", האָט ניט אָנגענומען מיין טאַנצן, מיין בעטן, מיין געוויין... און איר, קאָראַס, אויך ניט... טאָ, זאָג מיר, כ'בעט דיך: וואָס זאָל איך איצט טאָן?... וואָס?... וואָס?...

איך האָב אים אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און אים דערציילט אַ ביי מעשהלע, אַז אויך דער „גרויסער גייסט" קאָן אַמאָל זיין ניט גערעכט, קען אויך אַמאָל עפּעס וויכטיקעס ניט דערזען... איך האָב אים אויך פאַרזיכערט, אַז אין דאָרף וועלן אים איצט אַלע נאָך מער ליב האָבן ווי פריער, ווייל מיט זיין בראַוון האַלטן זיך, אין צייט פון שלאַנגען־טאַנץ,

האָט ער אַלעמען דערוויזן, אַז ער איז אַן אמתער, העלדישער אינדיאַנער, אַנטקעגן וועמען דער „גרויסער גייסט" אַליין איז באַגאַנגען אַן אומרעכט... אַלע אין דאָרף פילן איצט אַזוי און עס וועט פריער אָדער שפּעטער, מוזן אויך דערגיין צום „גרויסן־גייסט" אַליין...

מיט פאַרטריקנטע טרערן אויף די אויגן, האָט ער אַרויפגעקוקט צו מיר און ווייסנקע ליכטעלעך פון גלויבן האָבן זיך געצונדן אין זיינע גרויסע, שוואַרצאַפּלען...

— זאָג, ביסטו זיכער אין דעם? — האָט ער צוויי מאָל שטיל איבער־געפרעגט.

— אָן שום צווייפל, — האָב איך אים פאַרזיכערט, — נאַ־מאָס־טי־וואַ, דער שלאַנגען „טשיף", וועט עס באַשטעטיקן...

די זון האָט זיך שוין גענומען זעצן, ווען מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג, צוריק צום היימישן דאָרף. ער איז געזעסן אויפן פערד, פאַר מיר, איך האָב אים געהאַלטן פעסט אַרומגענומען און ער האָט אָפט, מיט קינדערשן גלויבן, זיך געטוליעט צו מיר.

פאַרנדיק האָב איך אים דערמאָנט:

— אַ גרויסער שאָד, קוואהו, אין די צוויי טעג, וואָס דו האָסט זיך אויסבאַהאַלטן, האָסטו פאַרלוירן צוויי נייע, זייער שיינע מעשׂהלעך...

— אַ שאָד! — האָט ער אָפּגעזיפצט.

— און ניט נאָר איך, — האָב איך פאַרגעזעצט, — ניט נאָר דיינע על־טערן און דיין שוועסטער קאַראַ, ניט נאָר אַלע קינדער פון דאָרף, צוזאַמען מיט זייערע טאַטע־מאַמעס, מומעס און אַנקלס, נאָר אפילו דער ווייסער שטיין, נעבן מיין טיר, אויף וועלכן דו פלעגסט זיצן אַלע אָוונט, האָט גע־בענקט נאָך דיר...

קוואהו האָט זיך שטיל און צופרידן צעלאַכט.

און מיטאַמאָל האָט ער גענומען זינגען, זינגען מיט אַ פּיל העכערער און מער זאַפטיקער שטימע, ווי ער האָט זיך עס געקענט דערלויבן אין דאָרף. ער האָט געזונגען זיין באַליבט ליד וועגן די שמעטערלינגען... וועגן די פלאַטערלעך מיט די רויטע, בלויע, געלע און ווייסע פליגעלעך, וועלכע ער שיקט צו די פרישע בליטן, כדי זיי זאָלן זיי צעטראָגן און באַפרוכפּערן די גאַנצע, אַרומיקע וועלט מיט גראָזן, בלומען און פרוכטן.

און דאָס פערד האָט, ווייזט אויס, ווי דערפילנדיק אונדזער שטימונג, גענומען גיין לאַנגזאַם, ווי מעסטנדיק די טריט מיטן טאַקט פון קוואהוס געזאַנג. און פאַרשיידענע מינים גרעסערע און קלענערע באַשעפענישן, ווי קאַיאָטן, האָזן, ראַצן — האָבן דעגעס־ווייז, גענומען אַרויסרוקן זייערע קעפּלעך פון די לעכער און פון צווישן די שטיינער, געוואָרפן אויף אונדז שנעלע

בליקן און גליך פארשוואונדן.

און קוואהוס קלאר, ווי פון זילבער אויסגעגאסן קול, האט זיך ווייט, ווייט צעטראגן איבער דער איינדרימלענדיקער וויסטע, וועלכע האט, ניט איילנדיק זיך, געמומען איינדעקן אירע זאמדן, שטיינער, בערג און פלאנצן מיט די העל־פארביקע שקיעה שטראלן פון דער אונטערגייענדיקער זון.

און קוואהו האט געזונגען, האלטנדיק פעסט צוגעמאכט זיינע אויגן, געזונגען זיין פארגעבונגס־ליד צו דער, פאר אים גרויזאמער וועלט און אויך צום „גרויסן־גייסט", וועלכער האט אים אזוי פרי און גרויזאם בארויבט פון אלע קינדערשע לעבנס־פריידן...

ער האט געזונגען... און דורך זיין ליד, איצט, ווידער שלום געמאכט מיטן לעבן און איז מוחל געווען יעדן איינעם, וועלכער האט אים, באוואוסט־זיניק אדער אומגעהערן, ווען עס איז ניט איז ווי געטאן מיט א בליק אדער ווארט...

און די זון האט זיך לאנגזאם געזעצט אין א פיל־פארביקן פאכער און... מיר אליין... מיר האט זיך אויך געוואלט לאזן א טרער...

„פאלעינא, פאלעינא, העי־קע־הא־טזי־הא־נא־הא...

קאהאטשיניישי, קאעשקאסי, קאקאנישי, קאשעשי..."

„...א, איר פלאטערלעד, פלאטערלעד, מיט אייערע געלע, בלויע, רויטע און ווייסע פליגעלעד...

...פליט איצט, שנעל, אוועק צו די יונגע בליאונגס־זוימען פון די פעלדער פלאנצן..."

באפרוכפערט זיי פאר אלעמענס זעט, פאר אלעמענס גליק...

„פאלעינא, פאלעינא..."

ר אַ ס ן

(פון די אינדיאַנישע מעשהלעך)

דערציילט מיר דאָס מעשהלע האָט דער אַלטער אינדיאַנער, פונעם „האָפּי״ שבט אין שטאַט אַריזאָנא, מיטן נאָמען: „סי־גאַ־ווערמאַ״. אויף דער „האָפּי״־שפּראַך האָט עס געמיינט: אַ געל־געפּאַרבטער. און זיין פּנים האָט, טאַקע איז אַן אמתן, אויסגעזען פיל געלער, ווי ביי אַ היפּשער צאָל אינוואוינער פון דאָרף.

סי־גאַ־ווערמאַ איז געווען דער זעלבער אינדיאַנער, וועלכער האָט דער ערשטער, נאָך אַ לאַנגן שטודירן מיין פּנים, מיר קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז מיין דראַנג צו זיי, די אינדיאַנער, מיין ליידנשאַפט צו פעלדער, וועלדער און וויסטענישן — איז ניט קיין אומזיסטע: דאָס רעדט אין מיר מיין האַלב־אינדיאַניש בלוט.

איך האָב אים אָנגעקוקט אַ דערשטוינטער. וואָס פאַראַ נאַרישקייט?! ווי קומט צו מיר אינדיאַניש בלוט?!... אמת, דעם טאַטן געדענק איך אינגאַנצן ניט, אָבער די מוטער שטייט פאַר מיר, ווי אַ לעבעדיקע, און איך קען שווערן, אַז זי איז געווען אַ כשר׳ע, יידישע טאָכטער. און ווייטער, צו־געבנדיק אפילו, אַז זי האָט שוין יאָ אַמאָל מיט עמיצן געזינדיקט, האָט עס געקענט פּאַסירן בלויז מיט אַ ווייסן מענטשן. ווי קומען צו אונדז, קיין קישינעוו, בעסאַראַביע, גאָר אינדיאַנער?...

ניין, ברודער, סי־גאַ־ווערמאַ, דיין חשבון שטימט ניט! ס׳איז פּונקט אַזוי מעגלעך, אַז מיין מאַמע זאָל זיך פאַרליבן אין אַ אינדיאַנער, פּונקט ווי ס׳איז מעגלעך, אַז דו זאָלסט, מיט איין מאָל, אָפּטרייסלען פון זיך דיינע זיבן־צענדליק יאָר און ווערן אַ יונגערמאַן.

מיט אַ גרינגשעצנדיקן שמייכל, האָט ער אויסגעהערט אַלע מיינע אַרגו־מענטן, געבעטן מיין קעמעלע און, צעקעמענדיק מיינע לאַנגע האָר אויף ביידע זייטן קאָפּ, מיט אַ שייטל אינדערמיט, האָט ער מיר, אין דער זעלבער צייט, גענומען דערציילן אַ מעשה וועגן געוויסע גייסטער, וועלכע האָבן זיך, איין מאָל, שטאַרק פאַרזינדיקט קעגן „גרויסן־גייסט״ און וועמען יענער האָט, אַלס שטראָף, פאַרטריבן, אויף אַ געוויסער צייט, פון זיך ווייט, ווייט, איבער פרעמדע לענדער און טיפע ים׳ען... און ער האָט, דערציילנדיק, שטאַרק אונטערגעשטראָכן, אַז אָט־די פאַרטריבענע גייסטער פלעגן, גאַנץ אָפט, פאַר־בענקטע, זיך צוזאַמענקומען מיט ווייסע פרויען, וועלכע האָבן ניט צו שטאַרק ליב געהאַט זייערע אייגענע מענער...

און צוקומענדיק צו אָט־דעם אָרט אין דער מעשה, האָט ער מיר טיף אַריינגעקוקט אין די אויגן און אַ פּאָר מאָל איבערגעפרעגט, צי קען איך, אפשר שווערן, אַז מיין מוטער איז געווען זייער שטאַרק פאַרליבט אין טאַטן ?...

— ניין, סי־גאַ־ווע־מאַ, אויף דעם שווערן קען איך זיכער ניט, אָבער אַזוי צי אַנדערש — דיינע רייד זיינען דאָך ניט מער ווי אַ מעשה...

דער אַלטער האָט אַ גוטמוטיקן שמייכל געטאָן :

— יעדע זאַך, זון מיינער, וואָס קלינגט איצט פאַר אונדז, ווי אַ מעשה, איז געווען אַן אמת פאַר אַלע די, וועלכע זיינען געווען פאַר אונדז... — און אַזוי רעדנדיק, האָט ער אַראָפּגענומען פון זיין קאָפּ דאָס שמאָל צוזאַמענגע־לייגטע, געלע טיכל, וועלכעס האָט געהאַלטן אין אָרדענונג זיינע לאַנגע האָר און עס אַרומגעוויקלט אַרום מיין שטערן. דערנאָך האָט ער, ניט איילנדיק זיך, אַרויסגענומען פון דער אויבערשטער, קליינער קעשענקע פון זיין העמדל אַ פּיר־עקיק שפּיגעלע און עס אָנגעשטעלט פאַר מיינע אויגן.

לאַכנדיק, האָב איך אַ קוק געטאָן אין דעם און דער געלעכטער איז פאַרגליווערט געוואָרן אויף מיינע ליפּן : פונעם שפּיגעלע האָט אַרויסגעקוקט אויף מיר אַ טיפישער, יונגער אינדיאַנער. כ׳האָב זיך אַליין, כמעט, ווי ניט דערקענט.

און סי־גאַ־ווע־מאַ האָט געקוקט אויף מיר, מיט נצחון און פרייד און געהאַלטן אין איין איבער׳חזר׳ן :

— דו זעסט ?!... ביסט אַ האַלב אונדזערער... דערפאַר ציט עס דיך צו אונדז, דערפאַר ביסטו אַזוי געקומען... דערפאַר פילסטו ווי עס וואַקסן די גראָזן און ביימער, פאַרשטייסט וואָס עס רעדן צווישן זיך די חיות... אַלץ דערפאַר... אַלץ דערפאַר !... — און ער האָט, טריאומפירנדיק, זיך געהויבן פון אָרט און צוגעקלאַפּט מיט ביידע הענט איבער זיינע קני.

אָט דער טייערער פריינט מיינער, דער אַלטער, קלוגער סי־גאַ־ווע־מאַ — פלעגט מיך אָפּט מיטנעמען מיט זיך אויף זיין שטיקל קאָרן־פעלד, עט־לעכע מייל טיף אין מדבר, און אין די אָוונטן, נאָך דער אַרבעט, פלעגט ער, רויכערנדיק זיין ליולקע, מיר דערציילן מעשהלעך, אָדער זינגען זיינע אור־אַלטע לידער.

און אָט וועל איך איך איצט איבערדערציילן אַ קליין, זייער שיין, מעשה׳לע, ווי אַזוי עס זיינען אויף דער וועלט געקומען פאַרשיידענע ראַסן : די ווייסע, געלע, ברוינע און שוואַרצע.

אין אַ גאָלדענער מיטאָג־שעה, אונטערן שאָטן פון אַן עפּל־בוים. האָב איך די מעשה געהערט. און אָט ווי זי פלעכט זיך :

...ווען דער „גרויסער־גייסט" האָט באַשאַפן די וועלט, ווען דער הימל

איז שוין געווען געדיכט באַזעצט מיט שטערן, ווען די גראָזן און ביימער האָבן שוין געבליט און טויזנטער פאַרשיידענע מינים חיות און אַנדערע באַשע־פענישן האָבן זיך געפרייט מיט זייער לעבן, ווען די זון מיט דער לבנה האָבן שוין אויך אָנגעהויבן זייער אייביקן וועג פון אויפגיין און פאַרגיין — איז דער „גרויסער־גייסט" זייער צופרידן געווען מיט זיין אַרבעט. אָבער זיין פריידן האָט ניט זייער לאַנג אָנגעהאַלטן. צוקוקנדיק זיך צום לעבנס־גאַנג פון זיינע באַשעפענישן, האָט ער דערפילט, אַז עפּעס פעלט צו פולקאָמענ־הייט, עפּעס איז ווי ניט דערזאָגט, ווי ניט פאַרענדיקט...

...אַ שטיק צייט איז ער אַרומגעפלויגן אַן אומרואיקער, אַ זוכנדיקער, אַ פאַרטראַכטער, ביז ער האָט זיך, ענדלעך, דערטראַכט, אַז אים פעלט אַזאַ מין באַשעפעניש, וועלכע זאָל אימשטאַנד זיין צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ אויף דער ערד, ווען ער וועט שטאַרק פאַרנומען זיין אין הימל; אַ באַשע־פעניש, וועלכע זאָל קאָנען הערשן איבער אַלע מינים חיות, אָבער געהאָרכזאַם זיין צום הערשערס ווילן...

...און אַזוי ווי ער האָט צווישן אַלע מינים אַרומלויפנדיקע, אַרומ־פליענדיקע און אַרומקריכנדיקע באַשעפענישן ניט געקענט צוזוכן דעם פּאַ־סיקן מין, האָט ער באַשלאָסן צו נעמען זיין אייגנעם אויסקוק פאַר אַ מוס־טער, אָבער אים מאַכן פיל קלענער און שוואַכער פון זיך...

...ער האָט באַשלאָסן צו באַשאַפן דעם מענטשן...

...האָט ער אויפגעשטעלט אַ ריזיקן אויוון נעבן אַ באַרג פונעם בעסטן ווייסן ליים און גענומען אויסקנעטן אַ צאָל מענטשן... ער האָט זיך אויך באַנוצט מיט אַ הערבייאיקער אָזערע אַלס שפּיגל, כדי צו פאַרקערפּערן אין דער נייער באַשעפעניש זיין אייגענעם געשטאַלט. דערנאָך האָט ער געמאַכט אַ גרויסן פייער אין אויוון און ווען ער האָט זיך גוט אָנגעגליט, האָט ער אַריינגערוקט אַהין די געשאַפענע מענטשן, כדי זיי גוט אויסצובאַקן...

...אַזוי ווי אָבער דער „גרויסער־גייסט" איז נאָך ניט געווען געניט אין מענטשן־באַשאַף און ניט געוואוסט די נויטיקע צייט, ווי לאַנג צו האַלטן די מענטשן אין דער היץ, האָט ער געעפנט דאָס טירל פון אויוון צו־פרי און ווען ער האָט אַרויסגענומען די מענטשן, זיינען זיי אַלע געווען נאָך צו בלייך, צו ווייס, כמעט ווי האַלב־רוי...

...איז ער שטאַרק בייז געוואָרן, פאַרטריבן פון זיך די ניט־דערבאַ־קענע מענטשן און זיך ווידער אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט: אויסגעקלעפּט פון זעלבן ליים נייע מענטשן, ווידער אָנגעגליט דעם אויוון און זיי אַריינגע־רוקט אַהין...

דאָס מאָל האָט ער שוין געעפנט דאָס טירל פונעם אויוון אַביסל שפּע־טער, ווידער אַרויסגענומען די מענטשן און ווידער אַמאָל געבליבן זייער ניט

צופרידן מיט זיין אַרבעט: דאָס צווייטע מענטשן־געבעקס איז אויך געווען, היפּשלעך, ווייט פון זיין וואונטש, פון זיין אייגענעם שיינעם און שטאָלצן אויס־זען. דערצו זיינען זיי אַלע אַרויסגעקומען מיט געלבלעכע פּנימ׳ער, פלאַכע נעז, שמאָלע אויגן און הויכע באַקן־ביינער... און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז ווידער זיין אייגענע שולד: ווייל ער האָט זיך שטאַרק געאיילט, מאַכנדיק זיי און איז, דערצו, נאָך געווען אין כעס פאַרן ערשטן דורכפאַל זיינעם...

...האָט ער אויך די געלבלעכע מענטשן פון זיך פאַרטריבן און זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט. איצט האָט ער שוין געאַרבעט פּולקאָמען רואיק, אַ פולער מיט פרייד און זיכערקייט, אַז עס וועט אים שוין, ענדלעך, געלינגען אַרויסצוקריגן דעם מענטשן מיטן בויטיקן, צו אים ענלעכן, אויס־זען...

..און ער האָט קיין טעות ניט געמאַכט: די דריטע גרופּע מענטשן איז אַרויסגעקומען אַ פּולקאָמענע: זי האָט זיך געפונען אין איוון פּונקט די בויטיקע צייט, און אַלע זיינען זיי געווען שיין און שטאַרק און די הויט זייערע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר ברוינלעך־רויטער זאַפטיקייט און שיינ־קייט, פּונקט ווי די ריכטיקע הויט דאַרף אויסזען... זייערע לענגלעכע נעז האָבן געקענט פריי אַריינציען אין זיך די שאַרפע מדבר־לופט און זייערע שוואַרצע, גרויסע אויגן האָבן געקענט זען פאַר מיילן פאַראויס...

...און סי־גאַ־ווער־מאַ האָט פאַרענדיקט, מיט אַ שעלמישן שמייכל:

— אָט פון די גאָר ערשטע מענטשן, פון די האַלב־רויע, זענט איר, די ווייסע מענטשן, אַרויסגעקומען. פון די צווייטע, די ניט־דערבאַקענע — די יאַפּאַנעזער און כינעזער, כ׳מיין, די גאַנצע געלע ראַסע. מיר, אינדיאַנער, זיינען אַרויסגעקומען פון דער דריטער, פון דער לעצטער גרופּע: אַלע — געזונטע, שטאַרקע, גוט אויסגעבאַקענע, ברוין־רויטע, גוט צוגעפּאַסטע צום לעבן...

דאָס מעשהלע איז מיר זייער שטאַרק געפעלן, איך האָב זיך אָבער גלייך געכאַפּט און אַ פרעג געטאָן:

— נו, און וואָס איז מכוח די נעגערן, די הינדוסן און די איבעריקע פאַרשיידענע מינים טונקל־הויטיקע שבטים, וואָס לעבן אין אַזיע און אין אַפ־ריקע?... וואָס איז מכוח זיי?... פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען אויף אונדזער וועלט?! סי־גאַ־ווער־מאַ האָט אויפגעהערט צו רויכערן און זיך אָנגעשטרענגט פאַרטראַכט. באַלד האָט אָבער זיין בליק ווידער אויפגע־לויכטן און אַ זיכערער שמייכל האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף זיינע ליפּן, וועלכע האָבן כמעט, ווי אַרויסגעזונגען, דעם ענטפער:

— די נעגערן און בכלל אַלע איבעריקע טונקל־הויטיקע פעלקער זיינען

אַרויסגעקומען פון עטלעכע מענטשן, וועלכע דער „גרויסער־גייסט״ האָט ניט באַוויזן אַרויסצוכאַפּן, אין דער נויטיקער צייט, פונעם אויוון און זיי זיינען היפּשלעך צוגעסמאַליעט געוואָרן... ווער מער, ווער ווייניקער און אייניקע זיינען אינגאַנצן שוואַרץ געוואָרן...

איך האָב גענומען שטאַרק לאַכן.

און אַ צופרידענער מיט זיין איינפאַל, האָט סי־גאַ־ווע־מאַ, האַלב ערנסט, האַלב שפּאַסיק, פאַרענדיקט:

— פאַרשטייסט, זון מיינער, אפילו דער „גרויסער־גייסט״ קען ניט אויפ־טאָן מער ווי אַ „גרויסער־גייסט״ קען, בפרט נאָך — אַן אַרבעט, וועלכע ער טוט צום ערשטן מאָל...

איצט האָבן מיר שוין ביידע, לאַנג און האַרציק, געלאַכט.

נאָוועמבער, 1958.

אַ האַרציקן דאַנק

דאָס ערשטע — אַ האַרציקן דאַנק דער גרופּע ניו־יאָרקער, פּערזענלעכע פריינט, וועלכע האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ קאָמיטעט, מיטן צוועק צו ברענגען צום לעבן מיינע צוויי נייע ביכער:

„באַרג אַרויף" און „אינדיאַנער דערציילונגען".

מיין צווייטן, פּונקט אַזאַ האַרציקן דאַנק, שיק איך צו די צוויי קאָמיטעטן, וועלכע האָבן, ווי צוויי שיינע בלומען, אויפגעבליט אין צוויי, ווייט אָפּגעטיילטע עקן פון אונדזער לאַנד: אין לאָס־אַנדזשעלעס און אין מיאַמי — און האָבן אויסגעשטרעקט צו מיר זייערע וואַרעמע, חבר׳ישע הענט.

איצט, ווען אונדזער „באַרג אַרויף" איז שוין אַריבער דעם „באַרג שפּיץ", ווען דער בוך איז זיך שוין, כמעט ווי אינגאַנצן צעגאַנגען, ווען מיינע „אינדיאַנישע דערציילונגען" זיינען שוין אויך ביי אייך אין די הענט, דערלויבט מיר צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן מיינע טייערע „אינדיאַנער", מיט וועלכע איך ברענג אייך איצט צוזאַמען.

מיין נייער בוך איז ניט נאָר שיינע ליטעראַטור; ניט נאָר, אין אַלגעמיין, אַ נייע טעמע אין דער אידישער שפּראַך, נאָר ער איז מיר אויך זייער טייער צוליב דעם טרויעריקן פּאַקט, וואָס אין אַ גרויסער צאָל הינזיכטן, איז די אינדיאַנער געשיכטע זייער ענלעך צום גורל פון אונדזער אייגענעם פאָלק.

אין יעדער דערציילונג זיינען איינגעוועבט היסטאָריש אמת׳דיקע קאַפּיטלען פון דער בלוטיקער געשיכטע פונעם „רויטן מענטש", טרויעריקע פאַקטן פון דער געשיכטע פון אַ פאָלק, ביי וועמען מען האָט ברוטאַל אוועקגערויבט ניט נאָר זיין ריזיק, גרויס, רייך און שיין לאַנד, וואָס טראָגט איצט דעם שטאָלצן נאָמען „אַמעריקע", נאָר מען האָט אויך, מיט אַלע כוחות, זיך באַמיט אים אַליין צו פאַרניכטן צוזאַמען מיט זיין קולטור און גלויבן.

אפשר וועט אָט דער בוך זיין כאָטש איין טראָפּן פון דער מעכטיקער כוואַליע, וועלכע וועט זיכער, פריער אָדער שפּעטער, העלפן אָפּשווענקען דעם איצטיקן רשעות און עלנט פון דער וועלט און העלפן בויען אַ ברידערלעכע צוקונפט פאַר דער מענטשהייט אין אַ וועלט פון שלום.

נאָך אַמאָל, טייערע פריינט, אַ דאַנק פאַר אייער הילף און לאָמיר האָפן, אַז די נביאים, וועלכע זאָגן פאָראויס דעם אומקום פון אונדזער שפּראַך און ליטעראַטור, וועלן זיך אַרויסווייזן צו זיין פאַלשע נביאים און אונדזער טייערע, האַרציקע פאָלקס־שפּראַך, צוזאַמען מיט אונדזער ליטעראַטור, וועלן, פּונקט ווי אונדזער פאָלק און זיין קולטור — ווייטער פאָרזעצן צו שפּינען זייער אייגענעם, אייגנאַרטיק פּראָגרעסיוון לעבן.

אַ חבר׳ישן דאַנק די צוויי ניו־יאָרקער ספּאָנסער אָרגאַניזאַציעס: „וואַרשעווער, אכתר באַלטיק קולטור־קלוב" און דעם „סמאַרגאָנער הילף־סאָסייעטי און דוד גילינסקי, ישראל סינקאָוויטש קולטור־קלוב".

די מיטגלידער פון אַלע קאָמיטעטן — זיינען איינצייטיק אויך ספּאָנסערס

(די נעמען גייען אומעטום לויטן א״ב)

דער ניו-יאָרקער ש. דייקסעל בוך-קאָמיטעט:

אראַנאָוו, ראָוז פּאָרזיצערין
אַלפּערט, מייער, פין. סעקר.
אייזנבערג, סעם-ראָוז, קאַסירער
פּאָדאָלסקי, ליזא, פּראָט. סעקר.
באָבריק, סאָפי
באומעל, מיריאם
גודמאַן, אהרן און שרה
דייקסעל, סיליע
האָד, רובין
האָלאָוויטץ, בעסי
וואָירבין, פעני
טאָראָנט, ליזא
יוקלסאָן, ראובן און פייגל
יאַכנעס, זלמן
כאַראָוועד, דאָרא
מאכאָווער, עלסי
מאָריס, דוד
סאַלמען, ראכיל
סאַפראַן, ראָוז
קאופמאַן, סעם
קאָרן, שמואל און יודיף
ראַפּאָפּאָרט, נח און בעלא
ראַדזשער, מאָריס און אַניוטאַ

אין אָנדענק פון אונדזערע טייערע פריינט — מיטגלידער פון דעם ניו-יאָרקער קאָמיטעט:
זינא לאַנדאַו
קאַמינסקי, אַלעקס און פעני
דאַווידאָוויטש, שמואל (ניו יאָרק-מיאַמי, פלאָרידא)
בענעוויטש, ווערא (מיאַמי, פלאָרידא)

מיאַמער ש. ד. בוך-קאָמיטעט

מיאַמער ספּאָנסער לייען-קרייז קאָמיטעט

בענעוויטש, בען
אין אָנדענק פון זיין פרוי
וויערא, בענעוויטש
דאַווידאָוויטש, שרה
אין אָנדענק פון איר מאַן
שמואל דאַווידאָוויטש
סטענדער, יצחק און לייקע
לין, נאָרמאַן און גאָסי
מייסטער, יאַנקל און אידיט
פעלדמאַן, יאַנקל און אסתר
קאָרט, הערשל און כאַסיע
ראהינסקי, משה און דאָרא
שענדלאָף, סילוויע
אין אָנדענק פון איר מאַן
בעיטן שענדלאָף

מיאַמיער לייען-קרייזן:

י. ל. פּרץ לייען-קרייז
דוד עדעלשטאַט לייען-קרייז
משה האַלטמאַן לייען-קרייז

זישע ווײַנפּער לייען-קרייז
רוט האַלטמאַן
אין אָנדענק פון איר מאַן
משה האַלטמאַן

לאָס-אַנדזשעלעסער ש. ד. בוך-קאָמיטעט

איראַוו, גרישא און סאָניא, פּאָרז.
אשפּיז, יעקב און בעלי
באַרנשטיין, אברהם און גיטל
האַלפּערט, דען און לינא
מעדעם, גינא
מאָזער, מ.
סמאָלער, מיני, סעקר.

קלאָפּערמאַן, סעם און לינא
קרופּין, נחמן און אַנאַ
קיטאי, ווילי און פּעני
שוואַרץ, חיים
קופּער, באַרנעט
ראַבין, בען און ראָזע

ס פּ אָ נ ס ע ר ס

א. און ב. — צוויי פריינט
אײַזנבערג, יאשא-יעקב
אין אָנדענק פון זײַן פרוי
דר. מאַניע אײַזנבערג

בין, מאָריס און חנה'לע (יאָנגסטאָן)
בראַנשטיין, יאָסל און לייקע (פילא.)
ביזבערג, וואולף און מיריאַם
באַרנשטיין, איטשע און איטקע
בעקער, יעקב (מאָנטרעאַל)
בעני און מלכה'לע (פריינט)
בערל און העני (יאָנגסטאָן)
בינעמאַן, אייב און ציפּע
(סאַן-פראַנציסקאָ)
בראָדי, הערמאַן און פּאַלין
(מאָהיגען)

גאָלדבערג, איטשע און דזשעני
גרעטץ, מאָריס און חנה
גאָדיק, מענדל און דאָרא (פילא.)
גערשענזאָן, יאָסל און צירל (פילא.)
גודמאַן, ישראל און לינא
(האָטעל קעפּיטל)

מר. און מרס. געסין (באָסטאָן)
גוירסט, מייער און ריווא
גאַרפילד, נייטן און מערי
(לאָס-אַנדזשעלעס)
גאַרעליק, מייער
(פּעטאַלומע, קאַליפ.)
גאָלדשטיין, משה און גינא
גאָוואַרין, אירווינג און קלאַראַ
גאָלוב, נייטן און בעטי
גלעס, שמואל און ראָוז
גלאָק, בוירנאַרד און אסתר
גרינהאַוז, סערא און דזשעק
גרין, סאַראַ
גראָספעלד, אַרנאַלד און הדסה
גאָלדשטיין, בינאַ
אין אָנדענק פון איר מאַן
בנימין גאָלדווירט
גראָסמאַן, אייב
אין אָנדענק פון זײַן פרוי
צילי גראָסמאַן
גאָלדשטיין, גינא
אין אָנדענק פון איר מאַן

דוביצקי גאָלדע
אין אָנדענק פון איר מאַן
אברהם דוביצקי

משה גאָלדשטיין

דרוקער, הערי און מערי
(איסט אָרענדזש, ניו־דזש.)
דורלעשטער, נייטן און אסתר
דאַראַזשקין, יאַנקל און צייטל
דריבינסקי, מייער און חנה
דזשענקינס, מאַקס און לינא
דעניעלס, הענעך און עמאַ
דעמבוס, שמואל און מלכה

הייד, מענדל און חבורה (באָסטאָן)
האָוק, סיימאָן און דיינא
פרומע העלפגאָט

וואָלאָוו, מיכל און מלכה (פילאַ.)
ווינער, רבקה
וויינגאַרד, יעקב און אידא
וויסמאַן, מערי און פּוירל
וואַסערמאַן, קאַרל און העננא
ווינער, שלמה און ראָסיל (ברייטאָן)
וועסטלמאַן, שמואל און רחל
(באָסטאָן)
וואַסערמאַן, שלמה און רבקה
וואַגמאַן, מאַניא
אין אָנדענק פון איר מאַן
שמעון וואַגמאַן
וויסמאַן, בנימין
אין אָנדענק פון זיין פרוי
קלאַרא ווייסמאַן
ווייס, אברהם און איוואַ
אין אָנדענק פון זייער איינציקן
זון, הערלד ווייס, וועלכער איז
געפאַלן אין קאַמף קעגן פאַשיזם,
פאַר אונדזער גליק און פרייהייט.

זעלצמאַן, מאַרקוס און אידית
(נוארק)
זאַכאַריע, זאַקי און אסתר
זאַלצמאַן, סעם און ענא

זיפּער, זעליג
זעליקסאָן, טשאַרלס און נינאַ

טראַפּאָווער, סעם
טשעבינסקי, נייטן און מאַלי
טורעוואָסקי, דזשעני
אין אָנדענק פון איר מאַן
יוסף טורעוואָסקי

יאַקאָלאָוו, פּנחס לייב און נעכע
(באָסטאָן)
יודאָווין, מאַלע

לעווין, ישראל און מלכה
דר. לאָוב, מאַרטין דזשעי.
לערנער־בורלאַנט, דזשעק און עמא
לאַנדאָו, לעוו און לאָלא
לייזעראָוויטש, יאַנקל און רחל
לעווין, טוביה און ריטא
לינא (אַ גוטער פריינט)
לעוויט, יאשא און דזשעני
לופין, אברהם און שרה
לייזער און זנה (ברייטאָן)
לעווקאָוויטש, אַנאַ
לייב, א. און אַנאַ
אין אָנדענק פון זיין מומע
לאה לייב
לעווין, סיימאָן און ראָוז
אין אָנדענק פון זייער אומפּאַר־
געסלעכער שוועסטער
זינא לאַנדאָו
לאַנדאָו, פרויקע און דזשאַנעס
אין אָנדענק פון זייער מוטער
זינא לאַנדאָו

מעטלין, ל. (אָנטאַריאָ, קאַליפ.)
מילער, מאָריס און בערטא
מילער, מאָרי סאָון בערטא
מאָס, מאָריס און בערטא

(סטעטן-אײלאַנד)
מישקין, קלאַרא (פאַר ראָקאַװעי)
מאָרגענשטערן, יוסף (קליװלאַנד)
אין אָנדענק פון זײן פרוי
בערטאַ מאָרגענשטערן
מאקאָװסקי, מנוחה
אין אָנדענק פון אין מאַן
מענדל סאקאָװסקי
מאַרק, יעטא, סאַלי און דאָרא
אין אָנדענק פון איר מאַן
יעקב מאַרק

נעלסאָן, סעם און לאה
נעמיראָװ, טשאַרלס און בעסי
נעכאמקין, אײזיק און שפרה
(באָסטאָן)
נעמטצאָװ, אלעק און ראָוז
(לעיקװאוד)

סאַװראַנסקי, מישא און סאָניא
סעלצער, דוד און איטקע
סאָקאָלאָװ, אברהם און ראָוז (פילא.)
סאַנדלער, הערשל און ענאַ (פילא.)
סטײנמאַן, לײב
סטרײט, װעלװל און טײבל (פילאַ.)
סאלענדזשער, פרענק און גיטאַ
סולער, חיים און עלסי
סאַנדלער, גדאליע און אסתר
סילװערשטײן, יוסף און ראָוז
דר. סילװער, מאַקס
סאָפּאק, הענעך און שפרה
(מינעאפּאָליס)
ספּעקטער, י. (ניו-הײװען)
סילװערבערג, סאול און ראָוז
סלאװין, לו און אידיט
סטעפּקין, ראָוז (לאָס-אַנדזשעלעס)
ספּיטץ, מעק סאון אסתר
סאמאַראַדין, סיליע

דר. סטעלער, הײמען און אײדא
אין אָנדענק פון זײער אײנציקן
זון — יאָסי סטעלער
סידער, משה, פון פּיטסבורג
לזכרון זײן אָנדענק

עפּשטײן, הײמען און בערטאַ
(טוסאָן, אַריזאָנאַ)
ענטין, טשאַרלס און סיליע
עקשטײן, מערי
אין אָנדענק פון איר מאַן
װיליאַם עקשטײן

פּאָלאַנסקי, מעקס און אסתר
פּאָלאַק, יחיאל און שרה (באָסטאָן)
פּערלמוטער, שכנא און כײעלע
פּעלי, סערא
אין אָנדענק פון איר מאַן
דזשאָ פּעלי

פײנשטײן, יוסף און בלומא
פריד, ישראל און חנה
פריד, סײמאָן און סטעלא
פישערמאַן, יוחנן און אײדא
פרידמאַן, יאַנקל און מערי
פעלדמאַן, סײמאָן און דזשעני
פרידמאַן, בעסי
פעדערמאַן, סײמאָן און ראָוז

קיש, משה
קעסלער, הענרי און ראָוז
קאָהען, יוסף און פּאָלין
קעלערמאַן, שמואל, אסתר, הענרי
קעס, דוד און סערא
קאָלב, אברהם און בעסי
קאַראַבעלא, יוסף (לאָס-אַנדזש.)
קעסלער, צבי-הירש
קעסלער, יצחק (דעטראָיט)
קעס, סאָניא
עמא לאַזאַרוס קלובן (שיקאַגאָ)

קאַפּלאַן, וועלוול און אײדאַ
(ריטשמאָנד, קאַליפ.)
קאָהען, סעם (וואָודלאַנד)
קוואַסניק, אַנאַ
קאַזאַן, אַלטער און דאָראַ
קאַזיניץ, לילי
אין אָנדענק פון איר מאַן
שמואל־יצחק קאַזיניץ
קיימען, ראָוז־מישעל
אין אָנדענק פון איר מאַן
נחום קיימען
קרוגער, חיים
אין אָנדענק פון זיין פרוי
מלכה קרוגער

ראַזינסקי, הערי
אין אָנדענק פון זיין פרוי
סערא ראַזינסקי
ראָטענבערג, דייוו און סיליע
רובינסקי, סעם און לאה
ראָטמאַן, ווילי און ביילע
ראַדקין, אלחנן און בעלא
ראָטמאַן, יעקב און אַניוטאַ
(פּאַפּ פון ברייטאַן)

רייזער, בעטי
אין אָנדענק פון איר מאַן
אָסקאַר רייזער
ראָטענבערג, אייבראַהאַם און סאָפי

שוואַרץ, סעם און סידי
שקאָלניק, אברהם און שרה
דר. שאַטצאָו, לואי
שווידעל, אַלעקסאַנדער
שטראוס, אברהם און סילוויא
(קליוולאַנד)
שטיינבערג, מאַקס און סאָניא
(קאַליפ.)
שטיינבערג, נתן און פעני
(טאָמס ריווער)
דר. שעפער, יוסף און סאָניא
שעפער, פּנחס און אסתר
שועל, קאַרל און בעטי
שולמאַן, קלאַראַ (וואַשינגטאָן)
אין אָנדענק פון איר מאַן
מייער שולמאַן
שענקמאַן, לואי און סאָניא
אין אָנדענק פון זייער זון
באַרי שענקמאַן

אין ליכטיקן אָנדענק
פון מיינע טייערסטע — שוועסטער און שוואָגער
ישראל און רודי פראָכמאַן
וועלכע האָבן פריוויליק און מיט גרויס ליבשאַפט, פאַרנומען
די ערטער פון מיינע פרי־פאַרשטאָרבענע עלטערן.
אברהם און טשאַרנע דייקסעל